STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02945

MARTA'S KINDER

Bertha von Suttner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרטאַ'ס קינדער

(אַנטי־מיליטאַריסטישער ראָמאַן)

— פון —

בּאַראָנעסע בּערטהא זוטנער

איבּערזעצט פון

ש. יאַנאָווסקי

פערלאַג „פרייע ארבּייטער שטימע“.

ערשטער קאפיטעל.

„עס לעבע די צוקונפט!"

מיט די ווערטער האט גראף רודאלף דאצקי גע־שלאסען זיין פעסט־רעדע. „ און פון דעם בעכער", האט ער גאך צוגעלייגט, א ווארף טהאנדיג דעם שאמפאניער־בעכער אן די די וואנד, „זאל קיינער מעהר ניט טרינקען, און היינט, ביי דער פייערונג פון מיין ערשט־געבארענעם קינד, זאל קיין אנדערער טאסט ניט ארויסגעזאגט ווערען, ווי בלויז דער: „עס לעבע די צוקונפט!" ניט וועגען אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס ווילען מיר טראכטען, און זיך ארויסווייזען גענוג ווירדיג פאר זיי, נור פון אונזערע אייניקלאך... מוטער — האט ער זיך אליין אונ־טערבראכען — וואס איז דיר?... דו וויינסט?... וואס זעהסטו דארט?

די בראנעססע מארטא טיללינג האט מיט איהרע צוויי גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע זיינען געווען אין אזא מערק־ווירדיגען קאנטראסט מיט איהרע ווייסע האר, און פון וועלכע עס האבען איצט צוויי גרויסע טרערען ארויסגערונען איבער די באקען איהרע, געקוקט אנגעשטרענגט אין די ריכטונג פון סאד, וועלכער איז געווען אויסגעשפרייט פאר דער אפענער טעררא־סען־טיר.

וואס זי האט דארט געזעהען, איז געווען א גאללוצינאציע־בילד, וועלכען זי האט אפט געזעהען אין חלום. אן אלטער מאן, איהר מאן, וועלכער האט ביין אונטערגאנג פון דער זוהן מיט א שערעלע געשניטען און אויסגעגלייכט די רויזען־בוימלאך.

זיי האבען אמאל, ווען זיי זיינען נאך געווען א יונגע און גליקליכע פאר, גערעדט פון זייער צוקונפט, און איהר גליקלי־כער יונגער טיללינג האט צו איהר דאן געזאגט: „ווייסטו, מאר־

טאַ, ווען איך וועל אַמאָל ווערען איבער זיעבציג און וועל שוין ניט מעהר טויגען אין די קאָכעדיגע וועלט, וועל איך דאַן איבער־געבען מיין ליעבע צו די בלומען, און וועל ווערען א ריכטיגער גערטנער.“ און זי האָט איהם אויף דעם געענטפערט: „יאַ, איך שטעל דיך מיר שוין פאָר אין א הויז־קעפּ — ניט פון מיר אויס־געשטריקט, איך בעשעפטיג מיך ניט מיט אזא לאַנגוויילִיגער ארבייט — אויף דיינע זילבערנע לאָקען, אין דער האַנד האַלטסטו א גאָרטען־שערעל, מיט וועלכער דו שניידטסט אָב די פערוויאַ־נעטע בלומען פון די רויזען־בוימלאַך“. און ער האָט ווידער אויף דעם בעמערקט: „יאַ, און דו זיצסט אויף דער גאָרטענ־באַנק, א דופּטיגער טוך פון לֵיים אויף דיינע שוין אויך וויי־סע האָר געשמאַקפול אָנגעטהאָן, וואָרים א קאָקעטקע וועסטו בלייבען דיין גאַנצען לעבען; אין דער האַנד וועסטו האַלטען עפּעס א שטריקעריי, אָדער א צוגעמאַכטען בוך, פון וועלכען דו וועסט מיר שפּעטער פאָרלעזען, און שמייכלענדיג קוקסטו צו, ווי איך ארבייט. מיר וועלען זיין א גליקליך אַלטע פּאָרעל, מאַרטאַ.“

דיזע פאָרשטעלונג האָט אזוי פעסט איינגעדרונגען אין איהר מח, דאָס אין איהרע חלומות האָט זי געטרוימט וועגען דעם, ווי פון א פאַקט. אַכטצעהן יאָהר ווי זי איז שוין געווען אַן אַלמנה, און דאָך, ווען זי האָט נור געטראַכט פון איהר פערלאָרע־נעם פרידריך, האָט זי איהם געזעהען פאַר זיך א לעבעדיגען. אין די מייסטע פעלּלע, ווי ער איז געווען, אַלס חתן, און מאַנכע מאָל אין יענער געשטאַלט, ווי זיי האָבען זיך ביידע פאָרגעשטעלט אין זייער פאַנטאַזיע.

אין דעם טאָג, ביין טויף־פעסט פון איהר אייניקעל, ווען רו־דאָלף, איהר זוהן, האָט געזאָגט אין זיין טאָסט־רעדע: „יאַ, מו־טער, דאָס גלאָז טרינק איך צום אנדענקען פון דיין אייביג־געַ־ליעבטען און אייביג בעוויינטען מאַן, וועמען איך פערדאַנק אלעס, וואָס איך דענק און וואָס איך בין“, האָט איהר האַרץ א שוידערליכער וועה ארומגעכאַפּט. זי איז געזעסען אַנטקעגען דער

אָפּענער טיר. די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון האָ־בען ארומגעוועבט א רויזען־בוים מיט זייער ציטער־גאָלדיגען שיין, און פון דאָרט האָט זיך בעוויזען פאר איהר זיין גע־שטאַלט. זי זעהט די גאָרטענ־שערעל פינקלען, די ווייסע האָר פון קאָפּ גלאַנצען. און ער שמייכעלט צו איהר: „ניט אמת, מארטא, זיינען מיר ניט א גליקליכע אלטע פּאָרעל?“

דערשראָקען פון רודאָלף׳ס פראגע, האָט זי ראש טרוקען געמאכט איהרע אויגען און זיך אויפגעהויבען.

זי האָט גענומען דעם אָרעם פון איהר שכן פון דער רעכ־טער זייט פון דעם מיניסטער „אודאי“, וועלכער האָט שוין אָנ־געהויבען געברויכען אָפּט דאָס ווערטעל „פון דער אַנדערער זייט“, אזוי, דאָס איצט איז ער געווען בעקאַנט אונטער דעם צו־נאָמען „מיניסטער פון דער אַנדערער זייט“. און אין זיין בע־גלייטונג איז זי אריין אין זאַל דערביי. נאָך זיי זיינען אריין די אַנדערע. עס איז געווען בלויז א קליינע טיש־געזעלשאפט. א חוץ רודאָלף׳ס שוועסטער, סילוויא, וועלכע איז געווען אן אמת׳ער פּאָרטרעט פון דער מוטער, ווען זי איז יונג געווען, איז דאָרטען נאָך געווען די גרעפין לאָרי גריזבאך, רודאָלף׳ס שווי־גער, דאָקטאָר ברעססער, דער לאַנג־יעהריגער פריינד פון גראף אַלטהויז און נאכהער פון באראָנעססע טיללינג, און זיין זוהן הוגאָ ברעססער. דאן איז דאָרט געווען גראף אַנטאָן דעלניצקי, דער טויף־פּאָטער פון דעם ערשט־געבאָרענעם, פּאָלקאָווניק באראָן שראופער, אַן אַלטער בעוואונדערער פון דער גרעפין גריזבאך, און דער גלח, פּאָטער פּראָטום.

סילוויא האָט ארייגגעגאָסען שווארצען קאַפּע אין די שאָ־לען און האָט זיי דערלאַנגט צו די געסט.

יעדע בעוועגונג פון דער שלאַנקער, בויגיגער פיגור האָט געאָטהעמט מיט חן. אויף איהר געזיכט איז געווען צו דערקע־נען דעם שיין פון העכסטען גליק.

מארטא און לאָרי האָבען גענומען פּלאַץ אויף א דיוואן,

וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקעל, און די מענער זיינען גע־בליבען ארום סילוויא.

— אלזא, האָט דער טאָני דעלניצקי טאַקי זיך ערקלערט איהר אין ליעבע?... נו, גראטוליר איך... און מעג מען דערפון רעדען אין דער הויך?

— ניין, איך בעט דיך. סילוויא האָט עס מיר דערצעהלט אויפ'ן וועג, געהענדיג צוריק פון דער קירכע. ערשט מאָרגען וועט ער קומען צו מיר און פערלאַנגען איהר האנד פון מיר. ערשט דאן, ווען איך וועל האָבען יא געזאָגט, קען די פערלאָבונג געמעלדעט ווערען עפענטליך — פערשטעהסט, ווען איך וועל „יא" זאָגען.

— דו וועסט דאָך ניט זיין דאגעגען? ער איז דאָך איינע פון די גרעסטע און בעסטע שידוכים אין עסטרייך. אמת, ער איז געוועזן א לייכטער פויגעל, אָבער אזוי זיינען זיי דאָך אלע, מעהר אָדער וועניגער. אזעלכע יונגע לייט, ווי רודאָלף, זיינען ניטאָ קיין סך.

און ווען איך זאָל יא האָבען עטוואָס דאגעגען? איך גלויב ווירקליך, אז זייערע כאראקטערע פאסען זיך גאנץ וועניג... אָבער סילוויא איז שוין מעהר קיין קינד ניט.

— ווי איך זעה, ווייסטו נאָך ניט, וואָס דו זאָלסט טהאָן. דו וואָלסט, ווי איך זעה, געוועזן דאגעגען, ווען דו וואָלסט גע־קאָנט אויספיהרען.

— ווירקליך, עס איז פון קיין נוצען ניט. זעה נור, ווי גליקליך זי זעהט אויס, און מיט וואָס פאר א פייער דעל־ניצקי רעדט עס צו איהר.

לאָרי האָט אויפגעזיפצט, און געזאָגט:

— עס איז דאָך אזוי שעהן צו זיין יונג.

— אָבער מיר דוכט זיך, אז דו ביזט נאָך אלץ גאנץ יונג, לאָרי.

— מיט א פאָר טעג צוריק בין איך אלט געוואָרען אכט און פערציג.

— קערפערליך האָסטו זיך ניט פיעל געענדערט און גייס־טיג גאָרניט געענדערט זייט די לעצטע צוואַנציג יאָהר. דו ביזט נאָך אַלץ אַזוי שלאַנק, אַזוי בלאָנד, אַזוי לעבעדיג און, פערצייה מיר, אַזוי קאָקעטיש און זוכסט צו געפעלען, אַזוי ווי אין דיינע יונגע יאָהרען... דיזע גראַנאַט־רויטע קלייד, דערצו די בליקען, וואָס דו האָסט צוגעוואָרפען אונזער מיניסטער „פון דער אַנדערער זייט" — וואָס וועט דערצו זאָגען דער שראָופער, דיין אַלטער בעוואונדערער?

— און דו ביזט אָנגעטהאָן אייביג אין שוואַרץ און אימער אַזוי ערנסט. דו מאַכסט זיך אַ פיעל עלטערען אויסזעהען, ווי עס פּאַסט פאַר דיר.

— אַך, מיין טהייערע, ווען מען האָט דורכגעמאַכט אַזאַ אונגליק, ווי איך, אַזאַ אונגליק נאָך אַזאַ גליק, וואָלט מען שוין בעדאַרפט זיין אין גאַנצען נעבראָכען... איך בין עס ניט, ווייל איך האָב מיינע קינדער.

עס איז צו זיי צוגעגאַנגען דער מיניסטער און האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אין אַ פאָטעל, לעבען דער זייט פון גרעפין לאָרי.

— איך האָב נור וואָס געהאַט אַ ויכוח מיט גראַף רודאָלף, און איך וואָלט געוואָלט, אַז איהר זאָלט ריכטען צווישען אונז. דער טאָן פון זיין טאָסט־רעדע איז מיר גאָרניט געפעלען געוואָרען. און וואָס איז ער אַזוי בעפאַלען די טאָטעס און זיידעס? אודאי, ווען מען פייערט אַ נור־וואָס געבאָרענעם קינד, איז דער געדאַנק נעהענטער צו די אייניקלאַך; אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען דאָך ניט פערגעסען, דאָס עס איז דאָ נור איין באָדען, וואו אַלעס זאָל קענען געדייהען און וואַקסען — איך מיין עס פאַר אונזערע מענשען — דער באָדען פון טראַדיציע. וואָס זאָגט איהר, גרעפין?

לאָרי איז געווען זעהר ווייט פון צו האָבען אירגענד אַ מיי־נונג וועגען דעם, אָבער אַזוי ווי זי האָט דאָך געמוזט עטוואָס ענטפערען, האָט זי געזאָגט:

— איהר זיינט פאַלשטענדיג גערעכט. דאָס איז אזא מיי־נונגס־אויסדרוק, וועלכער איז זעהר אנגענעהם פאר דעם, צו וועמען מען זאָגט עס.

— און איך האַלט מיט מיין זוהן — האָט מארטא ווידער־שפּראָכען איהר פריינדין. — עס איז בעסער צו האנדלען צו גונסטען פון די, וועלכע קומען נאָך אונז, איידער פון די, וועלכע זיינען געווען פאר אונז. אויפצופאסען אויף די גאסען, אז זיי זאָלען זיין ריין, איז גאַנץ שעהן, אָבער אויפבּרעכען א נייעם וועג איז נאָך שעהנער.

די יונגע פערליעבטע פּאָרעל האָט איצט געקאָנט זיך אויס־בייטען מיט א פּאָר ווערטער, אז קיינער זאָל ניט הערען:

— מאָרגען וועל איך זיין ביי אייער מוטער, סילוויא... איך שרעק מיך א ביסעל.

— איהר גלויבט דאָך ניט, דאָס מאמא...

— ניין, אָבזאָגען וועט זי מיר ניט, דערפאר האָב איך קיין מורא ניט, אָבער די גאנצע פייערליכקייט, די ׳אונגעוואוינהייט.

סילוויא האָט געלאכט:

— האָפענטליך איז עס טאקי עפּעס, צו וואָס איהר זיינט גאָרניט געוואוינט. ווער זאָל דען האָבען פּראקסיס אין אזא זאך? איבעריגענס, אויך איך פיהל מיך אזוי אונגעוועהנליך שרע־קעדיג. איך בעגרייף גאָרניט, ווי אזוי איך האָב מיט איין קור־צען יא מיין גאַנצען לעבען פאר׳משכונ׳ט.... האָב איך מיך ניט א ביסעל צו שטארק געאיילט? איך קען אייך דאָך אייגענטליך אזוי וועניג, און איהר מיך קענט דאָך גאָרניט.

— צי איך קען אייך? די נאטירליכסטע, לוסטיגסטע און טהייערסטע בעשעפעניש.

— קורץ, א מאָדעל פון א גוט־ערצויגענער גרעפין־מיידע־דעל, ווי קיין אנדער בילד האָב איך דאָך גאָרניט געהאט די גע־לעגענהייט ארויסצובּרענגען אין די פינף אָדער זעקס קאָטיליאָ־נען, וואָס מיר האָבען צוזאמען געטאנצט. עס איז דאָ אָבער אין

מירווירקליך פיעלעס, פון וואס איהר האט גאר קיין בעגריעף ניט!

— צום ביישפיעל?

— איך האב אונגעהייער גרויסע פארדערונגען צום לעבען און צו די מענשען, און מעהר פון אלץ צו דעם מענשען, וועלכער דארף עס מיין לעבען גאנצער מאכען.

— מוז ער דען זיין א האלבער גאט?

— ניין, אבער א גאנצער מענש. אט, ווי דער דא — האט זי געזאגט, אנווייזענדיג אויף איהר ברודער.

רודאלף איז צו זיי צוגעגאנגען.

— ווארום טייטעלסטו אויף מיר מיט די פינגער?

— דו ווערסט דא געלויבט, אלס מוסטער פון פאלקאמענהייט — האט דעלניצקי געענטפערט. — דו ביסט די פערקערפערונג פון דעם אידעאל, וועלכען דיין שוועסטער — ווי האט זי עס געזאגט — שטעלט זיך פאר, אלס א גאנצען מענשען.

זיפצענדיג, האט רודאלף געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— אויב אזוי, מוז איך ווידערהאלען דעם לייט־מאטיוו פון מיין טאסט־רעדע: „עס לעבע די צוקונפט!" די וועט האבען גאנצע מענשען. היינט געפינט מען נור פערטלען, אכטלען, הונדערטלען פון מענשען —

— ניטא אפילו קיין האלבע?

— אה, האלבקייט אין אן אנדער זין, דאס טרעפט מען שוין צו אפט. ערנסט געדעדט, דו האסט א צו גוטע מיינונג וועגען מיר, סילוויא. דו ווייסט דאך, אז איך האב אן אויפגאבע, און דו ווייסט דאך, ווי וועניג קרעפטען איך האב געפונען, אום זי צו ערפילען —

— ניט די קראפט, די מעגליכקייט האט דיר געפעהלט — האט איהם סילוויא אונטערבראכען.

— אויך דאס. האפענטליך וועלען די מעגליכקייטען גרע־סערע זיין, ווען מיין פרידריך וועט אויסוואקסען. זיין פעלד

וועט זיין דאָס צוואַנציגסטע יאָהרהונדערט, און פון איהם ער־וואַרט איך די ערפילונג פון גרויסע זאַכען.

— דו ביסט היינט אין גאַנצען צוקונפט — האָט דעלניצקי געזאָגט — און דאָך קען איך מיט דיר ניט מיטגעהן, ווייל דער „יעצט“ איז פאַר מיר צו שעהן.

סילוויא האָט איהם צוגעוואָרפען א בליק, מיט וועלכען זי האָט איהם פאַרוועהרט ווייטער צו רעדען. זי האָט ניט געוואָלט, אַז רודאָלף זאָל איצט זיך דערוויסען, וואָס איז עס, וואָס מאַכט אַזוי שעהן דעם „איצט“ פאַר דעלניצקי.

אין אַנאַנדערווינקעל פון צימער איז געשטאַנען פּאָלקאָוו־ניק שראופער, דאָקטאָר ברעססער און דער גלח און האָבען גע־רעדט צווישען זיך.

— א היבשער בחור, אייער זוהן, הערר דאָקטאָר — האָט דער גלח געזאָגט — איהם וואָלט זעהר געפּאַסט א מיליטערישער יוניפאָרם. וואָרום האָט איהר איהם ניט געגעבען צו מיליטער?

פאַטער פראַטוס איז געוועזען א צייט לאַנג א פעלד־קאַפּלאַן און ער האָט געפיהלט זיך שטאַרק צוגעצויגען צו די, וואָס האָ־בען געהערט צו דעם מיליטערישען קלאַס. די צייט, וואָס ער האָט פערבראַכט צווישען די אָפיציערן, האָט געהערט צו זיינע בעסטע ערינערונגען. צוויי און דרייסיג יאָהר אַלט, פון א גאַנץ לעבעדיגען גייסט, מיט א גרויסער לוסט צו לעבען און צו לער־נען, איז ער געוועזען ווייט פון אירגענד א סעקטען־גייסט, פון א שטרענגען פאַנאַטיזם. אַלס א געזעלשאַפטער איז ער געוועזען אַלגעמיין בעליעבט. ער האָט עס פערשטאַנען פונקט אַזוי גוט מיטצושפּאַסען, ווי אַנטהייל צו נעהמען אין א וויסענשאַפטלי־כער דיסקוסיע. ער האָט אויך פערשטאַנען, ווי ניט צו געברוי־כען דעם טאָן פון א לעהרער, פון א מוסר־זאָגער, פון איינעם, וואָס וויל בעקעהרען אַנדערע. צי ער אַליין אין זיין נשמה האָט ניט געבראָכען מיט מאַנכע דאָגמען, דאָס האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט דערגעהן פון זיינע ווערטער, אָבער אין זיין האַל־

טונג מיט פריידענקער האָט זיך געמערקט א שטריך פון א שטילער אכטונג צו זיי.

און דאָקטאָר ברעססער האָט איהם געענטפערט:

— „איהם געבען צו מיליטער? איך? ער האָט זיך זיין בע־רוף אליין אויסערוועהלט. ער איז א שריפטשטעללער.

— אזוי? — האָט דער פּאָלקאָווניק ארויסגערעדט שטארק אויסציהענדיג דעם וואָרט. — איז עס דען איבערהויפּט א פּראָ־פעסיע?

— איך זאָל עס אזוי מיינען, איינע פון די בעסטע און שעהנסטע — האָט פאָטער פּראָמפּט געזאָגט.

— און איך דענק, אז שריפטשטעללעריי איז נור א בייזאך. עס איז דאָך ניט קיין קאריערע מיט א געזיכערטער איינקונפט, מיט א מעגליכקייט צו געהן אלץ העכער און העכער.

— דאָס טאַקי ניט. אָבער אזוי ווי מיין זוהן האָט גע־ירש'ענט פון זיין מוטער א גענינענדעס פערמעגען —

— איך פערשטעה, הייסט עס, ער שפּיעלט זיך אונטער מיט שריפטשטעללעריי, און ער טהוט עס גאנץ פּריוואט.

— פונקט פערקעהרט. ער האָט פאר זיך אויסערוועהלט די ברייטעסטע עפענטליכקייט, אלס זיין לעבענס-וועג. ער א'ז שריפטשטעללער און זשורנאליסט.

— זשורנאליסט — אלזאָ, א פּראָפעסיע פון יענע מענשען

— איך גלויב, אז ביסמארק האָט זיי אזוי גערופען — וועלכע האָבען פערפעהלט צו דערגרייכען א ריכטיגע פּראָפעסיע?

— איך געפין, אז דער זשורנאליזם איז א זעהר שעהנע פּראָפעסיע — האָט דער גלח זיך אריינגעמישט — א זעהר ליב־בער פריינד מיינער שרייבט די קונסט-און מוזיק-ארטיקלען פאר „די נייע פרייע פּרעסע".

— עס וואונדערט מיך, אז אן עהרענמאן זאָל שרייבען פאר יענעם „יודענבלאַט".

— אַה, איך שטעה ניט אויף דעם אנטיסעמיטישען שטאַנד־פונקט, הערר פּאָלקאָווניק, און פאַר וועלכע צייטונג שרייבט אייער זוהן, דאָקטאָר ברעססער?

— פאַר פערשיעדענע. דאָך פון דעם קומענדען אָקטאָבער וועט ער פערנעהמען די שטעללע פון א רעדאקטאָר פון א זיך־ניי־גרינדענדער פּאָליטישער צייטונג.

— האָפענטליך וועט עס זיין א גוט־געזאָנענע צייטונג. אָבער, דאָך, אלס לייטענאַנט, וואָלט מיר אייער זוהן ליעבער געווען. אָבער איהר זיינט דאָך א פריינד פון באראָנעססע טיל־לינג, זיינט איהר דאָך מסתמא פונקט אזא געשוואָרענער מילי־טער־פיינד.

— מיליטאַריזם-פיינד — האָט ברעססער איהם פערריכט.

— דאָס איז שוין אַלץ איינס. ווען איינער האָט ניט ליעב עטוואָס, גיט ער עס צו א פערהאַסטען „איזם“. ניט אמת, פּאָ־טער פראָטוס. די שונאים פון דער קירכע זאָגען אויך ניט, דאָס זיי האָבען עפּעס געגען די רעליגיאָן אָדער געגען די גלחים, נור דעם קלעריקאַליזם האָבען זיי פיינט.

— איך פיהל אָבער דאָך אַן אונטערשיעד. דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום דאָקטאָר:

— אייער זוהן קומט מיר פאָר היינט זעהר שוויינעדיג און מעלאַנכאָליש. איז עס אזוי?

— ער איז געוועהנליך ערנסט. דאָך שיינט מיר אויך אזוי, דאָס ער איז היינט ערנסט, צוטראָגען.

דער יונגער מאַן, ווענען וועמען מען האָט גערעדט, איז גע־זעסען ביים טיש און האָט געבלעטערט די איללוסטרירטע צייט־טונגען. אָבער זיין בליק האָט נור געבלאָנדזשעט איבער די ביל־דער, אימער צוריקקעהרענדיג זיך אין דעם ווינקעל, וואו סילוויא און דעלניצקי זיינען געשטאַנען און גערעדט.

זייט יאָהרען האָט הוגאָ ברעסער געטראָגען א טרוימערי־שע נייגונג פאַר סילוויא אין זיין הארץ. ער איז אָבער געווען

גאַנץ האָפנונגסלאָז. ער האָט זיך ניט ערלויבט צו דענקען גאָר פון דער רייכער, געפּייערטער אריסטאָקראַטקע. זעהענדיג אָבער איהר צוזאַמען מיט אנאַנדרען, האָט עס איהם שטאַרק געער־גערט. ער האָט דערפיהלט א שטאַרקע אייפערזוכט. אליין אויפצוגעבען די האָפנונג אויף גליק איז שוין גענוג שווער, אָבער צו זעהען דעם גליק אין דעם בעזיץ פון אַנאַנדרען, דאָס איז אונערטרעגליך... ער האָט זיך איצט געזאָגט, אַז פון היינט אָן מוז ער זעהען אויסמיידען דיזע געזעלשאַפט, ער קען עס ניט צו־זעהן און אריבערטראָגען, און דערצו נאָך איז ער איהר ניט ווערטה. ער וואָלט איהר פערגינט דעם בעסטען, דעם שעהנס־טען, אָבער ניט דעם גאַנץ געוועהנליכען מענשען... עס איז דאָך שוין גענוג צו בעדויערען, וואָס רודאָלף האָט חתונה געהאַט מיט אזא גאַנץ געוועהנליכער פרוי.

צו דערזעלבער צייט זיינעןביידע שוויגער אריין אין דאָס שלאָף־צימער פון דער יונגער קינפּעטאָרין איהר א בעזוך אָבצו־שטאַטען.

בעאַטריסע דאָצקי איז געווען איינגעוויקעלט אין שליי־פען און אין א זעהר שעהנעם נאַכט־מאַנטעל. זי איז געלעגען אין בעט און געהאַלטען דעם קליינעם פּריץ אויף איהר אָרעם. א קאַמערפרוי און א וועכטערין זיינען געשטאַנען דערביי.

גרעפין לאָרי איז צוגעגאַנגען שנעל צו איהר טאָכטער.

— אלזאָ, טריקסי, ווי געהט עס? גיב נור דעם וואָרם א ביסעל צו מיר. אזא ליעבער שנעק. אין גאַנצען די מאַמע. און דו ביזט דאָך עהנליך צו מיר, פאָלגליך איז עס אין גאַנצען די באַבע — כאָטש איך קען ניט זאָגען, אז איך בין זעהר גליקליך פון דעם טיטעל „באַבע“.

— עס פּאַסט דיר טאַקי ניט, ליעבע מאַמאַ!

— אָבער מיר פּאַסט עס יא, בעאַטריסע — האָט מאַרטאַ געזאָגט — טו גיב מיר דעם קליינעם, לאָרי.

גרעפין גריזבאַך האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, און האָט אריינגעלייגט דאָס קינד אין מאַרטאַ'ס אָרעמס.

— און איצט לאָמיר דיר דערצעהלען...

זי האָט זיך געזעצט אויפ'ן ברעג פון בעט, און האָט איהר אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דאָס טויפען פון קינד אין דער קירכע, וואָס דער גלח האָט געזאָגט, און ווי דער קליינער האָט געשריען, און וואָס פאר רעדען מען האָט געהאלטען ביין טיש. פּאָלקאָווניק שראָופער האָט גערעדט אזוי הערליך פון די גרויסע טהאַטען, וועלכע דעם קליינעמס פריץ איז בעשערט אויסצופיהרען אין זיין דיענסט צום פאַטערלאנד, ווען ער וועט, ווי זיין זיידע און עלטער-זיידע טראָגען דעם קייזער-ראָק. פון דעם איז לאָרי אריבערגעשפּרונגען אויף איהר רויטען קלייד, וועלכען זי האָט בעשטעלט ביי דער שפּיצער... „ווייסטו, זי ארבייט דאָך שעהנער און בעסער, ווי אלע", דאן איז זי אריבערגעשפּרונגען אויף דעם, ווי מען דארף קליינע קינדער ערנעהרען, און דאן ווי די מוטער דארף זיך פיהרען. „אין זעקס וואָכען ארום" — האָט זי געענדיגט — „מוזטו געהן נאָך מאַריאַצעל, אום צו דאנקען גאָט'ס מוטער פאר די געבורט פון דעם קליינעם אינגעל (איך בין אזוי צופריעדען, וואָס דאָס איז א אינגעל צוליעב דער ירושה) איך בין געוועזען אין מאַריאַצעל נאָך איידער דו ביסט געבאָרען געוואָרען, און, זעהסט, עס האָט דיר גליק געבראכט."

מאַרטא איז געזעסען שווייגענדיג ביין צווייטען ברעג פון בעט און האָט טראכטענדיג געקוקט אויף דאָס קינד, וואָס זי האָט געהאלטען אין איהר שויס. געדאנקען, געפיהלען, בילדער האָבען זיך דורכגעטראָגען דורך איהר נשמה, ניט קלאָר, ניט אָבגעזונדערט, נור אריינפליסענדיג איינע אין די אנדערע.

דער זוהן פון איהר זוהן. און אפשר וועט דער אויך האָבען א זוהן.... און אזוי געהט דאָס לעבען, גאָרניט קימערענדיג זיך וועגען טוידט, און אין מיטען צווישען לעבען און טוידט, אימער לייד, קאַמפּף, עלטער. און וואָס איז דיין ציעל? און וואָס איז דיין וועג? יא, אמאָל א ביסעל גליק, ליעבע, בעגייסטערונג; נו, דאָס איז דאָך שוין אליין אן ערפילטער צוועק.

דער ציעל קען דאָך נור זיין: מעהר גליק, מעהר פרייד, מעהר ליעבע, מעהר בעגייסטערונג... אָ, דו קליינע, הילפלאָזע בעשעפּעניס, וואָס וועט פון דיר ווערען, ווען דו וועסט איבער־הויפּט לעבען בלייבען? וויפיעל שמערץ וועסטו עס מוזען אי־בערטראָגען! זיכער ביזטו נור מיט איינס, מיט'ן טוידט, מיט דער אייביגער אבוועזענהייט... אָ, מיין פערלאָרענער!

און ווידער האָט זי געזעהען מיט איהר גייסטיגען אויג טיללינג'ס בילד, אָבער ניט אין דער געשטאַלט פון אַן אלטען, מידען, נור ווי ער איז געווען אין זיין פוללער קראַפט אין דעם טאָג, ווען ער איז געפאַלען טוידט פון די קוילען פון די פראַנ־צויזישע סאָלדאַטען.

צווייטער קאַפּיטעל.

גראַף רודאָלף דאַצקי, געבאָרען אין 1859, איינינגע מאָנאַטען פאַר דעם אויסברוך פון דער עסטרייך-איטאַליענישער מלחמה, אין וועלכער זיין פאַטער איז גע'הרג'עט געוואָרען, איז איצט אַלט געוועזען דרייסיג יאָהר. אַלס בעזיצער פון דעם גרויסען טראַצקישען פערמעגען, האָט ער ניט געהאַט קיין אנדער ברירה, ווי צו ווערען דער פערוואַלטער פון די פיעלע אימעניעס. דאָס איז געווען זיין פּראַקטישע פּראָפעסיע. צו דעם אָבער האָט ער געהאַט נאָך אַן אידעאַלען צוועק, וועלכען ער האָט געווידמעט אַלע זיינע גייסטיגע און מאָראַלישע כוחות. און דאָס איז גע-ווען די ערפיללונג פון זיין שטיף-פאָטער'ס — באַראָן פרידריך טיללינג'ס — צוואה: צו בעקעמפּפען די אינסטיטוציאָן פון מיליטאַריזם. די ריכטיגע יורש'טע פון דיזער אויפגאַבע איז געוועזען טיללינג'ס אלמנה, אָבער רודאָלף האָט פרייוויליג גענו-מען אויף זיך די אויפגאַבע צו זיין איהר מיטהעלפער. דער אָנ-געפאַנגענער „פראָטאָקאָל“, וועלכען באַראָן טיללינג האָט נאָך גע-לעבט — נעמליך, דאָס בוך, אין וועלכען עס זיינען פערצייכענט געוואָרען די פאָרטשריטע פון דער פרידענס-אידעע און דער פרי-דענס-בעוועגונג, איז צוערשט ווייטער געפיהרט געוואָרען פון באַראָנעססע טיללינג, דער אלמנה, און נאכהער פון רודאָלף. אויך האָט ער מיט דורשטיגקייט געלעזען די אַלע נאַטור-וויסענ-שאַפטליכע ביכער, וואָס באַראָן טיללינג האָט זיך פערשאַפט פאַר זיין ביבליאָטהעק, און האָט איהר מיט די געהענדע יאָהרען שטאַרק פערמעהרט.

מיט דעם אַלעם האָט רודאָלף געמוזט ניט פערנאַכלעסיגען זיין שטודיום. אַלס גימנאַזיסט. ווען די שול-צייט האָט זיך גע-ענדיגט, האָט ער געמוזט אָבדיענען א יאָהר, אַלס פרייוויליגער

אין דער ארמיי. דאן איז ער געקומען אין דעם בעזיץ פון זיין גרויסען פערמעגען, צוליעב וואס ער האט זיך געמוזט נעהמען צו גייע לאנדווירטשאפטליכע שטודיען, און דאס האט איהם בעדרייטענד געשטערט זיך אבצוגעבען אין גאנצען צו דער ארבייט פאר זיין אידעאל.

אויך איז געקומען א צייט, ווען דורך די געזעלשאפט פון די, מיט וועמען ער איז געווען פון איין עלטער׳און איין שטאנד, איז ער אריינגעשלעפט געווארען אין דעם שטורם פון אלערליי וועלטליכע פערגעניגענס און ספארטס. נאטירליך, האט זיך דאן אבגערוקט אין גאנצען אן א זייט זיין קלערען און טהאן פאר זיין ציעל. דאס לעבען ארום איהם, דער איינפלוס פון די פעאדאלע, שאוויניסטישע און רעאקציאנערע אנזיכטען האבען א ווייל געהאט אן אבשוואכענדע ווירקונג אויף זיינע אנטי-מיליטאריסטישע געפיהלען און געדאנקען. און זיי וואלטען, אפשר, אין גאנצען אונטערגעגאנגען, ווען זיי וואלטען פון דער פריהסטער יוגענד ניט געווען אזוי טיעף איינגעפלאנצט אין זיין מוח און הארצען, און ווען עס וואלט ניט אנגעהאלטען ביז צו א גרויסען גראד דער איניגער פערקעהר מיט זיין מוטער, וועלכע האט עס פערשטאנען, ווי אלע מאל אויפס-ניי אבצופרישען די אידעאלען, וועלכע ער האט בעדארפט זיין לעבען ווידמען.

ניט לאנג האט עס אבער געדויערט, און דער יונגער גראף איז באלד רוהיג געווארען. דאס פוסטע לעבען פון דער „גאלדענער יוגענד" מיט זייערע אייביגע הולטאיסטוואס, שיכור׳ע הוליאנקעס, מיט זייערע יאגד-אינטערעסען און הינטער-קוליסען-אינטריגען האט איהם באלד אבגעעקעלט. עס האט איהם געצויגען צוריק צו זיינע פליכטען, אלס גוטס-בעזיצער. שוין אין דער עלטער פון פיער און צוואנציג יאהר האט ער זיך ארויסגעריסען פון דעם לעבען פון זיינע חברים. ער האט זיך צוריקגעצויגען אין ברונהאף—איינע פון זיינע שעהנסטע און גרעסטע גיטער, און האט איינגעלאדען זיין מוטער און שוועסטער צו וואוינען מיט איהם.

דאָ האָט ער זיך אָבגעגעבען מיט א דאָפּעלטען חשק צו זיינע צוויי אויפגאבען. ער האָט אונטערבראָכען דאָס דאָזיגע איינזאמע לעבען אויפ'ן דאָרף בלויז דורך אייניגע רייזען נאָך פּאריז, לאָנדאָן און איטאליען. וואָרים ער האָט פערשטאנען, אז מען מוז זעהען א גוט שטיק פון דער וועלט, אויב מען וויל אמאָל ווערען אן עפענטליכער ווירקזאמער טהוער.

דאָס פעלד פון זיין טהעטיגקייט האָט זיך אונבעמערקט פון איהם אליין מעהר און מעהר אויסגעברייט. פון אָנפאנג איז עס געווען בלויז די איינציגע אידעע, טיללינג'ס ירושה, די בעקעמפפונג פון דער מיליטאריסטישער אינסטיטוציאָן, וואָס האָט געשוועבט, אלס ציעל, פאר זיינע אויגען, אָבער ביסלאכווייז איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס יעדער צושטאנד, יעדע אינסטיטוציאָן איז פיעלפאך פערבונדען און פערקניפּט אין די וואָרצלען מיט פיעלע אנדערע צושטענדע און אינסטיטוציאָנען, און דאן האָט ער געמוזט זיך פערטיעפען אין אנדערע פּראָבלעמען און אנדערע בעוועגונגען. ער האָט זיך פעראינטערעסירט מיט אלץ, וואו נור א נייער גייסט האָט געמאכט א פערזוך צו-צוברעכען די אלטע פאָרמע. וואָס מעהר ער האָט געפאָרשט, דאָס אלץ מעהר פעלדער האָבען זיך געעפענט פאר איהם, וועלכע ער האָט נאָך ניט אָנגעהויבען אויסצופאָרשען. און אָט די מאסע נייע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע האָבען מיט אמאָל איהם בעשטורעמט, האָט איהם געשטערט זיך צו נעהמען צו א בע-שטימטער ארבייט. פריהער מוז ער לערנען און לער-נען, פריהער מוז זיין ברויזענדער, קאָכיגער גייסט קומען צו א בעשטימטער קלאָרקייט, און דאן ערשט וועט ער קענען מיט פעסטקייט ארייננרייפען אין דאָס קאָכעדיגע לעבען. „שפּע-טער, שפּעטער", האָט ער געזאָגט צו זיך אליין, און דערווייל האָט ער עס אויפגעגעבען צו ווירקען פּאָליטיש אָדער פּובליציס-טיש. ער האָט ניט געשפּארט זיך ארייינצוקומען אין רייכסראט, צו א זיץ אין וועלכען ער איז געווען בערעכטיגט צוליעב זיין גרויסען גרונד-פערמעגען. ער האָט זיך אויך ניט אָנגעשלאָסען

אָן קיין בעראַיין, אויך האָט ער ניט געשריבען און ניט פער־עפענטליכט קיינע ארטיקלען אין אירגענד א צייט-שריפט. ער האָט זיך בענוגענט מיט שטודירען און דענקען, מיט קוקען און באָבאַכטען. עס איז פאר איהם געווען קלאָר, אז ער מוז ווערען אַן עפענטליכער טהוער, כדי צו ערפילען די אויפגאַבע פון טיל־לינג׳ס צוואה, אָבער ער האָט עס אָבגעלייגט אויף שפּעטער.

ווען רודאָלף איז אַלט געוואָרען אכט און צוואַנציג יאָהר, האָט ער בעשלאָסען צו הייראַטהען. אַלס איינציגער בעזיצער פון אַזאַ פערמעגען, און דער לעצטער מענליכער שפּראָץ פון דער פאמיליע דאָצקי, איז ער איינפאך מחויב געווען צו זאָרגען פאר די אויפהאַלטונג פון דעם נאָמען און פערמעגען און אויסקלייבען פאר זיך א פאַסענדע פרוי.

פון קינדווייז אויף האָט ער געהערט — האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט — אַרום זיך, אז די איינציגע טאָכטער פון דער גרעפין גריזבאַך, די קליינע בעאַטריסע, איז זיין בעשערטע. די מוטערס זיינען געווען יוגענד-פריינדינס, די קינדער האָבען זיך אימער געשפּיעלט צוזאַמען, און סיי ביי איהם, רודאָלף, און סיי ביי בעאַטריסע, איז דער געדאַנק, אַז זיי וועלען אַמאָל זיין א פּאָאַר, געוואָרען עטוואָס גאַנץ זעלבסט-פערשטענדליכעס, עטוואָס, וואָס קען גאָר אַנדערש ניט זיין. דאָס איז ניט געווען א געפיהל, וואָס האָט זיי טיעף בעוועגט, אָדער זיי שטאַרק גליקליך געמאַכט, אָבער יעדענפאַלס איז עס געווען א געפיהל, וואָס האָט זיי ביידע פערשאַפט פערגניגען

אַהן לאַנגע ליעבעס-ערקלערונגען פון זיין זייט, אַהן א לאַנ־גע איבערלייגונג פון איהר זייט און אַהן יעדע איבערראַשונג פאר די ביידע פאַמיליען און זייערע פריינד, האָט שטאַטגעפונען די פערלאָבונג צווישען רודאָלף און בעאַטריסע, און זעקס וואָכען שפּעטער זיינען זיי שוין געווען מאַן און ווייב. בעאַטריסע איז געווען א זעהר שעהנע, רייצענדע פרוי. אין גייסטיגער בע־

ציהונג איז זי געווען ניט פיעל העכער פון איהר מוטער, אָבער רו־דאָלף האָט גאָרניט פּרובירט צו פּעראינטערעסירען איהר אין זיין גייסטיגען לעבען. אין דעם פּונקט איז זיין מוטער געווען און געבליבען זיין איינציגע פּערטרויטע, זיין איינציגע געזי־נונגס-גענאָסין. ביי זיין קליינער פרוי האָט ער ניט געזוכט די נויטיגע ענערגיע פאר זיין ארבייט, נור ערהאָלונג. אויסרוהען האָט ער געוואָלט ביי איהר און זיך לאָזען פון איהר אויפמונטע־רען. זי איז געווען פון דער נאַטור א זעהר לוסטיגע און האָט זיך געפיהלט פאָלשטענדיג גליקליך דורך די לעבענס-שטעלונג, וועלכע דער ליעבענסווירדיגער און שעהנער מאַן האָט איהר אָנ־געבאָטען, און אין אזעלכע אומשטענדען האָט זי דאָך געקאָנט איהם ברענגען די נויטיגע פרעהליכקייט און לוסטיגקייט. אז ער וועט קענען לעבען איהר גייסטיג זיך אויסרוהען, אין דעם איז ער זיכער געווען, ווייל זי האָט גאָרניט פערשטאַנען און ניט גע־וואוסט פון זיינע געדאנקען און ציעלען. ער וועט מיט איהר ניט דארפען דעבאַטירען איבער פערשידענע געדאנקען און פּלע־נער. אין איהר געזעלשאַפט וועט ער זיך אויף א ווײלע פריי־מאַכען פון זיין גייסטיגער ארבייט.

מאַרטהאַ איז ניט געווען געגען דעם שידוך. זי האָט גע־פיהלט, דאָס רודאָלף׳ס לעבענס־אויפגאַבע און לעבענס-אינהאַלט זיינען אויסער די גרענעצען פון די הויזליכע פערהעלטניסע, ווי דאָס איז, למשל, ביי א פּריסטער, וואָס גיט זיך אין גאַנצען אָב מיט זיין פּראָפעסיע. רודאָלף׳ס שיקזאַל איז ניט געווען אבהענ־גיג פון זיין גייסטיגער געמיינשאַפטליכקייט מיט א געליעבטער פרוי — ער האָט געהאַט א פיעל ברייטערעס פעלד און אויף דעם פעלד איז געווען די מוטער זיין קאַמעראַדין, זיין ראַטה־גע־בערין. און עס וואָלט איהר שטאַרק וועה געטהאָן, ווען זי וואָלט געמוזט איבערלאָזען די דאָזיגע ראָליע צו אַנאַנדערער. די גרוי־סע שעהנקייט פון דער יונגער גרעפין דאַצקי, צוזאַמען מיט איהר קינדערשער לוסטיגקייט, האָט איהר געמאַכט פערזעהען, דאָס גייסטיג איז זי ווייט ניט גלייך מיט איהר זוהן רודאָלף. עס האָט

איהר נור הנאה געטהאָן, דאָס מען האָט געהאַלטען בעאַטריסע פאַר ענטציקענד, און רודאָלף האָט איהר ליעב געהאַט פון גאַנצען הארצען. טו וואָס דארף מען מעהר?

אזוי האָט זיך געפיהלט מארטהא גאַנץ רוהיג און צופריעדען מיט איהר זוהן'ס פערהייראַטהען לעבען. אנדערש אָבער האָט זי געדענקט און געפיהלט איבער די קומענדע הייראַטה פון איהר טאָכטער סילוויא. איהר הארץ האָט איהר שטארק געשראָקען. פאַר סילוויא האָט זי אימער געטרוימט, דאָס אין איהר הייראַטהען מיט א מאַן וועט איהר זיין בעשערט דער גליק, וועלכען זי האָט גענאָסען צוזאמען מיט איהר טיללינג. אָבער פאַר דעם האָט זי ניט געפונען קיין גאַראַנטיע אין דער נאַטור פון דעם יונגען גראַף דעלניצקי.

עס איז געווען אין אָבענד פון דעם טויף-פעסט. סילוויא איז געזעסען ביין פענסטער אין איהר צימער. עס איז שוין געווען גאַנץ דונקעל דרויסען. דאָס פענסטער איז געווען אָפען, דורך וועלכען עס האָט אריינגעשטראָמט די קיהלע נאַכט-לופט פול מיט אלערליי ריחות פון גאָרטען. הינטער די בוימער-שפּיצען איז ארויפגעשטיגען א גליהענד-רויטע, אַן אונגאַטירליך-גרויסע שיינענדע לבנה. פון ווייטענס האָט זיך געהערט דער געזאַנג פון א נאַכטיגאַל.

סילוויא'ס קאָפּ איז געלעגען איבער'ן שטוהל און איהרע הענד זיינען איהר אראָבגעהאַנגען. זי האָט געאָטהעמט שווער דורך איהרע האַלב-געעפענטע ליפּען; זי האָט אליין געפיהלט דאָס שלאָגען פון איהר הארץ.

פערליעבט... דאָס גליק פונ'ם בעוואוסטזיין איז ניט נור געווען א גייסטיגער, נור אויך א גליק, וואָס זי האָט געפיהלט קערפּערליך. א זיסע ווארימקייט, א זעליגקייטס-שפּירענדע קלעמונג אין דער ברוסט, און א כוואַליענדיגע בעטויבונג אין קאָפּ.

ביין אָבשיעד — זיי זיינען געשטאַנען הינטער א פאָרהאַנג, פערבעהאַלטען פון די אנדערע — האָט דעלניצקי איהר געקושט אין מויל. דער ערשטער ליעבעס-קוש אין איהר לעבען. איצט

איז זי דאָ געזעסען און האָט זיך בעמיהט די דאָזיגע פּאסירונג ווידער ארויסצורופען אין איהר געדאנק. זי איז געווען אויפ-געטרייסעלט, רייכער — מיט איין וואָרט, אין גאנצען אנאנדערע, ניט מעהר דיזעלבע סילוויא, וואָס זי איז געווען מיט איינינע שטונדען צוריק.

די טיר פון איהר צימער האָט זיך געעפענט.

— אין דער פינסטער גאָר, מיין קינד?

און מארטא האָט א דריק געטהאָן דעם עלעקטרישען קנע-פּעל. א מאטע ראָזינע ליכט האָט פארפלייצט דאָס צימער, און האָט געוויזען די וויים־לאקירטע מעבעל, די מיט בלומען גע-שטיקטע שטאָפען און קארפּעטס און קאָוויאָרען פון דעם פרישען, איינפאכען מיידעל-צימער.

סילוויא איז אויפגעשפרונגען.

— האָסט זיך דערשראָקען?

— אָה, ניין, מאמא... גוט, וואָס דו קומסט... ווען ניט, וואָלט איך באלד געקומען צו דיר... זעץ זיך דאָ אויף די סאָפא, און לאָז מיך זיך זעצען אויף דעם נידריגען בענקעל.

און סילוויא האָט זיך אוועקגעזעצט ביי די פיס פון איהר מוטער און אוועקגעלעגט איהר קאָפּ אויף דער מוטער'ס שויס.

מארטא האָט מיט ליעבע און צערטליכקייט געגלעט איהרע האָר.

— אָט אויף אזא אופן, טאָכטער, ווען איך פלעג דיר דער-צעהלען פערשיעדענע קינדער-געשיכטען, ווען דו ביזט נאָך קליין געווען — האָט מארטא געזאָגט מיט א שמייכעל. — איצט האָבען זיך אונזערע ראָליען געביטען. איצט מוזטו מיר דערצעהלען דיין געשיכטע. ווי אזוי איז עס געקומען?... מאָרגען וועט דעלניצקי קומען און פערלאנגען פון מיר דיין האנד... וועל איך, וועלען מיר יא זאָגען?.... ביזטו זיכער מיט זיך אליין?

— גליקליך בין איך, גליקליך...

— די פראגע איז, צי דו וועסט ווערען גליקליך, אויף דיין גאנצען לעבען, מיין איך? פּאסט איהר זיך איינער צום אנדערען?

קענסטו איהם, אלס מאן, ווענען דו זאָלסט קענען שענקען דיין גאַנצען צוטרוי? אלס מאַן, אין ווענעם גוטסקייט, און אין ווע־מעם איינשטימונג מיט דיין גאַנצען וועזען דו ביזט איבערציינגט?

— דאָס האָב איך איהם אליין געזאָגט מיט א פּאָר שטונדען צוריק: „מיר קענען זיך דאָך גאַרניט.". ווי דו, מוטער, אזוי אויך איך האָב געפיהלט א האלבען צווייפעל. אָבער איצט איז ער פערשוואונדען. ליעבע קען ניט אזוי אָבנארען — און איז ניט די ליעבע אליין שוין א גאראנטיע פאר גליק? צי דאָס וועט זיין פאר'ן גאנצען לעבען?... ווער קען עס פערלאַנגען מיט אמאָל אזוי פיעל? איז דאָס אליין ניט גענוג שוין, ווען מען קען דיזע גאָלדענע פרוכט — דאָס גליק — איבערהויפּט אָפּרייסען און דערקוויקען דערמיט די נשמה?... דערמאָנסטו זיך, מוטער, דו האָסט מיר ניט נור קינדער־מעשה'לעך, נור אויך געשיכטען פון דיין לעבען דערצעהלט. דערמאָנסטו זיך, ווי דו האָסט זיך פער־הייראטה מיט רודאָלף'ס פאָטער. א י י ן קאטיליאָן אויף א באָל, און דיין און זיין שיקזאל איז געווען בעזיעגעלט. ביסטו דען ניט געווען גליקליך מיט איהם? אמת, ניט פאר דעם גאנצען לע־בען — ווייל נאָך א קורצען יאָהר איז ער שוין פון דיר אוועקגע־רויבט געוואָרען... אָבער איז דער איינציגער יאָהר ניט געווען א שעהנער און א גליקליכער?

— מיין קינד, דאָס איז עטוואָס אנדערעס... איך בין דאַן געווען אזוי יונג, אזוי ניט אויסגעוואקסען אין שכל און כאראק־טער, בעת דו, סילוויא —

— איך בין דאָך אויך יונג —

— אָבער דאָך שוין צוויי און צוואנציג... איך בין דאן גע־ווען בלויז זיעבצעהן. אָבער ניט די יאָהרען זיינען דאָ וויכטיג. דו ביסט אן ערנסט מיידעל, א זעלבסט־שטענדיג דענקענדע פרוי, דו שטעלסט גרויסע פאָרדערונגען צו די מענשען —

— יא, דאָסזעלבע האָב איך היינט מיין געליעבטען גע־זאָגט, דיזעלבע צווייפעל אויסגעדריקט.

— זעהסט דו?

— אויסגעדריקט האָב איך זיי, אָבער איך פיהל זיי ניט — ווענינגסטענס, איצט ניט. דאָס גליק, מיט וועלכען איך בין פול, איז שטאַרקער פון אלץ — פון אלעס אנדערע — איך בעגרייף עס גאָרניט...

— דו האָסט שוין אזוי פיעל יונגע לייט אָבגעזאָגט, און צווישען די, וועמעס ליעבע דו האָסט צוריקגעוויזען, זיינען געווען אזעלכע, וועמען איך שעץ פיעל העכער, ווי דעלניצקי. דו אָבער האָסט געפונען אזוי פיעל חסרונות אין זיי. דער איז פאר דיר ניט געווען אלוועלטליך געבילדעט גענוג, דער ניט גרויסמוטהיג גענוג; איינעם האָט עס געפעהלט אין א פינקלענדען גייסט, א צווייטען אין מילדקייט — קורץ, מען האָט געמעגט גלויבען, אז דו ווילסט נור צו אן אידעאל פון פאָלקאָמענהייט אנפערטרויען דיין צוקונפט, אנדערש ניט, און איצט —

— און איצט פיהל איך, מאמע, דאָס אויף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיין אַנדער מענש, צו וועמען איך זאָל געהערען, אויסער דעלניצקי. איך זאָל דיר דערצעהלען קינדער-מעשה'לעך, מאמע? דאָ האָסטו איינע. אַן אמת'ער נס, וואָס האָט ניט אין זיך קיין „ווארום" און קיין „צו-וואָס". עס האָט קיין ערקלערונג און נויטיגט זיך ניט אין קיינער. איך בין אזוי גליקליך, און עס קומט מיר אויס, אזוי ווי אלץ וואָלט זיין פערכשופ'ט, און איך אליין בין גאָר אנאַנדערע. דאָס, וואָס איך האָב פריהער געטראַכט, איבערלייגט, געוואויגען און געמאָסטען — דאָס אלעס איז איצט אוועקגעפלויגען; עטוואָס נייעס רינגעלט מיך ארום, דרינגט מיך דורך, הויבט מיך אויף.

— קינד, קינד, דו רעדסט, ווי פער'שכור'ט.

— אָ, מאמא, אָבער ניט פון שאמפאניער. איך ווייס איצט, וואָס דאָס איז שכור זיין פון גליק.

— דו ביסט מיר אָבער דאָך שולדיג די ערצעהלונג: ווי אזוי איז עס געקומען?

— אויפ'ן וועג פון קירכע האָט ער זיך ערקלערט.

— ניין, ניט דאָס, איך וויל וויסען, ווי איז עס געקומען,

דאָס ער האָט דיין הארץ געפאנגען? ביסלאכוויין? אָדער מיט אמאָל? וואָס פאר א בעזאָנדערע אייגענשאַפטען האָסטו געפונען אין איהם?

— בעזאָנדערע אייגענשאַפטען? עפּעס א גרויסע טוגענד, א מעלה, וואָס האָט מיך געבראכט צו דעם איבערלעגטען ענטשלום: „דער מענש איז ווערטה מיין ליעבע, און איך וויל איהם זי שענקען?“ עטוואָס אזעלכעס איז ניט געשעהען. אמת, איך האָב דאָס אימער ערוואַרטעט. און אזוי ווי אלע מיינע בעקאַנטע און אלע די, וועלכע האָבען ביז איצט ערקלערט זיך מיר אין ליעבע, האָבען אויף מיר ניט געמאַכט דעם מינדעסטען איינדרוק, האָב איך געגלויבט, אַז דאָס איז דערפאר, ווייל קיינער פון זיי האָט נאָך ניט ארויסגעוויזען אזעלכע ליעבעסווירדיגע אייגענשאַפטען, ווי איך פאָרדער זיי פון מיין צוקינפטיגען מאַן. ווען עס וועט קומען איינער, וואָס וועט זיין עהנליך צו מיין אידעאל, דאַן וועל איך איהם שענקען מיין ליעבע. עפּעס אזוי ווי אזא געשענק וואָלט געווען עטוואָס, וואָס איינער טהוט פרייוויליג און מיט זיין קלאָרען בעוואוסטזיין!... איצט האָב איך זיך דערוואוסט, דאָס ליעבע הענגט גאָרניט אָב פון ווילען, פונקט ווי מען קען ניט קריגען קיין נערווען־פיבער פון א פרייען ענטשלוס — אזוי —

— ווי א נערווען-פיבער? אלס א קראנקהייט בעטראכט מיין סילוויא איהר געפיהל, וואָס דארף ענטשיידען איהר שיקזאל?

— אלס א זיסע, פערטויבענדע, געפעהרליכע קראנקהייט —

— ווארום א געפעהרליכע?

— ווייל איך וואָלט געשטאָרבען, ווען עס וואָלט איצט געקומען א שטערונג?

— אָה, מען שטאַרבט ניט אזוי לייכט פון די קלעפּ פון שיקזאל און אויך ניט פון די וועהטאָגען פון דער נשמה. איך בין א גוטער ביישפּיעל דערצו. דאָך איצט וויל איך דיך אַליין לאָזען — געה שלאָפען. א גוטער, לאנגער יוגענד-שלאָף וועט

דיך אָבפּריסען און בערוהיגען. איצט ביסטו אזוי אויפגערעגט. איך וויל דיך ניט פּלאגען מיט מעהר פראגען. מאָרגען פריה וועסטו מיר בעסער קענען דערצעהלען דאָס, וואָס איך וויל נאָך וויסען. א גוטע נאכט, מיין קינד.

מארטא האָט זיך איבערגעבויגט איבער איהר טאָכטער, מיט איין האַנד האָט זי איהר צערטליך געגלעט די האָר אויפ'ן קאָפּ, און די אנדערע האַנד האט סילוויא צוגעצויגען צו איהרע ליפּען.

— גוטע נאכט, מוטער, פריינדין — איינציגע, גוטע, ליעב-סטע מאמע, איך בין אזוי גליקליך...

נאָך דעם, ווען סילוויא איז אליין געבליבען, איז זי ווידער צוגעגאנגען צום אָפענעם פענסטער, און אָנשפּארענדיג זיך אָן די פענסטער-וואנד, דעם קאָפּ איהרען געשטיצט אויף איהר צו־ריקגעלייגטען אָרעם, האָט זי ארויפגעקוקט צום נאכט-הימעל. איצט איז שוין די לבנה געשטאַנען הויך אויפ'ן הימעל, און האָט געגאָסען א זאנפטען בלוי-ווייסען שיין אויף די בוימער און די אַלעען אין גאָרטען. די שטילע לופט איז געווען דורכדרונגען פון דעם דופט פון ראָזען און יאסמין.

דיזע נאכט-לופט און דיזער ריח! ווי אָפט האָט סילוויא געפיהלט זייער צויבער. דאָך, וועהרענד פריהער איז אזא צוי-בער געווען א סאָרט פערשפּרעכונג, היינט אָבער איז עס פאר איהר געווען די ערפילונג. יא, דאָס לעבען איז שעהן... יא, דער פריהלינג מיט זיין בלומען-אוצר, מיט דעם געהיימניספולען גלאַנץ פון זיינע לבנה־נעכט איז דער אָנזאָגער און ברענגער פון א ליעבע-אָטהעמענדען גליק...

„ווי אזוי איז עס געקומען?" וועגען דעם האָט סילוויא איצט זיך פערטראכט.

מיט פערצעהן טעג צוריק אין פּראטער — עס איז דאן גע-וועזן אזא נאכט, אזא שטילע, אזא העלע פריהלינגס-נאכט, ווי איצט. אין זאכער זאַל איז געווען פעראנשטאַלט דער יונגער-הערען-באַל. פון אלע יונגע הערען איז דעלניצקי געווען דער

עלעגאנטעסטער. וועניגסטענס צעהן גרעפינען האָבען זיך גע־דרעהט ארום איהם און כמעט אלע מאַמעס האָבען געוואונשען אין דער שטיל, דאָס זייערע טעכטער זאָלען איהם קענען ארייג־כאַפּען, ווייל ער איז געווען איינער פון די בעסטע „פּאַרטיען" אין לאַנד.

אויף דריי אָדער פיער פריהעריגע בעללער האָט דער יונגער דעלניצקי ארויסגעוויזען איהר בעזאָנדערע אויפמערקזאַמקייט, צוליעב וואָס זי האָט זיך געפיהלט — ניט אָהן א געוויסען גע־פיהל פון צופרידענהייט — אלס די, וועמען אלע האָבען שטאַרק מקנא געווען. דאַן אָבער אויף א פעסט ביי דער פראַנצויזישער געזאַנדשאַפט, האָט ער זיך געהאַלטען גאַנץ פון דערווייטענס פון סילוויא, און האָט גאַנץ עפענטליך געמאַכט ליעבע דער פרוי פון אן אלטען דיפּלאָמאַט. א געמישטער געפיהל פון קרענקונג און ערגערניס האָט פאַר סילוויא'ן קלאָר געמאַכט, דאָס זי איז צו איהם ניט גלייכגילטיג.

אם ליעבסטען וואָלט זי ניט געגאַנגען אויף'ן באַל, דעם יונג־העררען־באַל, דעם לעצטען פון סעזאָן. ווידער צו זעהען דעלניצקי'ן אונטער אזעלכע אומשטענדען, וואָלט איהר גור וועה געטהאָן. עס איז אָבער אנדערש געקומען. גלייך, ווי זי איז אריין אין זאַל, איז דער יונגער־מאַן צו איהר צוגעקומען, און גע־בעטען איהר, זי זאָל מיט איהם טאַנצען דעם קאָטיליאָן.

פאַר אן אויגענבליק האָט זי געהאַט בדעה איהם אָבצוזאָ־גען מיט דער ערקלערונג, דאָס זי האָט שוין צוגעזאָגט אנאנדע־רען דעם טאַנץ, אָבער איידער זי האָט נאָך בעשלאָסען וואָס צו טהאָן, האָט זי שוין ניט ווילענדיג יא געזאָגט.

דאָרט איז אויך געווען יענע יונגע פרוי, מיט וועלכער ער איז געווען אזוי פערנומען אין דעם אָבענד ביין פראַנצויזישען געזאַנדטען. אָבער דאָס מאָל האָט דעלניצקי מיט איהר קיין צעהן ווערטער ניט אויסגערעדט. וועהרענד א טאַנץ־פּויזע איז צו סילוויא צוגעקומען איינע פון איהרע פריינדינען, זיך אָנגע־האַנגען אויף איהר אָרעם, און געזאָגט:

— קום, לאָמיר זיך א ביסעל דורכגעהן הין און צוריק. איך האָב דיר וואָס צו דערצעהלען.

— און וואָס איז עס אזעלכעס ?

— איך בין ערשט ניט לאַנג צוריק אויסגעקליבען געוואָרען אלס פערטרויטע פון א פערליעבטען. עס איז ניט אזא פּרעה־ליכער אמט; מען איז, ווי דו ווייסט, ליבער אליין די געליעבטע... אָבער, אזוי ווי דאָ האַנדעלט זיך וועגען דיר, וועגען וועמען מען ווייס, אז דו ביסט מיין ליעבסטע פריינדין, קורץ, איך פיהל ניט קיין קנאה. האָסטו געזעהן, מיט וועמען איך האָב געטאַנצט דעם לעצטען קאַדריל ?

— יא, מיט דעלניצקי... און איך האָב געזעהן, ווי ער האָט מיט אזא פייער גערעדט מיט דיר —

— דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט אזוי פייערדיג, איז, דאָס ער איז אין דיך שטערבליך פערליעבט, נור, דאָס ער גלויבט, אז דו ביסט צו איהם זעהר קאַלט. נעכטען האָט ער אין זיין פערצווייפלונג געמאַכט ליבעס־ערקלערונגען צו אַנאַנדערע... ער האָט בעשלאָסען דיך אויסצומיידען, אָבער היינט איז זיין גאַנצער בעשלוס געוואָרען צו גאָרניט. ער האָט עס ניט אויס־געהאַלטען... און ער האָט מיך געבעטען, ביי דיר אויסצוגעפינען קלוג, אזוי, אז דו זאָלסט זיך ניט כאַפּען, אויב ער מעג האָפען. איך ערפיל אָט דעם דאָזיגען אויפטראג, נאַטירליך, ניט קלוג און ניט אזוי, אז דו זאָלסט זיך ניט קענען כאַפּען, און צו וואָס איך ? אלזא ?

סילוויא האָט זיך צוריקגעהאַלטען מיט אַן ענטפער, און דאַן האָט דער אָרקעסטער אָנגעהויבען שפּיעלען א רווישענדע וואַלצער־מעלאָדיע, און מעהרערע יונגע לייט זיינען צוגעגאַנגען צו דיביידע מיידלאַך, איינלאַדענדיג זיי מיט א העפליכער פערבויגונג צום טאַנץ.

„פרעהט אייך מיט׳ן לעבען" איז געווען דער נאָמען פון וואַלצער, און ווירקליך, סילוויא האָט געפאָלגט דעם געבאָט, וואָס מייסטער שטרויס האָט ארויסגעלאָזען אין א דריי־פּערטעל

טאקט, און מיט'ן גאַנצען הארצען האָט זי זיך געלאָזט טראָגען איבער'ן זאַל פון איהר טענצער.

דער קאַטיליאָן, מיט וועלכען עס איז געקרוינט געוואָרען די שעהנע באַל-נאַכט, האָט ניט געבראַכט קיין פאָרמאַלנע, אָפּע-נע ליעבעס-ערקלערונג פון דעלניצקי, אָבער דער בליק און דער טאָן האָבען אונצעהליגע מאָל געטהאָן דאָסזעלבע. זיינע בלי-קען האָבען געבעטען אום ליעבע, און איהרע האָבען עס איהם צוגעזאָגט. וואָלט ער איהר יענעם אבענד פאָרגעשלאָגען צו הייראַטהען איהם, וואָלט סילוויא זיך גענומען צייט דאָס צו אי-בערלייגען, ווייל זי איז נאָך געווען דורכאויס ניט ענטשלאָסען צו ווערען דעלניצקי'ס פרוי — פאַר דעם דאַרף זי דאָך איהם קענען א ביסעל מעהר — אָבער אויף די שטומע בליקען, וואָס האָבען געגליהט מיט ליעבע, האָבען איהרע אויגען געגעבען, ניט קענענדיג אנדערש, א צערטליכען ענטפער, און זיין שטימע, וואָס האָט געציטערט מיט ליידענשאַפט, אפילו ווען ער האָט גע-רעדט פון די גלייכגילטיגסטע זאכען, האָבען געוועקט א ווידער־קול אין איהרע עטוואָס-געצוואונגענע ענטפערס.

נאָך דעם קאַטיליאָן איז זי געזעסען ביי זיין זייט, ווען מען האָט געגעסען סאַפּער, און דאן דאָס ארויסקומען אין גאַס, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָגען. ער איז עס געווען, וועלכער האָט איהר איינגעוויקעלט אין איהר מאַנטעל, וועלכער האָט איהר אָנגעטהאָן דעם לייס-טוך אויף איהר הוט, וועלכער האָט איהר צוגעפיהרט צו איהר קאָטש און איהר געהאָלפען אריינ-שטייגען — מיט א לאַנגען, ציטערענדען האַנד-דרוק.

אָן דאָס אַלעס האָט זיך סילוויא איצט דערמאָנט. איצט איז אַלעס שוין געווען בעשלאָסען. ער האָט פערלאַנגט איהר האַנד און זי האָט „יא" געזאָגט. ער האָט זי געקושט און זי האָט איהם צוריקגעקושט...

און אזוי האָט עס פּאַסירט מיט סילוויא, ווי מיט דער ערש-טער, בעסטער יונגער מיידעל, וועמעס גאַנצער גייסטיגער האָרי-זאָנט איז בעגרענצט פון די בעגריעפען: באַל, ליעבע, ליידענ-

שאפט, גלײַכגילטיגע פּאַרטיע. און דאָך ווי גאַנץ אַנדערש איז סילוויא געווען בעשאַפען! איהרע אינטערעסען האָבען אַרומגע־כאַפּט אַ גאַנצע וועלט פון אידעען, קענטניסע און צייט־פּראַ־גען. זי האָט אימער גענומען אַן ערנסטען אינטערעס אין די ציעלען, שטרעבונגען און פּלענער פון איהר מוטער און ברודער. כאָטש זי איז ניט געווען זייער מיטאַרבייטערין, אָבער זי האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס זיי האָבען געטראַכט און גע־טהאָן, און זי איז געוואָרען אַן ערנסטע מענשענקינד, פול מיט הויכע אידעאַלען. און ווען זי האָט געטרוימט פון איהר צו־קונפט, פלעגט זי זיך פאָרשטעלען ביי דער זייט פון אַ בעדייַ־טענדען מאַן — אַ געלעהרטער אָדער אַ שטאַאַטסמאַן, וועלכער זאָל אַרויפדריקען דעם שטעמפּעל פון זיין אינדיווידואַליטעט אויף זיין צייט, און וועלכער זאָל דעם שטעמפּעל אַזוי פאָרמי־רען, אַז זיינע צייט־גענאָסען זאָלען קענען אַרויפגעהן אויף אַ שטאַפּעל העכער אין זייער לעבען, דענקען און פיהלען אויף דעם לייטער פון דער אויסערלונג און בעגליקונג.

און איצט? איצט איז זי געווען פערטיג און ענטשלאָסען צו טהיילען איהר לעבען מיט אַ מענשען, וועמעס כאַראַקטער זי האָט גאָרניט געקאָנט, וועלכער האָט איהר קיין פערזיכערונג ניט געקאָנט געבען, דאָס ער וועט מאַכען צו ווירקליכקייט איה־רע חלומות, דאָס ער וועט אַ מאָל פערנעהמען אַ גרויסע און איינפלוסרייכע שטעלונג; זי האָט זאָגאַר ניט געוואוסט, דאָס ער איז איבערהויפּט אַן עדעלמענש. דאָס דאָזיגע וואָרט פון טיללינג „עדעלמענש“ איז זעהר אָפט געהערט געוואָרען אין הויז. און אין איהר ברודער האָט סילוויא געזעהען אַ מוסטער פון די אַלע אייגענשאַפטען, וואָס בערעכטיגען איינעם צו דעם טיטעל עדעלמענש. פון טאָני דעלניצקי'ס אייגענשאַפטען האָט זי נור געקאָנט יענע, וועלכע האָבען געמאַכט קלאַפּען איהר האַרץ אין זעליגער אונרוהיגקייט, דאָס ער האָט אויסגעזעהען משוגע פער־ליעבט, און דאָס ער איז דער איינציגער מענש, דער איינציגער אויף דער ערד, נאָך וועמעס קוש איהרע ליפּען האָבען געלעכצט.

זי איז אָבער ניט געווען בלינד. זי האָט זיך ניט איינגערעדט, אַז ער האָט אַלע מעגליכע מעלות, ווי דאָס איז דער שטייגער פון די נאַאיוו-פערליעבטע. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, דאָס זי איז בע׳כשופ׳ט פון זיין ליידענשאַפט. און דער כשוף איז געווען אַזאַ שטאַרקער און אַזאַ זיסער, דאָס זי האָט גאָרניט פּרובירט צו וועהרען זיך געגען איהם. און טאַקי צוליעב וואָס? עס האָט איהר ניט געבונדען קיין אַנדער פליכט. זי האָט קיינעם ניט איהר טרייהייט געבראָכען — זי האָט איינס געשטעלט אין קאָן, איהר אייגענעם גליק, דעם גליק פון די שפּעטערע יאָהרען. נו, איז דאָס האָט זי געמאָגט ריזיקירען, ווייל דער גליק פון דעם איצטיגען מאָמענט און פון דער סאַמע נעכסטער צוקונפט איז דאָך איהר זיכער, און אויך האָט זי געפיהלט, דאָס זי ברענגט אַ צווייטען דאָס העכסטע גליק, דאָס מיט איהר „יא“ האָט זי איהר געליעבטען געבראַכט די העכסט בעגליקענדע מתנה, ווער-רענד מיט איהר „ניין“ וואָלט זי איהם העכסט אונגליקליך גע-מאַכט. זי האָט געפיהלט, דאָס דורך איהר פערלאָבען זיך מיט דעלניצקי וועט זי אריבערגעטראָגען פון דער אַלטעגליכקייט צו אַ יום-טוב-צייט, פון וועלכער זי קען זיך ניט ארויסרייסען, איידער זי האָט פערזוכט פון יעדען פון די נומערען, וואָס גע-פינען זיך אויף דעם דאָזיגען פּראָגראַם....

לאַנג נאָך איז סילוויאַ געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, אריינגעצויגען די שמעקעדיגע נאַכט-לופט. יעדער אָטהעמצוג — פרייד, יעדער פּולס-שלאַג — לעבענסגענוס.

קאפיטעל דריי.

דורך א דינער האט מארטא געלאזט בעטען איהר זוהן, ער זאל קומען אין איהר צימער. זי האט מיט איהם וועגען עטוואס צו רעדען.

רודאלף איז גלייך אריין צו זיין מוטער אין צימער.

— וואס בעפעהלט מיין ליעבע מוטער?

בעראנעסע טיללינג איז געזעסען אין א קליינעם רונדען צימער, ניט ווייט פון איהר שרייב־צימער. אין דעם קליינעם פלאץ איז געווען בלויז א קליינע סאפקע ביי דער לינקער האנד, א נידעריגער שראנק ביי דער רעכטער, און אין מיטען צימער איז געשטאנען מארטא׳ס פאטעל פאר א זיך־דרעהענדיגען לע־זע־טישעל, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען די טאג־צייטונגען, אן ארבייטס־קערבעל, א פעכער, א בלומענוואזע און א ראהם מיט טיללינג׳ס פערבלאסטען בילד. אויף די וואנד זיינען גע־האנגען נאך מעהרערע בילדער פון דעם ערמארדעטען באראן טיללינג אין פערשיעדענע פאזען און גרוים. צווישען די ביל־דער איז אויך געווען זיינס א געמאלט בילד ביז די קניע פון דער האנד פון א בעריהמטען פראנצויזישען קינסטלער. דיזער פאר־טרעט איז אבער ניט געווען פערענדיגט. אנגעפאנגען אין 1870, האט ער ניט געקאנט געענדיגט ווערען, ווייל דער מאלער האט געמוזט געהן דיענען אין דער ארמיי. דאך, אזוי אונפערענדיגט, ווי דאס בילד איז געווען, האט זיך שוין געמערקט א שטארקע עהנליכקייט.

דער קליינער שראנק, קונסטפול אויסגעשניצט פון אייכען־האלץ, און אויסגעלייגט מיט העלפאנטביין, איז געווען בעדעקט און אויסגעפילט מיט פערשיעדענע ערינערונגען אן טיללינג. דארט זיינען געשטאנען צוויי קעסטלעך פון זילבער, אויף וועלכע

עס זיינען געווען אויסגעגראַווירט די דאַטען 1864 און 1866. דאָרט זיינען געווען די בריעף, וועלכע טיללינג האָט געשריבען צו זיין פרוי פון די דעניִשע און בעהמישע שלאַכטפעלדער. און אין א קליינעם גאָלדענעם קעסטעל איז געלעגען דער סאַמע ערשטער בריעף, וואָס זי האָט פון איהם געקראָגען—דעם וואָס ער האָט צו איהר געשריבען ביי זיין מוטער׳ס טוידטען-בעט. אין דעם שראַנק זיינען אויך געווען איהרע בלויע טאָג-ביכער, דער זאַגענאַנטער פּראָטאָקאָל, אין וועלכען באַראָן און באַראָנעסע טיללינג האָבען פערשריבען די כראָניק פון דער פריעדענס-אידעע.

אין דעם ווינקעל פלעגט מאַרטאַ פערברענגען טעגליך מעהרערע שטונדען. דאָ האָט זי געלייענט איהרע ביכער און צייטונגען, אָדער האָט געצויגען די פעדים פון א שטיקעריי, דענקענדיג בשעת מעשה אָן דעם פערלאָרענעם מאַן.

מיט די ווערטער: „וואָס בעפעהלט מיין ליעבע מוטער?“ האָט רודאָלף געקושט זיין מוטער׳ס האַנד. דאַן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף די קליינע סאָפּקע.

מיט פערגניגען האָט מאַרטאַ א קוק געטהאָן אויף איהר זוהן — א בילד פון מענליכער יוגענד-שטאַרקייט און איידעל-קייט. ער האָט געטראָגען א העלען זומערדיגען מאַרגענאַנצוג, וועלכער האָט געמאַכט זיין פון דער זון פערברוינטע הויט-פאַרב אויסזעהען נאָך דונקעלער. טיעף-שוואַרץ איז געווען זיין טיעף-געשאָרענער קאָפּ האָר, שוואַרץ די שמאָלע וואָנצעס, וועלכע האָבען ניט פערשטעלט דעם פיין-געצייכענטען מויל. שוואַרץ און לייכט-געקרייזעלט איז געווען זיין שפּיציג בערדעל, וואָס איז געווען עטוואָס אונטערגעשאָרען. נור די אויגען אונטער די געדיכטע ברעמען זיינען געווען בלוי. דער פּנים איז געווען אַן איידעלער, די געשטאַלט בויגיג און שלאַנק און כמעט זעקס פוס הויך. אריסטאָקראַטישע הענד און פיס. מיט רעכט האָט מען געהאַלטען רודאָלף דאָצקי אַלס איינעם פון די שעהנסטע מענער אין דעם הויף-אדעל פון וויען, אין וועלכען עס פעהלען ניט קיין

גאנץ שעהנע מענער. אזוי אונגעפעהר האט אויסגעזעהען דער יונגער הוזאר, וועלכער האט געפאנגען די הארץ פון דער יונגער זיעבצעהן יעהריגער מארטא אלטהויז, ווען זי האט איהם דער־זעהען צום ערשטען מאל. דאך איז רודאלף'ס פנים, כאטש זעהר עהנליך צו זיין פאטער'ס, געווען פיעל מעהר דורכגיים־טערט. און אין שפראך און אין זיין טאן האט רודאלף פיעל גע'ירש'ענט פון זיין שטיעף־פאטער.

— איך האב געוואלט מיט דיר רעדען וועגען צוויי גאנץ וויכטיגע זאכען, רודאלף — האט מארטא געזאגט.

— אויך איך וויל דיר עפעס מיטטהיילען. דאך וועגען דעם שפעטער. צוערשט קומסט דו.

— אלזא, ערשטענס, דעלניצקי האט געבעטען סילוויא'ס האנד.

— האב עס מיר געטראכט.

— זי ליעבט איהם און איז ענטשלאסען איהם צו נעהמען. אמת, איך האב מיר מיין צוקינפטיגען איידעם עט־וואס אנדערש פארגעשטעלט, אבער — וואס דענקסטו וועגען דעם ?

— מיין גאט, איך קען טאגי'ן אזוי ווענינ... איך קען אבער גארניט שלעכטעס זאגען וועגען איהם.... און אויב זי האט איהם ליעב —

— איך האלט איהם פאר אויבערפלעכליך, פאר אונפעהיג צו פערשטעהן די געזינוגנען און די אידעען, וואס מיינע קינדער האבען געמאכט פאר זייערע.

— אפשר וועט סילוויא האבען אן איינפלוס אויף איהם.

— אויך איך האב געטראכט וועגען דעם אין ערשטען אוי־גענבליק... דאס זיי האבען זיך ליעב, דאס האב איך שוין פון לאנג געמערקט, בעזאנדערס זייט יענעם באלל פון די יונגע הערען.... און דעלניצקי איז דאך א ליעבער, א גוטער מענש, א דזשענטעלמען... אבער ווען דאס האט שוין פאסירט, קומען מיר אין קאפ פערשיעדענע צווייפעל... דאס קינד פון מיין געליעב־

טען פרידריך... דאָס פארגין איך ניט קיינעם, וועלכער איז ניט אזוי, ווי ער איז געווען. אָבער איז דען דאָ אזעלכער?... און מיר וועלען איהר פערלירען...

— איך גלויב ניט, דאָס אונזער סילוויא וועט פון אונז זיך אָבקעהרען, בלייבען פרעמד צו אונז. מיר דריי זיינען מיט פיעלע אָדערען פון הארץ און נשמה צוזאמענגעקניפּט, צוזאַמענגעוואקסען, און קיין זאך קען אונז ניט פארנאנדערדרייסען, אָפילו ניט די הייראַטה. זעה מיך, למשל...

— יא, יא, דו, מיין רודאָלף! און איצט לאָמיר ריידען פון דיר. דאָס איז די צווייטע זאך, וואָס איך האָב אויף מיין הארצען. דו האָסט נעכטען,ביין טויף־פעסט, ארויסגעזאָגט ווערטער, וועלכע האָבען אויף מיך געמאכט א טיפען איינדרוק — זיי האָבען געקלונגען, ווי א געליעבטע, לאנג שוין שטום־געוואָרענע שטימע.

— און דערפאר האָסטו זיך צואווינט? וואָס האָב איך אזוינס געזאָגט? איך קען זיך ניט דערמאָנען.

— דערפאר געדענק איך זיי דאָס בעסער. יעדעס וואָרט האָט זיך איינגעפּרעסט אין מיין זכרון... „אזוי לאנג“, האָסטו געזאָגט, „ווי מיר האלטען זיך אָן פעסט ביי דער פערגאַנגענהייט, וועלען מיר בלייבען ווילדע. אָבער שוין שטעהען מיר ביין טויער פון א נייער צייט. די בליקען זיינען געצילעוועט פאָרווערטס, אלעם דרענגט, שפּאַרט צו א נייער, העכערער פאָרמע, שוין וואכט אויף דער געדאנק, דאָס די גערעכטיגקייט דארף זיין דער פונדאמענט פון דעם גאנצען סאָציאלען לעבען, און אָט פון דעם געדאנק וועט די מענשהייט אויפבליהען, די עדעלע מענשהייט.“ דאָס זיינען געווען דיינע ווערטער, רודאָלף, אָבער, מיין זוהן, די צוקונפט ווערט נור אן אנדערע, ווען די געגענוואַרט ווערט אויסגענוצט פאר בעדייטענדע טהאטען. ווילסטו ניט אָנהויבען טהאָן?

— יא, איך וויל. דאָס איז עס געווען טאַקי, וואָס איך האָב דיר געוואָלט דערצעהלען. וואָס איך זעה פאר מיר, איז א

פלאַץ אין פּאַרלאַמענט. דאַן די בעשאַפונג און, אפשר, די פּיה־רערשזיפּס פון א נייער פּאַרטיי. צו דעם אויך פּובליציסטישע טהעטיגקייט... אין ברעססער׳ס בלאַט וועט פאַר מיר יעדע וואָך זיין אָפען א גאַנצער קאָלום.

— און דאָרט ווערסטו פערטרעטען די אידעע פון פריעדען און פון ענטוואַפנונג? ווי גליקליך דאָס מאַכט מיך. דו ווייסט דאָך. עס האָט זיך געבילדעט אַן אינטערפּאַרלאַמענטאַרישער בונד — דאָ וואָלסטו געקאָנט גרינדען אזא גרופּפּע אויך אין עסטרייכשען פּאַרלאַמענט.

— איך האָב א פיעל ברייטערע פּראָגראַם אין געדאַנק. כדי עס זאָל געעפענט ווערען א ברייטער וועג פאַר די גרויסע ענדערונג, מוז מען זעהן אָנפאַנגען פיעלע אַנדערע גרויסע ענדע־רונגען.

מאַרטאַ האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— געוויס, יעדע ענדערונג האָט א שיכות מיט אַנדערע, און ברענגט מיט זיך אויך אַנדערע ענדערונגען אין די אַלע פער־צווייגטע ריכטונגען. דו ווייסט דאָך אָבער, אז אין אונזער צייט הייסט עס: זיך טהיילען מיט דער ארבייט.

— עס זיינען אָבער דאָ זאַכען, וועלכע לאָזען זיך ניט טהיילען, וועלכע זיינען אין גרויסעס גאַנצעס, צום ביישפּיעל, א וועלט-אַנשויאונג. וואָס מעהר איך קוק מיך אום אין גאַנצען עפענטליכען לעבען, דאָס קלערער זעה איך, אז דאָס, וואָס איז דאָס נויטיגסטע, איז געראַדע דאָס: א וועלט-אַנשויאונג. ניט שרויפען און מאַסטען דאַרפען געענדערט ווערען אויפ׳ן שיף, כדי עס זאָל קענען בעסער זעגלען, נור דער גאַנצער קורס מוז ווערען אַנאַנדערער. ווייל אין זיין איצטיגער ריכטונג ציהט זיך דער שיף צו א קעסעל-גרוב, וועלכער וועט איהם סוף כל סוף אריינציהען אין זיין טיפעניש.

— און דו אליין, מיין זוהן, ווילסט עס זיין דער קאַפּיטאַן, וועלכער זאָל עס ענדערען דעם גאַנצען קורס? דיין עהרגייץ איז גרויס...

— עהרגייץ? — רודאָלף האָט געמאַכט א בעוועגונג מיט'ן האַנד, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט ווייזען, אז ניט דאָס בע־וועגט איהם צו זיין האַנדלען—עהרגייץ? — ניין! דעם האָב איך ניט. איך ווייס גאַנץ גוט, אז דאָס, וואָס מען רופט כבוד, קען מען ניט געפינען אויף די וועגען, וועלכע מען מוז צוערשט אויס־האַקען —

— און וואָס האָט דיך בעוואויגען געראַדע איצט צו נעה־מען זיך צו דער ארבייט?

— איך בין שוין געוואָרען דרייסיג. די צייט פון א לעה־רען־אינגעל איז פאַראיבער, און דאַן, אפשר, האָט א ביסעל צו טהאָן דערמיט דער נעכטיגער פעסט: ווען איך האָב ארויסגע־זאָגט, אז מיר מוזען זיך ארויסווייזען צו זיין ווירדיג פאר אונ־זערע זיהן און אייניקלאַך, דאַן האָט מיך דער געוויסען מיינער דערמאָנט, אז איך האָב אליין נאָך גאָרניט געטהאָן פאר דעם. ווי קען איך האָפען, אז מיין זוהן זאָל ערנסט פאַרמזעצען מיין ארבייט, ווען איך אליין האָב ניט ערפילט די אויפגאַבע, וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיין פאָטער?

— פון דיין פאָטער?

— אָך, פערצייהה, מיין ריכטיגען פאָטער האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט, און אין מיין האַרצען טראָג איך אימער אָט דעם — ער האָט געוויזען אויף דאָס בילד אויף דער וואַנד.

— דאָס האָט ער אויך פערדיענט...

— און ביסטו איינפערשטאַנען מיט מיין ענטשלוס?

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: ער מאַכט מיך גליק־ליך. נור פאר איין זאַך האָב איך מורא, דאָס דו ווילסט בעאַר־בייטען א צו גרויסע פעלד, און צוליעב דעם קענסטו פערנאַכלע־סיגען געראַדע די פלאַנץ, וועלכע ער — מיט א בליק אויפ'ן בילד — האָט אונז איבערגעלאָזען. איך מיין יענע גאַנץ בע־שטימטע, ארומגעגרענצטע בעוועגונג.

— איך ווייס, וואָס דו מיינסט: ארביטריישען, וועלט־פריעדען — און דאָס רופסטו בעגרענצט? דאָס מיינט ניט עט־

וואָס ווענינער, ווי די אומענדערונג פון אונזער גאַנצער ערציהונג, פון אונזער פּאָליטיק, מאָראַל, געזעלשאַפטס-אָרדנונג — קורץ, א גאַנצע רעוואָלוציאָן. און בעמערקסטו ניט, דאָס מיר לעבען ווירקליך אין א צייט, ווען עס קומט פאָר א רעוואָלוציע אויף אַלע געביטען? זייט צעהן יאָהר איז אין דייטשלאַנד פאָרגעקומען א „רעוואָלוציאָן פון דער ליטעראַטור“, די בילדענדע קונסט רופט איהר אויפשטאַנד „סעסעציאָן“. די פרויען רופען איהר רעוואָלוציאָן, „עמאַנציפּאַציאָן“, און די ארבייטער — סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און אזוי אויף אַלע געביטען...

— ניט יעדער אָבער, וועלכער שטרעבט נאָך א נייער צייט, דאַרף איבעראַל מיטאַרבייטען. יעדער העלפט די אנדערע אַם בעסטען, ווען ער ערפילט גוט זיין אייגענע אויפגאַבע.

— דו, מוטער, אינטערעסירסט זיך נור מיט איין פראַגע, און ניט מיט דער ענדערונג אין ליטעראַטור און קונסט, און ניט מיט דער פרויען־און ארבייטער-בעוועגונג.

— אינטערעסירען? דאָס יא. ווער עס נעהמט אנטהייל אין דער ענדערונג פון דער צייט, דער הערט און זעהט מיט שפּאַנונג אַלעס... אָבער קעמפּפען און ווירקען, דאָס וואָלט איך נור געוואָלט אין איין ריכטונג — און, ווי דו ווייסט, אזוי וויית, ווי מיינע כחות זיינען געווען, האָב איך עס פּרובירט דורך דאָס אויפשרייבען פון מיין לעבענסגעשיכטע... אין אנדערע ריכטונגען פעהלט מיר די קראַפט צו פערשטעהן. איך בין זיך דיר מודה, אז די נייע קונסט שרעקט מיך שטאַרק אָב... דאָס עס ציהט מיך נאָך צו אַלץ, וואָס איך האָב געלערענט אין מיין יוגענד צו בעוואונדערען, אלס שעהן און גוט... איך האָב ניט פּרובירט צו מאַכען פון סילוויאַ „א נייע פרוי“. איך בין צו אַלט, אז —

— אפשר איז דאָס דער אונטערשיעד צווישען אונז — האָט רודאָלף אונטערבראָכען — איך בין יונג, איך בין אויפגעוואַקסען אין א ברויזענדער אטמאָספערע, אין דעם שטורם פון די „מאָדערנע“... אמת, דער דאָזיגער שטורם האָט מייסטענס

געבלאָזען אויף מיר פון ביכער און צייטונגען, ווייל די מענשען, מיט וועמען מיר פערברענגען, די לעבען נאָך אלץ אויף דעם גאנץ אַלטען שטייגער, און זיי ווייסען גאָרנים, אז די וועלט בעוועגט זיך. העכסטענס, ווייסען זיי, אז עפּעס א מיאוס'ע מאַסע טרייסעלט און וויל צושמעטערען אונזער שעהנע אָרדנונג, און געגען די פיהלען זיי די גרעסטע פעראכטונג. אויסער דעם אלטען גראף קאָלנאָס, קען איך קיינעם ניט פון אונזערע קרייזען, וואָס זאָל האָבען די מינדעסטע אהנונג פון מאָדערנע אידעען. מעג זיין, אז עס זיינען דאָ א פּאָר דוצען, אָבער איך קען זיי ניט —

— פון קאָלנאָס האָב איך היינט בעקומען א זעהר ליעבען בריעף — האָט מארטא איהם אונטערבראָכען — דאָס איז ווירקליך א מערקווירדיגער און גרויסער מענש. אָבער ניט דאָס. וואָס איך פערשטעה אונטער דעם וואָרט „מאָדערן“. קיין סמן ניט פון דעקאדענטענטהום, גאָר ניט פון דעם איבערגעשפּיצטען איבערמענשענטהום, גאָרניט פון די תאוות, וואָס שענדען דאָס הייליגסטע.

— דו דארפסט ניט, מאמע, נעהמען אין אנבעטראכט געראדע דאָס, וואָס איז קראנקהאפט אין דעם מאָדערנעם גייסט.

— געוויס האָסטו רעכט. די מייסטע מיספערשטעדניסע קומען טאַקי ארויס דערפון. יעדע זאך האָט דאָך אזוי פיעל פערשיעדענע זייטען, און צוויי מענשען, וועלכע אין תוך זיינען איינפערשטאַנען, שטרייטען, דעבאַטירען איבער א זאך, פּאָר וועלכע זיי האָבען איין נאָמען, אָבער וועלכע זיי בעטראכטען פון צוויי פערשיעדענע זייטען... יע, וועגען וואָס האָבען מיר אייגענטליך גערעדט?

— וועגען קאָלנאָס.

— יא, גאנץ ריכטיג... וואו איז זיין בריעף? אה, אָט איז ער. ער האָט מיר דאָ צוגעשיקט זיין נייעסטעס געדיכט. נאָ, לייען. ווי דו זעהסט, קען ער מיין שוואכקייט, זיין ליעד איז געצילעוועט געגען די קאנאָנען.

[illegible] האָט גענומען דעם בריעף און עס שנעל איבערגע-

ליינט. דאָס געדיכט פון דרייצעהן פערזען האָט געטראָגען דעם נאָמען „נאָך זעקס טויזענד יאָהר“, אין וועלכען עס איז גע־שילדערט געוואָרען א סצענע פון דער ווייטער צוקונפט, ווען מען געפינט אוים אין דער צו אייז־געוואָרענער אייראָפּא פער־שיעדענע זאכען, פון וועלכע די דאמאָלסדיגע מענשען ווייסען ניט די נעמען און, צו וואָס זיי זיינען געברויכט געוואָרען, און זיי מאכען אלערליי פאָרשונגען, אום זיך צו ערקונדיגען אי־בער דעם גאַנג פון דער קולטור.

געלעהרטע שרייבען דיקע ביכער
און זיי שטרייטען זיך ווי הייטע אויך
אום ווערט און שעהנהייט דער אנטיקע
און איהרע ווערקע נוצגעברויך.

דאן געפינען זיי א מאָדנעם אונפערשטענדליכען אינסטרו־מענט, וועגען וועלכען די גרעסטע געלעהרטע צוברעכען זיך די קעפּ. דאָס איז א דיקער מעטאַלענער רעהר. זאָל עס זיין, טראַכ־טען זיי, א ריעזען־אָרגעל, א פּרעהיסטאָרישע פלייט, אָדער א האָרן צום טרינקען פאר ריעזען? אָדער, אפשר, גאָר א מיס־טעריעזער סימבאָל — זאָגאר אין די פינסטערע צייטען פון גלוי־ביגע געצען? — ענדליך האָט מען געפונען אויף א שטיין אן אויסגעגראווירטע ערקלעהרונג. אליין וואָלטען זיך די געלעהר־טע קיינמאָל ניט דערטראכט דערצו. דעם מעטאַלענעם דיקען רעהר האָט מען געברויכט צו מאסענמאָרד, וואָס מען האָט גע־רופען מיט דעם נאָמען „מלחמה“.

און ווייל דער טויד־שלאָג גוט קאנאניש
(דער מיטעל הייליגטע דען צוועק)
זאָ נאָנטע מען דאָס דינג קאַנאָנע
און בלים (אוועקגעבלאָזען) דאמיט די געגנער וועג.

רודאָלף האָט איהר צוריקגעגעבען דעם בריעף.

— נון, דאָס זאָג איך דאָך, דער אַלטער איז אן אמת־מאָ־דערנער מענש, ווייל זיין בליק איז געריכטעט צו דער צוקונפט.

ער ווייס, דאָס מיר האַלטען אין איין ענדערען זיך. ער שטרעבט צו דאָס, וואָס האָלט אין קומען, בעת מיינע פערעהרטע קאַמע־ראַדען, אפילו, ווען זיי האָבען שוין אידעאַלען, זעהען זיי איהר אין דער פערגאַנגענהייט. די מייסטע זעהען איבערהויפּט ניט ווייטער פון זייער נאָז.

— דערביי אָבער, מיין זוהן, זיינען אַט דיזע מענשען, לויט זייער שכל, ניט נארישער פון דיר. עס ווענדט זיך נור אָן דעם, אויף וועלכע געדאנקען־וועגען, אויף וועלכע ערקענטנים־פעל־דער מען איז ארויף צופעליג. ערציהונג איז אַלעס. און ניט נור קינדער־ערציהונג, נור אויך די ערציהונג פון די ערוואַקסענע. טיללינג האָט ערשט אָנגעהויבען נאָכצודענקען איבער געווויסע זאַכען, ווען ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָהר פערציג.

— דו האַלטסט נור אין איין דענקען וועגען איהם — האָט רודאָלף געזאָגט אין אַ שטילען טאָן און מיט אַ געפיהל פון גרוי־סער פערעהרונג פאַר זיין מוטער.

מארטאַ האָט אויפגעהויבען דעם בליק צום הימעל.

— אימער. איך בין שטאָלץ אויף דעם אויסצוגעפינען אויף מיר, דאָס עס איז דאָ אַ ליעבע, וועלכע איז שטארקער, ווי דער טויט.

פיערטער קאפיטעל.

א הייסער נאכמיטאג אין אויגוסט. די היץ אבער שטערט ניט די בעוואוינער פון ברונהאף זיך צו אמוזירען ביין טעננים־שפיעל.

דער שפיעל־פלאץ געפינט זיך אין א טהייל פון פארק, וועלכער איז אין דער צייט ניט בעשיינט פון דער זון. פון דער זייט זעהט זיך די הינטערשטע טהייל פון שלאס, מיט די טערראסען, וואס פיהרען אין שלאס אריין.

אין מיטען פון שפיעל־פלאץ איז דא א וואסער־בעקען, פון וועלכען עס שלאגט א פאנטאן. ארום און ארום געפינען זיך אין קינסטלערישער ארדנונג פארבען־פרעכטיגע בייטען. נור־וואס איז דער גערטנער געוועזן בעשעפטיגט מיט בעשפריצען די בייטען פון א וואסער־קישקע. די בייטען אונטער דעם בלענדענדען וואסער־שטראהל, האבען ארויסגעגעבען זייערע טייערע ריחות, וועלכע זיינען פון דער לופט צוגעטראגען געווארען צום טעניס־פלאץ. א זאנדערבארע ליכטיגקייט איז געלעגען אויף דעם גרינעם גראז און די בוימער.

צופעליג איז דארט געוועזן פערזאמעלט דיזעלבע געזעלשאפט, וועלכע איז געוועזן ביין טויף־פעסט פון דעם יונגען, ניט־לאנג־געבארענעם גראף דאצקי. נור איצט איז שוין צוויישען דער געזעלשאפט געוועזן די יונגע באליבאסטע פון שלאס, וועלכע איז שוין געוועזן פאלקאם געזונד, און וועלכע האט שוין אבגעפראוועט איהר פרומע רייזע נאך מאריאצעל, ווי איהר מוטער, די גרעפין גריזבאך, האט עס איהר געראטהען. מען איז דא געזעסען ביי דער זייט פון דעם טעניס־פלאץ, אויף א רייהע פון בענק, און מען האט זיך צוגעקוקט צו די פיער, וואס האבען געשפיעלט טעניס: סילוויא און איהר חתן, גראף דעלניצקי, רודאלף און דער יונגער ברעסער.

דער יונגער ברעססער איז געווארען אונגעטריי צו זיין בעשלוס, אויסצומיידען דיזע פאמיליע, אין פאל סילוויא וועט ווערען דעלניצקי׳ס כלה. די געוואוינהייט צו פערברענגען אין

דער פאמיליע, פון וועלכער זיין פאטער איז געווען אזא גו־
טער פריינד, איז איהם געווען צו טהייער, אז ער זאל זיך קע־
נען אבּרייסען פון איהר. דער פערקעהר מיט באראנעססע
טיללינג, די קאמעראדשאפטליכע פלוידער־שטונדען מיט רו־
דאלף דאצקי און, וועניגסטענס, דאס קענען קוקען אויף די גע־
ליעבטע — פון דעם אלעם, האט ער ניט געקאנט אויף לאנג זיך
בערויבען. די נארישע אייפערזוכט האט ער געמוזט דערשטי־
קען. האט ער דאך קיינמאל ניט ערוואַרטעט צו הייראטהען
סילוויא, מוז ער ביי זיך פועל'ען צו קענען זי זעהען, אלס די
פרוי פון אנאנדערען. און דאס, וואס דיזער אנדערער איז
ניט געווען אזא וויכטיגער מענש, דאס איז פאר איהם געווען
א שטיקעל טרייסט, וועלכען ער וואלט אפילו אפען ניט צוגע־
געבען, אבער דאך געפיהלט אין זיך. אזוי ווי, לויט זיין
מיינונג, איז דעלניצקי ניט ווערטה געווען סילוויא'ס ליעבע,
האט דער יונגער ברעססער זיך איינגערעדט, אז סילוויא האט
איהם מסתמא ניט ליעב, נור זי האט איהם גענומען, ווייל ער
ער איז א גלענצענדע פארטיע פון פראקטישען שטאנדפונקט.
מיט דעם געדאנק האט ער וועניגסטענס פערטריבען איין העלפט
פון זיין אייפערזוכט.

— „גיים—פליי—אוט"—די דאזיגע ווערטער האבען
זיך געטראגען פון שפיעל־פלאץ, אבער אין א רוהיגען טאן. די
באללס זיינען געפלויגען אהין און אהער, אדער זיך אנגעשטוי־
סען אן די נעץ, און זיינען געפאלען צו דער ערד, און דאס אלעס
אזוי שטיל, אויסער דאן, ווען דער באלל איז פערהאלטען גע־
ווארען פון דעם ברעג פון דער ראקעטע, דאן פלעגט געוועהנליך
איינער פון די צוקוקער אויסרופען: „האלט—האלט!" די בע־
וועגונגען פון די שפיעלער זיינען געווען רוהיגע, געלאסענע,
קיין לויפען אדער שפרינגען, פיעל מעהר, בעזאנדערס, ביי די
מענער, א שטילע, זיך וויעגענדע נאכלעסיגקייט.

מארטהא, וועלכע איז געזעסען עטוואס אן א זייט, האט
געהאלטען א צייטונג אין האנד. זי האט אבער ניט געלייענט,
נור האט בעטראכט די שעהנע געשטאלטען פון איהרע קינדער.

זי האָט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק פון סילוויאַ'ס ווערען דעלניצקי'ס כלה. טעגליך האָט איהר סילוויאַ ער־קלערט, דאָס זי פיהלט זיך פאָלקאָם גליקליך. נור פון צייט צו צייט זיינען איהר געקומען אין געדאַנק די אַלטע צווייפעל. פיעלעס אין דעם וועזען פון איהר צוקינפטיגען איידעם האָט געווירקט אויף איהרע נערווען, ווי דאָס רייבען פון אַ מעסער אָן אַ ליימענעם טאָפּ, אָדער, ווי דאָס קראַצען פון שפּיציגע פינגער־נעגעל אויף אַ זיידענקאַרפּעט, אָבער זי האָט באַלד פער־טריבען פון זיך אַזעלכע געפיהלען.

בעאַטריסע און איהר מוטער זיינען געזעסען איינע לעבען דער אַנדערער, שטאַרק פערטיפט אין אַ שמועס וועגען דער ערציהונג פון קליינע קינדער. די עקזיסטענץ פון דעם נייעם איינוואוינער און יורש פון ברונהאָף איז פאַר זיין מוטער גע־ווען די וואונדערבאַרסטע ערשיינונג אויף דער וועלט, און פאַר זיין גרויסמוטער — די וויכטיגסטע.

די פיער הערען: פּאָלקאָווניק שראָופער, מיניסטער „אודאי" אָדער „פון דער אַנדערער זייט", דער גלח פּראָטוס און דר. ברעססער האָבען גערעדט צווישען זיך.

— פון דעם שפּיעל פערשטעה איך גאָרניט — האָט פּאָ־טער פּראָטוס געזאָגט — עס זעהט גאָרניט אויס אינטערע־סאַנט. זעהט נור, ווי לאַנגזאַם זיי בעוועגען זיך, קיין לויפען, קיין שפּרינגען, בעזאָנדערס די הערען, אַזוי שטיל, אַזוי נאַכ־לעסיג. אָבער עס מוז זיי געוויס אַמוזירען. ווען ניט, וואָל־טען זיי דאָך ניט געשפּיעלט מיט אַזאַ חשק. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער קעגעל־שפּיעל, וועלכער ווערט אין גאַנצען אויס מאָדע, איז געווען פיעל אינטערעסאַנטער.

— אַזוי איז שוין די וועלט, הויכווירדיגער הערר, דאָס אַלטע ווערט פערדרענגט פון דאָס נייע — האָט דאָקטאָר ברעססער געזאָגט.

דער גלח האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ניין, דאָס איז נור אזוי צווישען די מענשען, וואָס זו־כען אַלץ נייעס. קוקט אָבער זיך צו צו דער נאַטור. אימער דיזעלבע בוימער, דיזעלבע בערג —

— אָה,ניין, שוין גאָרנים דיזעלבע! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען — די פערענדערונגען אין דער נאַטור קומען נור פאָר לאַנגזאַם, אַזוי, דאָס מען בעמערקט זיי ניט. אָבער מיינט איהר ניט, אַז די דאָזיגע געגענד האָט דורכגעמאַכט זייט דער טערטיער צייט פיעל גרעסערע ענדערונגען, ווי די פון דעם קענגעל־שפיעל צום טענים־שפיעל?

— אודאי! — האָט דער מיניסטער זיך אריינגעמישט — די גרעסטע און די אָפטעסטע ענדערונגען זעהט מען אין דער פאָליטיק. דאָ קען מען בשום אופן ניט איינפיהרען אַ צו־שטאַנד פון רוה, כאָטש אונזערע קאָנסערוואַטיווען מאַכען אַזעלכע געוואַלדיגע אנשטרענגונגען. ווייסט איהר, מיינע העררען, דאָס אונזער רודאָלף איז אַ קאַנדידאַט פאַר'ן פארלאַ־מענט?

— איך ווייס עס — האָט דאָקטאָר ברעססער געענט־פערט — די באַראָנעססע איז העכסט גליקליך דורך זיין בע־שלום.

— פון איין זייט פערשטעה איך עס — האָט דער מיניס־טער געזאָגט — די מאַמעס זיינען אימער גליקליך צו זעהען זייערע זיהן זיך אויסצייכענען אין עפענטליכען לעבען. פון דער אַנדערער זייט אָבער ברענגט די קאַריערע פון אַ פארלאַ־מענט־מיטגליעד פיעל פערדרוס און שוועריגקייטען.

דער פאָלקאָווניק האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— וואָס מיר שוועריגקייטען! מיט רודאָלף'ס נאָמען און זיינע פערבינדונגען וועט ער זעהר לייכט קענען זיך ארויפ־ארבייטען צו איינע פון די אַנגעזעהענסטע שטעללען. צוערשט אַ פּאָר יאָהר אין פּאַרלאַמענט, דאַן אַ מיניסטער־פּאָרטפעל —

— איך קען זיך גאָרניט פאָרשטעלען — האָט פּאָטער פּראָטוס געזאָגט — וואָס פאַר אַ ראָליע רודאָלף וועט שפיע־

לען אין דער פּאָליטיק. לויט זיין ראַנג, וואָלט ער זיך בע־דאַרפט אַנשליסען אָן דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי.

— נאַטירליך — האָט צוגעשמייכעלט דער מיניסטער.

— לויט איך קען איהם אָבער, איז ער שטאַרק גענייגט צו די ליבעראַלען, אויב זאָגאַר ניט צו די סאַמע ראַדיקאַלען.

יעדענפאַלס איז זיין געדאַנקען־גאַנג מיר זעהר ניט צום האַרצען — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט — איך קען נאָך אַלץ ניט פערדייהען די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען ביין טויף־פעסט פון זיין יורש, און איהר, הערר דאָקטאָר, האָט איהם נאָך אונטערשטיצט דאַן... אויב איך דערמאָן מיך נור גוט, האָט אויך איהר דאַן גע׳טענה׳עט, אז מען זאָל זיך ענטזאָגען צו בעוויליגען די קאָסטען פון דער אר־מיי... ווען רודאָלף זאָל אויפטרעטען אין דער ריכטונג....

דער מיניסטער האָט געמאַכט א בערוהיגענדע בעוועגונג מיט דער האַנד.

— האָט ניט קיין מורא, ווען מען גאָט גיט די שטעלע, גיט ער איהם אויך דעם פערשטאַנד. דאָס מיינט מיט אנדע־רע ווערטער: ווען מען דערגרייכט צו א געוויסער שטעלע און מען קומט אריין אין געוויסע קרייזען, ווערט מען פון די פער־פליכטונגען פון דער שטעלע און פון דעם גייסט פון די קריי־זען אזוי דורכדרונגען, דאָס די אלטע אידעען און נייגונגען ווערען צורונען, ווי דער טומאַן, און מען טהוט אלץ, וואָס די נייע שטעלע פאָדערט.

— עס איז אָבער ניט אזוי דער פאַל — האָט דר. ברעס־סער געענטפערט — ווען איינער איז א שטאַרקע פערזענליכ־קייט. דאַן צווינגט ער די קרייזען זיך צוצופאַסען צו איהם און צו זיינע אידעען, און ניט פערקעהרט —

די שפּיעלער האָבען געענדיגט זייער פּאַרטיע. רודאָלף איז צוגעגאַנגען צו די דעבאַטאַנטען.

— וועגען וואָס האָט איהר גערעדט אזוי היציג?

— וועגען אייך און אייער קאַנדידאַטור אין פאַרלאַמענט.

— דאָ האָט איהר מסתמא ניט פיעל גוטעס געזאָגט וועגען מיר, ווייל מיט דער אויסנאהמע פון דר. ברעססער, שטעהט איהר דאָך אַלע אויף א פונקט־פערקעהרטען שטאַנדפונקט, ווי איך.

— די שאַטירונגען מעגען זיין פערשיעדען — האָט דער מיניסטער געענטפערט — אָבער אין סאמע תוך זיינען דאָך אַלע אנשטענדיגע מענשען איינשטימיג: געטריי צו דער קאָנסטיטוציע, צום קייזער און צום פאטערלאנד.

— טריי, טריי — האָט רודאָלף געזאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — די גוטע מדה פאסט זיך זעהר גוט פאר דאָס, וואָס עקזיסטירט. וואָס זאָל אָבער זיין דעריעניגער, וועלכער וויל דיענען דאָס, וואָס האלט אין ווערען?

ברעססער האָט געענטפערט:

— דער מוז זיין מוטהיג.

— יא — האָט רודאָלף געזאָגט — מוטהיג און אויך טריי צו זיך אַליין.

סילוויא און דעלניצקי האָבען געשפּאַצירט אין איינער פון די פּארק־אַלעען, אזוי, אז די אנדערע האָבען זיי געקאָנט זעהען, אָבער ניט הערען.

אין די זעקס וואָכען, זייט זיי זיינען געוואָרען חתן־כלה, האָט סילוויא דורכגעמאכט זעהר פערשיעדענע שטימונגען. דער גרויסער גליקס־רויש פון יענעם אָבענד, ווען זי האָט איהם געגעבען דעם ערשטען קוש און איהר צוזאָג צו זיין זיינע, האָט זיך ניט ווידערהאָלט. נור דערמאָנען זיך האָט זי געקאָנט אָן דאָס, וואָס זי האָט יעמאָלט געפיהלט, אָבער שוין קיינמאָל ניט געפיהלט ווידער דאָסזעלבע. עס קענען דאָך טאקי ניט זיין קיין צוויי ערשטע קושען, און עס זיינען אויך ניטאָ קיינע צוויי אויגענבליקען, אין וועלכע מען פאסט א בעשטימטען, לעבענס־ענטשיידענדען בעשלוס. זי האָט זאָגאַר מאַנכעס מאָל געפיהלט, ווי איהר ליעבעס־געפיהל ווערט פאראַליזירט. אויך איהרע נערוועז האָבען שטאַרק געליטען, ווי די פון איהר מוטער, פון

דעם, ווי דעלניצקי פלעגט רעדען. אָבער דאָס האָט ניט אָנ־געהאַלטען לענגער, ווי א מינוט. די נעכסטע מינוט האָט איהר ווידער געבראַכט דעם בעוואוסטזיין, דאָס זי איז א ליע־בענדע, גליקליכע כלה.

איינינע טריט זיינען זיי געגאַנגען שווייגענדיג. דאַן האָט דעלניצקי געזאָגט:

— ווי שעהן, ווי שעהן דו ביזט! — „דו" פלעגען זיי זיך זאָגען נור דאַן, ווען זיי זיינען געווען אַליין. און געראַדע דאָס האָט געמאַכט דעם „דו" קלינגען, ווי א הייסער קוש. — אַזוי געפעלסטו מיר פיעל בעסער, ווי אין דיין זומער־קלייד, און ביין שפּיעלען אין באַלל ביזטו נאָך פיעל רייצענדער, ווי ביין טאַנצען.

אין איהר קורצער ווייסער פּיקעט־קליידעל מיט א לעדער־נעם גאַרטעל ארום די בויגיגע, ניט צו דינע טאַליע; מיט די געלע שיך אָהן אָבזאַצען, אויף איהרע שמאָלע פיס; מיט דעם איינפאַכען מאַטראָזען־הוט אויף די קאַשטאַנען־ברוינע האָר, וועלכע איז געווען פערפלאָכטען אין א פעסטען צאָפּ, און אויף וועלכע די זון האָט געוואָרפען איהרע שטראַהלען, האָט סילוויא ווירקליך מיט זיך פאָרגעשטעלט א רייצענד בילד. איהר יונ־גער פּנים מיט דעם פיינעם פּראָפיל איז געווען ווי אין שיין איינגעטונקט, ראָזיגע גליהענדע פאַרב אויף די באַקען, א דונ־קעל־רויטע גליהונג אויף די ליפּען, שוואַרצעם פינקלען אין די אויגען, א ווייס־בליצענדער שמייכעל. מיט רעכט האָט דער בעגליקטער חתן געקאָנט זאָגען: „ווי שעהן דו ביסט!"

— מיינסטו אַזוי? און איז מיין שעהנקייט דאָס ליעבסטע פאַר דיר?

— אַלעס איז מיר ליעב אין דיר. דו ביסט א טהייער מיי־דעל, פון ראַססע, אָהן פינטעפּליושקעס....

א וואָלקען האָט א שוועב געטהאָן איבער סילוויא'ס פּנים. דאָס איז ווידער געווען איינער פון יענע אויסדריקע, וועל־

בע האָבען איהר געמאַכט פיהלען אזוי אונאַנגענעהם. זי האָט געשוויגען. דעלניצקי האָט ווייטער גערעדט:

— קיין זאַך איז מיר ניט אזוי פערהאַסט, ווי די גע־מאַכטע אָדער קאָקעטקע־מאַניערען, אָדער ווי די זאָגענאַנטע נייע, עמאַנציפּירטע... דו ביסט איינפאַך, נאַטירליך... אמת, אויך מערדעריש קלוג, דו ווייזט עס אָבער ניט ארויס ביי יע־דער געלעגענהייט. פאַר דיין געלערענטקייט האָב איך זיך אין אָנפאַנג א ביסעל געשראָקען... דו האָסט א שם, אז דו האָסט שטודירט אַלערליי געלערענטע זאַכען, און דאָס דו מיט דיין מאַמאַ און רודי לייענט שטונדענלאַנג דיקע, געלעהרטע ביכער. אָבער עס איז ניט אזוי שלעכט. איך האָב דיך קיינמאָל ניט געהערט רעדען אזוי פּעדאַנטיש...

— ביז איצט, מיין ליעבער טאַני, האָבען מיר דאָך מייס־טענס געזעהען זיך אין באַל־זאַל. דאָרט האָב איך דאָך ניט געקאָנט פיהרען מיט דיר „פּעדאַנטישע" געשפּרעכען... און זייט מיר זיינען געוואָרען חתן־כלה, רעדען מיר דאָך כמעט אי־מער פון אונזער ליעבע. און אויך די טעמא ערלויבט גאָרניט „פּעדאַנטישעס", אָבער דו מוזט זיין פּאָרבערייטעט, און איך רעכען אויף דעם, דאָס ווען מיר וועלען זיין פערהייראַט —

— צו רעדען מיט מיר איבער שאָפּענהויער און ניטשע, אָדער, אפשר, גאָר איבער די געשיכטע פון די קאַנציליען? ניין, איך דאַנק —

— דיביידע דענקער, וועלכע דו האָסט אָנגערופען, כאָטש זייער שפּראַך איז אזוי טיעף און וואונדערבאַר, געהערען ניט צו מיינע ליעבלינגע ——

— האָסטו זיי דען גאָר געלייענט?

— און דו ניט? — דעלניצקי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין — און וואָס די קאַנציליען אַנבעלאַנגט — פון זייער געשיכטע האָב איך ניט פיעל געהערט.

— איך יא. דו ווייסט, איך בין געוועזן צוויי יאָהר אין קאַלקסבורג, ביי די יעזואיטען.

— ביי דען יעזואיטען!

טאַני האָט אומגעדולדיג געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— נו, יאַ, ביי דען יעזואיטען. און דאָרט ווערט אַלעס געגוי שטודירט, וואָס האָט צו טהאָן מיט דער קירכען־געשיכטע. לענגער, ווי צוויי יאָהר, האָב איך דאָרט איבעריגנס ניט אויסגעהאַלטען. פון מיר וואָלט דאָרט געוואָרען אַ ריכ־טיגער יעזואיטען־תלמיד.

— אַ דאַנק גאָט. וואָס איך האָב אָבער געוואָלט זאָגען: איך רעכען אויף דעם, אַז מיר וועלען זיך פעראייניגען גיים־טיג, אינערליך — דאָס מיר וועלען רעדען איבער אַלעס, וואָס מיר בעוואונדערען פון די מיסטעריען —

— איך בעוואונדער און שטוין איבער די מיסטעריען פון דיין שעהנקייט.

איצט האָט זי געצויגען מיט די אַקסלען.

— שוין ווידער?

— ביזבי בייז, ווען איך בעוואונדער דיך, ווען איך ווער משוגע פון דיין שעהנקייט?

ניין, וועגען דעם איז זי ניט בייז געווען. אָבער דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואוסט איבער וואָס אַנדערש צו רעדען מיט איהר, דאָס האָט איהר אָנגעהויבען שטאַרק שרעקען.

ער האָט צוגעדריקט איהר אָרעם פעסט צו זיך, האָט זי צוגעבויגען צו זיך, פערזינקענדיג טיעף זיינע ברענענדיגע אוי־גען אין איהרע — אַ בליק, וואָס האָט איהר דורכגענומען מיט אַ זיסען ציטער. און וואָס פאַר אַ ווערדע האָט געהאַט אַלעס אַנדערע אין דער וועלט ביי דער זייט פון אַזאַ מיסטעריום, אַזאַ זיסען געהיימניס?

איצט האָבען זיי ביידע געשוויגען. אין דער שטיקענדער לופט האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטילער רעגען־דריח. די זאַנ־דערבאַרע בעלייכטונג איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר זאַנ־דערבאַר. עס האָט אויסגעזעהען אַלעס אַרום, ווי גרינער

מעטאל. פון דערווייטענס האָט זיך געהערט א פערשטיקטער דונער.

— קינדער, קינדער — האָבען די אנדערע צו זיי געשריען — עס קומט א שטורם — לאָמיר אריינגעהן אין שטוב.

ווען עטוואָס האָט נאָך געקאָנט דערהויבען סילוויא'ס פיהלען — האַלב לוסט און האַלב שרעק — איז עס געווען די אויסזיכט, דאָס באַלד וועט אויסברעכען א שטאַרקער שטורם: א שמייסענדער רעגען, העלע בליצען, דונערען: זי האָט געגלוסט דערצו און זי האָט מורא געהאַט פאר דעם. און ווירקליך, עס זיינען אוועק בלויז אייניגע מינוטען, פול מיט ערווארטונג, האָט א פייפענדער ווינט אָנגעהויבען צו בויגען די בוימער, און טראָגען דעם שטויב און די בלעטער, דורך די לופט. דיקע, ווארעמע טראָפּענס רעגען זיינען געפאלען. די געל־גרינע בעלייכטונג האָט אָבגעטרעטען איהר פלאַץ פאר א פלוצלינג־אָנקומענדע דונקעלהיים. שווארצע וואָלקענמאַסען זיינען אָנגעקומען און אראָבגעהאַנגען טיעף צו דער ערד. א בליץ, וואָס האָט געבלענדעט די אויגען, האָט דורכגעשניטען דעם הימעל, און באַלד נאָך דעם א מורא'דיגער דונער־קלאַפּ. ער האָט געמוזט טרעפען ערגעץ נים ווייט.

די גאַנצע געזעלשאַפט איז געלאָפען אזוי שנעל, ווי זי האָט געקאָנט, צום שלאָס צו. סילוויא און איהר חתן זיינען געווען עטוואָס ווייטער, און זיי האָבען זיך געמוזט נאָך מעהר איילען, ווי די אנדערע, אום זיי זאָלען נים ווערען דורכגענעצט פון רעגען. הוגאָ ברעסער, מיט א שירם אין דער האַנד, איז געלאָפען זיי אנטקעגען.

איצט איז אָנגעקומען א ריכטיגער וואָלקענברוך. דאן האָט סילוויא אָנגעהויבען צו לויפען. ווען זי איז געווען בלויז א טריט ווייט פון הוגאָ, האָט זי זיך פּארהאַקט אָן א שטיין און איז געפאלען. דער יונגער מאַן האָט אין דער ריכטיגער מינוט איהר געכאַפט אין זיינע אָרעמס.

ער האָט זי פעסט ארומגענומען. אין דער מיט עלעקטרי־

ציטעט אָנגעגאָסענער אַטמאָספערע, אין דעם שטורם פון די ווילד־געוואָרענע עלעמענטען, האָט עס אויך אין זיינע אָדערען ווילד געקלאַפט. און זיין לאַנג־פערשטיקטע ליידענשאַפט האָט געפונען איהר אויסגאַנג אין דעם אויגענבליק, ווען דער צופאַל האָט אריינגעוואָרפען אין זיינע אָרעמס זיין היים־געליעבטע מיידעל. ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט, ער האָט זי צוגע־דריקט צום הארצען, און דערביי איז אין דעם גאַנצען אויסדרוק פון זיין פנים געווען צו לעזען די קלאָרסטע ווידוי פון זיין פייער־דיגער ליעבע.

אויך סילוויא איז געווען אונטער דעם כשוף פון דער שטורמדיגער מינוט. די ענטפלעקונג פון דער ליידענשאַפט איז פאַר איהר געווען א מין בליץ־שטראהל. זי האָט ניט גע־פיהלט קיין כעס. וואָס זי האָט געפיהלט, איז געווען פיעל מעהר דער קלאַפּ פון דעם עלעקטרישען שטראָם, וואָס האָט אויפגעצי־טערט די הארץ, צו וועלכער זי איז געווען צוגעדריקט.

נור דריי סעקונדען האָט עס געדויערט. שוין איז דעליציקי צוגעשפרונגען און האָט איהר צו זיך גענומען. ער האָט פון דאָס געשעהענע ניט מעהר געזעהען, ווי איהר אויסגליטשען זיך און די צופעליג־אָנגעבאָטענע הילפע.

— איהר האָט דאָך זיך ניט וועה געטהאָן? — האָט ער ביי איהר געפרעגט, פול מיט זאָרג.

סילוויא האָט שווער און טיעף אויפגעאָטהעמט.

— ניין, ניין, גאָרניט, גאָרניט — האָט זי געשטאַמעלט, און צוגעמאַכט די אויגען.

פינפטער קאפּיטעל.

אין דעם אָבענד איז סילוויא ניט פערבליבען מיט דער געזעלשאַפט אין זאַל.

גלייך, נאָך דעם מאָהלצייט, ביי וועלכען זי האָט זיך כמעט ווי ניט צוגעריהרט צו אירגענד איינער פון די פיעלע געריכ־טען איז זי אוועק אין איהר צימער מיט דעם אויסרייד, אז עס טהוט איהר שטארק וועה דער קאָפּ.

זי האָט געוואָלט מיט זיך אַליין קלאָר ווערען, און מתודה זיך זיין צו זיך אַליין, און אפשר אויך ארויפלעגען אויף זיך א געהעריגע שטראָף, אויב זי זאָל געפינען, אז זי האָט ווירקליך בעגאַנגען אירגענד א זינד...

ביין טיש האָט פאר א קורצע ווייל די אונטערהאַלטונג אָנגענומען א העכערען טאָן, ווי געוועהנליך. הוגאָ ברעסער און רודאָלף, וועלכע זיינען געזעסען איינער געגען צווייטען, האָ־בען אָנגעפאַנגען א דעבאַטע, וועלכע איז באלד געוואָרען אזוי לעבעדיג און אינטערעסאנט, דאָס אלע אנדערע שמועסען האָ־בען אויפגעהערט, און אַלע האָבען זיך צוגעהערט צום געשפּרעך פון די צוויי יונגע לייט.

— און איך זאָג, ליעבער ברעסער, אז דאָס העכסטע איז די טהאט.

— און איך בלייב דערביי, אז דאָס העכסטע איז דער געדאנק, כאָטש שוין דערפאר אַליין, ווייל ער קען זיין איינזאם — שוועבען אין די גרעסטע הויכקייטען. איך ווייס ניט אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשהייט פון קיין זאָגענאנטע טהאט, דורך וועלכע די מענשהייט זאָל ווערען איידעלער און גרעסער — דאָס איז אימער געוועזן דער אויפטהו פון דעם גרויסען געדאנק.

— אָבער דער ערשטער טרעפ קען איך ניט זיין העכער פון

צווייטען. צוערשט דענקט מען, און דאן האַנדעלט מען. דאָס וואָרט מוז ווערען פלייש, א קערפּער. די אידעע מוז זיין די נשמה פון א קערפּער. דאָס, וואָס איינער טראַכט, דאָס מוז ווע־רען א ווירקליכקייט, מוז, מיט איין וואָרט, ווערען א טהאַט.

— די ווערטער פּאַסען זיך אויף קלעפּ מיט'ן קולאַק, אויף געוואַלט־אַקטען איבערהויפּט. און עס וואונדערט מיך, דאָס געראַדע איהר, דער פערטהיידיגער פון פריעדען, זאָלט אזוי רעדען.

— אַט טאַקי דערפאַר, ווייל איך בין א פערטהיידיגער פון אַן אידעע, וויל איך, אַז זי זאָל זיך אומוואַנדלען אין א טהאַט, אַז זי זאָל פערקערפּערט ווערען אין אינסטיטוציאָנען.

— דאָס קומט שוין במילא, ווען די אידעע ווערט גענוג שטאַרק. אַן אינסטיטוציאָן איז ניט פעהיג לאַנג צו לעבען, ווען זי ווערט ארויפגעצוואונגען פאַר דער צייט... וואָס, איבע־ריגנס, פערשטעהט איהר אונטער אינסטיטוציאָנען? געזעצע? קאָנסטיטוציעס? פּאָליטישע פאָרמען? אנשטאַלטען און קער־פערשאַפטען? ווי אונוויכטיג און קליין דאָס איז אַלעס אין פערגלייך מיט דעם קעניגרייך פון געדאַנק, פון גייסט, וואָס האַלט אין איין וואַקסען, וואָס שטייגט אימער אַלץ העכער און העכער....

— אָבער דאָך אין אזוי ווייניג קעפּ!...

— די פיעלע פאָלגען נאָך לאַנגזאַם.

— ניין, די פאָלגען נאָך דעם געדאַנק, וואָס איז גע־וואָרען זיכטבאַר, דאָס הייסט, דעם געדאַנק, וואָס איז פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין א טהאַט.

— איבעריגנס — נאָך פיעל ווערטהפוללער, ווי דאָס האַנד־לען און דאָס דענקען, איז דאָס געפיהל. דאָס געפיהל איז דאָס סאַמע העכסטע אין לעבען... ער איז אויך דער רעגולאַטאָר פון אַלע זאָגענאַנטע אינסטיטוציאָנען. דער געפיהל, ניט דער אי־בערלייגענדער פערשטאַנד, קען דיענען אלס די ריכטיגע מאָס

פון קולטור. נור אין דעם קעניגרייך פון די געפיהלען וויקלען זיך פאַרנאַנדער די רייכסטע בלומען פון דער נשמה: מיטלייד, בעגייסטערונג, פערטיפונג, און די קרוין פון דער גאַנצער עק־זיסטענץ — די ליעבע. פון דעם געפיהל שטראָמט ארויס די שאַפונגס־קראַפט פון קינסטלער און עס פלאַמט די לוסט פון קונסט־גענוס, און אויך פון דעם נאַטור־גענוס. ניט דער איי־גענטליכער ריח פון דער ראָזע ענטציקט אונז, נור דאָס, וואָס מיר פיהלען, איינאָטהעמענדיג איהר דופט אין פערבינדונג מיט אונזערע פאַרשטעלונגען און עררינערונגען. דאָס, וואָס מיר הערען ביין שפּיעלען, איז בלויז ליאַרעם און געפילדער; ערשט דאָס, וואָס מיר פיהלען, איז מוזיק.

— וואָס פאַר א געשוואָלענע ווערטער ער געברויכט עס — האָט —דעליניצקי געזאָגט אויפ׳ן אויער צו זיין כלה — הער זיך ניט צו. לאָמיר ליבערשט רעדען.

סילוויא האָט מיט איהר האַנד געמאַכט א זיך־וועהרענדע בעוועגונג, האָט זיך פון איהם אין גאַנצען אָבגעקעהרט, און מיט געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט זיך ווייטער צוגעהערט צו דעם, וואָס ברעסער האָט גערעדט.

— דורך דאָס, וואָס איינער פיהלט, דורך אינספּיראַציאָן, דורך פאַרשטעלונג, דורך ליידענשאַפט, וואַקסט דער מענש אי־בער זיך זעלבסט. אויגענבליקען, אין וועלכע דער מענש ווערט א גאָט, דאָס זיינען נור אויגענבליקען, ניט קיינע טעג, ניט זאָ־גאַר קיינע שטונדען — די זיינען די אויגענבליקען פון אן אי־בערשטראָמענדען געפיהל. דער פּאָעט, דער נביא, דער ליע־בענדער, די וועיסען, וואָס דאָס זיינען אזעלכע אויגענבליקען... ווער עס האָט זיי געהאַט אין זיין לעבען, דער וועט ניט אוועק־געבען די עררינערונג אָן זיי פאַר קיינע אוצרות אין דער וועלט. און צו איינער פון אזעלכע עררינערונגען — הוגאָ האָט גענו־מען זיין גלאָז אין האַנד און האָט זיך אויפגעשטעלט — איך בעזויף די דאָזיגע עררינערונג ערשט זינט היינט, טרינק איך, און ווער עס האָט דורכגעלעבט אזא אויגענבליק, וואָס האָט

איהם דערהויבען איבער אַלעם אירדישע, דער קען מיט מיר צו־זאמען טרינקען!

— מיט אנדערע ווערטער — האָט זיך אָבגערופען פאָל־קאָווניק שראופער, וועלכער איז געזעסען לעבען ברעסער — לע־בען זאָלען אונזערע שעהנע עררינערונגען.

דערמיט איז דער עטוואָס איבערשפּאַנטער ארויסטריט פון דעם יונגען ברעסער געבראכט געוואָרען אויף די שטופע פון אַלגעמיינער פערשטענדליכקייט, און אלע האָבען איהם צוגע־טרונקען מיט דעם אויסגעשריי: „לעבען זאָלען אונזערע שעה־נע עררינרונגען."

דעלניצקי, אלס חתן, האָט נאָך צוגעלייגט:

— נאָך מעהר לעבען זאָלען אונזערע שעהנע ערוואַר־טונגען.

סילוויא האָט צוגעטרונקען צו הוגאָ'ס טאָסט. אויף איהר חתן'ס בעמערקונג האָט זי גאָרניט געענטפערט.

ווען זיי זיינען אריין אין זאַל, האָט דעלניצקי געפרעגט ביי זיין כלה, וועלכע ער האָט געהאַלטען אונטער'ן אָרעם:

— ווארום האָסטו אויף מיין טאָסט ניט געענטפערט?

— לאָז מיך — האָט סילוויא געענטפערט אין א נערוועזען טאָן — איך האָב קאָפּ־וועה.

און מיט דעם אויסרייד איז זי אוועק אין אין איהר צימער.

אָנקומענדיג צו זיך אין צימער, האָט זי צוערשט אויפגע־עפענט די פענסטער. די דינער האָבען זיי אוים פאָרזיכטיגקייט אין דער צייט פון שטורם צוגעמאַכט. סילוויא האָט געלעכצט נאָך לופט. די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען. אָבער עס איז נאָך געווען ליכטיג. אָבגעקיהלט, פייכט פון רעגען, און פול מיט ריחות, האָט די לופט אריינגעשטראָמט אין צימער. פון די בוי־מער און צווייגען האָבען נאָך די טראָפּענס געקאַפּעט. ביין האָריזאָנט, אָט דאָ, אָט דאָרט, האָט עס נאָך א בליץ געהטאָן.

סילוויא האָט זיך געלאָזען אָבקיהלען איהר הייסען שטערען

פון דעם בלאָזענדען ווינטעל, דאן איז זי צוגעגאנגען צו דער טיר, און איהר פערשלאָסען. עס וואָלט איהר געווען איצט זעהר אונאנגענעהם, ווען איהר מוטער וואָלט צו איהר איצט אַריינ־געקומען. און אויב זי וועט געפינען די טיר פערשלאָסען, וועט זי געוויס גלויבען, אז סילוויא שלאָפט, און איהר ניט שטערען.

דאן האָט זיך סילוויא א וואָרף געטהאָן אויף א שמאָלע סאָפע, האָט צוגעשלאָסען די אויגען מיט די ווערטער:

„אלזאָ, איצט מתודה זיך זיין... איך בין שולדיג... איך בין לייכטזיניג — און ווי זאָל איך עס רופען איינפאך מיט'ן ריכטיגען נאָמען, וואָרים, ווען איינער איז זיך מתודה, זאָגט ער ניט קיין ליגען, איך בין ליעבעס־דורשטיג. מיין ליעבע צו טאני, וועלכע האָט אויפגעפלאַמט אונטער זיין ערשטען קוש — איז עס איבערהויפּט ליעבע? אייגענטליך ניין, ווייל איצט געפעלט ער מיר אָפט אזוי ווייניג! ווייל פיעלעס, וואָס ער זאָגט צו מיר, בעריהרט מיך, ווי מיט א קאלטען וואסער־שטראָם. און דאָסזעלבע, וואָס איך האָב געפיהלט ביי טאני'ס ערשטען קוש, דאָסזעלבע האָב איך געפיהלט היינט און נאָך שטארקער, אין די אָרעמס פון הוגאָ ברעסער... הוגאָ ברעסער האָט מיך ליעב. דאָס האָב איך גאנץ קלאָר געפיהלט. ער האָט עס אויך געזאָגט: דער אויגענבליק, וועלכער האָט איהם געמאכט עהנליך צו גאָט, און וועלכען ער האָט היינט ערשט היינט געפיהלט.. דאָס איז געווען דער אויגענבליק, ווען ער האָט מיך, וועלכע האָט זיך ניט געוועהרט, צוגעדריקט צו זיין הארצען.... איך האָב איהם צוגעטרונקען... האָב איך דען דערמיט איהם ניט געזאָגט: „איך פערשטעה דיך"? וואָס וועט ער איצט קלערען און מעגען האָפען? און פאר וואָס וועל איך איצט מוזען מורא האָבען?...

אימיצער האָט אָנגעריהרט די קליאמקע פון טיר.

— איך בין עס מיין קינד. האָסט זיך שוין געלייגט שלאָפען?

סילוויא האָט ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טהאָן. זאָל זי

עפענען די טיר? זאָל זי דער איינציגער און אמת'ער פריינדין איהרער אַלעס דערצעהלען, וואָס עס קומט פאָר אין איהר נשמה? אָבער וויים זי דען עס אַליין? ניין, פריהער מוז זי מיט זיך אַליין קלאָר ווערען.

זי האָט ניט געענטפערט, און מארטא איז אוועק.

איצט האָט סילוויא צוגעמאכט די פענסטער, האָט אראָב־געלאָזט די פאָרהאַנגען און אָנגעצונדען ליכט. זי האָט זיך אוועקגעזעצט ביי איהר שרייב־טיש און האָט גענומען אין האַנד דעלגיצקי'ס בילד וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

לאַנג האָט זי בעטראַכט דאָס בילד. דערביי האָט זי זיך דערמאָנט אָן די געפיהלען פון צערטליכקייט און גליק וואָס זי האָט געגאָסען, און זי האָט זיך געזאָגט: דאָס איז דאָך ליעבע.

באַלד אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען וועקען אַלערליי צווייפלען אין איהר קאָפּ:

— איז עס אָבער אזא ליעבע, ווי איך האָב איהר איצט פער־שטאַנען, א ווירדיגע ליעבע?... און האַלט ניט זאָגאר די ליע־בע אין פערשווינדען, ווען אַנאַנדערער איז געווען אין שטאַנד פאַר אן אויגענבליק צו וועקען אין מיר א גלייכען געפיהל?.... און איבערהויפט ווען איך האָב אויסגעפונען, ווי ווייט העכער דער דאָזיגער אַנדערער איז איבער מיין חתן?... וואָס פאַר א שוואונג עס איז דאָ אין הונגאָ ברעסער'ס ווערטער, וועלכע טאַני האָט גערופען געשוואָלענע! נו יאָ, אין גרונד גענומען, האָט עס געקלונגען א ביסעל איבערטריבען, עקזאַלטירט, און ווער וויים, אויב ער האָט עס טאַקי געמיינט און געפיהלט; אויב ער האָט ניט געמיינט גאָר מיט דעם מיך צו פאַנגען, א סאָרט גע־שפּראָכענע פאָרטזעצונג פון זיין מוטהיגען ארומנעהמען מיך אין גאָרטען?... אפשר איז עס נור דער שטורם געווען שול־דיג, וואָס איך האָב אין יענעם אויגענבליק אויפגעציטערט, ווי אונטער אן עלעקטרישען קלאַפּ... איך ליעב דאָך ניט דעם ברעסער. מיין האַרץ האָב איך דאָך געשענקט טאַני... מיין

הארץ — אָדער איז עס אפשר גאָר — מאַכט ניט אויס, איך בין ווי יעדעס מענשענקינד, א זאַך פון נשמה און קערפּער.... מיט ווארים בלוט.... אָבער דאָס חתונה האָבען מיט איהם, מיין גאָט, צו זיין מיט איהם דאָס גאַנצע לעבען איין גוף און איין נשמה... און ווי, ווען די נשמה וועט עס ניט אויסהאַלטען? און דאָ העלפט ניט קיין לייקענען. אין דער לעצטער צייט האָב איך פיעלע זאכען געפונען אין טאַני, וואָס געפעלען מיר גאָרניט, און פיעלעס פעהלט איהם, וואָס איך האָב אומזיסט געזוכט, און דאַן איז מיין ליעבע געווען, ווי אויסגעלאָשען... אמת, נור פאַר א ווייל, און דאַן האָט זי פון דאָס־ניי אויפגעפלאַקערט, אָבער ווי, ווען דאָס פערלעשען וועט זיך ווידערהאָלען אלץ אָפטער און אָפטער? איצט איז נאָך צייט צוריקצוטרעטען....

און דאַן האָט זיך זיך אָנגעהויבען אויסמאָלען די מעגליכקייט פון אָפּברעכען די פערלאָבונג. איז עס ניט איהר פליכט — ווען אפילו אזא, וואָס טהוט איהר אזוי וועה? איז זי דען ניט זיך און איהם שולדיג אויפצולייזען א פערבינדונג, וועלכע זאָל איהר שפּעטער אזוי פערדריסען?

מיט א ראשען בעשלוס האָט זי גענעפענט איהר פּאָרטפעל, אום צו שרייבען א בריעף צו איהם. דאָרט, אין פּאָרטפעל, איז געלעגען א צעטעלע, וואָס זי האָט געפונען אריינגעשטעקט אין זיין ערשטען בוקעט, וואָס ער האָט איהר געשיקט, ווערענדיג אָפיציעל איהר חתן.

זי האָט דאָס צעטעלע אָבגערוקט אָן א זייט, אום ארויסצונעהמען א בויגען פּאַפּיר. דערביי איז איהר בליק געפאַלען אויף דעם אינהאַלט פון דעם צעטעלע, אָן וועלכען זי האָט שוין פערגעסען. דעלניצקי האָט איהר געשריבען:

„מיין גליק ווענען דעם „יא“, וואָס איך האָב בעקראָגען, איז אזוי גרויס, דאָס עס איז גאָר קיין מאָס ניטאָ פאַר דעם. נור עטוואָס וואָלט געקאָנט זיין נאָך גרעסער: מיין פערצווייפלונג, ווען עס וואָלט געווען „ניין“.

די ווערטער האָבען אריינגעדרונגען אין סילוויא'ס נשמה,

ווי א געשריי און א געבעט: אום גאָטעס ווילען, וואָס ווילסטו טהאָן? וואַרף מיך ניט אַריין אין די שרעקליכסטע פערצווייפ־לונג.

זי האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי שרעקליך ער וועט ליידען, ער, וועמען זי ליעבט דאָך. און דאַן האָט זי זיך פאָר־געשטעלט, ווי דאָס וועט אויפרעגען איהר מוטער, רודאָלף'ן, און דאָס ערגסטע — הוגא ברעסער'ס טריאומף, און זיין פאַלשע אויסטייטשונג פון איהר שריט, וואָס דאָס קען איהם נאָך פער־פיהרען צו אלערליי פאַלשע האָפנונגען. וואָרים, וואָס זי זאָל ניט טהאָן אין בעצוג צו טאני, אָבער וואָס אנבעלאַנגט הוגאָ ברעסער, דעם יונגען שריפטשטעלער, וועט זי וויסען, ווי איהם צו האַלטען פון דערווייטענס. דאָס איז זי דאָך איינפאַך שול־דיג איהר עהרע און ווירדע.

און ווידער האָט זי זיך געפיהלט צוטומעלט און אונענט־שלאָסען.

אַלס א פּראָבע בלויז האָט זי געוואָלט אויפשרייבען דעם בריעף, אָבער קיינמאָל איהם ניט אָבשיקען.

זי האָט איינגעטונקט די פעדער. דערביי האָט זי דערזע־העז דעם דימענטענעם רינג בליצען אויף איהר פינגער, די ערשטע מתנה פון איהר חתן. ווי האָט זי זיך דאַן געפרעהט איבער דעם פערלאָבונגס-רינג, די גאַראַנטיע פאַר דאָס געגע־בענע וואָרט, פאַר דאָס וואָרט, וואָס בינדט פאַר'ן גאַנצען לע־בען... שטיל האָט זי בעוועגט די האַנד, אום צו מאַכען די שטיינער פינקלען.

און איז עס ניט א העסליכע האַנדלונג צו ברעכען דאָס וואָרט? ניין, זי וויים ניט, וואָס זי זאָל טהאָן, וואָס איהר פליכט איז צו טהאָן.

אָבער יעדענפאַלס דעם בריעף מעג זי דאָך אָנשרייבען. און זי האָט ווי'עדער איינגעטונקט די טרוקען־געוואָרענע פען, און האָט אָנגעשריבען:

„מיין ליעבער דעלניצקי!“

מערקווירדיג, ווי איהר האנד האט איהר געציטערט — עס איז דאך גארניט איהר האנדשריפט.

„פערצייהט דעם ענטשלוס, צו וועלכען עס האט מיך גע־בראכט א רייפליכע איבערלעגונג. ניט איך און ניט איהר וואלטען גליקליך זיין" —

זי האט אויסגעשטראכען די גאנצע שורה. ווי שוואך דאס איז אויסגעדריקט... אריינשטעכען א מענשען א שפיז אין הארצען, און בעטען איהם אום ענטשולדיגונג, ניין, אונמעגליך אזוי.... און עס איז איבערהויפט אונמעגליך.

זי איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל, איז צוגעלאפען צום בעט, און געשטעלט זיך אויף די קניע, און איינגעגראבען איהר פנים אין די דעקע. זי האט געוואלט וויינען און בעטען....

זי האט הויך אויסגעקרעכצט: טאני, טאני, ליעב איך דען דיך ניט מעהר? און דאך קען איך זיך ניט צושיידען מיט דיר.ביידעס איז אזוי שרעקליך טרויעריג: דאס, וואס איך האב פערלארען מיין גליקס־געפיהל, מיין ליעבעס־ברויז און דאס מוזען זיך זעגענען מיט דיר.

איהר אויפרעגונג האט זיך באלד אויפגעלייזט אין טרערען. כמעט א שטונדע איז זי געבליבען אויף די קניע און האט געוויינט, צוערשט שטארק, דאן שוואכער און שוואכער.

זי איז געווארען שטארק מיעד, און די אויגען, ברענענדיגע פון פיעל וויינען, האבען זיך ביי איהר געשלאסען. זי האט זיך צוזאמענגענומען, האט זיך אויסגעטהאן צום שלאפען געהן, פול מיט בענעהר צו דער רוהע פון בעט. זי האט ניט גע־וואלט מעהר דענקען, נור שלאפען.

דאס געפיהל פון זיין אונגליקליך האט איהר פערלאזען... א ווארעמער, לינדער שטראם פון צערטליכקייט איז ארויסגע־שטיגען פון איהר הארץ גלייך מיט טאני'ס בילד. ווארום האט זי איהם בעוויינט, ווי א טויטען? ער לעבט דאך נאך, און אויך איהר ליעבע אטהעמט נאך... און דאס לעבען איבער־הויפט, דאס גרויסע, דאס רייכע לעבען, האט דאך פאר איהר

אזוי פיעל שעהנעם און זיסעס, און דאן דער שלאף.... ווי גוט וואלט עס איצט געווען צו פערלירען דאס בעוואוסטזיין און פערזינקען אין א טיעפען, טיעפען שלאף... זי האט זיך אריינגעגליטשט צווישען די קיהלע ליילאכער, האט אויסגעלאשען די ליכט, איינגעגראבען דעם קאפ אין די קישענס, און מורמלענדיג: „גוטע נאכט, טאני", איז זי אין איינינע מינוטען איינגעשלאפען.

זעקסטער קאפּיטעל.

— איז עס אמת, רודי? דו ווילסט זיין א קאַנדידאַט פאר'ן פּארלאַמענט? ווי דאָס פרעהט מיך!

רודאָלף האָט אויפגעבליקט איבערראַשט פון זיין צייטונג צו זיין יונגער פרוי.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? און וואָרום פרעהסטו זיך?

בעאַטריס, וועלכע איז נאָך ניט אין גאַנצען פּארטיג גע־ווען מיט איהר אָנבייסען און האָט געהאַלטען ביים אָנשמירען א זעמעל מיט פּוטער, האָט געמאַכט א בעוועגונג מיט'ן קאָפּ, אזוי ווי זי וואָלט זיך געפיהלט שטאַרק געערגערט.

— פון וואַנען ווייס איך עס? פון פרעמדע מענשען, ווייל דו האַלטסט מיך ניט פאר גוט גענוג צו דערצעהלען מיר אזא וויכ־טיגע זאַך. און איך פרעה מיך צוליעב דעם כבוד — אין דער פּאָליטיק קען מען דאָך געהן גאַנץ הויך... אפשר ווערסטו נאָך מיניסטער...

— דאָס וואָלט מיר געווען זעהר ליעב, ווייל אין אזא שטע־לונג וואָלט איך געקאָנט אויסאיבען גרויסען איינפלוס אין דער ריכטונג, פון וועלכער איך טרוים... אָבער דער וועג פון אן אָבגע־אָרדענטען ביז צום מיניסטער איז א גאַנץ ווייטער. און דאָס, וואָס איך האָב דיר ניט דערצעהלט, אָבער, טריקסי, דו אינטע־רעסירסט זיך דען מיט פּאָליטיק?

— ניין, א דאַנק גאָט, איך אינטערעסיר מיך גאָרניט דער־מיט — דאָס הייסט, אז דו וועסט שוין זיין אין דעם, וועט עס מיך אמוזירען.

— אמוזירען?

— נו, געוויס, ווען מען וועט זאָגען: דער אָבגעאָרדנע־טער גראַף דאָצקי האָט געהאַלטען א רעדע... פון וואָס רעדען

מען דאָרט ?.... איבער זאַלץ־שטייער, אָדער איבער נייע געווער — ווערט עס דאָך זיין אמת לוסטיג.

— לוסטיג ?

—— נאַטירליך, וועסטו זיך אָנשליסען צו די קאָנסערוואַטיווע.

— ווי, דו ווייסט אויך, ווי די פּאַרטייען הייסען און ווי זיי ציינען צוטהיילט.

— דאָס האָט געזאָגט מאַמאַ און הערר וועגעמאַן. רודאָלף האָט געשמייכעלט.

— אה, דער מיניסטער „אודאי", וועלכער הייסט שוין איצט מיניסטער „פון דער אנדערער זייט."

בעאַטריסע האָט ווייטער גערעדט :

— מענשען פון אונזער ראַנג געהערען אימער צו די קאָנסערוואַטיווע, איבערהויפּט אַלע אַנשטענדיגע מענשען....

— איך שטוין...

— דו וועסט דאָך מיר זעהען פערשאַפען א גוטען פּלאַץ אויף דער גאַלערעע, ווען דו וועסט האַלטען דיין ערשטע רעדע. דאָס וועט מיר זיין פיעל ליעבער, ווי א טהעאַטער.

— אָבער איך בין נאָך ניט אויסערוועהלט.

— אַלס גרויסער גרונד־בעזיצער — אויך דאָס ווייס איך פון אונזער מיניסטער — ביזטו דאָך בערעכטיגט...

— אָט, ווען איך וואָלט מיך אָנגעשלאָסען אָן איינע פון זייערע פּאַרטייען — עטוואָס, וואָס איך וויל ניט טהאָן — איך האָב בדעה, אָבער דאָס פערשטעהסטו ניט. איבער דעם, ווי איך דענק און פיהל, דאָס האָט דיר דער מיניסטער „פון דער אַנדערער זייט" ניט געקאָנט דערצעהלען, ווייל דאָס געפינט זיך אויסער דער ספּערע פון זיין פּאָליטישען גערדאַנק. איך האָב איהם איינמאָל געגעבען א פּאָר אָנצוהערענישען, האָט ער מיך אַזוי אָנגעקוקט פּונקט, ווי איך וואָלט צו איהם גערעדט אויף טערקיש. ווען איך וואָלט דיר געוואָלט איצט ערקלערען —

— ניין, דאָס דאַרפסטו ניט. פאַר מיר איז אַלעס טערקיש,

וועגען וואָס עס ווערט גערעדט און פערהאַנדעלט אין די הויכע הייזער. איך לייען קיינמאָל ניט וועגען דעם אין די ציימונגען. דאָס איז ניט פאַר אונז, פרויען. מיט אונז האָט מען דאָך ניט געלערענט לאַטייניש און גריכיש — דאָס בילדעט דאָך דעם פערשטאַנד, און אויך דאָס קענען נור די מענער... און איבערהויפּט אַלעס, וואָס האָט צו טהאָן מיט פּאָליטיק, דאָס איז דאָך אַזוי באַנאַל.... אפשר ניט פאַר די מענער, אָבער די האָבען דאָך אַ גאַנץ אַנדער גייסט....

— וו עס זעהט אויס, וואָלסטו ניט געשטאַנען אין דער פרויען־פראַגע אויף דער זייט פון דיינע געשלעכט־גענאָסינען?

— פון עמאַנציפּאַציע — אויסער דאָס רויכערען פון סיגאַרעטען — וויל איך ניט וויסען. וואָלסטו זיך געוואונשען אַן עמאַנציפּירטע פרוי?

— אַזעלכע, ווי דו שטעלסט זיך פאַר, געוויס ניט. איבערהויפּט ווינש איך זיך ניט קיין אַנדער פרוי — דו ביסט אַ ליעבער אוצר... און איך בעט דיך, בלייב געטריי דיין פיינדשאַפט צו פּאָליטיק אפילו דאַן, ווען איך זאָל מיך מוזען אין איהר אריינוואַרפען. פּרוביר ניט דאַן מיר פּאַרצושלאָגען אַ געוויסע ריכטונג, ווי דו האָסט עס פריהער געטהאָן מיט די קאָנסערוואַטיווע און אַנשטענדיגע. וואָס מאַכט אונזער פּריצי? האָט איהם די מיידעל אין גאָרטען ארויסגענומען?

—— יאָ, אונטען דער לינדע... קום, לאָמיר געהן צו איהם. און זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— געה דו. איך האָב צו ארבייטען.

— אהא, אָט זעהט מען שוין דעם שטאַאַטסמאַן — האָט בעאַטריסע געזאָגט לאַכענדיג — ארבייטען מוז ער!

זי האָט זיך געשטעלט הינטער זיין שטוהל, האָט ארומגעלייגט איהר אָרעם ארום זיין האַלז און האָט אַ קוש געטהאָן זיין שטערען — ער מוז ארבייטען — דעם שיקזאַל פון עסטרייך קירעווען און דערביי פערנאַכלעסיגען זיין ווייב און קינד. אַדיע,

אלזאָ, צובּרעך זיך נור ניט דעם געליעבּטען קעפּעלע. גיבּ מיר א קושעלע.

ער האָט אוועקגעלייגט די צייטונג און האָט צוגעצויגען צו זיך זיין פרוי.

— נאָך צוויי, טריקסי, אויף יעדע איינע פון דיינע באַקען־גריבּעלעך.... אדיע, און גרים מיר אונזער קרוינפּרינץ.

— פאַר איהם וועל איך א נייע וויעג־ליעד דיכטען:

שלאָף, קינדעלע, שלאָף,
דיין פאָטער איז א גראָף.

— דאָס איז ניט זעהר ניי.

— ווארט נור:

שלאָף דו, קליינער אריער,
דיין פאטער איז א פּארלאַמענטאַריער.

מיט א לייכטען טריט איז זי ארויס דורך די אָפענע פענסטער־טיר אין גאָרטען. דערביי האָט געפלאַטערט דאָס ווייסע טוך פון איהר שלאָפראָק, און די שטראַהלען פון דער מאָרגען־זון האָבען זיך פערפלאָנטערט אין איהרע בלאָנדע האָר.

מיט א פערגניגטען שמייכעל האָט איהר רודאָלף נאָכגעקוקט:

„ליעבּע קליינע פויגעלע.... און פון אזא פויגעלע פערלאַנגט מען דאָך ניט דעם געהירן פון אן אָדלער!“

דאן האָט ער זיך אויפגעהויבּען און איז אוועק אין דעם ערשטען שטאָק פון זיין ארבּייטס־צימער.

דיזער צימער איז אין הויז געוועזען בּעקאַנט אונטער דעם נאָמען „האַרלעקינזאַל“. ווי די צוויי־פאַרבּיגע קליידער פון דעם קאָמעדיאַנט, אזוי איז דאָס צימער געוועזען צוטהיילט אין צוויי העלפטען, וועלכע האָבען זיך אין אַלץ אונטערשיידעט איינע פון דער אַנדערער. ביי דער ענד פון יעדער העלפט זיינען געוועזען בּרייטע דאָפּעל־פענסטער, אין וועלכע עס האָט אריינגעקוקט די גרינקייט פון די בּוימער. אין יעדער העלפט איז געשטאַנען א גרויסער שרייבּ־טיש, אזוי אויסגעשטעלט,

אז די ליכט זאָל פאַלען געגען די האַנד. איןביידע העלפטען פון צימער זיינען געווען ביכער־שראַנקען, אָבער איין העלפט איז געווען אין ווייסען, די אַנדערע אין שווארצען האָלץ. איין העלפט איז געווען פאַר געשעפט, די צווייטע א שטודיר־צימער.

די צוטהיילטקייט פון רודאָלף׳ס לעבען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דעם צימער. אויף איין זייט: ווירטשאַפטס־ביכער, געשעפטס־בריעף, שטייער־בויגענס, לאַנדווירטשאַפטליכע צייטונגען, פּראָספּעקטען פון מאַשין־פאַבריקען און פון תבואה־געשעפטען; פערזיכערונגס־פּאָליסים, מוסטערס פון האָלץ און שטיין, און א גאַנצע ביבליאָטהעק פון פאַך־ביכער איבער פעלד־און גאָרטען־אַרבייט, איבער פרוכט־און פיה־צוכט, איבער מילך־ווירטשאַפט און וואַלד־קולטור. אויף די ווענדע האָבען זיך געזעהען די הערנער פון הירשען און אַנדערע חיות, אויך פאָטאָגראַפישע בילדער פון פערשיעדענע געביידען און פלעצער, וואָס האָבען געהערט צו גראַף דאַצקי׳ס אייגענטהום; אין דער צווייטער העלפט פון צימער איז דער אַרבייטס־טיש געווען בעדעקט מיט מאָנאַט־און וואָכען־שריפטען פון א סאָציאַל־פּאָליטישען אינהאַלט. בריעף פון פערשיעדענע געלעהרטע און שריפטשטעלער, אויף וועלכע ער האָט בעדאַרפט ענטפערען, און מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין א שטענדיגער קאָררעספּאָנדענץ. א פּאַק ביכער, נור וואָס צוגעשיקט פון דעם ווינער בוכהענדלער, אום זיי אָנצוקוקען, און אימער די נייסטע ערשיינונגען פון וויסענשאַפט און ליטעראַטור. דאָס מאָל איז עס געווען דער לעצטער ניטשע: „געטערדעמערונג“, „לוקינג בעקוואַרד“ פון בעללאַמי, „די גרונדלאַגע פון דער עטהיק“ פון הערבערט ספּענסער, „אַלטע און נייע וועלט־אַנשויאונגען“ פון קאַרוס שטערנע, „ענטוויקלונג צו גליקזעליגקייט“ פון קאַרנערי. אין די ביכער־שראַנקען זיינען געשטאַנען די ווערק פון מאַרקס, לאַסאַל, ענגעל, הענרי דזשאָרדזש, אויגוסט קאַנט, ליטרע, ערנסט העקעל, סטיואַרט מילל, האַקסלי, באָקל, שטרויס, ווירכאָוו, בערטהעלאָט, אַלפרעד פוילע, גיוא און אַנ־

דערע. אין אַן אָפענעם ביכער־רעגאַל זיינען געווען ווערטער־ביכער, לעקסיקאָנס. אין אַן אַנדערע זיינען געשטאַנען די ווערק פון זיינע ליעבלינגס־דיכטער: געטהע, ביראָן, וויקטאָר הוגאָ, קיטץ, שעללי, פּלאַטען, מוססע, לאָנגפעללאָו און אויך פון די סאַמע אינגסטע פון דאַן: ליליענקראָן, הענקעל, הארט. דאַן זיינען געווען דאָרט פּראָזא־ווערק ווי טאָלסטאָי׳ס „קריעג און פריעדען", זאָלאַ׳ס „זשערמינאַל". אויף די ווענד זיינען געווען שטערן־קארטען און די פאָטאָגראַפיען פון די בעריהמטע בילדער פון די קינסטלער: גאַבריעל מאַקס, בעקלין, קלינגער, פיגעל־היים, ווערעשטשאַגין. אויך זיינען געווען אייניגע פּאָרטרעטען: דארווין, איבסען, ריכארד וואַגנער.

רודאָלף איז אריין אין זיין צימער, האָבענדיג בדעה אָנצושרייבען אַ פּראָגראַם פאַר זיין קאַנדידאַטור, אַלס אַבגעאָרדענטער. אַזוי ווי ער האָט זיך ניט געוואָלט אָנשליסען אָן קיינע פון די עקזיסטירענדע פּארטייען, האָט ער געמוזט אויפגעבען איינפאַך צוצושטעהן צו איינער פון די גרופּפּען פון די גרויסע גרונד־בעזיצער. ער האָט געהאַט בדעה צו לאָזען זיך וועהלען אין וויען אויף דעם גרונד פון זיינע אייגענע פּאָליטישע אידעאַלען. אָט דאָס האָט ער געוואָלט אויפשרייבען, צוערשט פאַר זיך זעלבסט, ניט צום דרוקען און צום פערשפּרייטען. ער מוז פריהער מיט זיך אַליין זיין זיכער און אייניג, אין וואָס פאַר א פאָרם אָנצוקליידען די ציעלען, וואָס שוועבען פאַר זיין גייסט. דאָס מוז זיין א גוטע און אַן ערנסטע שטיק ארבייט.

איידער ער האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש, איז ער צוגעגאַנגען צום פענסטער. פון דאָרט האָט ער געזעהען א זעהר שעהן בילד.

אין דעם שאָטען פון דעם אַלטען לינדענבוים, אויפגעפּאַסט פון א מיידעל אין א רוסישען בויערען־קאָסטיום איז געשטאַנען די וויגעלע פון זיין זוהן, צו וועלכער עס איז איצט צוגעקומען זיין בעאַטריסע פון א דערבייאיגער אַלעע, אין איהר ווייסען פלאַטערענדען קלייד, און האָט זיך איבערגעבויגט איבער

די ווינעלע. רודאָלף איז געבליבען שטעהן ביין פענסטער און זיך צוגעקוקט צו דער פאַמיליען־סצענע. אם ליעבסטען וואָלט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן זיי, און דאן וואָלט דאָס בילד געווען פאָלשטענדיג. אָבער ער איז דאָך געקומען אהער צו ארבייטען.

לאַנגזאם האָט ער פערלאָזען דאָס פענסטער, און זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען אין דער צוויי־טער העלפט פון צימער. האַרט, אויף דעם טיש פון דעם לאַנד־אייגענטהימער, האָט ער דערזעהען א נייעם פּאַקעט, וואָס איז איהם געווען אונבעקאַנט. און וואָס איז נור וואָס געבראַכט גע־וואָרען פון דער פּאָסט. און ער האָט געמוזט זעהען, וואָס דאָס איז, אפשר איז דאָס זעהר וויכטיגעס.

ער איז צוגעגאַנגען, פאַרנאַנדערגעעפענט דעם פאַקעט און ער האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט מיט א צייט צוריק בע־שטעלט: אייניגע קליינע מוסטערס פון דרעש־און זעע־מאַשי־נען. שוין האָט ער געוואָלט קלינגען און לאָזען רופען דעם פער־וואַלטער. האָט ער אָבער גלייך זיך דערמאָנט, דאָס איצט האָט ער עטוואָס אַנדערעס צו טהאָן. ניט קיין קלענערע זאַך, ווי צו פערפאַסען א פּראָגראַם, וואָס זאָל בילדען מיט זיך דעם אויס־גאַנגס־פּונקט פון זיין עפפענטליכער טהעטיגקייט.

פערטיעפט אין געדאַנקען איז ער צוריקגעגאַנגען צום שרייב־טיש פון זיין „סטודיאָ“, און צום ערשטען מאָל איז איהם געקומען דער געדאַנק אין קאָפּ: „מען קען ניט דיענען קיין צוויי באַליבאַטים“, און דאָ זיינען גאָר דריי: די פאַמיליע, די לאַנד־ווירטשאַפט און דערצו נאָך זיין א לעהרער און א בויער פון א נייעם לעבען. צו דעם אלעם קומט נאָך צו דאָס, וואָס העננט צוזאַמען מיט זיין לעבענס־שטעלונג: דער אומגאַנג מיט די, וואָס זיינען פון דעמזעלבען שטאַנד, ווי ער, פון דעם וואַק־סען שוין ארוים געוויסע געזעלשאַפטס־פליכטען: די שכנים מיט זייערע וויזיטען, זייערע פערגניגענס; דאַן די יאַגדען אויף דעם אייגענעם גוט, און דערביי ווערט ברונהאָף איבערפילט מיט געסט, און די טעג און די אָבענדען זיינען פערנומען מיט

ספאָרט, מיט שפּיעלען אין ביליארד, אין קאָרטען. דאָס איז א געזעלשאַפטס־קרייז, וועמעס אינטערעסען און בעגריפען זיינען דורך א גאַנצען אָבגרונד אָבגעשיידט פון די אינטערעסען און בעגריפע, וואָס פילען אויס זיין לעבענס־אויפגאַבע.“

דאָך האָט רודאָלף פּרובירט צו פערטרייבען פון זיך דער־וויל דעם געדאַנק, אז מען קען ניט דיענען צוויי הערען: עס איז דאָ א גאַנצער צירקעל פון פליכטען און, פאַרפאַלען, מען דאַרף זעהען זיי אַלע ערפילען... אַלעס אין זיין צייט.... און דאָס לעבען דאַרף מען אויך געניסען. איך וועל זיך דאָך ניט ענט־זאַגען פון אַלע די פערגניגענס, וואָס איך קען קריגען פון מיין פאַמיליע און פון מיינע געזעלשאַפטליכע קרייזען.... און מען טאָר ניט פערנאַכלעסיגען די פליכטען, וואָס מען איז שולדיג צו די אַנדערע קרייזען פון בעקאַנטע און פריינד, ווען מען וויל האָבען א ווירקונג אין עפענטליכען לעבען. מען דאַרף נור זיך אָבגעבען אין גאַנצען צו א געוויסער זאַך אין די שטונדען, ווען מען טהוט עס. צו דער ארבייט, אַלזאָ!

ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר זיך א ווייס בלאַט פּאַפּיר און האָט גענומען די בלייפעדער אין האַנד. אָנשפּארענדיג דעם שטערען אויף די לינקע האַנד, האָט ער מיט דער רעכטער מע־כאַניש געמאַכט איינינגע שטריכען אויף דעם אויבערשטען ברעג פון דעם ליידיגען פּאַפּיר. זיינע געדאַנקען האָבען גע־צויגען ווייטע צירקלען. דעם גאַנצען אינהאַלט פון זיינע אַנ־זיכטען, שליסע און פערלאַנגען האָבען זיי ארומגעכאַפּט. דעם אונטער־גרונד האָט געבילדעט זיין בעוואוסטזיין, דאָס ער האָט צו פערקינדען פאַר דער וועלט איינינגע גאַנץ נייע און גרויסע אמת׳ען אין פּאָליטישען לעבען און סאָציאַלע איינריכטונגען. נור מען מוז זיי דייטליך און קלאָר אויסדריקען. כדי טהעאָרע־טישע וואהרהייטען זאָלען זיך פערוואַנדלען אין פּאָליטישע אינ־סטיטוציאָנען און סאָציאַלע זיטען, מוזען זיי פריהער אריינ־דרינגען אין די קעפּ פון די פיהרער און פון די מאַסען. אמת, דער איינצעלנער אָבגעאָרדנעטער האָט ניט די מאַכט פאַר די

פערווירקליכונג פון נייע אידעען. דער פארלאמענט איז ניט קיין ווערקשטאט, אָבער ער איז א טריבונע. צו דער דרשה אין דער קירכע הערט זיך צו נור א קליינע געמיינדע; די רעדע אָבער אין פארלאמענט, איבערגעדרוקט אין אלע צייטונגען, דרינגט אריין אין דאָס גאנצע לאנד; און נאָך איבער די גרענעצען.

און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. איינצעלנע הויפּטווערטער, אָבגעטהיילט דורך פּונקטען: גערעכטיגקייט, געמיינוואָהל, פריעדען, און נאָך אזא גאנצע רייהע פון ווערטער, וועלכע, ווען ער האָט זיי אויפגעשריבען, האָבען אָנגעפילט זיין נשמה מיט א גאנצער קייט פון בעגריפען און בילדער, פול גרויסקייט, אָבער, ווען ער האָט זיי איבערגעלעזען, איז איהם געקומען דער געדאנק, דאָס די אלע ווערטער זיינען דאָך שוין אָבגעריבענע מטבעות, ניין, נאָך ערגער, פאלשע שפּיעלמארקען. וואָרים זייט יאָהרען און יאָהרען, ביי יעדער פּראָגראם־רעדע, אין יעדען וואהל־אויפרוף ווערען געברויכט אזעלכע און עהנליכע ווערטער, טו ווי קען דורך זיי אויסגעדריקט ווערען דאָס ערהאבענע, דאָס נייע, וואָס שוועבט פאָר זיין גייסט? גאָלד, עכטעס גאָלד איז עס געווען, וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען צו זיינע מיטמענשען. ווען ער וועט צו זיי קומען מיט דיזעלבע מעשענע מארקען, ווי די אנדערע, טו ווי אזוי וועלען זיי איהם קענען טרויען? ווי אזוי וועלען זיי דערקענען דעם ווירקליכען אוצר, וואָס ער האָט פאר זיי? אמת, גערעכטיגקייט, געמיינוואָהל, פריעדען, בעסערעס קען קיין פאָלקס־פערטרעטער ניט צוזאָגען, דאָס טרויעריגע אָבער איז, אז דאָס ווערט צוגעזאָגט פון אלע, וועלכע טהוען פונקט דאָס פערקעהרטע, וועלכע, אָנשטאָט גערעכטיגקייט העלפען זיי דער געוואלט, אָנשטאָט צו זעהען, אז עס זאָל הערשען פריעדען צווישען מענשען, העצען זיי גאָר איינע געגען די אנדערע, און שטעלען דאָס וואוילזיין פון זייער פּארטיי העכער, ווי אלעם אנדערע, פאר די מעהרסטע מיינט פּאָליטיק קיין אנדער זאך, ווי דער קאמפּף פון קלאסען־

אינטערעסען, אָדער אויך א מיטעל פאר די בעפרידיגונג פון פערזענליכען עהרגייץ, אָדער צו קריגען א גוט־בעצאָהלטע שטע־לע. און דאָס אלעס געהט אונטער די ווערטער: „גערעכטיגקייט און דאָס וואָהלזיין פון אלע".

רודאָלף האָט געברויכט צו האָבען אן אנדער וואָרט. וואָס מען דארף, איז ניט דאָס אויסרעכענען פון אלע מאָראל־לעהרען, פון אלע שעהנע ווערטער, מיט וועלכע עס שוויבעלט און גריבעלט אין אלערליי פעסט־רעדען. וואָס מען דארף איז — ער האָט דאָס ריכטיגע וואָרט: „פ ע ר ז ו י ר ק ל י כ ו נ ג."

ער האָט טיעף אויפגעאָטהעמט. ווי א כוואַליע פון ענער־גיע און פון א וואונש צו טהעטיגקייט האָט זיך עס א גאָס געטהאָן פון זיין ברוסט. ער איז אויפגעשפרונגען און איז גע־גאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק. איצט האָט זיין געדאַנ־קען־גאַנג אָנגענומען אַנאַנדער ריכטונג. טהאָן, טהאָן! וואָס קען אָבער אן איינצעלנער אָבגעאָרדנעטער טהאָן אין זיין ענגען קרייז פון מאכט? ער קען פאָרדערען. די פערשפּרעכונגען און פראזען, מיט וועלכע אלע רעדען זיינען אזוי פול, די קען ער האַלטען פעסט, בעשטעהן אויף זייער פערווירקליכונג.

ביין וואָרט זיי נעהמען. יאָ, דאָס איז עס. די גאַנצע פוסטע קלינגעריי פון די גרויסע ווערטער, ווי מוז דאָס ווערען צו א ברויזענדער האַרמאָניע, אז מען זאָל נור ארויסנעהמען פון זיי זייער טיפען זין און לאָזען זיי ווערען א טהאַט. אן אויפבלי־צען פאר א סעקונדע איז דורכגעלאָפען דורך רודאָלף'ס מוח. ווי א לאַנדשאַפט, ווערענדיג בעלויכטען פון א בליץ, אזוי דייט־ליך, אָבער פונקט אזוי פאַראיבערפליהענדיג, איז פאר איהם ער־שינען א גאַנצע רייהע פון לעבעדיג־געוואָרענע ווערטער: וואָהלשטאַנד, פרייהייט, פרידען, רעכט. די אלע פיער פער־שמאָלצען צוזאַמען בילדען דעם הערליכען בעגריעף „גליק".

באַלד אָבער איז ווידער אלעס פינסטער געוואָרען. אָבער ער האָט געפיהלט, אז ער וועט שפּעטער זיך קענען ווידער פאַר־שאַפען דאָס נויטיגע ליכט. נור זיך צוזאַמענגעהמען, א קורצע

אנשטרענגונג, און דער גרויסער אוצר פון אידעען וועט באלד ווידער קומען, אום צו לאזען זיך אויפנעהמען — א פערעל נאך א פערעל, א דימענט נאך א דימענט — אלזא, צו דער ארבייט, גלייך!

— הערר גראף, א טעלעגראמע.

רודאלף איז געווארען גוט בייז. אבער, נאטירליך, מיט א טעלעגראמע האט דער דינער געמוזט קומען זאגאר אין דעם קדשי קדשים פון זיין סטודיא. עס האט דאך געקאנט זיין עט־וואס, וואס טאר ניט אבגעלייגט ווערען.

דאס מאל איז עס געווען די ידיעה, דאס דעם פאלגענדען טאג מעג זיך ברונהאף ריכטען אויף געסט, כאטש אונגעבעטענע. די מאנעוורען פון דעם יאהר האבען שטאטגעפונען ניט ווייט פון שלאס און דער קווארטירמייסטער האט טעלעגראפירט, אז ער קומט אין אייניגע שטונדען ארום, און דאס נאך איהם קומט איין גענעראל, איין פאלקאווניק און מעהרערע אפיצערען.

נאטירליך, האט מען זיך גלייך געמוזט נעהמען זיך פאר־בערייטען פאר זייער אויפנאהמע. עס מוזען, אלזא, ארויסגעגע־בען ווערען פערשיעדענע בעפעהלע, און דאס שרייבען פון דעם פראגראם מוז דערווייל אויפגעגעבען ווערען. און דאס האט אין גאנצען איבערגעפיהרט רודאלף'ס שטימונג. דער ענד־צוועק זיינער איז צו שאפען אזעלכע צושטענדע, אין וועלכע די פעלקער זאלען בעפרייט ווערען פון אלערליי מיליטער־לאסטען און קריעגס־געפאהרען, און דער צוועק, וואס ער מוז גלייך אויפ־נעהמען, איז פארצובערייטען א רייכע, א הערצליכע, א לוסטי־גע אויפנאהמע פאר די מיליטער־מענשען, וועלכע קומען ערשט פון א קריעגס־פראבע.... ניין, מען קען ניט דיענען צוויי הערען...

זיעבעטער קאפיטעל.

הוגא ברעסער'ס ליידענשאפט איז אויפגעבלאזען געוואָרען דורך דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך דעם שטורם, ביז צום העכסטען ברען. צוערשט יענער גליקזעליגער אויגענבליק, ווען ער האָט איהר געהאלטען אין זיינע אָרעמס, דאן די בעגייסטערונג, אין וועלכע ער האָט זיך אריינגעבראכט דורך זיינע אייגענע ווערטער, זיצענדיג ביין מאָהלצייט, און דערביי האָט ער געזעהען, ווי די אויגען פון דער געליעבטער האָבען ניט געזעהען קיין אנדערען אויסער איהם; דאן איהר מינע, ווען זי האָט איהם געענטפערט אויף זיין טאָסט, צוטרינקענדיג צו איהם, און צולעצט איהר אנטלויפען פון צימער. דאָס אלעס האָט איהם אויסגעזעהען, אזוי ווי צווישען זיי ביידע וואָלט געווען אן איינפערשטענדניס. היים און שטארק האָט ער געפיהלט, דאָס עטוואָס נייעס איז אריינגעטרעטען אין איהר און זיין לעבען. זיי האָבען זיך געליעבט. זיי מוזען געהערען איינער צום אנדערען, ניט קוקענדיג אויף אלע שטערונגען... די פערלאָבונג איהרע מיט דעלניצקי מוז צוריקגערופען ווערען.

ברעסער האָט שוין דעם פאָלגענדען פריהמאָרגען געמוזט פערלאָזען דעם שלאָס ברונהאָף, ווייל ער האָט בעדארפט אין וויען ארום מיטאָג-צייט זיין ביי א קאָנפערענץ פון יענע מענשען, וועלכע האָבען געהאט בדעה צו גרינדען א נייע צייטונג, אין וועלכער ער האָט עס געוואָלט זיין דער פעליעטאָן-רעדאקטאָר.

נאטירליך, האָט ער ניט געקאָנט געהן און זיך זעגענען מיט קיינע פון די דאמען פאר זיין אוועקפאָהר. אָבער פאר סילוויא האָט ער איבערגעלאָזען א שטומע שליחות אין דער פאָרם פון א בוקעט, וואָס ער האָט אליין אָבגעריסען אין סאָד

און גשבונדען און דאָס איבערגעבען סילוויא'ס קאמער־מיי־דעל, זי זאָל עס ארויפליינען אויף דעם טואלעטען־טיש פון איהר באַליבאַסטע. דער בוקעט איז ניט געווען זעהר גע־שמאקפול צוזאמענגעשטעלט: א ראָזע, א פּאָר פוקסיען, דריי מאַנבלומען און ארום א דאָלדערינג פון „ברענענדער ליעבע". זי וועט שוין פערשטעהן, וואָס ער וויל דערמיט זאָגען, האָט ברעסער זיך געטראכט.

ער איז אריין אין א ליידיגען וואגאָן. זיינע גדאַנקען זיינען געפלויגען פון די נעכטיגע פּאסירונגען צו דעם קאָנפע־רענץ, וואָס דארף היינט פּאַרקומען, און באַלד צוריק צו סיל־וויא'ס בילד. איצט האָט איהם דאָפּעלט אינטערעסירט די גרינ־דונג פון דער צייטונג, ווייל גראַדע איצט איז עס געווען, ווי געוואונשען פאר איהם, ער זאָל פערנעהמען א פעסטע שטעלע אין דער זשורנאַליסטישער וועלט, ווי אויך אין זיין קאריערע, אלס שריפטשטעלער. ליעבע פייערט אויף די עהרגייציגקייט. איצט האָט ער געוואָלט דערגרייכען עטוואָס גרויסעס מיט זיין פעדער. גרויסעס, אלס דיכטער, און אפשר נאָך גרעסערעס, אלס פובליציסט. ער האָט געטרוימט פון אריינפיהרען א נייעס, א העכערען טאָן אין די טאָג־פּרעסע, ווירקען פאר די ציעלען פון סאָציאלער ענטוויקלונג, צו געבען די שטיצע פון דער עפענטליכקייט צו די אידעאלע שטרעבונגען פון רודאָלף, איהר ברודער, העלפען איהם מיט דעם, וואָס ער וועט רודאָלף'ס גע־דאַנקען, ארויסגערעדט אין פּארלאמענט, ענטוויקלען אין זיין צייטונג. ווייל צו דעם, וואָס ער זאָל זיין דער איינציגער פיה־רער פון דעם פעליעטאָן, זאָל ער אויך האָבען א פּלאַץ אין דער פּאָליטישער אבטהיילונג. דאָס איז געווען א קאמפף־פעלד, אויף וועלכען ער וועט קענען פיעל זיעגע פאר זיך ערקעמפפען. און ער האָט געוואָלט ארויסקומען, אלס זיעגער. ער האָט גע־וואָלט, אז זי זאָל קענען מיט איהם שטאָלצירען. און ווער וויים, אפשר וועט ער נאָך קענען עראָבערען פאר זיך די ביהנע. זיין קאָפּ איז אזוי פול מיט אלערליי דראמאטישע סוזשעטען, און דאן וועט ער צוזאמען מיט זיין בעריהמטקייט אויך פיעל

געלד פערדיענען. א שווערד, א קרוין און א צויבער־שטאָק זאָל פאַר איהם זיין פען ווערען...

אויף א צווישען־סטאַנציע איז אין דעם וואַגאָן אריין אַן אַלטער מאַן — צופעליג א בעקאַנטער דאָקטאָר, זיין פאָטער'ס א קאָללעגע.

הוגאָ'ן וואָלט געווען פיעל ליעבער אַליין צו בלייבען. ער האָט געפיהלט זיך געשטערט פונקט ווי אימיצער, ווען מען שטערט אין מיטען צעהלען זיין אוצר.

— אַך, גוטען טאָג, ברעסער — דאָס איז ווירקליך אַן אַנ־גענעהמע בעגעגעניש. איהר זעהט אויס פרעכטיג און אזוי שטראַהלענדיג.

די ווערטער פון דאָקטאָר זיינען געווען ווירקליך זעהר צו־טרעפענד. פון די אויגען פון דעם יונגען מאַן האָט ארויסגע־בליצט אזא פייער, אזא זיעגהאַפטער אויסדרוק האָט בעלויכטען זיין פנים, דאָס ניט בעמערקען עס איז געווען אונמעגליך.

— איהר זעהט אויס, ווי איהר וואָלט איצט געקומען פון א קאַלט־וואַסער־וואַנע, אָדער אזוי ווי איהר וואָלט געפאָהרען נאָך וויען, אום אָבצונעהמען דעם הויפט־געווינס — האָט דער דאָק־טאָר געזאָגט גוטמוטהיג.

נאַטירליך האָט שוין הוגאָ איצט געמוזט זיך זעגענען מיט זיינע טרוימען און געדאַנקען און האָט זיך געמוזט פאַר די גאַנצע איבעריגע רייזע ביז וויען אריינלאָזען מיט דעם דאָקטאָר אין א וואָכעדיגען שמועס.

אָנקומענדיג אין וויען, איז ער אריין אין א קאַפע, וואו ער האָט געגעסען אָנבייסען און געלעזען די צייטונגען. ער האָט איצט ניט געלייענט די צייטונגען צוליעב די נייעס, נור ער האָט בעטראַכט, אין וועלכער אָרדנונג זיי זיינען אויסגעשטעלט, האָט קריטיקירט דעם „סטיל" און די טענדענץ פון די קאָמענטאַרען צו די נייעס און האָט אין גייסט עס פערגליכען מיט דעם אי־דעאַל־בלאַט, וואָס דאַרף עס היינט געגרינדעט ווערען.

און ווען ער האָט ארויסגעקוקט פון דעם ברייטען פענס־

טער, ביי וועלכען ער איז געזעסען, אויף די גאַס, וואו מאַנכע גאַנץ שעהנע פרויען זיינען פערביינעלאָפען — פערקויפערינס, וועלכע האָבען זיך געאיילט אין זייערע מאַגאַזינען — האָט ער אויך זיי ניט בעטראַכט צוליעב זיי אַליין, נור ער האָט זיי פערגליכען מיט דער אידעאַלער מיידעל, וועלכע, כאָטש ער האָט שוין פון לאַנג געליעבט, איז אָבער פון נעכטען אָן געוואָרען פאַר איהם די איינציגע פרוי אויף דעם גאַנצען ערדקוגעל.

ווען ער איז אריין אין דעם מיטינג־פּלאַץ — אין דעם אָפיס פון א גרויסער באַנקהויז, זיינען שוין אייניגע הערען געקומען פאר איהם. אין א צעהן מינוטען שפּעטער זיינען שוין אַלע געווען אויפ׳ן פּלאַץ: דער אייגענטהימער פון דעם באַנקגעשעפט, און לעבען איהם דריי אַנדערע פינאַנץ־בעריהמטהייטען; צוויי אדוואָקאַטען, מעהרערע רייכסטאַגס־אָבגעאָרדנעטע, צווישען זיי איז געווען א מיניסטער, און אַמאָליגער צייטונג־ארויסגעבער און עטליכע יונגע שריפטשטעלער. צווישען די לעצטע האָט ברעסער געגלאַנצט, אַלס איינער פון די הויפּטטהוער פון דער נייער אונטערנעהמונג. ער האָט עס געגעבען דעם ערשטען געדאַנק וועגען דעם, און ער האָט אַליין פערפאַסט די ערשטע פּראָספּעקטען, וועלכע מען האָט צושיקט צו פערשיעדענע מענשען, כדי זיי זאָלען זיך אַנשליסען אָן דעם גרינדונגס־קאָמיטעט.

אייניגע פּרינציפּען און פּראָגראַם־פּונקטען, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרען פון ברעסער אין זיין פּראָספּעקט, האָט מען אין פערלויף פון די פריהעריגע זיצונגען שוין אויפגעגעבען, און עטוואָס נייעס האָט זיך אריינגערוקט. היינט האָט מען עס בעדאַרפט אָננעהמען דעם לעצטען בעשלוס און אויך קלאָר ווערען איבער די פינאַנץ־זייט פון דער צייטונג. פון פערשיעדענע זייטען האָט מען זיך פערפליכטעט אריינצוטראָגען געוויסע סומען, אָבער די קאַפּיטאַליסטען, וואָס זיינען געקומען צום היינטיגען מיטינג, די האָבען עס בעדאַרפט זיין די הויפּט־

געלד־געבער, און פון זיי איז אָבגעהאַנגען דער שיקזאַל פון דער ציימונג, ווייל די סומען, וואָס אַנדערע האָבען זיך פערשריבען צו געבען, וואָלט ניט געווען גענוג פאַר א צעהנטעלחלק צו מאַכען די ציימונג אזוי, אז זי זאָל קענען לעבען און געדייהען. איין יאָהר, אָדער, נאָך בעסער, גאַנצע צוויי, מוז מען ארביי־טען און ניט רעכענען אויף קיין פראָפיט. נאָך מעהר, מען דאַרף זיין זאָגאַר פּאָרבערייטעט צוצולייגען געלד און פיעל געלד אין דער ערשטער צייט. די ציימונג מוז פאַר א לענגערע צייט אין גרויסע מאַסען אוועקגעגעבען ווערען אומזיסט, זי מוז זיין אין אלע קאָפעס, כדי דער עולם זאָל זיך צוגעוועהנען צו איהר אויסזעהען. עס מוז גענומען ווערען צייט אויף צו פּאַרזעען, און דאַן מעג מען רעכענען צו קענען שפּעטער שניידען. מען דאַרף זיך פערזיכערען מיט די נעמען פון די גרעסטע שריפט־שטעלער פאַר די ליטעראַרישע ארטיקלען, און דאָס קען נור אויסגעפיהרט ווערען דורך דאָס אָנבאָטען פון א העכערער בע־צאָהלונג, ווי אין די אַנדערע צייטונגען. אויך אין דעם פּאָלי־טישען טהייל זאָלען ערשיינען אונטערצייכענטע ארטיקלען פון די פּראָמינענטסטע פּובליציסטען פון לאַנד און אויך פון אויסלאַנד. די נייעס־אָבטיילונג זאָל בעזאָרגט ווערען דורך אָריגינאַל־טעלעגראַמען און אָריגינאַל־קאָררעספּאָנדענצען פון די מייסטע הויפּט־שטעדט. און דאָס אַלעס האָט געפאָדערט גרויסע סומען געלד. ווען מען איז שוין אָבער געוואָרען די איינ־האַלטרייכסטע, די בעסט־אינפאָרמירטע, די ליטעראַריש־שעהנסטע און אונאַבהענגיגסטע — קורץ, די צייטונג, וואָס זאָל זיין אָן דער שפּיצע פון אלע אַנדערע, דאַן איז ניט נור, וואָס מען האָט אויסגעפיהרט א גרויסען קולטור־אויפטהו, מיט דעם, וואָס מען האָט אויפגעהויבען דעם טאָן פון דער גאַנצער פּרע־סע, מיט דעם, וואָס מען האָט געהאַט א פּעראיידעלענדען איינ־פלוס אויף דעם גייסט פון דער בעפעלקערונג און אויך, אפשר, אויף דעם גאַנג פון די אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטישע פּאַסירונגען — נור אויך אין פינאַנציעלער הינזיכט מוז דער ער־

פאַלג זיין אַ זעהר גרויסער, און מען מעג פון אזא ציימונג ער־וואַרטען אַ הויכען פּראָפּיט. ווען נור עס זאָלען זיין דרייסיג טויזענד אבאָנענטען, דאַן ברענגט שוין דער אריינגעלייגטער קאַפּיטאַל פּראָצענט, און זאָל מען עס נור צוויי יאָהר אויסהאַל־טען, מוז די צאָהל פון די אבאָנענטען און קויפער זיך שטאַרק, שטאַרק פערמעהרען.

דאָס זיינען געווען די אידעען, אויף וועלכע עס האָט זיך אויפגעבויט דער גרויסער ציימונגס־פּלאַן.

און איצט זאָל זיך אָנפאַנגען די ענדליכע זיצונג, וועלכע זאָל קומען צו אַן ענדליכען און פעסטען בעשלוס. ברעסער האָט זיך געפיהלט אין אַ געהויבענער שטימונג. דאָ עפענט זיך פאַר איהם אַ ברייטע ווירקונגס־פעלד. די רויטע בלומען, וועלכע סילוויא האָט שוין איצט מסתמא געפונען אויף איהר טישעל, זיינען אין זיין בעוואוסטזיין געווען דאָ צוזאַמען מיט איהם. און ווען אפילו זי זאָל ווערען גרעפין דעלניצקי, קען דאָך אָבער איהר הארץ אין איינינע יאָהר שפּעטער זיך צו־ווענדען צו דעם ערפאָלגרייכען דיכטער.

אָבער איצט איז ניט געווען די צייט צו דענקען וועגען ליעבע. דער אויגענבליק האָט געהערט צו פּראַקטישער אר־בייט, צו זיין לעבענס־קאַריערע. עס איז געווען אַן ענטשיי־דענדער פּונקט אין זיין לעבען: ערפאָלג אָדער מיסערפאָלג.

אַלס פּאָרזיצענדער איז אויסערוועהלט געוואָרען דער באַנ־קיר. ער האָט געעפענט די זיצונג, שטעלענדיג צו דיסקוסיאָן די בעשאַפונג פון אַ פאָנד, מיטטהיילענדיג דערביי, דאָס צוויי קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען איהם שוין צוגעזאָגט זיך צו בעטהייליגען אין דער אונטערנעהמונג, האָבען איהם היינט אין דער פריה געלאָזט וויסען דורך בריעף, אז זיי ציהען זיך צו־ריק. „וואָס מיך בעטרעפט" — האָט ער צוגעלייגט — „בלייב איך, נאַטירליך, ביי מיין געגעבענעם וואָרט. איך וויל אין דעם געשעפט אריינלעגען הונדערט טויזענד גולדען. נור דערביי מוז איך שטעלען נאָך איין בעדינגונג, וועלכע איך וועל ערקלערען

ביי אַנאַנדער פּונקט פון דעם פּראָגראַם. דערווייל גיב איך דאָס וואָרט באַראָן גלאַסשילד.

דער אָנגערופענער, א מאַן פון א יאָהר פופציג, מיט גאַנץ אויסדריקליכע אָריענטאַלישע געזיכטס־ציעגע, האָט אָנגעטהאָן זיין פּענסנע און האָט געזאָגט:

— וואָס איך האָב צו בעמערקען, בעציהט זיך אויף דעם פּראָגראַם, און איך וויל עס ליעבער גלייך פאָרברענגען, ווייל ער איז פאר מיר זעהר וויכטיג. און דאָס איז אָט וואָס: אין דעם פּראָספּעקט, וואָס איך האָב ערשט היינט גוט איבערגע־לייענט, געפין איך עטוואָס, וואָס מוז דורכאויס ארויסגעוואָר־פען ווערען — ער האָט גענומען איינעם פון די פּראָספּעקטען אויפ'ן טיש — דאָ שטעהט עס: „די בעקעמפּפונג פון דעם אַנ־טיסעמיטיזם:"

די אַנדערע האָבען זיך איבערגעקוקט שטאַרק פערוואונ־דערט. דער באַראָן, אַליין א איד, קען דאָך ניט זיין געגען דעם פּונקט! ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווייסט איהר, מיינע הערען, מען בעקעמפּפט דאָך נור דאָס, וואָס מען נעהמט ערנסט, עטוואָס, וואָס קען זיין געפעהר־ליך, אָבער אַנטיסעמיטיזם (דער וואָרט אַליין איז מיר אַזוי פערהאַסט), דאָס איז דאָך עטוואָס, וואָס האַלט ביים אָבשטאַר־בען, א זאַך, וואָס איז צו אונז געקומען פון דייטשלאַנד, אַן ער־פינדונג פון פּאַסטאָר שטעקער, וועלכע קען דאָ אָבער קיינע וואָרצלען ניט פאַסען. דערצו איז דער וויענער צו געמיטהליך און צו טריי, איהם פּאַסען ניט אַזעלכע פינסטערע פערפאָל־גונגס־לעהרען, אויך איז ער צו פּאַססיוו און צו בעקוועם. גלויבט מיר, איך קען אונזער בעפעלקערונג. פון די העכערע קלאַסען רעד איך ניט — איך קען זיך דאָך מיט דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, נור אויך די קליינע בירגער, די קריכט ניט אין קאָפּ אַזאַ אונזין. עס זיינען דאָ נור א פּאָר העצער, וועלכע מען מאַכט אַם בעסטען אונשעדליך דורך שטילשווייגען... קורץ, איך ערקלער, ווען דיזע צייטונג זאָל זיך איבערהויפּט פערנעהמען

מיט דיזער פ״אגע, זי זאָל נור דערמאָנען די דאָזיגע דומהייט, דאן ציה איך מיין מיטווירקונג צוריק. דער אנטיסעמיטיזם איז אַן אונזין, און זאָל אויך אלס אזעלכער בעהאנדעלט ווערען, ד. ה., אז אין אן ערנסטער אויסגאבע טאָר ער איבערהויפּט קיין פּלאַץ ניט האָבען.

דאן האָט ברעסער געבעטען דאָס וואָרט.

— אזוי ווי איך בין דער, וואָס האָט דעם פּונקט ארייינגע־שטעלט אין דעם פּראָגראַם, מוז איך ערקלערען די גרינדע, וועלכע האָבען מיך בעוועגט דאָס צו טהאָן.

— איהר מעגט זאָגען, וואָס איהר ווילט, איך וועל פון מיין ענטשלוס ניט צוריקטרעטען — האָט דער באראָן געזאָגט. — אין א צייטונג, וואָס געהט ארויס עפענטליך מיט אָבהאנד־לונגען איבער אזא נארישע פראגע, זויל איך ניט האָבען דעם מינדעסטען אנטהייל.

דער פּאָרזיצענדער האָט זיך ארייינגעמישט:

— דער איצטיגער שטרייט קען לייכט גוט געמאכט ווע־רען. איך בין איינפערשטאנען, אז דער וואָרט אנטיסעמיטיזם זאָל אויסגעמעקט ווערען אין אונזער פּראָספּעקט, און אַנשטאָט דעם זאָל עס הייסען: „די בעקעמפּפונג פון אלע ריקשריטלי־כע אידעען“. געגען דאָס וועט איהר דאָך גאָרניט האָבען וואָס איינצוואווענדען, הערר באראָן?

— ניין.

— נו, און מיט דעם דארפט איהר אויך זיין צופריעדען, הערר ברעסער, ווייל אונטער דעם אלגעמיינעם נאָמען מוז דאָך אויך פאלען די מיטעלאלטערליכע בעוועגונג, וועלכע איהר ווילט בעקעמפּפען, ווען זי זאָל זיך פערשטארקען, און וועלכע, נאטירליך, מוז בעהאנדעלט ווערען אין א טאָג־צייטונג.

— איך בין צופריעדען — האָט ברעסער איינגעשטימט.

— איך אָבער ניט — האָט באראָן גלאסשילד ווידער גענו־מען דאָס וואָרט. — וואָס מעהר געראויש די אנדערע מאכען וועגען דעם, דאָס גרינדליכער מוזען מיר דאָס טוידט־שווייגען. אי־

בערינגס, אין א פאר מאנאטען וועט קיינער זא־ווי־זא וועגען דעם ניט רעדען.

דאן האט איינער פון די רייכס־ראטהען גענומען דאס ווארט:

— אז מיר רעדען שוין יא פון דעם פראגראם פון אונזער געפלאנעוועטער ציימונג, קען איך ניט פערשווייגען מיין פערוואונדערונג איבער דאס אויספעהלען פון א שטרענגער פארטיי־אנזיכט. און דאס איז מיר זעהר אונאנגענעהם. מיר האבען זיך געאייניגט אויף דעם פונקט, דאס מיר ענטזאגען זיך פון אן אונטערשטיצונג פון דער רעגיערונג. גוט. מיר וועלען אויך ניט אננעהמען קיינע בעפעהלע פון אויבען, ווי מיר זאלען זיך פערהאלטען צו דער אדער יענער פאליטישער פאסירונג. אויך גוט. דערפאר אבער מוזען מיר אליין האבען א בעשטימטע ריכטונג; אויב ניט, וועלען מיר זיך אונבעמערקט אריינגליטשען אין איינעם פון די צוויי לאגערען, אדער אין דעם רעאקציאנערען אדער אין דעם רעוואלוציאנערען. די הויפטזאך איז דאך צו העלפען אין זיין וואוקס דעם ליבעראלען פרינציפ, ניט אמת? אלזא איז עס איינפאך נויטוועהדיג, דאס מיר זאלען פערטהיידיגען און פערטרעטען אין אונזערע לייט־ארטיקלען די פרינציפען און טאקטיק פון דער ליבעראלער פארטיי גאנץ ציעלבעוואוסט.

— די טאקטיק אבער פון דער פארטיי איז אפט אין דירעקטען ווידערשפרוך מיט איהרע פרינציפען — האט ברעסער אריינגעווארפען א ווארט.

— דאס קומט פון א קלוגער אויסרעכענונג פון די פארהאנדענע אומשטענדען.

אפארטוניזם — האט ברעסער א מורמעל געטהאן.

— רופט עס אפארטוניזם, אויב איהר ווילט. מען מוז דאך זיך רעכענען מיט די ווירקליכע פערהעלטניסע. מען קען ניט אימער בלייבען אין דער אפאזיציע. מען קען זאגאר ארבייטען אין איינקלאנג מיט דער רעגיערונג, ווען מען וויל אויספיהרען געוויסע פרינציפען. מען מוז געוויסע פארדערונגען

פון דער רעגיערונג — צום ביישפיעל, אין דער מיליטער־פראגע — נאכגעבען, כאטש שוין צוליעב דעם אליין, אום צו ווייזען זיך, אלס לאיאל און ניט צו דערלאזען, אז אימיצער זאל קע־נען צווייפלען אין אייער פאטריאטיזם. קורץ, אום ניט צו געהן אויף א פאלשען וועג, מוז מען זיך פעסט האלטען אן אונזער פארטיי און איהר אונטערשטיצען מיט אלע כוחות.

— אבער צו דעם דארף מען דאך ניט גרינדען קיין נייע צייטונג — האט בעמערקט איינער פון די זשורנאליסטען — מיר האבען דאך דא, אין וויען, א וועלט־צייטונג, וועלכע אונ־טערשטיצט איהר פארטיי אונטער אלע אומשטענדען.

ברעסער האט די גאנצע צייט געהאלטען אין עפענען און שליסען זיינע ליפען. אבער ער האט גארניט געזאגט. א צארנ־דיגער געפיהל האט איהם פערשטיקט די האלז, א געפיהל, וואס האט געהאט א טרוקענעם און ביטערען געשמאק. האבען מאכט אין זיך אליין, דאס איז דער איינציגער וועג, ווי מען קען אויפ־טהאן עטוואס נייעס און גרויסעס — האט ער געטראכט ביי זיך — אנשטאט די אלע פינאנסיסטען, פאליטיקער און פאפיר־שמידער, ער אליין מיט א פאר מיליאן אין האנד, אך, ווי די צייטונג וואלט עס געפלויגען, געראדע אין דעם גייסט פון זיין פראספעקט, שוין אין צוויי וואכען ארום, איבער דער גאנצער וועלט. די פאסענדע קרעפטען וואלטען זיך שוין דאן במילא געפונען. אבער דא— דאס האט ער שוין איצט איינגעזעהען — וועט גארניט ווערען, צוליעב די פערשיעדענע מיינונגען, אדער עס וועט זיך גרינדען א צייטונג, וואס וועט געהן דעם אל־טען אויסגעטראטענעם וועג. צו געהן אויף א נייעם וועג — דאס וואגט אימער נור דער איינצעלנער.

נאך א לאנגער דעבאטע, אין וועלכער ברעסער האט קיין אנטהייל ניט גענומען, איז אריינגעבראכט און אנגענומען גע־ווארען א פארשלאג, אז פון די, וועלכע נעהמען אנטהייל אין דער צייטונג, זאל אויסערוועהלט ווערען א קאמיטע, וואס זאל בעשטעהן פון צוויי קאפיטאליסטען, פון צוויי רייכסטאג־אבגע־ארדענטע און צוויי שריפטשטעלער, וועלכע זאלען פערנעהמען

די שטעלע פון א צענזאר, און זיי זאלען האבען די מאכט צו ענטשיידען, וועלכע ארטיקלען זאלען יע אדער ניט פערעפענט־ ליכט ווערען.

די אויסוואהל פון דער קאמיטע איז אבגעלייגט געווארען אויף די נעכסטע זיצונג, ווייל דערווייל איז אנגעקומען די צייט צו עסען, און דער הונגער איז שטארקער, ווי די ליעבע — נעמ־ ליך, ווי די ליעבע צו אן אונטערנעהמונג, וואס פאדערט איר־ גענד וועלכע גייסטיגע אנשטרענגונג.

— איך בין פון דער מיינונג — האט דער פארזיצענדער געזאגט — אז מיר זאלען אונזער צענזור־קאמיטעט אויסוועהלען ביי אונזער נעכסטער זיצונג און דאן זאל אויך ענדליך געלייזט ווערען די געלד־פראגע, און דערמיט —

— איידער איהר שליסט די פערזאמלונג, בעט איך א ווארט — האט ברעסער איהם אונטערבראכען מיט אן אויפגע־ רעגטער שטימע.

אייניגע פון די הערען, וועלכע האבען זיך שוין אויפגעהוי־ בען פון זייערע פלעצער, האבען זיך ווידער אוועקגעזעצט.

— אלזא, הערר ברעסער, איהר האט דאס ווארט.

— איך האב נור געוואלט אייך זאגען, אז איך טרעט ארויס. די היינטיגע פערהאנדלונגען ווייזען מיר קלאהר, אז אונזער ערשטער פלאן איז אין גאנצען אויפגעגעבען געווארען. און דאס, וואס האט פערנומען זיין פלאץ, מאכט אונמעגליך פאר מיר מיטצוארבייטען אין דעם. דער פערלוסט פון מיין ארויסטריט וועט ניט זיין קיין גרויסער פאר די אנדערע — איך האב דאך ניט קיין קאפיטאל און אויך קיין בעריהמטען נאמען... נור די לוסט צו ארבייטען און א בעגייסטערונג פאר געוויסע אידעען וואלט איך מיטגעבראכט. די לוסט אבער צו דער אר־ בייט איז איצט פערשוואונדען, ווייל גראדע די אידעען, וועל־ כע וואלטען בעדארפט זיין דער זין און דער צוועק פון דער נייער צייטונג, די וועלען זיין די ערשטע קרבנות פון דער בעשלאסע־ נער צענזור. דער בעגריעף צענזור אליין ווארפט אום אלעס, וואס איך האב זיך פארגעשטעלט די צייטונג זאל זיין. מיר

זאָלען ווירקען פאַר פרייהייט און אַליין ניט פריי זיין ? נון, היינט בעזיץ איך נאָך מיין פולע פרייהייט, און איך בענוץ זיך מיט איהר — איך זאָג עס נאָך אַ מאָל — אום זיך אין גאַנצען צוריקצוציהען פון דער אונטערנעהמונג.

ער האָט זיך דאַן פערנייגט פאַר די אַנוועזענדע און האָט פערלאָזען דאָס צימער.

אכטער קאפּיטעל.

די קירכע אין שלאָס ברונהאָף איז געווען רייך בעפּוצט מיט גרינס און בלומען. אלע גלאָז־הייזער אין שלאָס, אין וועלכע עס זיינען געוואַקסען די טהייערסטע בלומען, אלעאנדער־בוימער, אראנזשען־בוימער, זיינען כמעט ווי ליידיג געוואָרען, ווייל אלע בלומען און בוימער זיינען גענומען געוואָרען אום צו בעפּוצען דעם הויפּט־אלטאַר. צו די פּיעלע הויכע וואַקס־ליכט, וועלכע האָבען געברענט אין די זילבערנע קירכען־לייכטער, זיינען געווען צוגעבונדען ווייסע שלייפען, ראָזען און קאַמיליען. די ראָזען, מיט וועלכע מען האָט בעשאָטען גאַנץ געדיכט די אלטאַר טרעפּ, זיינען געשיקט געוואָרען פון אַ וויענער בלומען־געשעפט, ווייל אין ברונהאָף — עס איז דאַן געווען דער 12טער נאָוועמבער — האָבען שוין קיינע ראָזען ניט געבליהט. פון דעם אריינגאַנג פון דער קירכע ביז צו די געבעט־בענקלעך פאַר חתן־כלה איז געווען אויסגעשפּרייט אַ רויטער פּלושענער קארפּעט. און אויך די ערשטע רייהען פון די קירכען־בענק זיינען געווען בעדעקט מיט אַ רויטען שטאָף.

די הינטערשטע בענק זיינען שוין געווען בעזעצט פון די דאָרף איינוואוינער. אין אַ פערטעל שטונדע שפּעטער האָבען שוין בעדאַרפט קומען די מחותנים. די בעשטימטע שטונדע, עלף אוהר, האָט נור־וואָס אויסגעשלאָגען דער שטאָדט זייגער. אין דעם צימער ביי דער קירכע, האָט געוואַרט שוין אין זיין גאַנצער פאָרם דער גלח פון דער קירכע דערביי, וועלכער האָט עס געזאָלט מיט דער הילפע פון פאָטער פראָטוס פעראייניגען די צוויי מענשען, סילוויא און גראַף דעלניצקי, אויף זייער גאַנצען לעבען. אויף דעם חאָר זיינען געשטאַנען אַנגעגרייט די מוזיקער און זינגער — אלע בעריהמטהייטען פון וויען.

אין דער זעלבער צייט האָבען אין איין זאַל פון שלאָס זיך

פערזאמעלט די חתונה־געסט. עס האבען נור געפעהלט די כלה און איהר מוטער.

אלע פריצים פון ארום און ארום זײנען אײנגעלאדען געװארען. א חוץ זײ זײנען געװען קרובים פון װיען און פון נאך אנדערע שטעדט — אלעס צוזאמען פון זעכציג ביז זיעבציג פארשױנען. א גאנצער הױפען פון יונגע גרעפינס, סילװיא׳ס באל־חבר׳טעס פון פאריגען װינטער־סיזאן, און צװישען זײ די פיער אונטערפיהרערקעס, יונגע מײדלאך, אלע גלײך געקלײדעט אין ראז. די דאמען זײנען אלע געװען אנגעטהאן אין העלע קלײדער, און שטארק בעפוצט. די הערען זײנען געװען אנגעטהאן אין פראקען, און די מײסטע פון זײ מיט מעדאליען אויפ׳ן ברוסט. זײ זײנען געשטאנען גרופּעס־װײז, און א גערױש פון שטימען האט אנגעפילט דעם זאל.

אין דעם זאל דערבײ, װעמעס טיר איז געשטאנען אפען, זײנען די כלה מתנות געװען אויסגעשטעלט. צװײ לאנגע טישען זײנען געװען פערנומען מיט אלערלײ טהײערע צירונגען פון גאלד און עדעלשטײנער. דאס אלעס האט שױן די געזעלשאפט געזעהען און בעװאונדערט מיט א שטונדע צוריק. איצט זײנען געשטאנען פאר דער דאזיגער מאסע פון גאלד, זילבער און עדעלשטײנער צװײ יונגע מײדלאך, און א שטילע קנאה האט אנגעפילט זײערע בעגעהרענדע הערצער. די קנאה איז נור געמילדערט געװארען בײ זײ דורך די האפנונג, אז װען־עס־איז װעלען זײ אויך קריגען אזעלכע טהײערע זאכען. אך, צו זײן די בעזיצערינס פון אזעלכע שעהנע זאכען, פון אזעלכע בריליאנטענשטערן אין די האר, פון אזעלכע פערל־שנור ארום דעם האלז, פון אזעלכע קאנען טהעע אנגיסען אין אן א י י ג ע נ ע ם סאלאן, פאר אזעלכע שפּיעגלען זיך לאזען פריזירען, צו װערען גערופען „פרױ״, צו האבען פערד און קאטשען, א לאזשע אין דער אפערא און אין טהעאטער, און צו דעם אלעס נאך האבען א פערליעבטען מאן! אזעלכע װאונדערליכע זאכען זײנען דא אויף דער װעלט, און פונקט, װי זײ זײנען הײנט בעשערט געװען צו קומען צו סילװיא, װעלען זײ שפּעטער אויך צו זײ קו־

מען. דאס איז דאך דער צינז, וואס דער שיקזאל איז שולדיג צו אלע מעכטער פון דער „גנזעלשאפט."

די העררען איז זאל האבען גערעדט כמעט אויס־שליסליך וועגען דער יאגד. עס איז דאן געווען די צייט פון יאהר, ווען די העררען גוטס־בעזיצער פאהרען פון איין שלאס אין דעם אנדערען, אום צו שיסען האזען, הירשען, פאזאנען, און איינער האט דערצעהלט אדער געפרעגט ביים צווייטען, ביי וועמען עס איז נעכטען געווען יאגד, און וויפיעל מען האט גע־שאסען דא און וויפיעל דארט. איינגע זיינען געווען גליקליך צו קענען דערצעהלען צו האבען זיך בעטהייליגט אין יאגדען צוזאמען מיט'ן קייזער, מיט'ן ערץ־הערצאג, אדער דאס זיי וועלען ערשט האבען דעם פערגעניגען צו בעטהייליגען זיך אין אזעלכע יאגדען. רודאלף, דער אייגענטהימער פון שלאס ברונ־האף, האט איינגעלאדען די געסט צו א יאגד, וואס זאל אנהאל־טען פון דעם 21טען ביז דעם 23טען נאוועמבער. אויך אין דאס, וואס די דאמען האבען גערעדט, האט זיך אפט אריינגע־מישט דאס ווארט יאגד. אמת, עס זיינען געווען ווענינע צווישען זיי, וועלכע האבען אקטיוו, מיט א ביקס ביים שולטער, בע־טהייליגט זיך אין דעם פערגעניגען, אבער דאך האבען דיזע יאג־דען געהערט צו די זאכען, וועלכע האבען גאר שטארק אויסגע־פילט אויך זייער לעבען, אזוי, דאס אין זייערע געדאנקען און געשפרעכען האבען זיי געמוזט זיך מיט דעם פערנעהמען. פאר אלע הויז־פרויען, וועלכע האבען אלס זייער פליכט אויפצונעה־מען און פערזארגען מיט אלעם נויטיגען די פערזאנען, וואס בע־טהייליגען זיך אין יאגד, איז דער דאזיגער ענין פונקט אזוי וויכטיג, ווי פאר די העררען יעגער גופא. „וויפיעל האט מען דערשאסען ?" דאס איז די ערשטע פראגע, וואס די גאסט־פריינדליכע באליבאסטע שטעלט צו די יעגער, וואס קומען צו־ריק פון דער יאגד, און פערזאמלען זיך ארום דעם עס־טיש. און יעדער בעזונדער ענטפערט מיט שטאלץ : אזוי פיעל און אזוי פיעל. די פראנצויזען און ענגלענדער פרעגט מען : „וויפיעל שטיק האט איהר גע'הרג'עט ?" און דער לעצטער צו דער

צאַהל, וואָס ער גיט אַן, גיט נאָך צו : „אַה, איט וואָז עקסע־
לענט ספּאָרט !“

ספּאָרט ? נור פערגעניגען ? ניט אמת! די זאַך ווערט אויפ־
געפּאַסט, אַלס אַ פּראָפעסיאָנעלע פליכט, אַלס עטוואָס, וואָס
מען איז שולדיג זיך און די, וועלכע געהערען צו אייער ראַנג, צו
אייער געזעלשאַפט. „דער ערשטער הירש“ — דאָס איז ניט נור
אַ פרייד־יגער בעוואוסטזיין פאַר דעם יונגען גראַפעל, נור אויך
זיין מוטער דערצעהלט מיט שטאָלץ איהרע פריינדינען, דאָס
דער גוסט, אָדער פרעד, האָט ניט לאַנג צוריק זיין ערשטען האָז
געשאָסען.

ווען דאָס פלעגט פּאַרקומען אין מאַרטאַ׳ס געגענוואַרט,
פלעגט זי געוועהנליך שטיל שווייגען. זי פלעגט געוועהנליך נור
טראַכטען : „דער אָרימער האָז !“ און ניט זעלטען אויך גע־
טראַכט וועגען דעם אָרימען אינגעל, וועמעס גאַנצע עהרגייציג־
קייט בעשטעהט אין דעם צו פערניכטען אַן אונשולדיגען לעבען...

אַלע זיינען פלוצלונג שטיל געוואָרען. סילוויא איז אריי־
בערגעטראָטען איבער׳ן שוועל אין אַ ווייסער גלאָריע פון אַט־
לאַס, טיול און מירטענבלומען. צוויי קליינע אינגלעך אין פּאַ־
זשען־קאָסטיומען האָבען געטראָגען איהר שלעפּפּע.

צוזאַמען מיט איהר איז אויך אריין באַראָנעססע טיללינג.
דאָס מאָל האָט זי פון זיך אַראָבגענומען איהרע טיעפע טרויער־
קליידער און איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ העל־גרויע קלייד.
ביידע פרויען זייגען געווען בלאַס און זייערע אויגען זיינען געווען
רויט פון וויינען. די געסט האָבען עס בעטראַכט פאַר גאַנץ
נאַטירליך. דאָס געזעגענען־זיך און די פייערליכקייט פון אַזאַ
לעבענס־ענדערונג — דאָס איז דאָך גענוג גרונד צו וויינען.
אָבער ניט צוליעב דעם האָבען סילוויאַ און איהר מוטער גע־
וויינט. אַ שמערץ, פול מיט בענקעניש, האָט זיי ביידע אָרומ־
געכאַפּט. אַ געפיהל כמעט פון שרעק און חרטה.

איצט אָבער זיינען צוגעלאָפען די פיער יונגע אונטערפיהר־
רערינס פון דער כלה און האָבען איהר שטורמדיג אומאַרמט.
פון אַלע זייטען האָבען זיך געשאָטען קושען, גראַטולאַציאָנען,

פאַרבייגונגען און האַנד־דריקונגען... סילוויאַ׳ס שווערער געפיהל איז פערשוואונדען און אָבגעטרעטען זיין פּלאַץ דעם בעוואוסט־זיין, דאָס זי איז איצט דער מיטעל־פּונקט, וועמען אַזוי פיעל מענשען זיינען איצט מקנא און בעוואונדערען. און אויך פון איהר פערליעבטער ליידענשאַפט האָט אַרויסגעשטראַהלט אַ כוואַליע, פול מיט גליק, צו איהר האַרץ, ווען זי האָט אַריינגעקוקט אין די שטראַהלענדע אויגען פון איהר חתן, וועלכער איז צו איהר איצט צוגעלאָפען.

נאָך אַ פּאָר מינוטען פון בעגריסונגען און געשפּרעכען, דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען, אונטער דער אָנפיהרונג פון רודאָלף, בילדען דער מאַרש צו דער קירכע.

דער וועג צו דער שלאָס־קירכע האָט געפיהרט איבער צוויי טרעפּ און אַ לאַנגען קאָרידאָר. דער גאַנצער וועג איז געווען אויסגעבעט מיט טעפּיכער און בעשאָטען מיט רייז און בלומען. דער געקלאַנג פון די גלאָקען האָט זיך שוין געטראָגען פון דער שלאָס־קירכע. אָנגעלעהנט אויף דעם אָרעם פון דעם כלה פיה־רער — אַ יונגער פעטער, גראַף אַלטהויז — איז סילוויאַ געגאַנ־גען לאַנגזאַם, הינטער די שלעפּפּע־טראָגענדע צוויי קליינע אינג־לאַך. איהר האָט זיך געדוכט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס אַלעס גע׳חלום׳ט, אַזוי ווי זי וואָלט געגאַנגען איבער אַ טהעאַטער־ביהנע, און ניט אַזוי ווי דאָס אַלעס וואָלט געווען אַ ווירקליכע לעבענס־ערפאַהרונג.

ווען סילוויאַ איז אַריין אין קירכע און האָט געזעהען די פיעלע ברענענדע ליכט צווישען די פערשיעדענע פּלאַנצען, האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, אַזוי ווי זי וואָלט אַריין אין אַ צימער, אין וועלכען עס שטראַהלט אַן אָנגעצונדענער קריסט־מאַס־בוים. אויך דאָ האָבען איהר ערוואַרט פיעלע איבעררא־שונגען: אַ שפּאָגעל־נייער פּרויען־טיטעל, גאַנצע קעסטלעך, פול מיט אינטערעסאַנטע פליכטען און אויך זיסקייטען, וואָס זיינען זאָנסט פערבאָטען...

אָבער אויך די שטימונג איז באַלד פערשוואונדען, ווען זי איז צוגעקומען צום געבעט־בענקעל און האָט זיך געשטעלט

אויף די קניע, און טאַני דעלניצקי לעבען איהר. די גלחים זיינען ארויסגעקומען פון א זייטען־טיר, און זיך געשטעלט ביין אלטאר. פון א ווייהרוך־פאס האָט ארויסגעשטראָמט דער שטארקסטער קירכען־דופט און האָט דערמאָנט סילוויא'ן אָן א לויה.

און טאַקי פאר אייביג איז איצט בעגראָבען געוואָרען די מיידעל־צייט, די פרייהייט, די מעגליכקייט צו געפינען דעם פולען גליק פון א זיכערער ליעבע... דער מאַן דאָ, לעבען איהר, איז ניט געווען איהר פולסטער גליק... ערשט נעכטען האָט ער ארויסגערעדט אזעלכע ווערטער, וואָס זיינען איהר שטאַרק ניט געפעלען געוואָרען. עס זיינען געווען מאָמענטען, ווען זי האָט איהם כמעט ווי געהאסט... צום גליק האָט דער געפיהל געדויערט נור א קורצע ווייל, און געמאכט פלאַץ פאר איהר פער־ליעבטקייט, אָבער עס האָט געפעהלט דער פולער צוטרוי צו איהם. דאָס גליקליכע צוטוליען־זיך צו דער ברוסט פון מאַן, דאָס האָט זי ניט געקאָנט געפינען ביי דעם מאַן, וועלכער איז לעבען איהר געשטאַנען אויף די קניע.

די קליינע קירכע איז געווען פול. אויבען, לעבען אלטאר, אין אויף די פאָדערשטע בענק זיינען געווען די קרובים און די געסט אין זייערע גלענצענדע קאָסטיומען. הינטען זיינען געווען די דאָרף־בעוואוינער, אלע אָנגעטהאָן יום טוב'דיג. נור אויף מארטא'ס פנים איז געווען דער אויסדרוק פון שמערץ און טרויער. דערצו אבער איז מען געווען געוועהנט. ביי אזעלכע פייערליכע אנגעלעגענהייטען איז מארטא אין איהרע געדאנקען אימער געווען מיט איהר געליעבטען טוידטען. דאָס האָט מען געוואוסט און געאכטעט אין איהר.

דער גלח האָט אָנגעהויבען זיין רעדע. וואָלט די רעדע געהאלטען דר. פראָטוס, וואָלט ער אָנגעריהרט הערצליכערע און ריהרענדערע טענער. אָבער דער פרעמדער זעהר קלעריקאלער פרעלאט האָט געהאלטען א דרשה, וואָס האָט זיך געפאסט בע־סער פאר די אלגעמיינע מענשהייט, ווי פאר דאָס יונגע פאָר.

ער האָט געזאָגט, אז די חתונה איז א הייליגער געבאָט פון גאָט, ווייל חתונה איז א קאַפּיטעל פון דעם באַנד פון קריסטוס מיט דער קאַטוילישער קירכע, דער צוועק פון דער חתונה איז, דאָס מאַן און פרוי זאָלען העלפען איינער דעם אַנדערען צו ווערען שטאַר־קערע גלויביגע און זיך אונטערשטיצען אין דער אויספיהרונג פון זייערע רעליגיעזע פליכטען, און דאָס זיי זאָלען גרינדען א פאַמיליע, וואָס זאָל אויפגעהאָדעוועט ווערען אין עכטען גלויבען, וועלכע זאָל אַלץ מעהר און מעהר אויסברייטען דעם קעניגרייך פון דער קירכע. דעם גליק פון חתונה קען מען נור דאַן דערגרייכען, ווען מאַן און ווייב ערפילען די געבאָטען פון דער קירכע און טהוען שטאַרק תפלה. דער אונגליק פון פיעלע פאַמיליען שטאַמט פון דער גלייכגילטיגקייט צו רעליגיאָן, וואָס ווערט, רחמנא לצלן, אַלס גרעסער. די קראַנקהייטען און אונגליקען, וועלכע קיין מענש קען ניט אויסמיידען, זיינען טהיילווייז שטראָפען פאַר דאָס פעהלען פון עכטער פרומקייט און טהייל־ווייז נסיונות, פון וועלכע, ווען מען איז פרום און גלויביג, מען קומט ארויס מעהר אויסגעלייטערט, און דאַן קומט מען צו א גליקליכען טוידט, ווען מאַן און פרוי ווערען ווידער פעראייניגט אין הימעל.

די צוהערער אָבער האָבען זיך גאַנץ ווענינ צוגעהערט צו דעם, וואָס דער פּרעלאַט האָט געזאָגט אין זיין דרשה. די הויפּט־זאַך פאַר זיי איז געווען, דאָס עס איז געהאַלטען געוואָרען א רעדע, און דאָס די ווערטער אין איהר געהערען צו דער צערע־מאָניע, דורך וועלכער צוויי מענשענקינדער ווערען פערבונדען פאַר זייער גאַנצען לעבען, דאָס זיי שווערען זיך ליעבע און טריהייט, דאָס זיי זאָלען זיך ניט צושיידען ניט אין קראַנקהייט און ניט אין אָרעמקייט, ביז דער טוידט וועט זיי צושיידען.

אויך דאָס בייטען זיך מיט די רינגען, ווי אויך דאָס ארויס־געדעהטע וואָרט „יא“, איז געווען אזא מין כשוף־אויפטהו, דורך וועלכעם צוויי מענשען, ערשט מיט א מינוט צוריק פאָל־שטענדיג פרייע, ווערען ווי צוגעשמידטע איינער צום צוויי־

טען, אזוי, דאָס איינער פון זיי פערלירט זאָגאר זיין נאָמען, וואָס ער האָט ביז איצט געטראָגען, און קריגט א נייעם נאָמען.

סילוויא האָט געפיהלט די דאָזיגע ענדערונג, וועלכע איז אייגענטליך פון אן אידעעלער נאטור, אלס עטוואָס, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען גאַנץ מעכאניש. זי האָט געפיהלט, ווי א שטוים, ווען זי האָט ארויסגערעדט דאָס וואָרט „יא“ און דערפיהלט זיין רינג אויף איהר פינגער: „איצט בין איך סילוויא דעלניצקי.“

פון דעם כאָר האָט זיך געהערט א פייערליכער געזאנג. מען האָט ניט פערשטאַנען די לאטיינישע ווערטער, אָבער פון דער זיסער מעלאָדיע האָט געקלונגען ווי א תפלה פאר גליק און זעגען פאר דאָס יונגע פּאָר. אלע האָבען זיך געפיהלט שטארק געריהרט. ווען דער כאָר־געזאנג האָט זיך געענדיגט, האָט דער גלח ווידער אויפגענומען זיין רעליגיעזע צערעמאָניע, דעקלאמירענדיג איין "קרעדאָ", דריי „פּאָטער אונזער“ און דריי „אווע מאריאס“.

אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דאָס בייטען־זיך מיט די רינגען, האָט זיך פון דרויסען דערהערט א שיסעריי, און אויך איצט, אז די צערעמאָניע איז געווען צו ענדע, האָבען די אינגלאך פון דאָרף געלאָזט זיך קנאַקען מיט זייערע ראַקעטען.

און נאָכדעם, ווען דאָס יונגע פּאָר האָט אריינגעטראָגען זייערע נעמען אין דעם קירכען־בוך, איז די גאַנצע צערעמאָניע געווען צו ענדע, און אויפס־ניי האָט זיך געבילדעט דער צוג, אָבער איצט שוין אין אנאַנדער אָרדנונג. איצט איז סילוויא געגאַנגען פּאָראויס, געשטיצט אויף דעם אָרעם פון איהר מאַן.

עס האָט דאַן געפאָלגט דער חתונה־אָנבייסען — וואָרים אלע שמחות ענדיגען זיך דאָך מיט עסען און טרינקען — ביי א טיש, בעשאָטען מיט ווייסע בלומען.

דעם ערשטען טאָסט האָט צגעטרונקען דער פּרעלאַט צו די ניי־פערהייראטהע. ער האָט פאר זיי צוזאמענגעפלאָכטען א

בלומען־בוקעט פון אונשולד, פון טרייהייט, פון ליעבע, און זיי געוואונשען אל־דאס־גוטס אויף זייער לעבענס־וועג.

אלע אנוועזענדע טהוען דאסזעלבע. כאטש צווישען די געסט זיינען דא פיעלע, וועלכע האבען דאס אלעס מיט איינינע יאהר צוריק אליין דורכגעמאכט, און וועלכע ווייסען, ווי וועניג זיי האבען געפונען דאס גליק, וואס מען האט זיי אנגעוואונשען. סילוויא איז האלב־בעטויבט פון דער דורכגעמאכטער אויפרעגונג און פון דעם ליארם. דאס ווארט „גליק" קלינגט אין איהרע אויערען פון אלע זייטען.... אבער איז די דאזיגע מידיגקייט, די דאזיגע אבגעשפאנטקייט און צוזאמען מיט דעם די גליהענדע נייגיריגקייט און די מורא פאר דעם באלדיגען „ענדליך־אליין", דיזעס ציטערען פאר דער לעבענס־לאנגער צוקונפט ביי דער זייט פון א פרעמדען, דיזער אבשיידען זיך פון דער טהייערער מיי־דעל־הײם, פון די יאהרען — איז ד א ס גליק?

זי דענקט אויך מעהר, ווי זי האט געמאגט, אן א בריעף, וואס זי האט מיט א טאג צוריק ערהאלטען פון הוגא ברעסער — א בריעף, וועלכען זי האט אפט דורכגעלעזען, און וועלכען זי האט היינט אין דער פריה פערברענט...

און צוויי שטונדען שפעטער איז דער מאהלצייט געווען צו ענדע און אין א שטונדע נאך דעם איז דאס יונגע פאר אריין אין קאטש, אום צוצופאהרען צו דער אייזענבאהן־סטאנציע. א קאלטער נאוועמבער־רעגען האט געגאסען, אבער די האכצייט־רייזע איז דאך געווען נאך דעם זונען־לאנד, אין איטאליען.

ניינטער קאַפּיטעל.

גלייך נאָך דעם, ווי דאָס יונגע פּאָר פאָלק איז אוועקגע־פאָהרען צו געניסען זייער „האָניג־מאָנאַט", האָט זיך באַראָנע־סע טילינג צוריקגעצויגען אין איהר צימער. זי איז ניט געווען אין דער שטימונג צו פיהרען פרעהליכע שמועסען מיט די געסט. די דאָזיגע אויפגאַבע האָט רודאָלף און זיין פרוי, בע־אַטריסע, געמוזט נעהמען אויף זיך. איהר האָט געצויגען נאָך רוה און איינזאַמקייט.

צו אָבענד־צו האָט שוין איהר געצויגען פאר וועמען־עס־איז אויסצוגיסען אַלעס, וואָס זי האָט געהאַט אויף איהר האַר־צען, און זי האָט געלאָזט בעטען איהר זוהן, ער זאָל אריינקו־מען צו איהר. מיט פערגניגען האָט רודאָלף געפאָלגט איהר רוף. וואָלט ער ניט מורא געהאַט צו שטערען זיין מוטער, וואָלט ער אַליין שוין פריהער צו איהר געגאַנגען, ווייל אויך ער האָט גע־האַט פיעלעס אָבצורעדען זיך פון הארצען, און אַלץ אַזעלכעס, איבער וואָס ער האָט נור מיט זיין מוטער געקאָנט רעדען.

מאַרטאַ, וועלכע האָט פערביטען איהר בעפּוצטע חתונה־קלייד אויף אַ שלאָפראָק פון שוואַרצען סאַמעט, איז געלעגען, ניט ווייט פון פלאַקערענדען קאַמין, אויף איהר רוה־בעט. אַ גרויסער לאָמפּ אונטער אַ שירם מיט שפּיצען האָט פערשפּרייט אַ פערשטיקטע ליכט אין דעם אָנגענעהמען צימער, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט בלומען־דופט. דער דופט איז געקומען פון די אָראַנזש־בלומען פון דעם כלה־בוקעט, וועלכען סילוויא האָט איבערגעלאָזען, ווען זי האָט זיך געזעגענט מיט דער מוטער.

— דאָ בין איך — האָט רודאָלף געזאָגט, אריינקומענדיג — פערלאַנגסטו עטוואָס פון מיר, מוטער?

— נור דיין געזעלשאפט, ליעבער זוהן... מיר איז געווען אזוי אונהיימליך. קום, זעץ זיך דאָ... האָב איך דיר געשטערט דורך מיין רופען דיך צו מיר? אפשר האָסטו געשפּיעלט אין קאָרטען מיט די געסט? איך וויל דיך אָבער דאָ ניט לאנג פערהאַלטען...

— אָה, איך פערשפּיר גאָר װעניג לוסט זיך צוריקצוקעהרען צו די געסט. דער פאָטער פּראָטום האָט פערנומען מיין פּלאַץ ביין קאָרטען-טיש, און דו האָסט מיר געטהאָן די גרעסטע טובה, וואָס דו האָסט מיך צו זיך גערופען.... זיינען דאָס אלץ טעלעגראַמען? רודאָלף האָט אנגעוויזען אויף א גאנצע הורבע טעלעגראַמען, וואָס זיינען געלעגען אויפ׳ן טיש.

— יא. איך האָב איבערגעלייענט אלע גליקווינשע — איבער צוויי הונדערט... כמעט אלע מיט דיזעלבע ווערטער. פון הויך און נידריג, פון איהרע אמאָליגע גואווערנאַנטקעס און פון פירשטען. איינע מיט א טאָן, אזוי ווי זיי וואָלטען אונז געטהאָן א גרויסע טובה, וואָס זיי זיינען אזוי גנעדיג, און שיקען אונז זייער גליקוואונש; אנדערע אין א טאָן אזוי ווי זיי וואָלטען אונז געבעטען אום פערצייהונג, וואָס זיי ערלויבען זיך צו שיקען אונז זייער גליקוואונש — נור אלע ווינשען סילוויא גליק... און ווייסטו, רודאָלף, וואָס איך האָב מורא?... זי וועט ניט זיין גליקליך. דאָס האָב איך היינט ווידער געפיהלט מיט אַן ערשרעקענדער דייטליכקייט. און איך פיהל מיך אין דעם אזוי שולדיג!

איהר שטימע האָט געציטערט. רודאָלף האָט ארויפגעלייגט זיין האנד אויף איהר אָרעם.

— דו האָסט זיך גאָרניט וואָס פאָרצואוואַרפען. אוועק זיינען שוין די צייטען, ווען עלטערען האָבען געקאָנט קירעווען דעם שיקזאל פון זייערע קינדער. סילוויא האָט פריי געהאַנדעלט און אויסערוועהלט דעם, וועלכער איז איהר געפעלען. און סוף כל סוף איז דער טאָני ניט ערגער, ווי א דוצען אנדערע.

— אונזער סילוויא, מיין פרידריך׳ס סילוויא — האָט

אָבער ניט געטאָרט גיגעבען ווערען צו א דוצען־מענשען... אי־בערהויפט זייט א געוויסער צייט האָב איך דעם געפיהל, אז איך טהו ניט מעהר מיין גאנצע פליכט צום אנדענקען פון מיין טוידטען געליעבטען מאן. ווען איך האָב געארבייט ביי מיין לעבענס־געשיכטע, האָב איך דאן געהאט דעם בעוואוסטזיין, אז איך ערפיל א געוויסע אויפגאבע. איצט אָבער, זייט די אר־בייט איז געענדיגט, פיהל איך, אזוי ווי איך וואָלט עטוואָס אנדערעס בעדאַרפט טהאָן, און דאָך טהו איך גאָרניט.

רודאָלף איז אויפגעשפּרונגען אין שטאַרקער אויפרעגונג פון זיין פלאץ, געמאכט א פּאָר טריט איבער'ן צימער הין און צוריק. דאן איז ער געבליבען שטעהן פאר זיין מוטער, און האָט כמעט ווי אויסגעשריען:

— איך טהו גאָרניט. און דאָס מאכט אזוי שווער דיין הארץ. דו האָסט מיך אויפגעהאָדעוועט, אום וייטער אָנצו־געהן מיט דעם קאמפף, וועלכען טילינג האָט אָנגעפאנגען, און וואָס האָב איך ביז איצט אויפגעטהאָן? אלץ נור אָבגעלייגט און אָבגעלייגט. אימער נור געפּלאנעוועט און געפּלאנע־וועט.... אָבער געטהאָן? גאָרניט!...

— נו, ווען דו וועסט זיין אין פארלאמענט...

— יא, דאָס איז אויך איינער פון מיינע פּלענער, אָבער איך הויב אָן מורא צו האָבען, אז אויך פון דעם וועט גאָרניט ווערען.... אלעס ווערט צו גאָרניט, ווי, צום ביישפּיעל, די צייטונג, וואָס ברעסער האָט געפּלאנעוועט... דאָס האָט געזאָלט ווערען מיין אָרגאן... דאָרט האָב איך גערעכענט אויסצופיהרען און בעלייכטען אלעס, אויף וואָס אין פארלאמענט קען נור אָנגעוויזען ווערען מיט א וואונק... און דאן, ווער ווייס, אויב איך וועל איבערהויפּט אריין אין פארלאמענט? איך ווער געשלעפּט פון אלע זייטען, איך זאָל מיך אָנשליסען צו דער אָדער יענער פּארטיי, און ווען איך זאָג זיי דאן, וואָס איך וויל אייגענטליך — זאכען, וועלכע זיינען ניטאָ אין די פּארטיי־פּראָגראמען, פערשטעהען זיי מיך ניט, און פון זייער אויסזע־

העז פערשטעהע איך, אז זיי גלויבען, אז עפּעס איז מיט מיר ניט גלאַט. ווענינער אָבער פון אַלע פערשטעהען מיך די, וועלכע דאַרפען עס שטימען פאַר מיר. דו ווערסט זעהען, אז איך וועל נאַרניט אויסערוועהלט ווערען. מיין געגען־קאַנדידאַט טרעט אויף אזוי שעהן מיט די געוועהנטע פראַזען און ער רופט ארויס מיט זיי אזא פערטרויען צו זיך. ער זאָגט זיי גאַנץ איינפאַך צו צו פערטרעטען אַלערליי קליינע לאָקאַלע אינטערעסען, און איך רייד אַלץ פון אַלגעמיינע זאַכען. איז דען דאָ אַן אַלגע־מיינעס אין פּאָליטיק? גלויבען דען ניט די מענשען שטענדיג, אַז איין פּאַרטיי דאַרף בעקעמפּפען די אַנדערע, אז ראובן׳ען קען נור גוט געהן, ווען שמעון ווערט איבערגעכיטרעוועט און לוי ווערט אין גאַנצען צוטראָטען? דו ווערסט זעהען, מיין געגען־קאַנדידאַט וועט קריגען צעהן מאָל אזוי פיעל שטימען, ווי איך. און דאָס וועט מיך אפילו ניט קענען ערגערען, ווייל אין יעדער פערזאַמלונג פון קעפּ, זיינען דאָך דאָ צעהן מאָל מעהר דומקעפּ, ווי קלוגע... האָט מען געקאָנט געפינען נאָך עטוואָס נאַרי־שערעס און שעדליכערעס, ווי דאָס רעכט פון דער מאַיאָריטעט?

— דער אינסטרומענט מעג זיין ניט קיין גוטער, רודאָלף, אָבער, ווען עס איז ניטאָ קיין אַנדערער, טו אויף וועלכען ווילסטו דיין מעלאָדיע אויסשפּיעלען?

— מיין מעלאָדיע? ווען די וואָלט נור געקלונגען קלאָר און פול אין מיין אייגענער נשמה...

— דאָס איז דאָך אָבער אזוי. ווען איך דערמאָן זיך אָן די בעגייסטערטע ווערטער, וואָס דו האָסט ארויסגערעדט ביי פריץ׳ס טויף־פעסט... דאָס איז געווען דער עכטער קלאַנג...

— אָה, יע, איינצעלנע גרויסע גלאָקען־טענער, וועלכע איך אַליין הער, ווי זיי קומען פון דער טיפקייט פון מיין האַר־צען... דאַן אָבער קומט דער ליאַרם פון דער וועלט, וועלכער פערטויבט און פערשלינגט זיי — דער געפּילדער פון דער אַל־טעגליכקייט, דער טומעל פון דער געמיינהייט...

— איך האָב ליעב צו זעהען דיך אין אזא כעס... אזא

זעלבסט־אנקלאגע איז פאר מיר די בעסטע גאראנטיע פאר דיין אמת'ען ווילען.

— דו ביזט צו מילד מיט מיר, מוטער. איך פערדיען גי־כער, דו זאלסט מיך אויסזידלען. וואס האב איך דען ביז איצט דערגרייכט? וואס האב איך זאגאר פרובירט אויפצוטהאן פאר יענע גרויסע זאך, וועלכע פרידריך טילינג האט מיר איבערגע־לאזען? היינט האט מיך כמעט די חרטה געפייניגט....

— פונקט, ווי עס איז מיט מיר דער פאל, מיין קינד. אויך איך האב געפיהלט היינט, ווי איך האב זיך פערזינדיגט געגען פרידריך.

— דו, ווי אזוי? וואס קענסטו נאך מעהר טהאן אין דער אנגעלעגענהייט?

— ניט אין דער זאך פון פריעדען. איך מיין.... עס איז מיר שווער צו ערקלערען... דו האסט דאך געלייענט מיין לע־בענס־געשיכטע. דארט האסטו געמוזט געפינען דעם אבגלאנץ פון א פאמיליען־גליק, וואס איז גאר זעלטען צו געפינען אין דער וועלט.

— יא, דאס האב איך געפונען אין דיין בוך. אויך האב איך עס אליין, אלס קינד, געזעהען, ווי גליקליך איהר זיינטביידע געווען, און ווי איהר האט זיך ליעב געהאט. איך בין אויך אן עדות פון דעם, ווי דיין ליעבע און טרייהייט געהערט נאך איצט זיין אנדענקען..... טו וואס פאר א געפיהל פון חרטה קען ביי דיר זיין?

— דאס איך, וועלכע האט דורך איהם געפיהלט דעם גאנ־צען גליק פון ליעבע, וועלכע איז געווען געגרינדעט אויף דער פולסטער איינשטימיגקייט פון אונזערע נשמות, דאס איך האב זיין סילוויא אויך ניט צוגעפיהרט צו אזא גליק, דאס איך האב איהר ניט אזוי ערצויגען, אז זי זאל זיך אבגעבען נור דעם, צו וועמען זי זאל קענען שענקען דעם פולסטען צוטרוי און אן אונ־בעגרענצטע אכטונג... איך האב ניט געטהאן מיין פולע פליכט, רודאלף.... יא, די פלענער, וועלכע מיין פרידריך האט געהאט

פאר דאָס וואוילזיין פון דער וועלט, זיינע געדאנקען און גע־פיהלען, די האָב איך געהיט און מיטגעטהיילט דער וועלט, אָבער זיין פערזענליכעס ווערק, וואָס ער האָט געשאפפען מיט זיין הארצען, דאָס ווירקליכע הויזליכע גליק, וואָס ער האָט גע־שאפפען — אויך דאָס האָב איך בעדאַרפט אָבהיטען, אַלס זיין צוואה און דאָס איבערטראָגען אויף זיין קינד. די לעהרען, וועלכע ער האָט געפּרעדיגט, די האָב איך ווייטער פערברייט; אָבער די לעהרען, וועלכע ער האָט געלעבט, די זיינען פער־שוואונדען דורך מיין שולד — מיין שולד, מיין שולד.

מארטא האָט ווידערהאָלט דיזע ווערטער, ארויפליגענ־דיג איהרע הענד אויף איהר פּנים און אויסברעכענדיג אין א גע־וויין.

רודאָלף האָט זיך איבערגעבויגען פול צערטליכקייט איבער זיין מוטער.

— ניין, ניין, מוטער. דו ביזט בלויז אָנגעגריפען, דאָס זיינען דיינע נערווען. עס איז אויך נאַטירליך. דאָס צושיידען זיך מיט סילוויא... אָבער דער טאַני איז ניט קיין שלעכטער מענש. ווער זאָגט דיר, אז זי וועט ניט גליקליך זיין?

מארטא האָט זיך אָבגעווישט די טרערען.

— איהר אייגענער געפיהל זאָגט עס איהר. ווען דו וואָלסט זי היינט געזעהען, ווי זי, א פּאָר מינוטען פאר דעם, איידער זיי זיינען אריין אין קירכע, איז זי מיר געפאלען אויפ'ן ברוסט...

— נו, יע, דער שמערץ פון צושיידען זיך.

— ניין, ניט דער שמערץ פאר דאָס, וואָס זי האָט פערלאָ־זען, נור עס איז געווען די מורא פאר דאָס, וואָס ערווארטעט איהר. ניין, רודאָלף, זאָג ניט, אז איך בין פריי פון יעדע שולד. ווען מען האָט געזינדיגט, איז דאָס בעסטע, וואָס מען קען האָ־בען, איז די חרטה...

— איך דענק ניט אזוי. איבערהויפּט דאַן, ווען מען קען שוין גאָרניט ענדערען. נור די חרטה איז פרוכטבאר, וועלכע ברענגט מיט זיך נייע טהאטען, נייע פּלענער, דארום לאָז מיך

צוריק קומען צו מיין אנקלאגע געגען זיך אליין. איך קען דאך נאך גוט מאכען, וואס איך האב פערפעהלט.... און דאס וויל איך אויך... און איך וועל עס. איך וועל — דארט זיינען זיי עס א קאפּ פרעהליך — האט ער זיך אליין אונטערבראכען. דאס צימער, וואו מארטא און איהר זוהן האבען געוואוינט, איז געווען איבער דעם זאל, און עס האבען צו זיי ארויפגעדרונגען די טע־נער פון א שטרויס־וואלץ.

מארטא האט א ציה געטהאן מיט די אקסלען.

— לאז זיי. ווארום זאלען זיי אויך ניט, עס איז דאך א חתונה.... דארפען די יונגע לייט טאנצען. יא, פערבייגעהענ־דיג, זאג מיר, ווארום איז דער יונגער ברעסער ניט געקומען?

— איך וויים עס צופעליג. ער האט סילוויא ליעב.

— וואס רעדסטו? — האט מארטא געזאגט, שטארק אויפ־געגרעגט.

— דו דארפסט זיך אזוי ניט דערשרעקען. מיין שעהנע שוועסטער האט גאר פיעלע דעם קאפּ פערדרעהט... הוגא איז א קלוגער יונג — ער האט זיך קיינמאל קיינע האפנונגען ניט געמאכט... איצט איז ער אוועקגעפאהרען.

— ווער וויים, אויב ער וואלט איהר ניט גליקליכער גע־מאכט? — האט מארטא געזאגט פערטראכט — אלס מענש שטעהט ער דאך העכער פון דעלניצקי... נור אט די נארישע יחוס־פאראורטהיילע... איך רוף זיי „נארישע“, און דאך האב איך זיי אליין.... איך גלויב, נעמליך, אז דאס אריבערפלאנצען זיך פון א געוועהנטען קרייז אין אנאנדערען, אין א נידריגערען, מאכט גרויסע אונבעקוועמליכקייט. ווען מען הייראט, הייראט מען אויך ביז צו א געוויסען גראד די פאמיליע,די פריינד פון דעם מאן, און מען מוז זיך אבזאגען פון די אייגענע — און דאס איז שווער.

— אבער עס איז נאך שווערער אבצוזאגען זיך פון דער פעראייניגונג מיט דער געליעבטער פערזאן — האט רודאלף בעמערקט.

— געווים, וואָלט סילוויא געפיהלט א טיפע ליעבע צו ברעססער, וואָלט איך ניט געווען דאנעגען. וואָרים אויך צו איהר הייראטען מיט דעלניצקי האָב איך דאָך נור איינגעוויליגט, ווייל זי האָט מיר געזאָגט, אז זי איז פערליעבט אין איהם.

— לאָמיר האָפען, אז זי וועט עס בלייבען.

— אָך, איך גלויב, אז זי איז עס שוין היינט ניט מעהר.

רודאָלף האָט אָנגעכאַפּט מארטא׳ס האנד.

— הער מיך צו, מוטער, ווען דיין טאָכטער מאכט דיר זאָרגען, זאָלסטו וועניגסטענס פון דיין זוהן דערלעבען א ביסעל נחת. איך וועל זיך נעהמען ענערגיש צו דער ארבייט. ניט פון וואהל־רעזולטאַטען און פון אנדערע צופעלע זאָל דאָס אָב־הענגען. איך מוז מיך שטעלען אויף מיינע אייגענע פיס. איך מוז אָפען רעבעלירען אויך געגען אלץ, וואָס רינגעלט מיך ארום, געגען די גאנצע סביבה, אין וועלכער איך לעב, געגען די גאנצע געזעלשאפט, צו וועלכער איך געהער, ווייל אלעס איז אויפגעבויט אויף דער זאך, וואָס איך דארף בעקעמפפען — אויף דעם געוואלד־סיסטעם. דערמיט מיין איך ניט בלויז דעם מיליטאריזם, געגען וועלכען טילינג האָט ספּעציעל געקעמפפט, דערמיט מיין איך די געוואלד אין אלע איהרע פאָרמען. דאָס רעכט ווערט פערגעוואלדיגט, דער פערשטאנד ווערט פערגעוואלדיגט —

מארטא האָט ארויפגעקוקט צו איהם איבערראשט:

— אזוי ליידענשאפטליך האָב איך דיך גאָרניט געקאָנט.

— ווען דו זעהסט ביי מיר די ליידענשאפט אויפפלאקערען, טו זוך איהר ניט צו דערשטיקען, מוטער. ביז איצט בין איך געווען צו קאלט און רוהיג. מען מוז שטארק פיהלען און שטארק וועלען, דאן ערשט ט ה ו ט מען עטוואס. אפשר פאלט מען דורך — דאָס הענגט אָב פון אויסערליכע אומשטענדען — פיליכט דערגרייכט מען ניט קיינע פון די פעסטונגען, גע־

גען וועלכע מען ווארפט זיך, אָבער, וועניגסטענס, האָט מען דאָך געקעמפפט, און מען ווייזט דעם וועג צו די, וועלכע קומען נאָך אונז.

— וואָס ווילסטו אלזאָ טהאָן?

— פריהער פון אַלץ וועל איך מיך זעצען אין פערבינדונג מיט יענע מענער, וועלכע שטעהען אן דער שפיצע פון דער אר־ביטריישען־בעוועגונג, מיט דעם ענגלענדער. וועמעס בריעף דו האָסט אין דיין בוך אריינגעטראָגען.

— האָדזשסאָן פראטט?

— יא, דאָן, אין פאריז, מיט פריעדריך פאסס, זשול סי־מאָן; אין רוסלאנד... איך וועל שרייבען צו טאָלסטאָי... דער, וועלכער עס האָט פערפאסט „קריעג און פריעדען“, דער מוז זיין מיט זיין גאַנצער נשמה א פיינד פון געוואַלד.“

— און מיט וועמען וועסטו ביי אונז?...

— דאָ וועל איך אַליין אויפהויבען די פאָהן, די ווייסע פאָהן. נעהם נור ווידער ארוים דיינע רויטע העפטען. איך וועל דיר, אזוי גוט, ווי איך קען, צושטעלען נייעם מאטעריאַל, וועלכען דו זאָלסט קענען אין זיי אריינטראָגען.

צעהנטער קאפיטעל.

אין פריהלינג, 1892. הוגאָ ברעסער האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט, זייט ער איז פּלוצלינג אוועקגעפאָהרען. אייני־גע טעג פאר סילוויא'ס חתונה איז ער אָבגעפאָהרען נאָך בער־לין, און האָט זיך דאָרט בעזעצט. אין דעם בריעף, וועלכען ער האָט דאן געשריעבען צו סילוויא, און וועלכען זי האָט פער־ברענט אין דעם טאָג פון איהר חתונה, האָט ער איהר אין ליי־דענשאַפטליכע ווערטער, אין פּראָזע און אין פערזען, ערקלערט זיין גרויסע ליעבע, ווי ער האָט זי יאָהרען־לאַנג געליעבט, ניט האָבענדיג די מינדעסטע האָפנונג, ווי ערשט אין די לעצטע טעג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זי איז שוין געוועזען פער־לאָבט מיט אַנאַנדערען, האָט אין איהם ערוואַכט די האָפנונג — דאָס איז געוועזען אין יענער מינוט פון דעם אויסגעבראָכענעם שטורם, ווען ער האָט איהר צוגעדריקט צו זיין ברוסט... ער האָט זיך איינגערעדט אין זיין נאַרישקייט, דאָס זי וועט אָפּ־ברעכען איהר פערלאָבונג.... אָבער ער האָט זיך אָבגענאַרט. און דארום פערלאָזט ער זיין היימאַט. ער קען בשום אופן ניט לע־בען אין דעם לאַנד, וואו זי לעבט ביי דער זייט פון אַן אנדע־רען. מעג זי זיין אַזוי גליקליך, ווי ער איז טיעף אונגליקליך. אָבער ניט אַזוי אונגליקליך, אַז ער זאָל מוזען שטאַרבען. ניין, ער וויל לעבען און שטרעבען אין געפיהל פון גרויסען עהרגייץ, אום צו ברענגען איהר אַ מאָל דעם בעוויז, דאָס ער איז ניט געוועזען אַזעלכער, וואָס איז ניט ווערט געוועזען איהר ליעבע, אין וועלכער האָט זיך פאר אַ פּאָר שטונדען איינגערעדט, דאָס ער ווערט ווידער־געליעבט.

איצט, צוויי און אַ האַלב יאָהר שפּעטער, האָט סילוויא ווי־דער געהאַלטען ברעסער'ס אַ בריעף אין האַנד. דאָס זיינען גע־

ווען נור איינינע שורות, אין וועלכע ער האָט ביי איהר אָנגע־פרעגט, אויב עס איז איהם ערלויבט אין דער צייט פון זיין קור־צען פערווייל‏ען אין וויען, צו קומען צו דער גרעפין מיט א בעזוך.

סילוויא איז געזעסען מיט איהר מאַן ביין אָנבייסען, ווען דער דאָזיגער בריעף איז אָנגעקומען. דאָס יונגע פּאָר האָט בע־וואוינט דעם ערשטען עטאַזש פון א פּאַלאַץ אויף דער רינג־שטראססע. עס איז געווען, לויט דעלניצקי׳ס וואונש, וואָס מען האָט איבערגעצויגען שוין זייט אָקטאָבער פון לאַנד אין שטאָדט. מיט איינמאָל איז דעלניצקי געוואָרען א גרויסער ליעבהאָבער פון דער אָפּערא. צוויי אָדער דריי מאָל דורך דער וואָך האָט ער פערנומען זיין שטענדיגען זיץ אין דער צווייטער פּארקעטען־רייהע.

פיעלע מענשען האָבען בעמערקט, דאָס דעלניצקי פּלעגט נור אין יענע טעג קומען אין די אָפּערא, ווען עס האָט געשפּיעלט די פּרימאַדאָנא, וועלכע איז געווען שטארק בע־וואונדערט פון דעם וויענער עולם פאר איהר שעהנקייט און טא־לאַנט.

סילוויא האָט עס ניט בעמערקט — אָדער עס האָט איהר ניט געארט. אין דער קורצער צייט פון צוויי און א האלב יאָהר איז איהר ליעבע צו דעלניצקי אין גאַנצען פערשוואונדען. דעם ערשטען קלאַפּ האָט שוין איהר ליעבע געקראַנגען אויף זייער חתונה־רייזע. די גראָבע ארט און ווייזע, ווי אזוי ער האָט זיך בענומען מיט איהר אין זיינע רעכטע, אלס מאַן, האָט איהר אָב־געשטויסען פון איהם. אין זיין בענעהמונג צו איהר איז ניט געווען קיין הויך פון פּאָעזיע, קיין ברעקעל פון אמת׳ער צערט־ליכקייט. ער איז געווען לייַדענשאַפטליך פערליעבט אין איהר שעהנקייט, אָבער די ליידענשאפט האָט זיך אויסגעדריקט אין א זעהר ברוטאַלער פאָרמע. דאָס פייער, וואָס האָט געגליהט אין סילוויא׳ס יונגע בלוט, און וועלכער איז געווען א ביסעל פערשטיקט דורך איהר מיידעלשע שעמעדיגקייט און ריינעם

שטאָלץ, האָט דעלניצקי דורך זיין גראָבער ברוטאַלער בענעה־מונג צו איהר אין גאנצען דערשטיקט. ער האָט ניט פערשטאַ־נען, ווי אויפצואוועקען אין איהר דאָס ציטערען פון פערגניגען, נור גיכער האָט ער אין איהר ארויסגערופען א געפיהל פון עקעל. און מיט איהר וועהרען־זיך געגען איהם, אָדער אין בעסטען פאַל, מיט איהר געדולדיגען צוטראָגען זיך צו איהם אין דער צייט פון זיינע ראָטישע געוואלד־טהעטיגקייטען האָט זי איהם געבראכט אין צאָרן, און ער האָט איהר פעראורטהיילט, אלס א פרומע, קאַלטע בעשעפענים אָהן אירגענד וועלכען טעמ־פעראמענט.

און נאָכדעם, ווי דער מאַן האָט געטוידטעט יעדען קער־פערליכען צויבער, דורך וועלכען זי האָט זיך געפיהלט צו איהם צוגעבונדען, ווען זי איז געוועזען זיין כלה, איז אויך באַלד פער־שוואונדען אין זייערע פערהעלטניסע יעדער נשמה געפיהל פון ליעבע. ווען זי האָט זיך אויסגעניכטערט פון איהר ליעבע־שכרות, האָט זי ערשט רעכט דערקענט אלע זיינע גרויסע פעה־לערען. דאָס, וואָס פריהער האָט איהר אונאנגענעהם בעריהרט בלויז פאַר א רגע, דאָס איז איהר ביסלעכווייז געוואָרען עקעלדיג פאַר א לענגערע צייט. און אזוי ווי זי האָט ניט פערשטאַנען, ווי צו פערבעהאַלטען איהרע געפיהלען, און אזוי ווי זי האָט ניט געקאָנט זיך פארשטעלען און מאַכען א פריינדליכע מינע, ווען זי האָט זיך געפיהלט געערגערט און אָבגעשטויסען, האָט דאָס ביי דעלניצקי ארויסגערופען א צווייטען צאָרנדיגען אורטהייל: „אָה, די קאפריזנע, עקעלדיגע בעשעפעניש!“

עס איז ניט געקומען דערצו, אז זיי זאָלען צווישען זיך זיך אויסריידען, און דאָס די מיספערשטענדניסע זאָלען בעזיי־טיגט ווערען. אָנשטאָט דעם זיינען זיי אלץ מעהר און מעהר געוואָרען פאַלשטענדיג גלייכגילטיג איינער צום אנדערען. דער פערקעהר צווישען זיי איז געוואָרען אלץ מאַטער און קיהל־לער. די געשפרעכען אימער קירצער, און די פאָר צערטליכ־קייטס־אויסדריקע, וואָס האָבען נאָך געשטאַמט פון דער חתן־

כלה־צייט, זיינען געוואָרען אַלץ זעלטענער, ביז זיי זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען. אַזוי, דאָס אַנשטאָט דעם, וואָס יעדער טאָג זאָל זיי מאַכען נעהענטער איינער צום אַנדערען, ווי דאָס איז געווען אין דעם לעבען און ליעבע צווישען טיללינג און מאַרטאַ, האָט זיי אַלץ דערווייטערט איינעם פון אַנדערען, אַזוי, דאָס זיי האָבען זיך געפיהלט, ווי פרעמדע, כאָטש זיי האָבען געלעבט צוזאַמען.

אין דעם ערשטען יאָהר איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען אַ קינד. אָבער אויך דער גליק פון אַ מוטער איז סילוויאַ'ן ניט געווען בעשערט. אונטער מורא'דיגע שמערצען און לעבענס־געפאהר האָט סילוויאַ געבראַכט אַ קינד אויף דער וועלט, און פיער מאָנאַטען שפּעטער האָט זי געמוזט זעהען איהר קינד שטאַרבען אין שרעקליכע קאָנוואולסיעס.

זי האָט ניט געוואונשען צו האָבען אַ צווייטען קינד. זי האָט זיך ניט געפיהלט איינזאַם. איהר הארץ איז געווען פול מיט ליעבע צו איהר מוטער און צו איהר ברודער פונקט, ווי איידער זי האָט חתונה געהאַט, גיכער נאָך מעהר. איהר אינ־טערעס אין די שטרעבונגען און אידעען פון רודאָלף איז גע־וואָרען גרעסער, און אין איהרע בעציהונגען צו איהר מו־טער איז זי געוואָרען פיעל וואַרימער. זי האָט ניט פאַרבאַ־האַלטען פון איהר מוטער איהר ענטטוישונג פון איהר הייראַט מיט דעלניצקי. זי האָט איהר אַלעס מיטגעטהיילט, אָבער דערביי ניט אויסבערעכענדיג אין קיין געוויין. געווים איז זי ניט געווען גליקליך. זי האָט ניט ארויסגעצויגען דעם גרויסען געווינס אין דער חתונה־לאָטעריע, אָבער דאָס האָט איהר ניט געמאַכט פאַר אַזאַ בעטלערין, אַז זי זאָל דאַרפען וויינען און קלאָגען אויף איהר מזל. די פּאָרוויהרפע, מיט וועלכע איהר מוטער האָט זיך געפיינינגט, האָט זי געזוכט צו פערטרייבען. זי האָט אויף זיך אַליין גענומען די שולד. אויף איהר אייגענע איינגעשפּאַרטע פערבלענדונג — קיין זאַך, אפילו ניט די אַוי־טאָריטעט פון דער מוטער, וואָלט ניט געקאָנט ענדערען איהר

נארישען בעשלום צו הייראטען דעלניצקי, און דערפאר קומט איהר די שטראף.

וואס אבער ווייטער? זיינען דען ניטא טויזענדע פרויען, וואס לעבען מיט זייערע מענער פונקט אין אזא צושטאנד פון גלייכגילטיגקייט? און זיינען דען ניטא פיעלע מיידלאך, וואס האבען גארניט התונה, און דאך געפינען זיי געגוג פער־גניגען און גענוס אין לעבען? און איבעריגנס — האט זי ווייטער פילאזאפירט — איז דען גענוס און גליק א זאך, וואס יע־דער מענש האט א רעכט צו פארדערען? ווארום זאל גע־הארע פאר איהר זיך עפענען א גן עדן, וואו אזוי פיעל מענשען ליידען אין גיהנום? מען מוז זיך צופריעדען שטעלען מיט דעם, וואס מען האט. און דעם אמת גערעדט, האט זי דאך גאר פיעלעס: א גוטע מאמע, א טהייערען ברודער, א גייסטיגע מיטווירקונג אין די לעבענס־אויפגאבען פון די ליידע. דערצו איז זי געזונד, רייך, און האט די בעסטע געזעלשאפט. „ניין, ניין, מוטער, בעדויער מיך ניט.“ אויף אזא אופן האט זי פערשטאנען אימער צו טרייסטען איהר מו־טער, ווען זי האט זיך אנגעהויבען מאכען פארווירפע, ווארום זי האט איינגעשטימט צו איהר טאכטער׳ס הייראט.

ווען סילוויא האט דערקאנט די האנדשריפט אויף דעם אד־רעס פון דעם בריעף פון בערלין, איז זי בלאס געווארען.

— פון וועמען איז עס? — האט דעלניצקי געפרעגט, ארויפקוקענדיג פון זיין ציימונג, אין וועלכער ער האט געליי־ענט די לעצטע ספארט־נייעס.

— פון הוגא ברעסער... ער וויל אריבערקומען אהער אויף א קורצע ווייל... דאס וועט זיין פאטער זעהר פרעהען.

— דו, זאג מיר, איז אייער אלטער הויז־פריינד, דער אל־טער ברעסער, ניט א גע׳שמד׳טער איד?

— אפשר. איך ווייס ניט.

— קען דאך זיין, אז ער איז נאך א גארניט גע׳שמד׳טער איד?

— דאָס זיכער ניט. אָבער וואָרום פרעגסטו? ווי, ווען יע?

— אָה, איך קען די אידען ניט פערטראָגען. עס ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער זיך צוזאַמענצוטרעפען מיט זיי.

„אויך דאָס נאָך!“ האָט סילוויא געזיפצט אין איהר נשמה. עס איז איהר קיין זאַך ניט געווען אַזוי עקעלדיג, ווי דער אנטיסעמיטיזם. וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט אין דער געזעלשאַפט. און אויפ׳ן קול האָט זי געזאָגט:

— פּאַטער פראָטום דענקט פיעל ברייט-הארציגער.

— אַך, דער, דער איז אויך אזא מין ליבעראַל... נו, יאָ, איך בין אויך ניט אזא פערביסענער פאנאטיקער, אָבער וואָלט איך געווען א גלח, וואָלט איך זיך געהאַלטן ביי די קלעריקאַלע אנזיכטען און וואָלט געהאַט די אידעען פון די, וואָס עס האָבען די איבער מיר. איבעריגס, אַרט מיר ניט די גאַנצע געשיכטע... וועט דאָ דער יונגער ברעסער פערבלייבען און עהרליך פערדיענען זיין ברויט?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז ער קומט נור אויף א קורצע צייט. — זי האָט צו איהם צוגערוקט דעם בריעף — נאַ, לעז אַליין.

אנטאָן דעלניצקי האָט געמאַכט אן אָבוועהרענדע בעוועגונג מיט׳ן האַנד, און געזאָגט:

— עס אינטערעסירט מיך ניט. דער מענש אַליין אינטערעסירט מיך ניט מיט זיין קאַריערע, אַלס שריפטשטעלער, פון וועלכער זיין פּאַטער האָט הנאה צו רעדען אזוי לאַנג און ברייט.

און ווירקליך, דאָס האָט דער אַלטער ברעסער אויך איצטער געטהאָן, ווען ער איז נור געקומען מיט א בעזוך צו די טילינגס. מען האָט פון איהם זיך דערוואוסט, דאָס הוגאָ ברעסער האָט זיך געלאָזט אריינפיהרען אין די קרייזען פון די בערלינער שריפטשטעלער, און דאָס ער האַלט אין איין שאַפען, דאָס ער האָט שוין פערעפענטליכט א ראָמאַן אין איינעם פון די בעקאַנטעסטע בערלינער זשורנאַלען, און דאָס ער האָט אָנגעשריבען א דראַמע, וועלכע ווערט געשפּיעלט מיט גרויס ערפאָלג אויף אַלע דייטשע ביהנען.

— איבעריגס, ווען ער קומט — האָט דעלניצקי געזאָגט — לאָז איהם איין צו אַ מאָהלצייט. איך געה איצט.

סילוויא האָט ניט געפרעגט: „וואוהין". זי האָט נור איינפאַך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

ווען זי איז אַליין געבליבען, האָט זי נאָך אַמאָל איבערגע־לייענט די פּאָר שורות פון דעם בריעף. דער כאַראַקטער פון דער האַנדשריפט איז עס געווען, וואָס האָט איהר פּעראינטערע־סירט, ווייל דאָס האָט איהר דערמאָנט אָן דעם בריעף, וועלכען זי האָט פערברענט, און אָן דעם גאַנץ אַנגענעהמען געפיהל, וואָס יענער בריעף האָט ביי איהר אַרויסגערופען. אייגענטליך איז עס געווען אַ חוצפּה פון ברעסער צו שרייבען איהר איצט ווידער, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן — זאָל זי איהם אויפנעהמען? און צוריק גע־רעדט, וואָרום ניט? די אינגעלשע ליידענשאַפט זיינע איז שוין געוויס פאַרגעסען און פאַרשוואונדען. זי האָט דאָך עס אויף זיך אַליין אויסגעפּונען, וואָס פאַר ענדערונגען עס מאַכט די צייט אין די ליעבעס־געפיהלען, און אודאי מוז עס זיין דער פאַל ביי אַ יונגען מענשען, וועלכער איז נאָך דערצו אין דער צייט געוואָרען אַ בעריהמטער געפייערטער שריפטשטעלער... דער האָט זיכער געהאַט אין בערלין מעהר, ווי איין ליעבעס־פער־העלטניס, און ער האָט גאָרניט געטראַכט אָן יענעם עפּיזאָד, וואָס איז אויגענשיינליך געווען גאָרניט מיט גאָרניט... און זאָל זי איהם, דעם זוהן פון אַן אַלטען גוטען הויז־פריינד, ניט אויפ־נעהמען, וואָלט עס דאָך טאַקע געווען עטוואָס, וואָס וואָלט גע־מאַכט מענשען מיט רעכט רעדען. און ער אַליין וואָלט זיך נאָך געקאָנט איינרעדען, אַז זי האָט מורא זיך צו בעגעגענען מיט איהם. און, ווי דער אמת איז, הויבט זי דאָך גאָרניט אָן מורא צו האָבען פאַר איהם...

איז זי טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צו איהר שרייב־טיש, און האָט איהם געענטפערט: עס וועט זעהר פרעהען איהר און איהר מאַן צו זעהען און הערען פון איהם אַליין וועגען זיינע

גרויסע ערפאָלגען. ער מעג, כדי געמיטהליכער צו פלוידערען, קו־מען אום זעקס א זייגער, ווען עס ווערט געגעסען, און דאָס נעכ־סטען דאָנערשטאג, ווייל דאן ערוואַרטעט זי אויך איהר ברו־דער, רודאָלף, וועלכער וועט זיך געווים פונקט אזוי פרעהען צו זעהען זיך מיט איהם.

און נעכסטען דאָנערשטאג, צעהן מינוטען פאר דער בע־שטימטער צייט, איז שוין ברעסער געווען אין דער וואָהנונג פון גראף דעלניצקי. זיין הארץ האָט איהם געקלאפט; ווען ער איז אריין אין פאָרצימער. א דינער האָט פון איהם צוגענומען דעם אויבער־ראָק. פאר דעם שפּיגעל האָט ער צורעכט גע־מאכט זיין האלזטוך, און האָט געזעהן, אז די בלום אין זיין לאַץ זאָל זיצען פעסט.

דער דינער איז געגאנגען פאָראויס, און האָט געפיהרט דעם גאסט דורך צוויי גרויסע, נור זעהר שוואך־בעלויכטענע זאַלען אין א דריטען, א קליינעם, וואו די הויז־פרוי איז געזע־סען אליין.

סילוויא, אין אן איינפאכען זיידענעם קלייד, איז געגאנ־גען א פּאָר טריט אום צו בעגעגענען איהם און האָט איהם דער־לאנגט די האנד, וועלכע ער האָט מיט גרוים עהרפורכט גע־קושט.

— הערצליך ווילקאָמען, הערר ברעסער! ווי איהר האָט זיך אָבער פערענדערט! און צום בעסערען! — האָט זי צוגע־לייגט מיט א שמייכעל.

זי האָט געזאָגט דעם אמת. הוגאָ, וועלכער האָט איצט גע־טראָגען א שפּיציג־צוגעשאָרענע בערדעל און פארקעמט זיינע האָר אויפ׳ן מיטען, האָט ווירקליך אויסגעזעהען פיעל שעה־נער, ווי איידער ער האָט פערלאָזען וויען. אויך אין דעם אוים־דרוק פון זיין פנים און אין דער זיכערקייט פון זיין בענעה־מען זיך איז געווען עטוואָס נייעס, עטוואָס, וואָס איז געקומען פון זיין ערפאָלג, פון דעם פאקט, וואָס ער איז אין בערלין גע־וואָרען דער ליעבלינג פון דער געזעלשאפט.

סילוויא אין איהר אויסערען אויסזעהען האט זיך ניט גע־ענדערט. אויף דעם ערשטען בליק און נאך די ערשטע ווער־טער, מיט וועלכע זיי האבען זיך אומגעביטען, האט הוגא ווי־דער געפונען אין איהרע געזיכטצינע דאס, וואס ער האט פרי־הער אזוי געליעבט — א גאנץ בעזונדערען צויבער, וועלכער האט געשוועבט ארום איהרע ליפען, ווען זי האט גערעדט אדער געשמייכעלט.

די אינערליכע אויפרעגונג פון דעם ווידערזעהען זיך הא־בען ביידע פערבעהאלטען דורך א ביסעל צו איילענדיגע פראגען און ענטפערס איבער די געוועהנליכע זאכען: „ווען זייט איהר געקומען? — ווי לאנג פערבלייבט איהר דא? — ווי געפעלט אייך בערלין?“ און ער, פון זיין זייט: „ווי געהט עס דעם הערר גראף? — און ווי דער פערעהרטער בעראנעסע טילינג? — האט די פרוי גרעפין שעהן פערבראכט אין איטאליען? דאן האט סילוויא אנגעהויבען רעדען פון זיינע ליטעראַרישע ערפאלגען.

— איהר זיינט איצט אן אנערקענטער, מען מעג שוין זאגען, בעריהמטער דיכטער, הערר ברעסער, און דאס מוז זיין א שטאלצער, אנגענעהמער געפיהל.

— דאס אנגענעהמסטע אין דיכטען איז ניט אין דער אנ־ערקענונג, נור אין דער ארבייט גופא. דאס שאפען איז א בע־פרייאונג. א קומען אין בעזיץ פון אוצרות, וועגען וועלכע מען חלום׳ט נור פריהער. אלעס, וואס דאס לעבען און די וועלט מעג איינעם פערשאפען — ענטטוישונג, שמערץ, צארן — דאס דארף ער אין זיך ניט דערשטיקען... דאס נעהמט דער דיכטער, גיט עס א געוויסע פארם, קליידט עס איבער מיט זיין גאנצער אויסגעדריקטער ליידענשאפט — און דא שטעהט עס דאן לעבעדיג, פלאמענדיג, וויינענדיג — אבער מען איז בע־פרייט פון דעם. און אויך די פריידען, די זיסקייטען, די שטאל־צע זיעגע, וועלכע דאס לעבען גיט איינעם — אויך די רייסט מען ארויס פון דעם קעניגרייך פון דער פאנטאזיע, און

מען שטעלט זיי אוועק פאר זיך, געקליידעט אין דעם פראכט פון דער שפראך — און זיי זיינען דאן זיינע, ער איז דאך דאן זייער בעשעפער.

— ווי בעגייסטערט איהר זיינט עס פון דער דיכט־קונסט?

— איך נעהם ערנסט מיין בערוף, גרעפין, איך ווער אין איהם פערשלונגען. זייט מיינע אינגסטע יאהרען, איהר ווייסט עס דאך, גרעפין, האב איך גערעכענט צו ווירקען מיט מיין פע־דער. דער זשורנאליזם איז געווען דאס פעלד, אויף וועלכען איך האב געוואלט קעמפפען.

— יא, איך דערמאן זיך — יענע ציימונג, אין וועלכער אויך רודאלף האט געדענקט צו געפינען פלאץ פאר זיין פארלא־מענטארישער טהעטיגקייט.

— וועלכע איז געווארען צו גארניט.

— פונקט, ווי רודאלף׳ס פארלאמענטארישע קאריערע — האט סילוויא צוגעלייגט.

— איך ווייס איצט, אז פאר מיר איז עס געווען זעהר גוט. און אפשר אויך פאר איהם? איך בין צוליעב דעם אריינ־געדרענגט געווארען אין אנאנדער געביעט פון דעם שריפטשטע־לערישען פעלד און איך האב דארט דערגרייכט אזעלכע ערפאל־גען, וואס איך האב גארניט ערווארט.

— געבענשט אלזא זאל זיין יענע דורכגעפאלענע ציימונג.

— ניין, ניט נור דאס דורכפאלען פון יענער ציימונג האט מיך געבראכט דערצו צו ווערען דיכטער. עס איז געווען א לע־בענס־פאסירונג, וואס האט מיין גאנצע נשמה אויפגעטריי־סעלט — א שטורם פון געפיהלען, וועלכע איך וואלט ניט גע־קאנט אויסדריקען ניט אין לייט־ארטיקלען און ניט אין פעליע־טאנען.

— נור אין ראמאנען און דראמען? איך מוז, צו מיין שאנ־דע, זיך מודה זיין, דאס איך האב נאך אייערע ווערק ניט גע־

לייענט. האט איהר זיך בענוצט מיט אייער אייגענער לעבענס-ערפאהרונג, אלס שטאף פאר אייערע ווערק?

— ניין, נור די שטורמדיגע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע האבען ערוואכט דורך יענע ערפאהרונגען, האב איך אויסגעדריקט אין יענע פערזוכען. איך זאג פערזוכען, וואס איהר רופט אן ווערק — ווייל, כאטש אלס אנפאנגער האב איך געהאט גליק, דאך ווייס איך אם בעסטען, אז דאס, וואס איך האב ביז איצט געשאפען, זיינען נור שוואכע פערזוכען.... מיין ווערק, מיין קונסטווערק, דאס וועל איך ערשט שרייבען. רופט עס ניט מיט דעם ווארט חוצפה. איך גלויב, עס איז גארניטא אזא עהרליכער קינסטלער, וועלכער פיהלט ניט אין זיך א גאנ־צען כאאס פון ברויזענדע שטאפען און כוחות, וועלכע שטרע־בען צו ווערען א וועלט...

— איך בעט אום ענטשולדיגונג. האב איך זיך פערשפע־טיגט? דאס איז געווען דעלניצקי, וועלכער איז אריינגעקומען — גריסט אייך גאט, הערר ברעסער. נו, איך גראטוליר, איהר זיינט דאך איצט אזוי בעריהמט! דאס מוז אייך ברענגען א היבשע מטבע אייער טהעאטער־שטיק, ניין? דו — האט ער זיך געווענדעט צו זיין פרוי — איך זאל דיר זאגען, אז דער רודי קען היינט ניט קומען. בעאטריסע איז קראנק.

— אך, די ארימע, שוין ווידער? און מיין קוזינע האט אויך אבגעזאגט זיך פון צו קומען. נו, וועלען מיר אליין עסען.

— דאס וועט זיין גאנץ געמיטהליך, נור זעה, אז מען זאל דערלאנגען שנעל — איך געה היינט אין די אפערא, און איך הער זעהר גערן דעם ערשטען אקט פון „קארמען“.

וועהרענד דער קליינער מאהלצייט האט מען זיך אריינגע-לאזען אין ערדינערונגען פון דער צייט פאר סילוויא'ס חתונה און פאר הוגא'ס אבפאהרען. מען האט גערעדט פון די טעניס־פארטיען אין ברונהאף, פון פאטער פראטוס, פון דעם טויפען פון דעם קליינעם פריץ און פון עהנליכע זאכען. פון זיך און זיין טהאן האט הוגא גארניט דערצעהלט. ער האט זאגאר אויס-

געמידען צו ענטפערען אויף דעלניצקי'ס איינינע פראגען. ער האט וואהרשיינליך געפיהלט, אז פון דער זייט וועט ער גע־פינען קנאפ־וואס סימפאטהיע און פערשטענדניס.

ווען מען האט זיך אויפגעהויבען פון טיש, האט דעלניצקי א קוק געטהאן אויף'ן זייגער

— שוין זיעבען. איך בעט אום ענטשולדיגונג. קיין קאפע וועל איך שוין ניט טרינקען. אז ניט, וועל איך נאך קו־מען צו שפעט. איך לאז אייך ביידע אין גוטער געזעלשאפט. אלזא, אדיע. עס האט מיך זעהר געפרעהט.... איהר בלייבט דאך נאך א ווײלע אין וויען?... שעהן, אלזא, אויף ווידער־זעהען.

און ער איז אוועק.

סילוויא און הוגא זיינען אריין צוריק אין זאל.

— שטער איך אייך ניט, גרעפין? אפשר האט איהר אויך געוואלט געהן אין טהעאטער?

— ניין, ניין, איך בלייב אין דער היים. איך מוז זאגאר, ווייל מיינע פריינד וויסען, אז יעדען דאנערשטאג קענען זיי מיך זעהען, ווען זיי ווילען.

זי האט אריינגעגאסען דעם שווארצען קאפע און דער־לאנגט איהם א קאפ. צו דערזעלבער צייט האט זי איהם אנ־געוויזען אויף א בעכער פול מיט ציגארעטען — ווען איהר ווילט רויכערען, איז עס ערלויבט.

דאס זיין אליין צוזאמען איז פאר זיי געווען עטוואס, פאר וואס זיי האבען ביידע מורא געהאט, און פון וואס זיי האבען זיך געפיהלט גאנץ אונבעקוועם. זי האט מורא געהאט, אז ער קען נאך אנהויבען רעדען פון זיין בריעף, וועלכען ער האט איהר צוגעשיקט פאר איהר חתונה און וועלכען זי האט פארברענט. זי האט אויך מורא געהאט, אז הוגא האט וואהרשיינליך דער־שפירט, אז אין איהרע פערהעלטניסע מיט איהר מאן איז עפעס ניט, ווי עס בעדארף זיין, און זי האט זיך געשעהמט דערמיט. אין ברעסער ווידער האט אויפס־ניי אויפגעפלאקערט די אלטע

ליידענשאַפט. עס האָט זיך אָבגערוקט אין שאָטען דאָס בילד פון א בערלינער יונגער אַקטריסע, וועלכע איז געווען זיין געליעבטע. איהם איז אויסגעקומען אזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל גאָרניט געטראַכט וועגען אַנאַנדערער, אזוי ווי סילוויא וואָלט געווען די איינציגע פרוי, וואָס די וועלט האָט פאר איהם.

אָבער ער האָט ניט געוואָגט זיך ארויסצוגעבען. ער האָט זיך אָנגעטהאָן א כוח אָנצוהאַלטען דעמזעלבען באַנאַלען געשפּרעך, ווי זיצענדיג ביים מאָהלצייט. סילוויא האָט איהם געהאָלפען אין דעם. פונדעסטוועגען האָט עס איהר פערדראָסען, וואָס ברעסער קעהרט זיך ניט אום צוריק צו יענעם געהויבענעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט גערעדט, איידער דעלניצקי איז אָנגעקומען. קען עס זיין, אז ער גלויבט, אז גייסטיג איז זי ניט זיין גלייכבען, דאָס זי פיהלט זיך נור בעקוועם, ווען מען רעדט מיט איהר וועגען פוסטע זאכען, וועלכע זיינען אזוי ליעב איהר מאַן, דעלניצקי? אזוי טאָר א דיכטער און א מאַן, וואָס האָט איהר א מאָל געליעבט, ניט דענקען פון איהר. און ווען ער האָט ווידער געמאַכט א בעמערקונג וועגען די געביידען פון וויען און בערלין, האָט זי געמאַכט אַן אונגעדולדיגע בעוועגונג, און האָט געזאָגט:

— אַך, דאָס אינטערעסירט מיך ניט. רעדט דאָך מיט מיר ניט אזוי.... ווי האָט עס טאַני געזאָגט? „מיר זיינען דאָך א פּאָר יוגענד־פריינד", און פריינד האָבען זיך מעהר וואָס צו זאָגען, ווי צו ריידען איבער דעם וועטער אָדער איבער די פערשידענהייט פון די הייזער אין וויען און אין בערלין.

— מיר זיינען אָבער ניט געווען קיין יוגענד־פריינד, גרעפין! צווישען אונז ביידע איז געווען דער געזעלשאַפטליכער אָבגרונד. איך האָב אימער ארויפגעקוקט צו אייך, ווי צו א שטערן... נור איינמאָל — פאר א פּאָר שטונדען, פאר א פּאָר טעג האָב איך פערגעסען אָן די ווייטקייט צווישען אונז — אָבער וועגען דעם דאַרף, טאָר איך דאָך ניט רעדען.

— ניין, וועגען דעם ניט.

זיי האָבען געשוויגען א ווייל — אייגענטליך האָבען זיי דאָך ביידע גערעדט שוין וועגען דעם.

— לאָמיר ווידער רעדען וועגען אייער ליטעראַרישער קאַריערע, דאָס אינטערעסירט מיך זעהר און זעהר. איך זעה, דאָס איהר האָט א לעבענס־אויפגאבע, דאָס איהר שטרעבט צו גרויסע ציעלען, ווי מיין ברודער. א שאָד, דאָס ער איז ניט גע־קומען. איהר וואָלט, אפשר, ווידער אויפגענומען מיט איהם יענע דעבאַטע איבער דעם, ווי ווייט דער געדאַנק שטעהט העכער פון דער טהאַט.

— ווי, איהר געדענקט עס נאָך? ווי איהר זעהט, בין איך געבליבען טריי צו מיין אנזיכט. איך האָב מיך אין גאַנצען אָב־געגעבען אין דיענסט פון דעם געדאַנק, און דאָס אויך ניט דעם געדאַנק, וואָס צילעוועט זיך צו עטוואָס בעשטימטעס, פּראַקטי־שעס, נור צו דעם, וועלכער שוועבט איבער אלע וואָלקענס. רו־דאָלף האָט נאָך אַלץ מסתמא זיינע געדאַנקען און פּלענער, ווי די וועלט בעסער צו מאַכען. אך, איך האָב מורא, אז עס לאָזט זיך ניט פיעל פערבעסערען אין אונזער קליינער שטיקעל וועלט.... איך, ווענינסטענס, וואָלט עס ניט געקאָנט. העכ־סטענס, א ביסעלע שעהנער מאַכען, זאָל עס זיין דורך א בי־סעל קונסט, אָדער דורך א ביסעלע ליעבע.

דאָס וואָרט „ליעבע" און דער טאָן, אין וועלכען הוגא האָט עס ארויסגערעדט, האָט אויף סילוויא געמאַכט א בעקלעמענדע ווירקונג. זי האָט אליין ניט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט אָט די דאָזיגע קלעמענעש פון איהר הארץ. זאָל עס זיין דער דורשט נאָך ליעבע? זאָל עס זיין אייפערזוכט? זי האָט טיעף אויפגע־אָטהעמט.

— וואָס שרייבט איהר איצט? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו ענטפערען. דער דינער האָט געמעלדעט א נייעם גאַסט. און באלד איז דער זאַל געווען פול מיט א דוצען מענשען, און ברעסער האָט גענומען אָב־שייד.

— ווען וועט איהר מיך ווידער זעהען? — האָט זי געפרעגט, דערלאַנגענדיג איהם די האַנד צום קושען.

— אזוי גיך, ווי איהר וועט עס בעפעהלען.

עלפטער קאַפּיטעל.

רודאָלף דאַצקי איז דורכגעפאלען ביי די וואהלען צום רייכסטאט. ער האָט ניט געוואָלט זיין דער קאַנדידאט פון די גרויסע לאַנד־אייגענטהימער, ווייל ער וואָלט זיך דאן געמוזט אַנשליסען אַן איינער פון די עקזיסטירענדע פּאַרטייען, און דאָס האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט אויסערוועהלט ווערען, אלס אונאבהענגיגער. אין די וואהל־פערזאמלונגען האָט ער ענטוויקעלט זיין פּראָגראַם אין זעהר פיעלע שעהנע רעדען, וועלכע זיינען שטארק אפּלאָדירט געוואָרען, אָבער די שטימען־מעהרהייט האָט געקראָגען זיין געגען־קאַנדידאט.

דער געגען־קאַנדידאט האָט אויפגעשטעלט אַן אלטען, אויסגעפּרובירטען פּראָגראַם, פול מיט אַלערליי פערשפּרעכונגען, אזוי, אז די שטימען זיינען ממש געפלויגען צו איהם. אלעס געהט דאָך — עס איז דאָך אזוי נאַטירליך — אויף דעם וועג פון דעם גרינגסטען ווידערשטאַנד, דאָס הייסט, אויף דעם אַלטען, געוועהנליכען וועג. די נייע, נאָך קיינמאָל ניט געהערטע אידעען, וועלכע רודאָלף האָט ענטוויקעלט, זיינען טהיילוויז געבליבען אונפערשטאַנען, און טהיילוויז האָבען זיי אַנגעיאָגט א מורא אויף די וועהלער.

בעזאָנדערס פון די פון זיין קלאַס האָט ער געמוזט אויסשטעהן אַלערליי פּאָרווירפע. די עלטערע צווישען זיי האָבען איהם געוואָלט פשוט לערנען, ווי זיך צו בעגעהן. זיי זיינען דאָך געוועזען שוין פּראַקטישער, ערפאַהרענער, ווי דאַצקי. זיי האָבען אלעס געוואוסט, וואָס מען מוז טהאָן, אום צו קענען ווערען אויסערוועהלט, און זיי האָבען, אלס גוטע פריינד, געזוכט איהם אָבצואווענדען פון זיינע אונפּראַקטישע אידעען. דאָס אָדער יענעס מעג שוין גאַנץ ריכטיג זיין — האָבען זיי

גע׳טענה׳ט צו איהם—מאנכעס זאגאר אונבעשטרייטבאר, דאך דארף מען ניט רעדען וועגען דעם, ווייל אין מאנכע קרייזען קען עס ארויסרופען פערדרוס, און מעהר פון אלץ איז נויטיג צו מא־כען די אייגענע פארטיי רעגיערונגס־פעהיג. דערפאר איז דאס אונטעהווארפען־זיך אונטער דעם פארטיי־אינטערעס דער וויכ־טיגסטער פאליטישער פרינציפ. נאכגעבען אויף געוויסע פונקטען, כדי אין אנדערע פונקטען זאל מען אייך נאכגעבען.

— קורץ, קאמפראמיסען — האט רודאלף אונטערבראכען אזעלכע גוט־מיינענדע פריינד — ניין, איך דאנק אייך.

דעם גרעסטען ווידערשטאנד האט אבער רודאלף געפונען דארט, וואו ער האט עס אם וויניגסטען ערווארט — ביי זיין פרוי און שוויגער. עס איז ניט געווען קיין דירעקטער ווידער־שטאנד געגען זיינע פרינציפען, ווייל פון די האבען זיי גארניט פערשטאנען, נור דאס איז געווען אן אינדירעקטער ווידער־שטאנד, אין וועלכען זיי האבען ארויסגעבראכט זייער אייגענע אויפפאסונג פון דער פארלאמענטארישער קאריערע, אין וועל־כער זיי האבען ניט געזעהען קיין אנדער זאך, ווי נור א מיטעל פאר די דערגרייכונג פון אייגענע, פערזענליכע נוצען. אלס די אויפגאבע און פליכט פון אן אבגעארדנעטען, האבען זיי בע־טראכט דאס שטרעבען צו מאכען פאר זיך א גרויסע קאריערע, דאס הייסט, טהאן און רעדען אלעס, וואס עס קען געפעלען דעם אדער יענעם מיניסטער. „דארום, רודי, נור אימער פערטהיי־דיגען טהראן, אלטאר און ארמיי... אונזער הויף איז דאך זעהר פרום און אונזער קאיזער האט דאך אויך ליעב פריעדען... אבער ער האט אויך ליעב זיין ארמיי און טהוט אזוי פיעל פאר איהר.... דאס, וואס פרידריך טילינג האט געוואלט, איז גאנץ שעהן, אבער די מיליטער טאר מען ניט טשעפען... וואס שטאר־קער די ארמיי איז, און וואס בעסער זי איז בעוואפענט, דאס וועניגער וועלען די אנדערע מעכטע זיך אנפאנגען מיט אונז.... און דאן וואס וועט ווערען פון אלע זיהן פון דעם אדעל, ווען מען וועט דארפען וועניגער אפיציערען?... און דאן איז עס ניט

אַנשטענדיג, ניט פּאַטריאָטיש, ווען מען בעקעמפט דעם מיליטאַריזם — דאָס טהוען דאָך די זאָגענאַנטע רויטע, וועלכע ווילען אונטערגראָבען אונזער גאַנצע אָרדנונג...

רודאָלף האָט זיך אַפילו זעהר אונגעדולדיג געוועהרט געגען אַזאַ אַריינמישען זיך, אָבער אין אַזאַ אָדער אין אַנאַנדער פאָרם האָבען זיי איהם אימער געזשומעט אין די אויערען. ער האָט דאַרום געפיהלט זיך כמעט גליקליך, ווען ער איז ניט אויסערוועהלט געוואָרען, ווייל צו דעם קאַמפף, וואָס ער וואָלט געמוזט אויפנעהמען אין רייכסטראַט, וואָלט נאָך צוגעקומען דער קאַמפף מיט די זייניגע. ער וואָלט געוויס זיך ניט צוריקגעשראָקען פון דעם קאַמפף, און ער איז געווען ענטשלאָסען ביי דער נעכסטער געלעגענהייט דאָסזעלבע ווידער צו טהאָן.

דעם פּלאַן זיינעם, וועגען וועלכען ער האָט גערעדט מיט זיין מוטער, צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט די פריינד פון פריעדען, האָט ער אויסגעפיהרט. ער האָט געשריבען צו די פערשיעדענע פּראָמינענטע קעמפּפער פאַר פריעדען אין פערשיעדענע לענדער, און פון זיי האָט ער אויסגעפונען גאַנץ גענוי, ווי עס שטעהט מיט דער „בעוועגונג" פאַר פריעדען, און עס איז געווען גענוג, וואָס אַריינצוטראָגען אין דעם פּראָטאָקאָל. וואָלט רודאָלף אויסערוועהלט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט, וואָלט ער פּרובירט צו שטעלען זיך אָן די שפּיץ פון אַן עסטרייכשער גרופּפּע פון פריעדענס־פריינד.

איבעריגם איז רודאָלף נאָך אַלץ געבליבען, ווי געווען, אַ פריינד פון קהל'שע זאַכען, פון פּאַרטייען און פעראיינען. מאַרטאַ, זיין מוטער, האָט מיט איהם איינגע'טענה'עט, אַז דער בעסטער אופן צו פערווירקליכען טילינג'ס אידעען, וואָלט געווען אַריבערצופּלאַנצען די אינטערנאַציאָנאַלע בעוועגונג, מיט וועמעס פיהרער ער קאָררעספּאָנדירט זיך, נאָך עסטרייך, אַז אויך אין וויען זאָל זיך גרינדען אַ פעראיין, וועמעס מיטגלידער וואָלטען זיך געקאָנט בעטהייליגען אין די קאָנגרעסען, וואָס ווערען אָבגעהאַלטען יעדען יאָהר. אָבער צו דעם האָט זיך רו־

דאָלף ניט געקאָנט ענטשליסען. ער איז ניט געווען „פעראיינס־מיער“, ווי דאָס איז דער פאַל מיט פיעלע מענשען נאָך א לאַנגער ערפאַהרונג, ווייל אין דעם האָט ער דאָך גאָר קיין ערפאַהרונג ניט געהאַט. ער איז אָבער געווען פעראיין־שרעקעדיג. גאַנץ פּראַקטישע זאכען, האָט ער געגלויבט, ווי די ציעלען פון „רויטען קרייץ“; אלערליי רעטונגס־געזעלשאַפטען, דאָס האָט ער פערשטאַנען, אום צו האָבען ערפאָלג, נויטיגט זיך אין אָרגאַניזאַציאָן; אָבער אבסטראַקטע אידעען, מאָראַל־אידעען, פילאָזאָפישע וואהרהייטען — ווי קענען די געהאָלפען ווערען דורך אָפּיסעם, בעאַמטע, פּראָטאָקאָל־ביכער, קאָנגרעסען, רעזאָלוציאָנען? די מוזען, אום צו קענען ענדערען די עפענטליכע אינסטיטוציאָנען, געפינען זייער וועג אין הויז, אין די שול, אין די קעפּ פון די גייסטיגע פיהרער און הערשער. „א וועלטאנשויאונג — פלעגט ער זאָגען — לאָזט זיך ניט אָרגאַניזירען. פאַר די ערציהונג פון דער געזעלשאַפט זיינען ניט נויטיג ניט קיין פּאָרזיצענדע, ניט קיין פּראָטאָקאָל־סעקרעטערע, און ניט קיין קאַססעס, נור לעהרער, פּרעדיגער“.

— און ווילסטו דען ניט ווערען דער לעהרער?

— ווילען — ענטגט עס דען אָפּ פון ווילען? — האָט ער צוריק געפרעגט — פונקט אזוי גוט וואָלט זיך איינער געקאָנט פאָרנעהמען צו זיין א גאון. ווי הויך עס וועט זיין די קראַפט, וועלכע איינער שטעלט אין דיענסט פון דער זאך, אין וועלכער ער גלויבט, דאָס קען מען ניט בעשטימען. נור דאָס קען איינער זיך פאָרנעהמען: טריי צו דינען, מיט דעם גאַנצען כוח, וועלכען מען האָט נור.

און אזוי ווי די טריבונע פון פּאַרלאַמענט איז פאַר איהם געבליבען פערשלאָסען, האָט רודאָלף געזוכט אנאנדער טריבונע, פון וועלכער ער זאָל קענען לאָזען די וועלט וויסען וועגען זיינע געדאַנקען און פּלענער, וואָס האָבען אָנגעפילט זיין קאָפּ. דאָס סאַמע נאָהענטסטע איז געווען צו שרייבען ארטיקלען אין די צייטונגען. ער האָט עס פּרובירט. די אידעען און פּרינציפּען,

וועלכע האָבען ניט געפונען קיין חן אין די אויגען פון די וועה־לער, האָט ער איצט אויסגעדריקט אויף'ן פּאַפּיר אין דער פאָרם פון אַרטיקלען. אָבער גאָר ווייניג גליק האָבען זיי געהאַט ביי די גרויסע פּאָליטישע צייטונגען. דאָרט האָט דאַן געהערשט דיזעלבע שמאָלינקע פּאַרטייליכקייט, וועלכע ער האָט געפו־נען אין די לעבעדיגע פּאָליטישע קרייזען, און אַלעס, וואָס איז געווען אויסער די גרענעצען פון די געוועהנליכע שלאַג־ווערטער, דאָס האָבען די צייטונגען ניט געוואָלט פּערעפענטלי־כען. פון דעסטוועגען צייט־פראַגען זיינען אימער אַם פּלאַץ אין אַ צייטונג, און ווען אין הערבסט, 1891, האָבען די טעלע־גראַף־אַגענטורען געמאָלדען, אַז אין רוים וועט שטאַטפינדען אַ פריעדענס־קאָנגרעס מיט דער בעטהייליגונג פון מענשען פון אָפיציעלע קרייזען, האָט עס פּאַסירט, דאָס אויך אין די צייט־טונגען האָט מען זיך פּעראינטערעסירט דערמיט, און אַ גרויסע וויענער צייטונג האָט פּערעפענטליכט אַן אַרטיקעל פון רודאָלף דאָצקי, אין וועלכען ער האָט אונגעפעהר פאָלגענדעס אויסגע־פיהרט:

מיליאָנען־אַרמייען, צוטהיילט אין צוויי לאַגערען, קלינ־גענדיג מיט די וואַפען, וואַרטענדיג נור אויף אַ וואונק, שטעהען אָנגעגרייט צו וואַרפען זיך איינע אויף די אַנדערע. דאָס, וואָס עס פּערציהט זיך אַזוי אָט דער קאַמפּף, איז עס נור דער־פאַר, ווייל פון ביידע זייטען האָט מען מורא פאַר די מורא'־דיגקייט זיינע.

אָבליינען מיינט אָבער נאָך ניט אויפגעבען.

די זאָגענאַנטע „ברכות“ פון פריעדען (אַזוי ווי דער בע־וואַפענטער פריעדען וואָלט אַליין שוין ניט געווען אַ קללה), ווערען אונז גאַראַנטירט פון יאָהר צו יאָהר, אָבער נור מיט דעם וואָרט „האָפענטליך“. מען זאָגט אונז צו, אַז האָפענטליך וועט דער פריעדען אָנהאַלטען נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר. פון דער אָבשאַפונג פון קריעג, פון דער גענצליכער אָבשאַפונג פון דעם געוואַלד־פּרינציפּ, פון דעם ווילען די הערשענדע גע־

וואלטען ניט וויסען. דער קריעג איז פאר זיי הייליג און מען טאר גארניט דענקען פון מאכען איהם אונמעגליך. פון דער אנדערער זייט, אין אנבעטראכט פון דער גרויס, וואס א קריעג וואלט געמוזט אננעהמען אונטער די איצטיגע אומשטענדען, טאר מען אוים מורא פאר דעם אייגענעם געוויסען ניט אנפאנגען. עס מוז דארום אנגעהן אן אייביגעס פארבערייטען־זיך אויף דאס, וואס עס דארף אייגענטליך דורך די פארבערייטונג פערמיעדען ווערען — א פערמיידונג פון דעם, וואס דורך די פערמיידונג ווערט פארבערייטעט.

דער דאזיגער ווידערשפרוך־מאנסטער ערקלערט זיך אזוי:

יענע געביידע פון דער היסטארישער פערגאנגענהייט, וואס מען וויל נאך אויפהאלטען — די פרעהליכע קריעג־פיהרונג, דורך וועלכע גרענעצען ווערען געענדערט, דורך וועלכע איינעמס מאכט ווערט גרעסער אדער קלענער, וועלכע אינטערעסירט נור א קליינעם טהייל פון דער בעפעלקערונג — די דאזיגע קריעג־פיהרונג איז א דאנק דער ענטוויקלונג פון קולטור געווארען א מאראלישע און פיזישע אונמעגליכקייט, מאראליש אונמעגליך, ווייל די מענשען האבען פערלארען זייער ווילדקייט און זייער פעראכטונג צום לעבען, און געהען ניט מיט לוסט צו דער ארבייט פון טוידט־שלאגען. „די בלוט־ארבייט איז מיר פערהאסט", שרייבט פרידריך דער דריטער אין זיין טאג־בוך — פיזיש אונמעגליך, ווייל די צושטערונגס־טעכניק פון די לעצטע צוואנציג יאהר האט דערגרייכט א גראד, וועלכער וואלט דעם נעכסטען קריג געמאכט פאר עטוואס שרעקליכעס, וואס די וועלט האט נאך קיינמאל ניט געזעהען.

א ביישפיעל: וואלט מען געוואלט דורך לאנגע שטונדען פארבערייטען א וואנע, ווארעמען דאס וואסער אזוי לאנג, ביז עס זידט און קאכט, וואלט דאס געווען א זעהר הייסע וואנע פאר איינעם, וואס וואלט אין איהר אריין, אדער בעסער, אריינגעפאלען! מען וואלט עס, דאכט זיך, שוין מעהר ניט געקאנט רופען מיט דעם נאמען וואנע.

און פונקט אזוי וועט מען ניט קענען דאס, וואס מוז קו־מען דורך האלטען זיך אין איין פארבערייטען, אנרופען מיט דעם נאמען מלחמה.

נאך א פאר יאהר אזעלכע, וואס זאלען אויפהאלטען דעם פריעדען, אזעלכע פערמעהרונגען פון דער ארמיי, אזעלכע ער־פינדונגען פון אלערליי מארד־מאשינען, און באלד, נאך דער קריגס־ערקלערונג וועלען אלע קריגספיהרענדע פעלקער זיך אפ־בריהען. יעדען אויגענבליק קען קומען די עקספלאזיאן. די יע־ניגע, וועלכע האבען אין די הענד דעם עקספלאזיאנס־שטאף, גי־בען, צום גליק, אכטונג. זיי וויסען, וואס פאר שרעקליכע פאלגען עס קענען דערפון זיין. און כדי די געפאהר זאל זיין אלץ קלענער, האלטען זיי אין איין פערגרעסערען דעם פולווער־סטאק. וואלט עס דען ניט געווען איינפאכער פרייוויליג און נאך אן אלגעמיינער איינפערשטענדנים אבצושאפען דעם פול־ווער, אין אנדערע ווערטער, זיך צו ענטוואפנען, און צו גרינדען א בונד צווישען די ציוויליזירטע שטאאטען פון איירא פא?"

רודאלף האט זיך אונטערגעשריבען אונטער דעם ארטי־קעל, און ער האט ערהאלטען בריעף פון פערשיעדענע שיכטען פון דער געזעלשאפט, וועלכע האבען זיך ערקלערט מיט איהם פאלקאם איינפערשטאנען. די צווייטע ווירקונג איז געווען, דאס אין זיינע אייגענע קרייזען האט מען איהם אנגעהויבען בעטראכטען, אלס „עקזאלטירטען" מענשען. מאנכע זיינע פריינד האבען געפונען אזא מין „בעגייסטערונג" פאר שעד־ליך און געפעהרליך. אנדערע האבען איהם אנגעהויבען פשוט צו האסען: אן אריסטאקראט, און א זוהן פון אן אפיציער זאל רעדען און שרייבען, פונקט ווי די „רויטע", וועלכע ווילען אלעס אומשטירצען. די „העפליכע" האבען עס ערקלערט, אלס או־טאפיע. דאס ווארט פאסט זיך זעהר, ווען מען וויל מאכען צו גארניט פערשיעדענע אונבעקוועמע פלענער. עס ווערט צוגע־געבען, דאס די זאך איז גאנץ שעהן און ווינשענסווערטה, פונקט ווי דער וואונש צו בעקעמפפען דעם טוידט, אבער איינפאך

אונמעגליך. דאָס אַלעס, וואָס מיר האָבען איצט, אַלע טעכנישע און סאָציאַלע ערווערבונגען — אייזענבאַהנען און אָבשאַפונג פון שקלאַפעריי — אַז דאָס אַלעס איז אַמאָל בעטראַכט געוואָרען, אַלס אוטאָפּיע, אַז דעם דערמאָנען זיך קיינמאָל ניט די איצטיגע „אוטאָפּיע"־שרייער.



צוועלפטער קאפיטעל.

צווישען רודאלף'ס פריינד פון זיין אייגענעם קרייז איז גראף קאלנאס געוועזן דער איינציגער, וועלכער האט איהם פערשטאנען און מיט איהם סימפאטיזירט. דער אלטער גראף איז געוועזן פון דער נאטור א דיכטער, און דיכטער זיינען אימער ביז צו א געוויסען גראד ז ע ה ע ר. זייער בליק ברענגט ארויס פון דער וויטעסטער פערגאנגענהייט ראמאנטישע שטריכען אדער דרינגט אריין אהן מורא אין יענע צוקונפט־וויטקייטען, וועלכע וועלען מאכען פאר א ווירקליכקייט זייער אידעאל פון שעהנקייט. צופאסען זיך צו דער אלטעגליכער געגענווארט, דאס קענען ניט קיינע אמת'ע דיכטער. אין דעם טאג, ווען עס איז ערשיענען אין דער צייטונג רודאלף'ס ארטיקעל, איז רודאלף אוועק מיט א בעזוך צו זיין פריינד קאלנאס.

די צימער, וועלכע דער אלטער עדעלמאן, מיט אזא פיינעם געשמאק פאר קונסט, האט בעוואוינט, זיינען אליין געווען א פאעמע. א רייהע פון מעהרערע צימער, הויך און געראם, ווי זאלען, זיינען געווען פול מיט געזאמעלטע קונסט־אוצרות. בילדער פון גרויסע מאהלער, סטאטועטען, אלטע מעבעל, טהייערע שטאפפען, טעפפיכע און פעללען, אלערליי געפעס און וואפען, הונדערטערליי זאכען פון פארצעלאי און גאלד, פון עלפענביין און בראנז. דאן זיינען געווען צירונג אלערליי, יואוועלען און עמאיל און פינקלענדע שטיינער. מיטעלאלטערליכע מאנוסקריפטען מיט אויסגעמאלטע ערשטע בוכשטאבען — און דערביי די נייסטע, נאך ניט אויפגעשניטענע ביכער פון דער לעצטער וואך. דאס אבער איז ניט געווען אויסגעשטעלט אין שאפעס און אויף פאליצעס, ווי אין א מוזעאום, נור אלס צירונג און אהן אירגענד וועלכען בעשטימטען סדר.

גראף קאַלנאָס איז געגאַנגען אַנטקעגען זיין גאַסט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

— גרים גאָט, רודאָלף. זעהר שעהען פון דיר, דאָס דו פערגעסט ניט אַמאָל צו קומען צו מיר.

ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען אונטערשיעד אין על־טער, האָבען זיי איינער דעם אַנדערען געדוצט.

אין זיין אויסערליכען אויסזעהען האָט גראף קאַלנאָס גע־הערט צו דעמזעלבען טיפּ, ווי דאָצקי. דיזעלבע הויכע, בויג־זאַמע געשטאַלט, דערזעלבער איידעלער פּנים, און דיזעלבע אונטערגעשאָרענע בערדעל, מיט דעם אונטערשיעד, דאָס איינע איז געווען שווארץ און די צווייטע ווייס, ווי שנעע.

— עס איז גוט, וואָס איך געפין דיך דאָ גאַנץ אַליין, איך וויל ווידער פאַר דיר אַראָבריידען פון האַרצען און פרעגען ביי דיר אַן עצה.

— איך בין אין גאַנצען דיינער, מיין יונג. קום, לאָמיר זיך זעצען דאָ, אין מיין קליינעם ארבייטס־געפענגניס... דאָרט איז מעהר בעקוועם און געמיטהליך.... אַלזאָ, דו ווילסט מיין עצה, און דאַן ווידער ניט פאָלגען?.... אָה, פּראָטעסטיר ניט... דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך אָבגערעדט פון צו זיין א קאַנ־דידאט פאַר'ן רייכסראַט — און ווער איז דאָך געגאַנגען, אום צו קריגען פאַר זיך די צוויי־פעלהאַפטע פּריווילעגיע צו קענען זאָגען אין כאָר „יא" אָדער „ניין", לויט ווי מען ווערט אָנגע־צווינגען פון דעם פּארטיי־שליסעל?... אָבער דיין גוטער מזל האָט דיך געראַטעט פון דעם....

— ענטשולדיג, איך וואָלט זיך ניט געלאָזט אָנדרעהען, ווי א שפּיעל־קאַסטען. איך וואָלט אַרויסגעבראַכט מיין אייגען ליעד. אָבער אַזוי ווי דערפון איז גאָרניט געוואָרען, האָב איך פּרובירט אַנאַנדער מיטעל, ווי אַזוי צו ווערען געהערט.

— יאָ, דורך די צייטונגען, איך האָב געלייענט דיין אַר־טיקעל. וואָס דו זאָגסט, איז אמת, אָבער —

— אויב עטוואָס איז אמת, דאַן דאַרף עס געזאָגט ווערען, און דאָ איז ניטאָ קיין „אָבער".

— דאָס גיב איך צו, מיין „אָבער“ איז ניט געווען גע־ציעלט געגען דיך, נור געגען אונזערע מיטמענשען. די וועלט וויל ניט הערען קיין „ווארהייט“, וואָס רייסט איהר ארויס פון איהר בעקוועמליכקייט.

— וואָס רופסטו „בעקוועם“ — די אַלע שווערערע לאַסטען פון בעוואפנונג, די אייביגע אונזיכערהייט, דער אַלגע־מיינער דיענסט־צוואנג, דער קריג, וואָס הענגט איבער אונז, אלס דער דאַמאָקלישער שווערד — אָט דאָס אַלעס רופסטו בעקוועם?

— בעקוועם, ווי אַלעס, צו וואָס מען איז צוגעוועהנט, ווייל מען האָט זיך שוין צו דעם צוגעפּאַסט, און מען האָט מיט דעם געוויסע אינטערעסען פערבונדען. אין אונזער אָרדנונג, אויפ־געבוים אויף דער אידעע פון מלחמה, איז דער פריעדענס־פרעדי־גער דער גרעסטער רוהע־שטעהער. אָבער — איך זאָג שוין ווי־דער אָבער — דו האָסט גאַנץ ריכטיג געהאַנדעלט, און דיין אר־טיקעל פערהט מיך. און וואָס מעהר די אַנדערע האָבען זיך גע־קרימט איבער איהם, דאָס מעהר האָט ער מיך געפרעהט. ווען דו ווילסט פאָלגען מיין עצה, איז זי אָט וואָס: שטעה פעסט ביי דעם. דאָס בלייבען פעסט אויף א געוויסען וועג, דאָס איז אימער דאָס שווערסטע. אָבער איך בין זיכער, אז דו האָסט דעם כוח דערצו.

— איך דאַנק דיר. יע, צו בלייבען פעסט איז ניט אזוי לייכט. און וועגען דעם וויל איך טאַקי מיך בעקלאָגען פאר דיר.

— וואָס מאַכט דיך מוטהלאָז, דו צווייפלער?

— ניט די פרעמדע צווייפעל, נור אן אייגענער.

— ווי, דו גלויבסט ניט פעסט אין דעם, וואָס דו זאָגסט?

— ניין, מיין איבערצייגונג איז פונקט אזוי טיעף, ווי קלאָר. איך צווייפעל נור אין די מעגליכקייט אויפצוואוועקען די מאַסען פון זייער גלייכגילטיגקייט. דיזע מאַסען זעה איך פאר מיר ליגען, ווי א גאַנצע קייט פון פעלזען. אין דער האַנד האָב איך א לאַנצעט — און דערמיט זאָלען די פעלזען געריהרט ווערען

פון זייער פלאַץ! און אפילו, ווען אָנשטאָט א לאַנצעט וואָלט איך געהאַט אין האַנד א באָמבע, שטעלט זיך די פראַגע, וואו זאָל איך לאָזען די באָמבע עקספּלאָדירען? לאָמיר רעדען פראָסט: וואו פאַנג איך אָן, אום אוועקצוקאַטשען די פּאַראַוורטהיילע? זיי זיינען דאָך אַלע אזוי "געפּט און געבונדען איינע מיט די אַנדערע! און וואו זאָל איך אָנפאַנגען, אום צו פערטרייבען דעם אונגליק פון דער וועלט? דער אונגליק הייסט דאָך ניט בלויז מלחמה, ער הייסט אויך די פינסטערנים פון גייסט, עלענד, די רויהקייט פון הארצען, אויסגעלאַסענהייט, און אזוי ווי דאָס איז דאָ אין אַלע קלאַסען, קען מען אויך ניט האָפען אויף קיין ער־לייזונג פון דעם קלאַסענקאַמפּף. איך מיין, דאָס —

רודאָלף איז אונטערבראָכען געוואָרען. דער דינער האָט אָנגעזאָגט דעם בעזוך פון א נייעם גאַסט: — הער האָפראַט, דאָקטאָר בלאַנד.

— לאָז איהם אריינקומען.

קאָלנאָס האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאַץ, אום אויפ־צונעהמען דעם גאַסט מיט א פריינדליכען דריק פון האַנד. דער גאַסט איז געווען א גאַנץ בעלייבטער, ערנסט־אויסזעהענדער מאַן פון א יאָהר פופציג. דאַן האָט ער פאָרגעשטעלט: רייכס־ראַט־אָבגעאָרדנעטער, דר. בלאַנד — גראַף דאַצקי. די הערען זיינען דאָך קאָללעגען... דאָס הייסט, ניט קאָללעגען, נור עט־וואָס מעהר נאָך: געזינונגס־גענאָסען. קאָלנאָס האָט ערקלערט זיין בעצייכנונג מיט דעם, וואָס דר. בלאַנד איז איינער פון די „זיילען" פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער נייער פּאַרלאַמענטאַרישער „גרופּפּע פאַר פריעדען און שיעדסגעריכט", און פאָהרט צו דער קאָנ־פערענץ אין רוים, אַלס איינער פון איהרע דעלעגאַטען, און אין גראַף דאַצקי — האָט ער צוגעלייגט — זעהט איהר דעם פערפאַסער פון דעם אַנטימיליטאַריסטישען אַרטיקעל, וועל־כער —

— אה — האָט אונטערבראָכען דער האָפראַט — איהר

זיינט עס דערזעלבער גראף דאַצקי, וועלכער ביי די וואהלען —

— איז דורכגעפאַלען? יא, דער בין איך, הערר דאָקטאָר. האָב דארום קיין רעכט ניט אייך צו רופען מיט'ן נאָמען קאָללע־גע, און דאָס מעהר אינטערעסירט מיך אונזער געמיינשאַפטלי־כע געזיינונג... איהר האָט, אַלזאָ, בדעה צו בעקעמפּפען דעם מיליטאַריזם אויף דער קאָנפערענץ אין רוים?

די דריי זיינען שוין איצט ווידער געזעסען און קאַלנאָס האָט אָנגעוויזען אויף די ציגאַרעטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן טיש. בלאַנד האָט גענומען מיט א דאַנק א ציגאַרעטע, און זי פערדרויכערט. דערביי האָט ער בעטראַכט דורך די גלעז־לאַך פון זיינע גאָלדענע ברילען דעם פרעגער זיינעם מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און באַלד האָט זיין ערנסטער פנים אָנגענו־מען נאָך א שטרענגערען אויסדרוק.

— הם, אַלזאָ, יענעם אַרטיקעל האָט איהר געשריעבען?... איך געדענק איהם ניט מעהר גאַנץ גוט... דאָך אייער שטעלען מיר די פראַגען וועגען מיין רייזע נאָך רוים בעווייזט, אז איהר האָט א פאַלשע אויפפאַסונג פון מיינע אנזיכטען. איהר האָט געפרעגט, אויב איך וועל דאָרט בעקעמפּפען דעם מיליטאַריזם? ניין, דאָס ניט —

— טו צו וואָס זאָלט איהר גאָר פאָהרען אהין?

— מיין גאָט, ווען איך זאָל זיין מיט אייך גאַנץ אויפריכ־טיג, האָב איך שוין לאַנג געוואָלט זיין אין רוים, מיין פרוי אויך... און דערצו וועט דאָך אויך די קאָנפערענץ זיין גאַנץ אינטערעסאַנט... און פאַר דעם פריעדען קען מען אימער זאָגען א גוט וואָרט, נאַטירליך, אונטער דעם בעדינג, אז דאָס פאַ־טערלאַנד זאָל אימער זיין גוט בעשיצט. דערצו, פערשטעהט זיך, קען קיין רעדע ניט זיין פאַר אַן ערנסטען פּאָליטיקער פון אַן אייביגען פריעדען —

— אָבער, וואָס, אום גאָטעס ווילען, מוז איך אייך שוין פרעגען, האָט איהר צו טהאָן מיט א פריעדענס־קאָנפערענץ — האָט גראף קאַלנאָס איהם געפרעגט.

— אָה, מען קען דאָרט זעהר ניצליך זיין, בעזאָנדערס מוז מען אויפפאַסען, אַז, ווען עס ווערען אויפגעהויבען אזעלכע פראַגען, ווי די עלזאס־לאָטהארינגישע, די אירערענדענטיסטישע אָדער נאָך אזעלכע פראַגען, זאָלען די היציגע קריגען א ביסעל אָבגעגאָסען מיט קאַלט וואסער. דער עקזיסטירענדער צושטאנד פון דעם טערריטאָריעלען בעזיץ פון די שטאאַטען טאָר ניט געענדערט ווערען. ווער עס איז פאר דעם, אז דער פריעדען זאָל אָנגעהאַלטען ווערען — און פאר דעם איז דאָך יעדער פערנינפטיגער מענש, און בעזאָנדערס אונזער פּאַרטיי — דער מוז אויפפאַסען, אַז אַלעס זאָל בלייבען, ווי עס איז. דער מוז וויר־קען, אז די נאַציאָנען זאָלען זיך צוריקהאַלטען פון יעדער ער־אָבערונגס־פּאָליטיק און זיך נור בענוגענען דערמיט צו זיין אזוי שטארק, אז מען זאָל זיך קענען וועהרען געגען די אטאַקען פון אנדערע. וואָלט דער דרייבונד —

— ווער זיינען עס די אַנדערע? — האָט קאָלנאָס איהם אונטערבראָכען — ווען די נאַציאָנען האַלטען זיך צוריק פון דער ערָאָבערונגס־פּאָליטיק, טו געגען וואָס פאר אַן אָנפאַל דארף מען דאַן זיך וועהרען?

—אָבער בלאַנד האָט ניט גענומען אין בעטראַכט די איינ־ווענדונג פון גראף קאָלנאָס, און האָט פאָרטגעזעצט:

— וואָלט דער דרייבונד ניט געווען אזוי שטארק, וואָלטען די פראנצויזען גלייך אָנגעפאַנגען א מלחמה, און געגען דאָס ארייַנפאַלען פוי די קאַזאַקעי מוז מען אויך האַלטען טרוקען אונזער פּולווער.

— און מיט אזעלכע אַנזיכטען זיינט איהר א מיטגליעד פון דעם אינטערפּאַרלאַמענטאַרישען בּעראַייז פאר פריעדען און ענטוואָפנונג?

— פאר פריעדען און ארביטריישען, ניט פאר ענטוואָפ־נונג. דאָס וואָרט ענטוואָפנונג טאָרען מיר גאָרניט דערמאָנען. עס איז אונפּאַטריאָטיש, ניט לאָיאַל און נאַריש.

— ערלויבט נור — האָט זיך קאָלנאָס ארייַנגעמישט —

ווען עס וועלען געשלאָסען ווערען אָבמאַכען צווישען די נאַציאָנען, טו צו וואָס דאַרף מען די איבערטריבענע בעוואָפנונג? איז דאָס ניט גראַדע דאָס, וואָס איז אונפערנינפטיג? און ווי פאַסט זיך דאָס צוזאַמען מיט די זאָגענאַנטע ליבעראַלע אידעען?

בלאַנד האָט ניט לאַנג געזוכט אַן ענטפער:

— ערשטענס, זיינען נאָך די ארביטריישען־געריכטע גאַנץ, גאַנץ ווייט, און דאַן וואָלטען זיי נור אָנגעווענדעט געוואָרען אין אַזעלכע פעלע, וואו עס ווערען ניט אָנגעריהרט די עהרע און לעבענס־אינטערעסען פון די שטאַאטען. און וואָס אַנבעטרעפט די איבערטריבענע בעוואָפנונגען, איז אין דעם זיינט איהר פאַלשטענדיג גערעכט, מיינע הערען, די רעגירען די נאַציאָנען, און געגען דעם מוז מען זיך בעוואָרענען. אין דעם פונקט זיינען מיר, ליבעראַלען, אימער אויף דער וואַך, און מיר בעקעמפפען זיי פעסט. מיר פערלאַנגען חשבון פון יעדען גראָשען; וויפיעל מיר קענען, רייסען מיר פון די מיליטערישע הוצאות. יעדעס יאָהר, ביי דער דעבאַטע איבער דעם בודזשעט, הויבט איינער פון אונז אויף זיין שטימע, אום צו פאַרדאַמען דאָס אונגעזונדע וואַקסען פון דעם מיליטאַריזם. דאָס איז אָבער נור וועגען דעם מיליטאַריזם. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער די מיליטער, די מוז דער שטאַאט האָבען.

קאַלנאַס האָט אונטערדריקט [illegible]ערקונג: „בעזאָנדערס, ווען מען האָט ביידע זיהן אין די מיליטער־שוהלען“. די בעמערקונג האָט ער אויסגעדריקט אין אַזאַ פראַגע:

— ווי געהט עס אייערע ביידע זיהן, הערר האָפראַט?

— איך דאַנק. די אינגלאַך געהט עס אויסגעצייכענט. זיי פרעהען זיך שוין בעצייטענס אויף זייערע אָפיצערסקע מונדירען. זיי ווילען ניט הערען פון אַנטימיליטאַריזם. דער עלטסטער וועט שוין דעם קומענדען זומער זיין אָפיציער — דאָס וועט זיין דער שטאָלץ, בעזאָנדערס, פאַר זיין מוטער.

רודאָלף האָט זיך אויפגעהויבען:

— ליעבער פריינד — האָט ער געזאָגט צו גראַף קאָלנאָס — איך מוז שוין געהן.

אָבער קאָלנאָס האָט ניט געלאָזען רודאָלף'ען אוועקגעהן. און נאָכדעם, ווי מען האָט גערעדט נאָך אַ פערטעל שטונדע איבער פערשיעדענע זאכען, און ביי וואס רודאָלף האָט מייסטענס געשוויגען, איז עס געוועזען דער האַפּראַט, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען, אום צו געהען. איהם האָט קאָלנאָס ניט צוריקגעהאַלטען.

און נאָכדעם, ווי זיי זיינען געבליבען אַליין, האָט קאָלנאָס געזאָגט צו רודאָלף דאַצקי:

— איך דערקען אָן דיר, מיין ליעבער רודאָלף, אַז דו האָסט זיך געערגערט. וואָרום האָסטו איהם ניט געענטפערט?

— אָט טאַקי דערפאַר. קיין זאַך פערשטיקט ניט אַזוי מיין האַלז, ווי פערדרוס און צאָרן. אַ חוץ דעם, וואָלט איך דען געקאָנט עטוואָס זאָגען, וואָס וואָלט געקאָנט ענדערען די איינגעגעסענע אנזיכטען פון דעם מאַן? פאַר אַ גרויסען עולם אָדער אין רייכסטאַג וואָלט איך, אפשר, איהם געענטפערט, צוליעב דעם עולם, צוליעב די, וואָס געפינען זיך הינטערען פענסטער, אָבער דאָ — צו וואָס? ער וואָלט עס דאָך מיר ניט געגלויבט. דאָס ער איז אַ געוועהנליכער ליבעראַל, פון יענע פאַרשריטס־בורזשויען, וועלכע פּאַראַליזירען נור דעם פאָרטשריט. מיר גרוילט פאַר די דאָזיגע ליבעראַלען. עס זיינען מיר שוין ליעבער די קאָנזעקווענט־קאָנסערוואַטיווע, די ענטשלאָסענע רעטראָגראַדען, די געהען דאָך וועניגסטענס אין די ריכטונג, וואו זייער ציעל איז. אָבער דער סאָרט מענשען טרומייטערט, אַז ער שטורעמט נאָך לינקס, דערביי ווינקט ער מיט'ן אויג אויף רעכטס, און ריהרט זיך ניט פון אָרט, און דערצו נאָך האַלטען זיי ביי די פאָלעם די, וועלכע ווילען ווירקליך געהן לינקס... און פאַר וואָס פאַר חכמים זיי האַלטען זיך דאָס, דיזע פרייהייטס־העלדען, וועלכע קענען זיך בוקען און צופּאַסען צו אַלערליי יאָכען און קייטען... זיי נעהמען טאַקי דעם פייל אין האַנד אריין, אָבער

זיי געברויכען איהם ניט. דער ליארעם, וואס זיי מאכען, נעה־מענדיג זיך זעגען, קען נור וועה טהאן די געהער־נערווען. אבער די קייטען בלייבען גאנץ, און דערוויל, אונטער די גע־געבענע אומשטענדען, זיינען דאך די יאכען און די קייטען גאנץ ניצליכע אינסטיטוציאנען... אפשר דארפען זיי ניט זיין אזוי שטייף, אבער דער שטאאט מוז זיי האבען.

קאלנאס האט געלאכט:

— ווי דו היצסט זיך דאס א קאפ! איך וויל ניט פערטהייי־דיגען בלאנד און זיין סארט, אבער גיסטו דען ניט צו, אז, ווען אפילו מען וויל געהן פארווערטס גאנץ ערנסט, איז דאך זעהר ראטהזאם צו געהן לאנגזאם? עוואלוציאן — דאס לערענט אונז די נאטור — איז א זעהר לאנגזאמער פראצעס.

— אזוי ווי מיר וואלטען דאס ניט געוואוסט! אבער מיר ווייסען אויך, אז דאס ביסעלע, וואס מיר טהוען זיך ווייטער א רוק, איז דער רעזולטאט פון דער גרעסטער איילעניש און פון דער גרעסטער קראפט־אנשטרענגונג פון די איינצעלנע קליינע מענשעלעך. איבעריגנס, איך קען מיך ניט צופאסען צו די אלע צופאסער, און וועל מיט די מענשען אפברעכען, און דאס גאנץ אפען.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

פון מאַרטאַ'ס טאָגעבוך.

יאַנואַר, 1892.

„ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז די געשיכטע פון טאָג פאַרביי". מיט די ווערטער האָב איך בעגרינדעט פאַר רודאָלף'ען מיין ענטשלוס ניט צו שרייבען ווייטער מיין לעבענס־געשיכטע.

אָך האָב איך ווידער אַרויסגענומען אַ העפט, אין וועלכען איך וויל פאַרצייכענען ניט דאָס, וואָס מיר אַנבעטרעפט, מיין שיקזאַל, נור דאָס זעעלען־לעבען פון מיינע קינדער, אַזוי פיעל, וויפיעל איך קען זיי פערשטעהן. זיינע קינדער זיינען ניט גליקליך. ווען איך האָב מיין בוך געענדיגט, איז אַריינגעטרעטען אַ וואַנדלונג אין מיין לעבען, וועלכע — אין ראָמאַנען און אויף דער ביהנע — האָט דעם אַנבליק פון אַן אויסגאַנגס־פּונקט פון אַ ניט־פערוואַלקענטען גליקליכען לעבען: גלענצענדע פערהעלטניסע, די געבורט פון אַ יורש, פערלאָבונג. איך האָב מיך אַליין געלאָזט נאַרען, און האָב עס גערופען דאָס געזיכערטע גליק פון מיינע קינדער, וואָס זאָל בעלויכטען דעם לעבענס־אָבענד פון מיין לעבען.

אָך, עס האַנדעלט זיך אָבער דאָ ניט וועגען מיין אָבענד; איך בעדויער נור, וואָס זייער יונגעס לעבען איז ניט אַזוי שעהן און קלאָר, ניט אַזוי אָהן וואָלקענס, ווי מיר האָט זיך יעמאָלט געדאַכט.

מיין אָרימע סילוויאַ... איהר מאַן נאַרט איהר — דאָס וויים די גאַנצע שטאָדט. ער האָט געקויפט פאַר זיין געליעבטע אַ קליין מאַיאָנטיק. ער פּרובירט שוין גאַרניט צו פאַרבאַהאַל־

טען זיך. און סילוויא ווייזט ניט ארויס די מינדעסטע אייפער־זוכט — א סמן, דאס זי איז גאנץ גלייכגילטיג צו דעלניצקי, אויב זי האסט איהם ניט זאגאר. און אזוי איז זי איינזאם! זי האט זיך ניט פערטרויט צו מיר, ווייל זי וויל מיר ניט וועה טהאן. גלויבט זי דען, דאס איך זעה ניט, ווי אונגליקליך און אהן פרייד איז איהר לעבען?

און רודאלף... ער טראגט נאך א גרעסערע לאסט פון זארגען. ער האט גענומען אויף זיך די זארגען פון דער וועלט. ער ליידט פון אלץ, וואס איז טרויעריג אין דער וועלט, פון אלעס שלעכ־טע, וואס רופט ארויס שמערץ, פון אלעס נארישע, וואס מאכט איהם אזוי עמפערט, פון אלץ, וואס איז געמיין, וואס מאכט איהם פיהלען אזוי עקעלדיג. „אבער בעטראכט האך" — האב איך ניט לאנג צוריק געזאגט צו איהם — דאס שעהנע, דאס גו־טע, דאס ליכטיגע, וואס איז דא אין לעבען, און וואס ווערט אלץ מעהר און מעהר... און דו העלפסט אויך מיט, אז דיזע צו־קונפט זאל וואס שנעלער קומען, איז דען דאס ניט פאר דיר אן ערהויבענדע בעפרידיגונג?" האט ער אויף מיינע ווערטער גע־שאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט: „ביז איצט האב איך נאך גארניט אויפגעטהאן. האלט זיך נור אין איין פארבערייטען, און קום אלץ ניט צו דעם, איך זאל עפעס אויפטהאן. איך בין, ווי דער שניטער, וועלכער האלט אלץ אין איין שלייפען זיין סערפ, ווי א מאלער, וועלכער הערט ניט אויף בלייפעדער צו פערשניצען..."

געוויס, ער איבערטרייבט, ער האט שוין געטהאן, נור ער ווערט אלץ געשטערט פון אן אקטיווען און פאסיווען ווידער־שטאנד פון אנדערע... אט איז ער געלאפען, אלס קאנדידאט אין רייכסראט, איז ער ניט אויסערוועהלט געווארען.... דאן האט ער געמאכט א רייזע נאך בערלין... געהאט אן אונטערערדונג מיט ביסמארק... דער אייזערנער קאנצלער האט איהם צוריקגעווי־זען פונקט, ווי ער האט עס געטהאן מיט דעם אבגעארדנעטען ביהלער, מיט דעם פרינץ אלדענבורג. ער האט צו איהם גע־זאגט: „וועגען ענטוואפנונג טאר מען גארניט דענקען, וועניגער

פון אלע אין דייטשלאנד, וואס מוז זיך היטען אויף צוויי פראנטען."

פון דעסטוועגען האב איך אין מיין פריעדענס־פראטאקאל געקאנט אריינטראגען נייע האפנונגספולע ארטיקלען. אך, דאס מיין פרידריך'ן איז ניט געווען באשערט דאס צו דערלעבען. זיכער וואלט ער זיך אנגעשלאסען אן די אלע פרידענס־פעראיינען און קאנגרעסען. דאס אבער וויל רודאלף ניט טהאן. איך בלייב אבער דורך מיין קארדעספאנדענץ מיט די גלייכגעזאנענע פון אלע לענדער אין א שטענדיגער בעריהרונג מיט די טרעגער פון דער פריעדענס־אידעע, און מיין פראטאקאל שפיגעלט אפ די פערשיעדענע פאזען פון דער פארווערטס־געהענדער בעוועגונג, וועלכע ווערט נאך דערווייל פארשפאט און איגנארירט פון דער גרויסער וועלט.

און דא זעה איך, ווי דער געדאנק, אז די געוואלט־סיסטעם מוז אבטרעטען איהר פלאץ דער סיסטעם פון יושר, וואקסט אלץ מעהר און מעהר און דרינגט אריין אין אלץ העכערע קרייזען. „די כוואליעס מוזען געהן אזוי הויך" — האט ערשט ניט לאנג געזאגט בזשערנסטערנע בזשערנסאן פאר א פערזאמלונג אין דער פרייער לופט פאר צעהן טויזענד מענשען — די כוואליעס פון דעם פריעדענס־געדאנקען מוזען געהן אזוי הויך, אז זיי זאלען אריינשפריצען אין די ערשטע עטאזשען."

צו זיי וועלען דרינגען ביז צום טהראן? די מענשען בעהויפטען, אז דאס איז אונמעגליך, ווייל די טהראנען שטיצען זיך דאך אלע אויף דער בעוואפענטער מאכט. אבער וואס זאגען דען די מענשען ניט?

צו די נייסטע פערצייכנונגען אין מיין פראטאקאל געהערען די פערזאמלונגען אין רוים: די אינטערפארלאמענטארישע קאנפערענץ, וועלכע איז מיט בעוואונדערונגסווערטהער ענערגיע פארבערייטעט געווארען פון קאמער־מיטגליעד פאנדאלפי, און דער דריטער וועלט־פריעדענס־קאנגרעס. זייער אפיציעלע אויפנאהמע אין קעניגליכען הויז. די ביידע קערפערשאפטען האבען בעשלאסען אויפצובויען פאר יעדע א צענטראל־ביורא

אין בערן. דער גערדאַנק נעהמט אָן אַלזאָ מעהר און מעהר גע־שטאַלט. זיינע פערטרעטער אָרגאַניזירען זיך. דאָס, וואָס האָט ביז איצט ארומגעשוועבט אַלס לופט, קייקעלט זיך צוזאַמען און ווערט אַלץ גערדיכטער. אזוי ענטשטעהען פּלאַנעטען און פּונקט אזוי ענטשטעהען אינסטיטוציאָנען.

קאַלנאָס, וועמען איך האָב ערשט ניט לאַנג געוויזען מיין פּראָטאָקאָל, האָט צו מיר געזאָגט:

— איהר טראָגט דאָ צוזאַמען, מיין אָפּטימיסטישע פריינדין, אַלעס, וואָס פּאַסירט אין דער וועלט צו גונסטען פון אייער ליעבלינגס־אידעע, און איהר לאָזט אויס אַלעס, וואָס פּאַסירט צו איהר שאַדען. אייער זאַמלונג נעהמט ארום איין טויזענ־דעל פון דעם, וואָס ווערט טעגליך געטראַכט, גערעדט און גע־טהאָן. פון די איבעריגע 999 טויזענדעל זאָגט אייער פּראָטאָ־קאָל גאָרניט, אָבער די זיינען עס, וועלכע שפּיעלען די הויפּט־ראָליע.

— יאָ, היינט, אָבער שפּעטער? מיליאָנען שנעעלעך בע־גראָבען די בלום אין מערץ... ווער זיעגט אָבער? פרעגט נור דעם פריהלינג — די בלום.

— אָפּטימיסטקע!

— מיט דעם נאָמען בעליידיגט איהר מיך ניט.

— דאָס האָב איך אויך ניט געוואָלט.

— אָבער דער נאָמען פּאַסט מיר ניט. דאָס מיינט דאָך, אז מען זעהט נור דאָס גוטע, און מען איז בלינד צו אַלץ, וואָס איז שלעכט. איך זעה אָבער ביידעס: אָרמוזד און אַהרימאַן. דער קאַמפּף צווישען די ביידע געהט דאָך נאָך אָן. אין דעם בי־בעלע זיינען נור פערצייכענט די זיעגע פון אָרמוזד, און דאָס נור אויף איין פעלד, ער זיעגט אָבער נאָך אויף פיעלע אַנדערע. צום ביישפּיעל, ער האָט געמאַכט א סוף צו די מענשען, וואָס האָבען געגלויבט אין גיהנום, און אויף זייער פּלאַץ האָט ער אוועקגע־זעצט די קאַלנאָסעס.

— א קנאַפּער געווינס — האָט מיין פריינד געענטפערט מיט שפּאָס.

זיים די פריהעסטע צייטען האָבען ביכער געשפיעלט אין מיין לעבען די ראָליע פון פּאַסירונגען. ווי האָבען עס אין מיין יוגענד אויף מיך געווירקט דאַרווין און באָקל, און ערשט ניט לאַנג צוריק טאָלסטאָי, מיט זיין בוך: „דער קעניגרייך פון גאָט איז אין אייך"! ווייל אַזעלכע ביכער ענטפּלעקען זיך פאר מיר אלס נאָך עטוואס גאַנץ אַנדערעס, ווי בלויז וויסענשאַפט־ליכע און ליטעראַרישע ערשיינונגען: זיי זיינען פאר מיר פּאַ־קעלען, וועלכע בעלייכטען פאר מיר גאַנץ דונקעלע געביטען, און די, וועמען זיי בעוועגען, זיינען מענשען מיט נשמות פול מיט ליכטיגקייט.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז מיר אריינגעפאלען אין האַנד א בוך, וועלכעס איז פאר מיר געוואָרען א פּאַסירונג, א גליקלי־כע פּאַסירונג. ניט אַזוי דאָס, וואָס דער פּערפאַסער האָט גע־שריבען, האָט מיך אויפגעטרייסעלט, ווי דאָס, וואָס ער האָט עס געשריבען; דאָס אייגנער האָט געהאַט דעם איירעלען מוטה — מעג עס איהם זיין שטעלונג קאָסטען — ארויסצושרייען דאָס, וואָס האָט אָנגעפילט זיין נשמה, וואָס דורשט נאָך דעם אמת. עס איז נור א דין ביכעלע: „ערנסטע געדאַנקען פון מאָריץ פאָן עגידי". די איבערראַשונג איז געוועזן גרויס. עגידי, אָבערלייטענאַנט ביי די הוזאַרען אין פּרייסישען דיענסט, איז ארויסגעטרעטען פון דער ארמיי און איצט — וועט ער דערצו דעם כח האָבען? — וויל ער זיך אין גאַנצען אָבגעבען צו דער אויפגאַבע אויסצובויען אין — אין זיך אליין און פאר אלע אי־בעריגע דאָס, וואָס ער רופט די ערלייזונגס־לעהרע, און וועלכע ער פּאַסט צוזאַמען אין די ווערטער: רעליגיאָן איז מעהר ווי א צוגאָב צום לעבען — אונזער לעבען גופא איז רעליגיאָן. און ראש, איינע נאָך דער צווייטער, קומען זיינע שריפטען. ער ציהט אַלץ מעהר און מעהר די פאָלגען פון זיין אידעע. דער האָריזאָנט פון זיינע געדאַנקען ווערט אַלץ ברייטער. עס איז א פרייד, דאָס אַזעלכע מענשען לעבען. אויפיובלען האָב איך גע־וואָלט, דאָס — פרייד, יובעל? האָב איך, די ברוּיבטע, אויפ־געשריבען די דאָזיגע ווערטער? איז דען נאָך דאָ די מעגליכ־

קייט פאר מיר צו פרעהען זיך? שפארט זיך ניט באלד אריין דער פינסטערער, דער ערשרעקענדער געדאנק: ער איז ניטא מעהר מיט מיר צו טהיילען די פרייד?... מעג די וועלט ווערען נאך ווי שעהן, מעגען זיך איבער איהר אויסגיסען אלע אוצרות, אבער די שווארצע פוסטקייט, אין וועלכע מיין ליעבסטער איז פערזונקען, בלייבט פאר מיר פוסט און שווארץ... אן אבגרונד אהן א באדען. פונקט, ווי מען ווארפט א שטיין אין די טיפע־ניש, אום צו הערען, ווען ער פאלט אויף דעם גרונד, אזוי לאז איך מאנכעס מאל מיינע געפיהלען — זארג און פרייד — פא־לען אין יענעם קבר־אבגרונד, און הער זיך איין: „פרידריך, וואס זאגסטו צו דעם עגידי?" — אבער קיין ענטפער, שטום — אויף אייביג.

— ליעבע מארטא — האט ערשט ניט לאנג צוריק געזאגט צו מיר מיינע אן אלטע קוזינע — איך פערשטעה דיך ניט. אימער־צו געפין איך דיך פערטיעפט אין צייטונגען און ביכער און אין אלעם נייעס, וואס קומט ארויס: דיכטונגען, ערפינדונ־גען און בעוועגונגען — דאס כאפסטו אויף און אינטערעסירסט זיך דערמיט, מעג עס זיין ווי פאנטאסטיש. און דערביי ער־קלערסטו, אז דיין לעבען איז גענענדיגט, געשלאסען. פון וואנען קומט צו דיר אזא ווידערשפרוך? אין אונזער עלטער איז דאך טאקי דאס לעבען געשלאסען, אפילו, ווען מען איינעם האט ניט פאסירט אזא אונגליק, ווי מיט דיר. אין אזא עלטער האט מען בלויז איין אינטערעס: דאס שיקזאל פון די קינדער און אייניקלאך.

מיין גוטע קוזינע איז אלט זיבעציג יאהר, און איך האב עס גארניט גערן, ווען זי זאגט צו מיר, וועלכע איז מיט צוואנ־ציג יאהר אינגער פאר איהר: „אין אונזער עלטער". צו דעם קימערט זי זיך, א חוץ וועגען איהרע קינדער און אייניק־לאך, אויך וועגען דער בעקעהרונג פון קליינע נעגערס און כינע־זער, וועגען די וואונדער פון לורד, וועגען דער ווידער־אויפ־

ריכטונג פון דער אלוועלטליכער מאכט פון פאפסט, און וועגען נאך אזעלכע זאכען. אויף דאס אלעס האב איך איהר אנגעווי־זען אין מיין ענטפער אויף איהר פראגע.

— יא — האט זי געזאגט — די רעליגיאן (אונזערע גאנץ פרומע רעדען אזוי ארום דאס ווארט) דאס איז עטוואס גאנץ אנדערעס.

— מיינסטו אזוי ? און איך מיין, אז עס איז איינס און דאסזעלבע. עס איז נעמליך דער וואונש צו פיהלען און צו ווירקען פאר עטוואס גרעסערעס, העכערעס, ווי די נעכסטע אייגענע, אדער ווי דאס זיינען די אינטערעסען פון די אייגענע קינדער.

— אבער, ליעבעס קינד — (דאס הער איך שוין מעהר גערן, ווי די ווערטער „אין אונזער עלטער") ווי קענסטו עס נור צוגלייכען דעם פוסטען אירדישען געפילדער צו דער אייביגער זעליגקייט ?

איך האב אנגעהויבען צו רעדען פון עטוואס אנדערעס, פונקט, ווי איך פלעג עס טהאן מיט דער מוהמע מאריע, ווען זי פלעגט אנהויבען צו רעדען אויף די טעמא פון „באשערט". מיין קוזינע וואלט דאך מיך זא־ווי־זא ניט פערשטאנען, ווען איך וואלט איהר געוואלט ערקלערען, אז עס איז דיזעלבע שטרעבונג נאך זעליגקייט, וואס מאכט די מענשען אינטערעסירען זיך מיט ערפינדונגען, אידעען, בעוועגונגען, פון וועלכע זיי ערווארטען דעם גן עדן שוין אויף דער ערד, אדער וועניגסטענס די ביי־קומונג פון די צרות, וואס מאכען אן אזא גיהנום... דאס איז דאך ניט וועניגער רעליגיאן.

אך, דאס דער איין־און־דערזעלבער ווארט בעטייט אזוי פיעל פערשיעדענע זאכען ! דאס מאכט אזוי שווער די מענשען צו פערשטעהן איינע די אנדערע. און דאס איז אויך די אורזא־כע, ווארום די מענשען זיינען אזוי אונגערעכט איינע צו די אנדערע. רעליגיאן מיינט אויך דאס פיהלען מיט'ן גאנצען הארצען פאר דאס גוטע, פאר דאס רעכטע, פאר דאס הייליגע און צו קעמפפען פאר דעם. אנצוקלאמערען זיך מיט דער

נשמה אַן אַלץ, וואָס איז פון אייביגער שעהנקייט, פון ליכטי־גער קלאָרקייט, פון עהרפורכט־געביטענדער גרויסקייט. און דאָס געגענטהייל פון דעם אלעם, דאָס העסליכע, דאָס פיגסטע־רע, דאָס נידריגע, און, מעהר פון אַלץ, דאָס גרויזאַמע צו בע־קעמפפען וואו עס איז נור מעגליך. ווען מען איז נאָך דערצו געבונדען דורך אַ וואָרט, דורך אַ נדר (האָב איך דען ניט גע־שוואָרען צו איבערנעהמען פרידריך׳ס אויפגאַבע?) מוז מען זיין דאָפּעלט רעליגיעז, פּונקט, ווי אַ גלויביגער געבונדען פון אַ קירכען־נדר, מוז זיין דאָפּעלט פרום. און אזוי פערפאָלג איך אַלע פאַזען פון דער פריעדענס־בעוועגונג און בלייב — מיט דודאָלף און דורך דודאָלף — אין שטענדיגער בעריהרונג מיט אַלע די, וועלכע בעקעמפפען מלחמה. דאָס איז, מיט וואָס אַ י ך לעב.

די פּאָסט האָט מיר היינט געבראַכט אַ בריעף:

בערלין, 12. 1. 92.

אייער נאָמען איז בעקאַנט צווישען די פערטרעטער פון אַ בעוועגונג, וועלכע פיהרט די מענשהייט „אין דער הויך", צו דער ערפילונג פון קריסטענטהום.

איך האַלט עס פאַר מיין פליכט זיך צו דערנעהענטערען צו אייך, פול מיט אַכטונג און מיך צו בעטראַכטען, אַלס איי־נעם פון יענע, וועלכע קעמפפען מיט דער גאַנצער קראַפט פאַר די העכסטע שטרעבונגען. יעדער פיבער פון מיין לעבען גע־הערט דעם אויפבוי פון גאָט׳ס קעניגרייך אויף דער ערד, גע־הערט דעם „ווערען פון קריסטענטהום". דער נעהמט אריין אין זיך אַ ל ע שטרעבונגען פון די מענשען.

איך בין דורכגעגליהט פון אידעאַליזם, בין אָבער ניט קיין פאַנטאַזיאָר. איהר האָט דאָ מיט אַ „מענשען" צו טהאָן. אונ־ערשראָקען, אָבער אויך אונפערפיהרט, וועל איך געהן ווייטער אין די וועגען, וועלכע זיינען פאַר מיר פאָרגעצייכענט. וואָס ווייטער, אומפאַסענדער אונזער האַנדלען וועט זיין, דאָס אַ

גרעסערע ווירקונג וועט עס האבען. וואס ענטשלאסענער, דאס מעהר הייל וועט זי ברענגען, און וואס מעהר אלע צוזאמען וועלען האנדלען גלייכצייטיג, דאס טיפער און דורכגרייפענדער דער ערפאלג.

איצט אלזא מוז „עטוואס ווערען“. איך האב די איבערצייגונג (דאס ווארט גלויבען איז פאר מיר ניט גענוג), דאס מיר שטעהן פאר דעם טויער, וועלכער פונקט אזוי צושיידט אונז, ווי ער פיהרט אונז אריין אין דעם צייט־אלטער פון פערפאלקאמנונג. אנצונעהמען די קליאמקע מיט דער קראפטפולער האנד, שיינט מיר, איז די בערופונג פון אלע יענע, וועמען גאט האט דערצו די פעהיגקייט בעגעבען.

דער אונערווארטעטער בריעף האט מיך פריידיג אויפגעטרייסעלט. יא, עס וויל און עס וועט עטוואס ווערען. נור קרעפטיג טרייסלען אן יענע קליאמקע, און דער טויער וועט זיך עפענען.

פערצעהנטער קאפיטעל.

צוויי טעג שפעטער, נאך דעם קליינעם מיטאג־מאהלצייט, האט סילוויא ווידער זיך בעגעגענט מיט הוגא ברעסער. דאס מאל איז עס געווען אין איהר מוטער'ס הויז.

ווען זי איז אריין אין איהר מוטער'ס צימער, האבענדיג בדעה, ווי זי פלעגט עס אפט, צו פערברענגען א פארמיטאג־שטונדע מיט איהר מוטער, האט זי געפונען דארט אויך איהר ברודער און הוגא ברעסער. דער לעצטער איז אויפגעשפרונגען, אום צו בעגריסען די אריינגעקומענע. לויט זיין גאנצער איפפיהרונג, האט מען געזעהען, אז איהר אנקומען האט איהם צומישט. זיין געזיכט איז אט רויט און אט בלאס געווארען. אדער האט עס נור סילוויא'ן אזוי אויסגעזעהען? ווייל אויך זי האט זיך געפיהלט א ביסעל צומישט. יעדענפאלס, איהר געפיהל, איהם דערזעהענדיג, איז נים געווען קיין אונאנגענעהמער. פונקט פערקעהרט.

זי האט ארומגענומען און זיך צוקושט מיט איהר מוטער, האט דיביידע יונגע הערען געדריקט הערצליך די האנד און האט זיך אוועקגעזעצט. ברעסער האט געוואלט אוועקגעהן.

— ניין, ניין, ווארום ניט בלייבען, מיין ליעבער — האט די באראנעסע טילינג צו איהם געזאגט — בלייבט דאך! מיר דריי זיינען גאנץ אפט אליין, און סילוויא וועט גערן אוטהייל־נעהמען אין דעם געשפרעך, אונטערבראכען דורך איהר אנ־קומען.

— אזוי? וועגען וואס האט איהר גערעדט? — האט סיל־וויא געפרעגט.

הוגא, אוועקזעצענדיג זיך ווידער אויף זיין פריהעריגען פלאץ, האט געענטפערט:

— מיר האָבען גערעדט וועגען דער דיכט־קונסט. די הערשאַפטען זיינען געווען אזוי גוט צו ברענגען דעם געשפרעך אויף מיין פאך, ווי דאָס פיהרט זיך, ווען, צום ביישפיעל, דער קאַיזער, קומענדיג אויף דעם אינדוסטריעלען־באַלל, רעדט וועגען דער אינדוסטריע.

— דאָס איז ניט קיין ריכטיגע שילדערונג — האָט מאַרטאַ אויסגערופען — רודאָלף האָט גערעדט לאַנג און ברייט איבער די אלגעמיינע לאַגע, און איבער דעם דראַנג, וואָס ער פיהלט אָנצוהויבען עפּעס צו טהאָן, און איהר זיינט עס געווען, וועלכער האָט געמאַכט די בעהויפטונג, דאָס מען קען די וועלט ניט איבערמאַכען, איידער מען האָט איהר ניט איבערגעדיכטעט, און דערביי איז ארויפגעקומען דער געשפּרעך אויף די דיכט־קונסט.

— דאָס איז אָבער אין עצם דערזעלבער געשפּרעך — האָט סילוויא בעמערקט — וועלכער איז געהאַלטען געוואָרען פון אונזערע צוויי דעבאַטאַנטען אין יענעם שטורעם־טאָג.

זי איז פּלוצלינג שטיל געוואָרען, פערוויטלענדיג זיך א ביסעל. זאָל זי רעדען פון יענעם טאָג, און דערמיט ווייזען, ווי גענוי זי געדענקט אלעס, וואָס איז אין יענעם טאָג פאָרגעקומען? זאָל זי, ווילענדיג אויפנעהמען דעם געדאַנק, וואָס האָט ארויסגעשוועבט פון הוגאָ'ס אויגען? זי האָט ארויסגעצויגען איהר האַנד פון דער מופטע און האָט געטאָטהעמט אויף דעם האַלב־פערוויאַנעטען בלומען־קראַנץ, וואָס איז דאָרט ביז איצט געלעגען.

איצט האָט רודאָלף גענומען דאָס וואָרט — איך האָב געענטפערט, דאָס די קונסט קען ניט ארויסברענגען קיין קולטור־ענדערונג. א געגענד ווערט געענדערט און אומגעוואַנדעלט דורך וואולקאַנישע אויפטרייסלונגען, דורך דאָס אריינברעכען פון פערפלייצונגען, אָבער ניט דורך די קולטיווירונג פון בלומען.

— בלומען־קולטיווירונג! — האָט ברעסער אויסגעשריען

— אזוי ווי די קונסט וואָלט נור געווען א לוסטיג־אונשעדליך

שפּיעל — אזוי ווי זי וואָלט אויך ניט פון צייט צו צייט געווען אזוי גליהענדיג, ווי די לאַווא, וואָס שטראָמט ארויס פון די טיפענישען פון דער מענשליכער נשמה...

לאַכענדיג, האָט זיך באַראָנעסע טיללינג אריינגעמישט:

— איהר זיינט דאָך ניט אזא ענטהוזיאסט.... ווען איך דענק, וואָס פאַר א נאַטירליכער, ניכטערער, כמעט טרוקענער מענש עס איז מיין אלטער פריינד, אייער פאָטער!

גאַנץ אבזיכטליך האָט זי א גאָס געטהאָן דיזען קליינעם וואסער־שטראהל אויף הוגאָ׳ס פייערדיגען שטייגער פון רעדען. זי האָט געזעהען, מיט וועלכען אינטערעס איהר טאָכטער קוקט אויף איהם, און זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס רודאָלף האָט איהר דערצעהלט אין דעם טאָג פון סילוויאַ׳ס חתונה, אז הוגאָ איז אוועקגעפאָהרען און איז ניט געווען צו איהר חתונה, ווייל ער האָט סילוויאַ׳ן געליעבט.

— איהר געפינט, אז איך בין איבערשפּאַנט, גנעדיגסטע באַראָנעסע? קען מען דען בלייבען אין מיין בערוף גאַנץ ניכטער? מיין פאָטער איז דאָקטאָר און איך בין — — וואָס פאַר א שאָדען, וואָס עס איז ניטאָ קיין בעשיידענער נאָמען פאַר אונזער קונסט־צווייג — איינער קען זאָגען אָהן אירגענד אן אנבליק פון גאווה, פון גרויסהאַלטעריי: איך בין א סקולפּטאָר, איך בין א מוזיקער, אָבער „איך בין דיכטער“ קלינגט אזוי איינגעבילדעט, אזוי בערייהמעריש, ווייל מיט דעם וואָרט דיכטער ווערט אויסגעדריקט ניט בלויז די ארבייט, נור אויך דאָס, וואָס ער האָט שוין פאַלשטענדיג בעהערשט דעם מין קונסט... און ווייל איך בין דערפון נאָך אזוי ווייט, דאַרף איך מיך ניט רופען „דיכטער“, נור א ווערטער־שמיעד, א טרוים־צוימער —

— צוימער מיינט אָבער אויך דאָסזעלבע, עס מיינט, אז איהר זיינט דער זיעגער — האָט סילוויאַ געזאָגט.

— אויב אזוי, נעהם איך אויך דעם נאָמען צוריק און עס איז דאָך אויך ריכטיג. ניכער ווער איך בעזיעגט פון מיינע חלומות, איידער די חלומות פון מיר. עס שפּאַרען זיך צו מיר בילדער, געשטאַלטען, און פערלאַנגען אויסגעדריקט צו ווערען,

און זיי לאָזען מיך ניט אָב, איידער איך שמיער זיי צו צום פּאַפּיר...

— און אַזוי מיינט איהר עס די וועלט אומצודיכטען?

— אַבזיכטליך? לויט אַ געוויסען פּלאַן? ניין, דאָס ניט דער געניוס פון דער קולטור בויט פון זיך זעלבסט איבער די וועלט, ער צווינגט נור די קינסטלער אַ פּאָר בוי־שטיינער צו־צוברענגען, און זיי ווייסען גאָרניט דערפון.

— פון זיך אַליין אָבער טהוט זיך גאָרניט — האָט רודאָלף געזאָגט.

— ווען איך בין נאָך פּובליציסט געווען און האָב געפּלאַ־נעוועט צו רעדאַגירען אַ גרויסע צייטונג, האָב איך געטראַכט אַזוי ווי איהר. גראַף דאַצקי: צו ווירקען אויף די וועלט דורך פערשיעדענע רעפאָרמען. דאָס איז מיר אָבער אין גאַנצען פערלאָרען געגאַנגען, זייט איך האָב זיך איבערגעגעבען צו דער דיכט־קונסט, צו דער לירישער און דראַמאַטישער שאַפונגס־קונסט. אפשר אויך דערפאַר, ווייל איך האָב אין גאַנצען אויפ־געגעבען דאָס לעזען פון צייטונגען, קימערט מיך גאָרניט וועגען דעם, וואָס קומט פאָר טאָג־טעגליך, און האָב זיך פערטיעפט אין די דיכטער־ווערק פון דער אַלטער און נייער צייט. דאַ האָט זיך פאַר מיר אַ גאַנץ נייע פאַנטאַזיע־וועלט ענטפּלעקט, בע־פעלקערט פון טויזענדע געשטאַלטען: געטער, העלדען, קעניגע, פּעען, הייליגע געשטאַלטען, וועלכע זיינען ארויסגעשטיגען פון די קעפּ פון האָמער, דאַנטע, שעקספּיער, קאַרנעל, געטהע, שוין ניט רעדענדיג פון די נייע און די סאַמע נייסטע און איך האָב געלייענט אַלע מאָדערנע, אויך די רוסען און סקאַנדינאַוויער. און דאָך זיינען עס ניט נור די ערדיכטעטע בעשעפּעניסע, וועל־כע האַלטען מיך געפאַנגען, נור אויך די טעכנישע זייט פון דער דיכטונג; דער סטיל, די מוזיק פון דער שפּראַך, די גרויסע קונסט אויף דעם אינסטרומענט פון וואָרט.... דאָס איז עס, וואָס ענטציקט מיך, און וואָס איז מיין עהרגייץ צו מאַכען פאַר מיין אייגענס. שעהנקייט, שעהנקייט — דאָס זעהט מיר אויס

איז די העכסטע ענטפּלעקונג פון אונזער געניוס... און וואָס מען קען נור מעהר שעהנהייט שאַפען, דאָס מאַכט רייכער און איי־דעלער אונזער גאַנצען מענשענגעשלעכט... אויף אַזאַ אופן קען אויך דער איינצעלנער קינסטלער, ווען ער שטרעבט נור אָן זיין ליעבענדע קראַפט, ווירקליך פערגרעסערען דעם אוצר פון קולטור, ווירקליך פאַרמירען זיין געהירען און דעם געהירען פון זיינע מיטמענשען, און אַזוי העלפען אין דער ענטוויקלונג פון דעם מענשען־גייסט, בעסער, ווירקזאַמער, ווי דורך אַלע פּאָלי־טישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע ספּעקולאַציאָנען און רעפאָר־מען. איך קען גאָרניט אויסדריקען, ווי גלייכגילטיג, נאָך מעהר, ווי עקעלדיג עס איז מיר אָט דאָס גאַנצע קלייכליכע מהועריי אין דעם עפענטליכען לעבען. מען זעהט דאָך, ווי קליינליך עס זיינען די אינטערעסען, ווי פלאַך עס זיינען די פערטרעטער פון גרויסע אידעען, און ווי געמיין און העסליך עס איז די ארט און ווייזע פון זייער קאַמפּף. עסטהעטיש ווירקען — אין דער פּאָליטיק — ווירקען העכסטענס די געוואַלט־מענ־שען, דערפון קומט דאָס בוקען־זיך פאַר א נאַפּאָלעאָן אָדער א ביסמאַרק.

רודאָלף האָט זיך פּלוצליג א קלאַפּ געטהאָן אין שטערען און געזאָגט:

— איהר האָט דאָ פאַר מיר א גאַנץ נייעם געזיכטס־פונקט ענטפּלעקט, ליעבער ברעסער. פּאָליטיקער און קינסט־לער האַלטען גאַנץ ווייניג איינע פון די אַנדערע, זיי פערשטע־הען זיך ניט. זייערע טהעטיגקייטען זיינען ווי אָבגעזונדערט. איך זעה אָבער, ווי זיי זאָלען זיך קענען צוזאַמענקומען, זיך פעראייניגען: אַלס ערשטער און העכסטער פּרינציפּ דאַרף אָנ־ערקענט ווערען, ניט נור אין די פערשידענע צווייגען פון קונסט, נור אין דער קונסט פון לעבען און אין דער רעגיערונגס־קונסט, די שעהנקייט. און דאָס, וואָס זאָל פיהרען די, וועלכע קירע־ווען די שיקזאַלען פון די פעלקער, דאַרף זיין בעגייסטערונג, ניט אויסגערעכענטקייט.

מאַרטאַ האָט צוגעוואָרפען איהר זוהן א דאַנקבאַרען בליק.

איצט איז אָנגעמעלדעט געוואָרען אַ נייער גאַסט.

דאָס איז געווען גראַף קאָלנאָס. נאָכדעם, ווי ער האָט בעגריסט אַלעמען און זיך אַעקגעזעצט, האָט ער געזאָגט:

— איך בין געקומען, אום — ניין, הערוויל נאָך ניט, אום שוין זיך צו זעגענען מיט אייך, נור אייך אָנצוזאָגען וועגען מיין באַלדיגען פערשווינדען. מיך האָט ווידער אָנגעכאַפּט מיין חשק צו רייזען.

— אַה, וועה — האָט מאַרטאַ אויסגעשריען — איהר ווילט אַלזאָ ווידער פערשווינדען פון אונז פאַר אַ יאָהר אָדער צוויי, און איך קען אַזוי לאַנג אָהן אייך ניט אויסקומען... וואָר־הין דאָס מאָל?

— דאָס מאָל נאָך אינדיען — דאָרט בין איך נאָך ניט געווען, און, אפשר, וועל איך זיך נאָך אַריבערכאַפּען אין יאַפּאַן.

סילוויא האָט געלאַכט.

— אַריבערכאַפּען זיך — דאָס איז גוט געזאָגט.

— ווילסטו מיטפאָהרען? — האָט זיך קאָלנאָס געווענדעט צו רודאָלף. דער לעצטער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. — אָבער וואָרום פרעג איך גאָר? ווען מען האָט ווייב און קינדער, מוטער און שוועסטער, האָט מען ניט יענעם עקזאָטישען חשק און ניט די שטרעבונג נאָך ווייטקייט, וועלכע פּאַקט מיך, דעם איינזאַמען, אַלע פּאָר יאָהרע, און זאָגאַר נאָך איצט, אין מיינע אַלטע יאָהרען. ווען איך ווער אַזוי גוט מיעד פון דעם לאַנגווייליגען, איינטאָניגען לעבען דאָ, פון דעם טריטש־טראַטש פון דער געזעלשאַפט, פון דעם קוויטש־קוואַטש פון דער פּאָלי־טיק, דאַן מוז איך מיך אָבפרישען אין אַ גאַנץ פרעמדער לאַנד־שאַפט, צווישען מענשען, וועלכע ווייסען גאָרניט וועגען מיר, ווי איך ווייס ניט וועגען זיי. דאָרט לייען איך ניט קיינע איי־ראָפּעאישע צייטונגען, דאָרט גיב איך קיינעם ניט מיין אַדרעס, כדי מען זאָל מיר ניט קענען שרייבען, וואָס עס הערט זיך נייעס.

קאָלנאָס איז ניט לאַנג פערבליבען. ער האָט צוגעזאָגט

אבער צו קומען דעמזעלבען אבענד צוריק, אום צו שפייזען גאנץ אליין מיט מארטא.

— איך מוז אייך נאך גוט געניסען, איידער איהר אנטלויפט פון אונז — האט מארטא צו איהם געזאגט — איהר געהערט צו יענע ווייניגע מענשען, וועמעס עקזיסטענץ איז פאר מיר א וואוילטהאט. אייך קען איך אלעס זאגען, וואס איך האב נור אויפ'ן הארצען.

ווי נור קאלנאס איז אוועק, זיינען באלד געמעלדעט געוואָרען נייע בעזוכער: די גרעפין האנעג און איהרע פיער טעכטער.

מיט דער געלעגענהייט האט זיך ברעסער בענוצט אום צו נעוומען אבשיעד. דאס מאל האט איהם מארטא שוין ניט צוריקגעהאלטען.

די האנעגס האבען געהערט צו די נאהענטסטע גוטס־בעזיצער פון ברונהאף, און צווישען דיביידע פאמיליען זיינען געווען די העכסט־פריינדליכע בעציהונגען. אין דער צייט, ווען עס האט שטאטגעפונען סילוויא'ס חתונה, זיינען די האנעגס געווען אויף א רייזע אין איטאליען. ווען ניט, וואלטען די פיער שעהנע טעכטער זיכער געווען סילוויא'ס „כלה־מיידלאך". צו זעהען דיזע פיער שעהנע מיידלאך צוזאמען איז ווירקליך געווען אן עסטהעטישער גענוס. אלע פיער, הויך און שלאנק, פון אן אריסטאקראטישען און דערביי נאטירליכען חן אין זייער גאנצען וועזען. די עלטסטע פון זיי, קאיטאנע, דריי־און־צוואנציג יאהר אלט, האט געהאט פיינע, רעגעלמעסיגע געזיכטס־ציגע, דונקעלע האר און שווארצע אויגען. די צווייטע, קריסטינע, דריי יאהר אינגער, איז געווען קאשטאנען־ברוין, מיט א לעבעדיג־שטיפערישען קאפריזנעם פנים. און די ביידע אינגערע זיינען געווען א צוויללינג, אכטצעהן יאהר אלט, עללא און בעללא, אזוי שטארק עהנליך איינע צו די אנדערע, אז מען האט זיי געקאנט פערבייטען. ביידע זיינען געווען העל־בלאנד מיט זאנפטע, בלויע אויגען און מיט פנים'ער פון מאדאָנעס. דער צוויללינג איז געווען אימער אנגעטהאן אין עהנלי־

בע קליידער, די צוויי עלטערע פערשיעדען. אלע זיינען געוועזן געקליידעט מיט דער העכסטער איינפאכקייט.

די ראנעגס האָבען פערנומען א פראָמינענטען פלאץ אין דער געזעלשאפט. ער האָט געהאט איינעם פון די העכסטע עמטער אין קייזערליכען הויף. זי איז געוועזן א פירשטין פון געבורט. א חוץ די פיער שעהנע טעכטער האָבען זיי נאָך געהאט צוויי זיהן, ביידע אין מיליטער־דיענסט. דער עלטערער, נאָך ניט אין גאנצען דרייסיג, איז שוין געוועזן אולאנען ריטמייסטער, דער אנדערער א לייטענאנט ביי די דראגונער.

אין וויען האָבען די ביידע פרויען — מארטא און גרעפין ראנעג — געטראָפען זיך גאנץ זעלטען, ווייל, וועהרענד די ערשטע האָט געלעבט גאנץ צוריקגעצויגען, האָט די אנדערע, צוליעב איהרע טעכטער, מיטגעמאכט אלע אונטערהאלטונגען פון דער גרויסער וועלט: אלערליי בעללער, פיקניקס, יאגדען, טהעאטערע, צדקה־באזארען, און אזוי ווייטער. אָבער דערפאר דאָס עפטער פלעגען זיי זיך זעהען, לעבענדיג אויפ'ן לאנד אין זייערע גיטער. פאר מארטא איז עס אימער געוועזן א הערצליכע פרייד צוזאמענצוקומען מיט דער פאמיליע, בעזאָנדערס, אין זייער אייגענער היים.

דאָס לעבען דאָרט האָט אין יעדער ריכטונג געקאָנט גילטען, אלס דער מוסטער פון א גליקליכען און הארמאָנישען מענשען־גורל. א גאנץ גענוגענדער רייכטהום, א גלענצענדע סאָציאלע שטעלונג, א געגענזייטיגע ליעבע צווישען אלע מיטגליעדער פון דער פאמיליע, א לוסטיגער פערברענגען פון די טעג אין רעגעלמעסיגע בעשעפטיגונגען, אין מוזיצירען, לעזען, שטריקען, מאָלען, רייטען, געמיינזאמען שפאצירען, געהן אין אלערליי שפיעלען. די מיידלאך, יונג ווי זיי זיינען געוועזן, האָבען בעסער געליעבט דאָס לעבען אויפ'ן לאנד, ווי אין שטאָדט. דאָס מיטמאכען אין די ווינטער־פערגניגענס, איז פאר די ראנעגס געוועזן מעהר די ערפילונג פון א פליכט פון זייער שטאנד, ווי א ווירקליכער פערגניגען. אין מאי, ווען דער וועלטליכער נאכט־סעזאָן שלאָגט זיינע העכסטע כוואליעס, זיינען זיי שוין

אימער געווען פול מיט אונגעדולד צו פערלאָזען וויען, אום זיך צוריקצוקעהרען אין זייער געליעבטען ראַנעג־נעסט, וואָס האָט זיי צוגעצויגען צו זיך מיט דער צירונג פון זייגע אויפבליהענדע בלומען און מיט זייגע בליהענדע קאַשטאַנען־בוימער. און ווען ווינטער פלעגט קומען, פלעגען זיי, ווי ווייט נור מעגליך, אָבלייגען דאָס איבערפאָהרען נאָך וויען. זיי האָבען געליעבט צו גליטשען זיך אויף דעם פערפראָרענעם טייך פון שלאָס, און די לאַנגע אָבענדען צו פערברענגען ארום דעם פאמיליען־טיש מיט א האַנד־ארבייט בעשעפטיגט. פאר קריסטמעס האָבען זיי בשום אופן ניט געוואָלט פערלאָזען זייער גוט. דער יו"ט האָט געמוזט געפראַוועט ווערען אין דעם ראַנעג־נעסט מיט דעם גרויסען קריסטמעס־בוים אין דעם ביליארד־זאַל, מיט די מתנות פאר אלע דאָרף־קינדער און מיט נדבות פאר אלע אָרימע, וועלכע זיינען בעשענקט געוואָרען מיט זעלבסט־געשטריקטע וואַרימע אונטערקליידער און טיכער.

מאַרטא פלעגט זעהר גערן רעדען מיט גרעפין ראַנעג, וועלכע איז געווען מיט איהר פון איין עלטער. אמת, דאָס אין זייער יוגענד האָבען זיי זיך גאַנץ ווענינ געקאַנט, כמעט ווי גאַרניט — ערשט דורך די שכנה'שאַפט צווישען ברונהאָף און ראַנעגסבורג זיינען זיי געוואָרען גאַנץ אינטים זייט איינינע יאָהרען — דאָך האָבען זיי ביידע גערן גערעדט פון דער אַלטער צייט, פון די זיטען און אנשויאונגען, וועלכע האָבען געהערשט אין דער וועלט, ווען זיי זיינען נאָך ביידע יונג געווען, און וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט. גרעפין ראַנעג איז אין איהרע געזינונגען געווען פיעל קאָנסערוואַטיווער, ווי מאַרטא, כאָטש זי איז געווען פיעל ליבעראַלער, ווי די מעהציאָהל פרויען פון איהר שטאַנד. אויף האַלבען וועג זיינען זיי זיך ענטגעגען געקומען. די גאַנץ ראַדיקאַלע אידעען פון מאַרטא האָבען ארויסגערופען א געוויסע סימפאַטהיע ביי דער גרעפין ראַנעג, און דער פאָלשטענדיגער גלייכגעוויכט פון דער עהרליכער, טאָלעראַנטער גרעפין ראַנעג, ניט קוקענדיג אויף די פערשיעדענהייט אין אנזיכטען, האָט געמאַכט איהר

ווירקונג אויף מארטא. עס איז געווען עטוואס בערוהיגענדעס און הארמאנישעס אין גרעפין ראנעג, ווי אין אלץ, וואס איז פון איין גוס און פון איידעלען מעטאל.

מיט אויפריכטיגער פרייד האט מארטא בעגעגענט איהרע געסט.

— אה, זעהט מען אייך ווידער, איהר וואנדערענדע בע־שעפעניסע.

די פיער מיידלאך האבען געקושט מארטא'ס האנד.

— ניט וואנדערער, נור נאכטוואנדערער זיינען מיר — האט גרעפין ראנעג געזיפצט. נעכטען אויפ'ן באלל ביי פאללאוויצינא, היינט ביין ערץ־הערצאג לודוויג וויקטאר, מאר־גען אין מיניסטעריום דער אויסערען —

— נו, נו, פערגניגען האט איהר דאך דערפון — האט גע־זאגט מארטא — איך מיין די קינדער. דער גורל פון די מאמעס אויף די בעללער איז, נאטירליך, אזעלכער, וואס מען קען ניט שטארק מקנא זיין.

די מיידלאך מיט סילוויא און רודאלף זיינען אוועק אין א צווייטען ווינקעל פון צימער, וואו זיי האבען גערעדט גאנץ הויך און לעבעדיג אזוי, דאס די ביידע עלטערע דאמען האבען גע־קאנט רעדען צווישען זיך, ניט ווערענדיג געהערט פון קיינעם.

— איך קען דיך פערזיכערען — האט גרעפין ראנעג גע־זאגט — ניט נור פאר די מאמע, נור אויך פאר די קינדער איז ניטא קיין פיעל פערגניגען אין אונזער וועלט...

— יא — האט מארטא בעשטעטיגט — דאס האב איך אויסגעפונען, ווען סילוויא איז נאך געווען אונפערהייראט... די היינטיגע וועלט יונגע לייט איז גאר אזוי. איך ווייס ניט, ווי זאל איך עס זאגען.

— זאג זייער איינענעם ליעבלינגס־ווארט: „פאד". דער־מאנסטו דיך אן אונזער צייט, וואס פאר אן אונטערשיעד — ווי מען האט זיך עס אונז, יונגע מיידלאך, אין ליעבע ערקלערט, וואס דאס איז, לאמיר זיין אויפריכטיג, דאס געשמאקסטע אין

די וועלטליכע פערגניגענס. מען האָט געפּליהט, אָדער ווי מען פּלעגט עס זאָגען, „פּאַסיאָנען" האָבען געמוזט אויפפלאַקער־רען.... דאָס אָבער האָט אַלעס אויפגעהערט. אונזערע יונגע מענער פערליעבען זיך ניט מעהר — וועניגסטענס, ניט אין אונזערע מיידלאך.

— ניין, אין ביהנען־פּרינצעסינס — האָט מאַרטאַ גע־זאָגט.

גרעפין ראַנעג האָט ווייטער גערעדט:

— און וואָס טאַנצען אַנבעטרעפט, מוז מען די יונגע לייט איינפאַך צווינגען. דערביי זיינען די מייסטע, וועמען מ'קען נאָך באַפּען, אזוי ניט־אינטערעסאַנט, אזוי לאַנגווייליג, אזוי גאָרניט פעראינטערעסירט.... זיי טאַנצען א פּאָר טענץ, ווייל מען מוז דאָך. און צו די אָבענדען קען מען זיי גאָרניט קריגען. וויפיעל מאָל האָט עס שוין געטראָפען, אז ביי אזעלכע צוזאַמענקינפ־טע זיינען געווען נור פרויען, מיט דער אויסנאַהמע פון א פּאָר אַלטע גענעראַלען און דיפּלאָמאַטען. אויף די בעללער געפינט מען נאָך די מענליכע יוגענד, אָבער די קומט צו זיי לויט א בע־פעהל, און די מעהרצאָהל פון די טענצער בעשטעהט פון גאַנץ יונגע גימנאַזיסטען. פּאַטער, מוטער, טעכטער און איינגלאך — דאָס זיינען די, וועלכע מען געפינט אויף אונזערע בעללער. אויך יונגע פרויען זעהט מען דאָרט גאַנץ ווייניג. זיי האָבען זייערע אייגענע מאָהלצייטען און שפּיעל־פּאַרטיס, און אהין געהען אונזערע הערען מעהר גערן.

— אפשר וועט די מאָדע פון טאַנצען אין גאַנצען אָב־שטאַרבען — האָט מאַרטאַ געזאָגט — עס איז שוין אזוי. די וועלט ענדערט זיך.

— ליידער.

— איך זאָג ניט ליידער. פּלאַץ פאַר דאָס נייע. אַלזאָ, לאַנגווייליגען זיך דיינע טעכטער?

— לאַנגווייליגען? אונזין! הערסטו, ווי זיי לאַכען דאָרט מיט דיינע קינדער? זיי זיינען, א דאַנק גאָט, אימער אין אזא גוטער שטימונג.

— ווי געהט עס דיין מוטער?

— א דאנק. ניט זעהר גוט. זי פיהלט איהרע 85 יאהר... מיר זיינען זעהר פיעל ביי איהר.. יעדען אבענד ברענגט צו ביי איהר איינע פון מיינע מיידלאך. און אפט קעמפפען זיי צווי־שען זיך פאר די פריווילעגיע צו פערברענגען אן אבענד מיט דער גרויסמוטער, איידער צו געהן צו א באל. איצט אבער — די גרעפין ראנעג האט זיך אויפגעשטעלט — מוזען מיר ווייטער געהן. קינדער, קומט!

— דאס איז אבער געווען א קורצער בעזוך.

— מיר האבען נאך אונגעפעהר זיעבצעהן וויזיטען צו מאכען. נעכסטענס וועל איך קומען צו דיר אויף א גאנצען נאכמיטאג, און דאן וועלען מיר זיך שוין ריכטיג אויספלוידערען.

— טהו דאס, מיר האבען דאך אזוי פיעל צו דערצעהלען איינע דער אנדערער.

— נאכדעם, ווי די געסט זיינען אוועק, האט רודאלף אויסגערופען:

— די געסט זיינען מיין אונגליק. עס איז אן אמת'ער יאמער.

— אבער, אבער — האט מארטא געזאגט צו איהם מיט א פארוואורף — ווי קענסטו דאס זאגען? איך קען ניט קיין ליעבערע, אכטונגסווירדיגערע מענשען.

— אט אין דעם איז טאקי דער אונגליק... זאל איך דיר דאס ערקלערען?

— יא, איך בין זעהר נייגיריג.

— נון, איך דערמאן זיך צו האבען איינמאל ארויסגעגע־בען א בעפעהל צו אונזער גערטנער, ער זאל אויסהאקען א גע־וויסען בוים, וועמעס שטאם איז געווען אין גאנצען פוסט. אין דעם נעכסטען שטורם וואלט ער געקאנט אומפאלען, און דער־ביי פיעלייכט אנטהאן פיעל שאדען. אלזא, איז עס געווען גלייכער איהם אויסצוהאקען, און וועהרענד איך האב ארויס־געגעדט מיין טוידט־אורטהייל, האב איך ארויפגעקוקט צום

שפּיץ פון בוים און דערזעהען דאָרט א פויגעל־נעסט, פון וועלכען די יונגע האָבען ארויסגעשטעקט זייערע קעפּעלעך, און די אַלטע זיינען געפלויגען ארום זיי. איך האָב דאן גלייך מיין בעפעהל צום גערטנער געענדערט: „לאָז עס שטעהן — האָב איך צו איהם געזאָגט — אפשר וועט נאָך דער בוים אויסהאַלטען דעם גאַנצען זומער. פערשטעהסטו, וואָס איך מיין? אזוי שטעהען מיר, די זאָגענאַנטע רעפאָרמאַטאָרען, פאַר די צופוילטע געזעלשאַפטס־אָרדנונגען, און מיינען, אז דאָ דאַרף מען געברויכען די האַק. אויבען אָבער, אויפ'ן שפּיץ, איבער דעם פוסטען שטאַם, האָבען די ליעבע גליקליכע פויגעלעך זייער נעסט אויפגעפלאָכטען. זייער גאַנצער עקזיסטענץ הענגט אָב פון דער עקזיסטענץ פון דעם בוים. וואָס אַרט זיי, וואָס דער בוים איז אינערליך פערפוילט, אזוי לאַנג, ווי די גרינע בלעטער זיינען דאָ אזוי פיעל אויף דעם צווייג, וואו זיי לעבען? דאָ וואוינען זיי און זינגען און האָדעווען אויף זייערע יונגע. און זעהסטו, דעמזעלבען איינדרוק מאַכט אויף מיך דאָס בילד פון א פאַמיליע, ווי די ראַנעגס. זייער גאַנצער גליק, זייער גאַנצער כבוד שטיצט זיך אויף די אינסטיטוציאָנען —

— איך פערשטעה — האָט מאַרטאַ דערענדיגט — אויף די אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען אינערליך צופוילט, און געגען וועלכע דו ווילסט אויפנעהמען א קאַמפף.

— יאַ, און אויף אזא אופן ווערט פאַר מיר דער קאַמפף שווערער. וואָלטען שוין אַלע צווייגען געווען פאַרדאַרטע, און וואָלטען אָנשטאָט די ליעבליכע זינגפויגעל געווען עקעלדיגע ווערים אויף די ביימער, וואָלט מען ניט בעדאַרפט פיעל טראַכטען ביין האַקען... וואָלט די אַריסטאָקראַטיע געווען דורכאויס פערדאָרבען, און וואָלטען אַלע סאָלדאַטען געווען ווילדע רויבער, ווי גרינגער וואָלט עס געווען צו קעמפפען געגען אַלע אַריסטאָקראַטען־פּריווילעגיען און געגען דעם מיליטאַריזם... אָבער, ווען מען זעהט אזעלכע פאַמיליען, ווי דיזע, וועמעס גאַנצער טראַכטען און לעבען העננגט אָב פון די טראַדיציעס, ווי דער

פויגעל־נעסט אויף דעם צווייג — וועמעס זיהן דיענען אלס סאלדאטען מיט פרייד און שטאלץ, וועמעס טעכטער זיינען בעשטימט צו מאכען זייערע נעסטען אויף דעם נעכסטען צווייג, און דערביי זיינען זיי אזעלכע ליעבע, ריינע בעשעפעניסע, ווי דאס זיינען, צום ביישפיעל, די האנעג־מיידלאך (איך בין זיך מודה, אז ווען איך וואלט געווען פריי, וואלט איך זיך געקאנט פערליעבען אין די קאיעטאנע) — יעמאלט פערלירט איינער דעם חשק צו צושטערען, און זיך מיט דער האק בענוצען....

— און — האט איהם סילוויא אונטערבראכען — מען זאגט דאן דעם גערטנער: „לאז עס דערווייל“, בפרט — האט זי צוגעלייגט, ווען מען אליין געהערט, ווי דאס איז דער פאל מיט אונז, צו דעמזעלבען פויגעל־נעסט.

פופצעהנטער קאפיטעל.

דעם אבענד איז סילוויא געגאנגען אין די אפערא. מען האט געשפיעלט „דער פראפעט“, אין וועלכער גראף דעלניצקי'ס „פלאם“ האט ניט געהאט קיין ראליע. סילוויא פלעגט נור גע־הען צו יענע אפעראס, אין וועלכע י ע נ ע האט ניט געזונגען.

זי איז געווען אליין אין איהר לאזשע. איהר מאן האט איהר נור בעגלייט ביז צום טהעאטער, פערלאזענדיג איהר מיט דעם אויסרייד, אז ער דארף אנוועזענד זיין ביי א וויכטי־גער זיצונג. פאר איהם איז ניט געווען קיין לאנגווייליגערע זאך, ווי צו זיין אויף אפעראס, וועלכע זיינען ניט בעלעבט גע־ווארען דורך דאס זינגען פון זיין געליעבטער.

סילוויא האט זיך איבערגעגעבען צו דעם גענוס פון די טענער, וואס האבען ארויסגעשטראמט פון דער ביהנע און אר־קעסטער. עס איז געווען א שווערמוטהיגער גענוס, ווייל זי האט צו דערזעלבער צייט געפיהלט זיך שטארק אונגליקליך. „נור, ווער עס ווייס, וואס דאס מיינט בענקען, ווייס, וואס איך לייד“ — דאס איז געווען דער גרונדטאן פון איהר שטימונג.

ביינקען — נאך וואס? נאך א גרויסער לעבענס־ערפאהרונג — זי האט עס אליין ניט געוואוסט, אבער איהר לעבען איז געווען אזוי שרעקליך פוסט... פאר אימער צוגעבונדען צו א מאן, וועמען זי האט ניט ליעב, וועלכער דערצו נאך האט זי אזוי עפענטליך אבגענארט... ווארום איז עס איהר ניט גע־ווען בעשערט צו געפינען א מאן מיט אזא ברייטען און ווייטען גייסטיגען האריזאנט, מיט אזא טיעפען געמיטה, ווי דאס איז, צום ביישפיעל, איהר ברודער, אדער וועלכער איז בעשאנקען מיט אזא פייערדיגער שעפערישער נשמה, ווי — אך, ניין, עס איז בעסער גארניט צו דענקען וועגען הוגא. עס קען נאך גע־

פעהרליך ווערען... דאס פעהלט נאך, אז זי זאל זיך פער־ליעבען...

דער פארהאנג איז אראבגעפאלען איבער דעם ערשטען אקט. דער זאל פון טהעאטער איז ווידער ליכטיג געווארען, און אין א ווײלע שפעטער האט זיך די לאזשענטיר געעפענט, און ברעסער איז אריינגעקומען.

סילוויא האט זיך דערפיהלט אזוי דערשראקען, אז דער אטהעם און די שטימע האבען זיך פאר א ווײלע ענטזאגט איהר צו דיענען, און נור מיט א שטומער בעוועגונג האט זי געקאנט ענטפערען אויף די בעגריסונג פון איהר בעזוכער. אין מוח האט ביי איהר א שוועב געטהאן די געפאהר, דאס זי קען זיך טאקי פערליעבען, און דאס די געפאהר איז פיעל נאהענטער, ווי זי האט עס געגלויבט.

מיט איהר פעכער האט זי איהם אנגעוויזען אויף א פלאץ. דאנקענדיג, האט הוגא זיך גלייך אוועקגעזעצט.

דאס ער האט איהר בעטראכט מיט א געפיהל פון דער העכסטער בעוואונדערונג, דאס האט זי זעהר גוט בעמערקט, און זי האט געהאט דעם בעוואוסטזיין, וואס איז אזוי אנגענעהם פאר יעדע פרוי, צו ווערען בעוואונדערט און געשעצט פאר איהר שעהנקייט. זי האט געפיהלט איהרע באקען אויפפלאמענדיג און זי האט געוואוסט, דאס דא אין דער לאזשע, אין איהר האלב־אויסגעשניטענער שווארצער סאמעט־קלייד און מיט די בלי־צענדע דימענט־שטערען אין איהרע געקרייזעלטע האר, האט זי געמוזט מיט זיך פארשטעלען א זעהר היבשען בילד.

— עס וואונדערט מיך — האט זי געזאגט — דאס איהר זיינט בעסער ניט געגאנגען אין בורג־טהעאטער.

— ווייל איך אליין שרייב דראמען, מיינט איהר? כדי צו לערנען?

— ניין, כדי אום זיך צו פערשאפען אידעען און בעגייס־טערונג איבער אייער אייגענע קונסט.

— ווען איך וויל דאס, דאן ערשט געה איך אין דער אפע־רא. מוזיק כשופ'ט אוים פאר מיר צעהן מאל מעהר שטימונג,

ווי א טהעאטער־שטיק. איבריגענס, בין איך היינט געקומען אהער, ווייל איך האב געוואוסט, אז איהר זיינט היינט דא און וועל אייך דא קענען זעהען... זעהען פון דער ווייטענס, ווייל איך האב געגלויבט, אז אייער לאזשע וועט זיין אזוי געפאקט, אז איך וועל מיך גארניט קענען דערשפארען. איהר זיינט אבער אליין —

— יא, זעהר — האט סילוויא געענטפערט מיט א זיפץ, וואס האט זיך פון איהר, ניט ווילענדיג ארויסגעריסען.

— זעהר אליין? — האט הוגא ברעסער ווידערהאלט — די ביידע ווערטער, לויט דעם געברויך פון אונזער שפראך, געהען ניט צוזאמען, פונקט אזוי ניט צוזאמען, ווי די ווערטער „זעהר טויט". און דאך — עס איז אזוי ריכטיג — עס זיינען דא פערשיעדענע גראדען אין דעם אליין־זיין. ניט אין דער איינזאמקייט, ווייל אין מיטען פון א גרויסען עולם קען מען זיין גאנץ אליין. און דער געגענזאץ פון אליין־זיין איז דער צוויי־זיין...

— מיט דעם תנאי, אז די צוויי זיינען איינס.

— דאס האב איך טאקי געוואלט זאגען.

א קורצער שטילשווייגען. דאן האט סילוויא ווידער אנגעפאנגען:

— איך וואלט ביי אייך געוואלט פרעגען, ליעבער ברעסער: זיינט איהר גליקליך? פרעהען אייך אייערע ערפאלגען? און האט איהר אין בערלין געפונען אזא „צווייזאמקייט"?

— דאס איז ניט געווען איין פראגע, נור גאנצע דריי, פרוי גרעפין. גליקליך? ניין, איך פיהל זיך ניט גאנץ גליקליך. ערפאלגרייך? מיין גאט, אין מיין בערוף זיינען ניטא קיין ערפאלגען, אויף וועלכע מען זאל זיך קענען מיט פרייד אויסרוהען... עס איז פונקט, ווי ווען מען קלעטערט אויף א משופעדיגען לייטער. מען פרעהט זיך ניט מיט די דערגרייכטע טרעפלאך, נור מען שטרעבט פול מיט אנגסט נאך דעם נעכסטען טרעפעל, פון וועלכער מען קען זיך ווידער אראבקייקלען. און וואס אנבעטרעפט די דריטע פראגע...

— די נעהם איך צוריק. עס איז א פראגע, וואס איך האב אייך ניט געטאָרט שטעלען.

— געמעגט האט איהר, אָבער פאר אייך איז עס ניט פון קיין וויכטיגקייט. דאָך וועל איך אויף איהר ענטפערען: מיין הארץ איז ניט אין בערלין.

און ווידער עפענט זיך די לאָזשענטיר. מיניסטער וועגעמאן איז אריינגעקומען.

נאָכדעם, ווי ער האט זיך אויסגעביטען מיט א פאר ווערטער מיט סילוויא, האט ער גאנץ קיהל, ווי איינער, וואס שטעהט זעהר הויך, לאָזט זיך אראָב צו איינעם וואס שטעהט גאנץ נידריג, בעגריסט דעם יונגען ברעסער.

— זעהט מען אייך ווידער אמאָל אין דער היים? דאָס איז שעהן... איצט בלייבט איהר דאָך דאָ. א גוטער עסטרייכער קען דאָך ניט אייביג ארומטרייבען זיך אין פרייסען.

— איך בין געקומען נור אויף א קורצע ווײַלע, עקסעללענץ.

— דייטשלאנד און עסטרייך זיינען דאָך פעראייניגט — איז סילוויא אריינגעפאלען אין מיטען — טו ווארום רעדט איהר ארוים דאָס וואָרט פרייסען מיט אזא האס?

— אודאי פעראייניגט זיינען מיר. פון דער אנדערער זייט אָבער האָב איך קיינמאָל ניט פערגעסען זעקס און זעכציג, און אָבגעזעהען פון אלע פאָליטישע בעטראכטונגען און ציעלען, פון וועלכע איך געפין מיך איצט גאנץ ווייט, איז עס מיין פערזענליכער געפיהל, דאָס אין ערגעץ ניט קען מען זיך ניט פיהלען אזוי גוט, ווי אין אונזער אלטען ו ו י ע ן. און דאָס א מענש, וועלכער מוז ניט לעבען אין אויסלאנד, זאָל בלייבען אין דער היים... ווי געהט עס דעם טאָני? איז ער ניט מיט אייך?

— איך דאנק, עס געהט איהם גוט. ער איז אויף א זיצונג...

— אה... און וואס מאכט רודאָלף? זאָגט מיר, סילוויא — האט ער באלד צוגעלייגט, — וואלט איהר ניט געקאָנט מיט אייער שוועסטערליכען איינפלוס געקאָנט ווירקען אויף דר־

דאַלף'ען, און איהם ארויסטרייבען פון קאָפּ זיינע מאָדנע קאַפּריזען? איך מיין דאָך גוט מיט איהם.... ער הויבט אָן ארויסצורופען פערדרוס ביי פיעלע.... ער קען נאָך אויף אזא אופן זיך מאכען גאַנץ אונמעגליך....

— מיט וואָס? וואָס מיינט איהר?

— אַט מיט זיינע מאָדנע אידעען... ניט לאַנג צוריק, אין קאַסינאָ, מיר זיינען דאָרט געווען לויטער שטאַאַטסמענער און מיליטער־מענשען, האָט ער געמאַכט אַן אָנפאַל אויף די גאַנצע געזעלשאַפטס־אָרדנונג, אזוי ווי ער וואָלט געווען א רויטער סאָצי... דאָס פערשטעהט איהר ניט... איך האָב געפיהלט, ווי אויף נאָדלען... גיט איהם א וואונק.

דאָס אלעס האָט ער גערעדט גאַנץ שטיל. דאַן האָט ער אויפ'ן קול זיך געווענדעט צו ברעסער:

— איהר האָט דאָך א טהעאַטער־שטיק געשריבען, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אויפגעפיהרט געוואָרען אין בערלין. אזוי האָט מיר אייער פאָטער דערצעהלט. האָפענטליך, איז דאָס שטיק ניט לויט דעם נייעם נאַטוראַליסטישען שטייגער, ווי א געוויסער האופטמאַן —

— הם — האָט ברעסער געענטפערט — דער געוויסער האופטמאַן האָט אין זיך דעם שטאָף צו ווערען איינער פון אונזערע גרויסע דיכטער. איך האָב גאָרניט די חוצפה צו שטעלען זיך מיט איהם אויף איין ברעטעל.

— טראַכט איהר פון פערגלייכען זיך מיט אונזער גרילל־פּאַרצער?

— אויך דאָס ניט. איבערהויפּט טראַכט איך ניט פון דעם ווען עס איז נאָכצוטהאָן. „מיין גלאָז איז קליין, אָבער איך טרינק פון מ י י ן גלאָז", זאָג איך צוזאַמען מיט אַלפרעד דע־מוססע.

ווען דער פּאַרהאַנג האָט זיך ווידער אויפגעהויבען, איז מיניסטער וועגעמאַן אוועק. הוגאָ, אויפגעמונטערט פון א צוויי־בען פון סילוויאַ, איז פערבליבען אין דער לאָזשע.

זיי האָבען דאַן ביידע שוויינענדיג צוגעווענדעט זייערע

בליקען צו דער ביהנע. אין הויכע בוואליעס האט די מוזיק גע־שוועבט דורך דעם זאל. דאס, וואס עס האבען אויסגעדריקט דער זיסער און העלדישער געזאנג, די הארפען־קלאנגע און די רוישענדע אקקארדען פון דעם ארקעסטער, דאס האבען די ביידע יונגע מענשענקינדער געפיהלט, אלס די ענטפלעקונג פון דעם, וואס זיי האבען געוואלט זאגען איינער צום אנדערען. דאס איז געווען א סארט געדאנקען־פעראייניגונג דורך די מעלאדיע.

אין דעם פאלגענדען צווישען־אקט זיינען אריינגעקומען אנדערע בעזוכער, און דאמאלס האט הוגא ברעסער געלאזען פאר זיי זיין פלאץ.

ווען ער האט גענומען אבשיעד פון סילוויא, האט ער זי גע־פרעגט, אויב זי ערלויבט איהם מארגען צו זיין ביי איהר, אום זיך מיט איהר אין גאנצען צו זעגענען, וויל איבערמארגען קעהרט ער זיך אום צוריק נאך בערלין.

פון דעם האט זיך סילוויא געפיהלט געטראפען, אזוי ווי אימיצער וואלט איהר א שוואכען קלאפ געטהאן. די אנוועזענ־הייט פון דעם יונגען דיכטער אין וויען האט א בעדייטענדען אינטערעס צוגעגעבען צו איהר לייד־יגען לעבען.

— ווי? שוין אזוי גיך? — האט זי אויסגערופען, דריי־קענדיג זיין האנד — אלזא, גוט, מארגען, האלב נאך פינף — האט זי צוגעלייגט גאנץ שטיל. די אנדערע האבען עס ניט בעדארפט הערען.

דעם פאלגענדען טאג, אין דער בעשטימטער שטונדע, האט הוגא געפונען די יונגע פרוי גאנץ אליין.

ווען ער איז אריין אין איהר קליינעם זאל, האט זי זיך אויפגעהויבען פון דער פיאנא, אויף וועלכער עס איז גע־לעגען די מוזיק פון „פראפעט“.

זי האט איהם בעגריסט מיט א געצוואונגענער רוהיגער פריינדליכקייט, און נאכדעם, ווען זיי האבען זיך אוועקגעזעצט, האט זי געזאגט:

— אלזא, ווירקליך, איהר ווילט אוועקפאהרען?... ווי עס

ווייזט מיר אויס, האָט איהר עס גאַנץ פלוצלינג בעשלאָסען. אפשר ערשט נעכטען אבענד.

— יא, גרעפין, ערשט נעכטען אבענד.

א קורצע פויזע.

— אייער פאָטער וועט עס זעהר לייד טהאָן.

— יא, מיין פאָטער טהוט עס זעהר לייד.

ווידער א שטילשווייגען, און דאן האָט סילוויא געזאָגט:

— אויך מיר.... איהר שטעלט דאָך מיט זיך פאָר א שטיק פון מיינע ערשטע עררינערונגען — אַלס קינדער, האָבען מיר אָפט געשפּיעלט זיך צוזאַמען, און איצט — איך בין זיך מודה — עס האָט מיך ווירקליך זעהר געפרעהט אייך ווידער צו זע־הען.... אַלעס דאָס, וואָס איהר דערצעהלט פון אייער דיכטערי־שען בערוף און אייערע ערפאָלגען, דאָס אינטערעסירט מיך אזוי... דער איינבליק אין א קינסטלער־גייסט... קורץ, עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איהר פאָהרט אוועק.

— ווען איהר ווילט און בעפעהלט, בלייב איך.

— אָך, איך האָב גאָרניט צו בעפעהלען איבער אייך — האָט זי שנעל געענטפערט.

זי האָט זיך דערשראָקען פון דער ווענדונג, וואָס דער גע־שפּרעך האָט אָנגענומען. אפשר וואָלט טאַקי בעסער געווען, אז ער זאָל אוועקפאָהרען... זי האָט געטראָפען, דאָס דער גרונד פון זיין אוועקפאָהרען איז די מורא פאַר דערזעלבער געפאַהר...

— איהר האָט אַלעס איבער מיר צו בעפעהלען! — האָט ער איהר געענטפערט — אָבער, ווען איך וואָלט אייך געלאָזט אריינבליקען ניט נור אין א קינסטלער־גייסט, נור אויך אין אן אָרימער מענשענהאַרץ, וואָלט איהר מיר פּיעליייכט בעפעהלט ניט נור גלייך אוועקצופאָהרען, נור אויך קיינמאָל שוין ווידער ניט צו קומען. איהר פערשטעהט, וואָס איך וויל זאָגען... איך זאָג עס אָבער ניט, ווייל דאָס וואָלט געווען א העזה, צו וועלכער איך בין ניט בערעכטיגט.

סילוויא האָט בייזלאַך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— איהר האָט עס אָבער דאָך געזאָגט... לאָמיר רעדען

פערנינפטיג, הערר ברעסער. דאָס איהר זיינט אַ מאָל געווען אין מיר פערברענט, דאָס וויים איך פון אַ נאַרישען בריעף, וועלכען איך האָב ערהאַלטען אין דעם פריהמאָרגען פון מיין חתונה־טאָג. זייט האָן זיינען שוין דריי און אַ האַלב יאָהר אַוועק... איהר זיינט אריין אין אַ גאַנץ ניי לעבען, און די אַלע פאַנטאַזיעס און חלומות, אויב איהר האָט זיי ניט פערגעסען, זיינט איהר זיכער בייגעקומען. אייער שאַקלען מיט'ן קאָפּ זאָגט גילט ניט. אייער ארבייט און וואָס וויים איך — איך פרעג ניט וועגען דעם—פיליכט נייע הארץ־פערבינדונגען, פיל־לען אויס אייער איצטיגען לעבען, אַלזאָ, בעט איך אייך, פיהרט זיך אויף אַזוי, ווי עס וואָלט קיינמאָל ניט געשריבען געוואָרען יענער בריעף, אַזוי ווי איהר וואָלט קיינמאָל ניט געמאַכט די אַנצוהערענישען, וואָס איהר האָט געמאַכט נור־וואָס, ווי דאָס גאַנצע וואָלט אין גאַנצען אויסגעמעקט געוואָרען... און כדי מיט דער זאַך איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרטיג צו ווערען, ערקלער איך אייך מיט פעסטער ענטשלאָסענהייט, דאָס איהר האָט גאָר־ניט, גאַרניט וואָס צו ערוואַרטען פון מיר אַ חוץ דעם פריינד־שאַפטליכען פערקעהר פון אַמאָליגע יוגענד־חברים, און דעם זאָלט איהר האָבען מיט מיין גאַנצער הערצליכקייט. אַלזאָ פאָהרט נאָך בערלין, ווען אייערע געשעפטען אָדער אייערע ווינשע רו־פען אייך אַהין... אָבער נור ניט אַנטלויפען, איך בעט אייך — דאָס וואָלט מיך בעליידיגט. נון, דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט וועגען דעם. איך וועל דאָס מיט קיין וואָרט מעהר ניט דערמאָנען, און אויך אייך פערבאָט איך ווען־עס־איז צוריקצו־קעהרען זיך צו דעם. און איצט דערצעהלט מיר פון אייער נייעסטען ווערק.

זי האָט גערעדט זעהר שנעל, דער גאַנצער פנים האָט זיך ביי איהר אָנגעצונדען.

הוגאָ האָט ניט פרובירט אונטערברעכען איהר. איהרע ווערטער — זי האָט דאָך גערעדט פון זיין ליעבע — האָבען איהם פערשאַפט דעם גרעסטען פערגניגען. זיי האָבען איהם בעטויבט, געווירקט אויף איהם במעט, ווי אַ קוש פון איהר.

עס האָט אָנגעפאנגען ווערען דונקעל אין צימער. א די־
נער האָט אריינגעבראכט די לאָמפען, אויך אויפגעשאַרט דעם
פייער אין קאמין. דאן איז ער ארויס. די ליכט פון די
לאָמפּען איז געדעמפט געוואָרען פון גרויסע, רויטע שירמען, און
פון דעם קאמין האָט געפלאַקערט דער רויטער שיין איבער דעם
קארפעט. א זעלטענע שטימונג פון צוטרוליכקייט האָט גע־
הערשט אין דעם קליינעם, זעהר שעהנעם צימער.

ברעסער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן
דעם קאמין־געזימס. דורך דעם איז ער צוגעקומען עטוואָס נע־
הענטער צו דער יונגער פרוי.

— איך וועל אייך אין אלץ פאָלגען, פרוי גרעפין — האָט
ער געזאָגט אין א זאנפטען, צערטליכען טאָן.

— דאָס איז גוט.

— דערהוויל וועל איך נאָך פערבלייבען אין וויען. איך
קען די ארבייט, וואָס איך האָב אָנגעפאנגען, און וועגען וועל־
בער איהר פרעגט מיך, בעסער ענדיגען דאָ, אין וויען, וואו איך
האָב מעהר פרייע צייט, ווי אין בערלין וואו מיינע פיעלע קאָל־
לעגען לאָזען מיך ניט צורוה.

—וואָס איז עס פאר אן ארבייט?

— א מערכען־דראמע אין פערזען. דער ערשטער אקט
איז פערטיג. איך וועל איהם פאָרלעזען פאר אייך, און איהר
זאָגט מיר, אויב איך האָב געטראָפען דעם ריכטיגען טאָן.

— האָט איהר דעם מאנוסקריפּט ביי זיך?

— ניין, איך וועל איהם מיטברענגען דאָס נעכסטע מאָל,
ווען איהר וועט עס מיר ערלויבען.

— גוט, זאָל עס זיין מאָרגען.

— גוט, מאָרגען: ווי דאָס קלינגט פאר מיר אזוי פריינד־
ליך נאָך דעם, ווי איך האָב מיך שוין פערצווייפעלט צו זיין
מאָרגען איבער אלע בערג. ווי א בעגנאדיגטער פיהל איך.

און ער איז געקומען אויף מאָרגען אין דערזעלבער אבענד־

דאָך דאָס מאָל האָט ער שוין געפונען די לאָמפּען אָנגע־צונדען, און סילוויא איז ניט געווען אַליין. באַראָנעססע טילינג, איהר מוטער, איז געזעסען ביי איהר.

ווען סילוויא האָט געזעהען דעם יונגען מאַן אריינקומען, האָט איהר פערשטיקט דער אָטהעם און די בלוט האָט א שאָס געטהאָן אין איהרע באַקען. זי איז געווען צופריעדען, וואָס זי איז ניט אַליין, נור עס איז געווען פאר איהר שווער אריבערצו־טראָגען דעם בליק פון איהר מוטער׳ס אויגען, וועלכע זיינען געווען געצילעוועט אויף איהר. מעגליך, אַז זי האָט בעמערקט, ווי די פאַרב האָט זיך געביטען אין איהר טאָכטער׳ס פנים.

— א גוטען אָבענד, הערר ברעסער — האָט זי געזאָגט עטוואָס אונזיכער — האָט איהר אייער מאַנוסקריפּט מיטגע־בראַכט? זי האָט אָנגעוויזען אויף א צונויפגעוויקעלטען פאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד.

— יא, דאָס איז עס. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם מאַנו־סקריפּט אויפ׳ן טיש — איך לאָז עס איבער דאַ, ווען איהר וועט צייט האָבען, וועט איהר אַזוי גוט זיין, און דאָס איבער־לייענען.

דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו באַראָנעססע טילינג און איהר עהרפורכטפול געקושט די האַנד.

— דאָס איז אייער נייסטעס ווערק? — האָט זי גע־פרעגט.

סילוויא האָט אָבער גענומען דעם מאַנוסקריפּט און איהם געוואָלט צוריקגעבען.

— אַזוי אָבער האָבען מיר ניט אָבגעמאַכט. איהר האָט מיר צוגעזאָגט אַליין עס פאָרצולעזען.

— איך ווייס ניט, אויב די באַראָנעססע...

— אָה, איך וואָלט זעהר און זעהר גערן געהערט עטוואָס פון אייך — ווען איהר האָט פערשפּראָכען פאָרצולעזען פאר איהר איינע פון אייערע דיכטונגען, דאַן לאָזט מיר אויך טהייל־נעהמען אין דעם גענוס.

אַזוי אָבער האָט ע ר ניט אָבגעמאַכט. א ל י י ן מיט דער

פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט, אויסגיסען פאַר איהר זיין נשמה אין זיינע פערזען — דאָס האָט ער געהאָפט פון דער גליקליכער שטונדע. „טו איז קאָמפּאַני, מהרי איז נאָן“ — די ריכטיגקייט פון דעם ענגלישען שפּריכוואָרט איז איצט אויסגעקומען פאַר איהם מעהר, ווי בעשטעטיגט. אוועקזעצען זיך איצט און פאָרלעזען פאַר דיביידע דאַמען, אַזוי ווי ער וואָלט ערוואַרט פון זיי אַ קריטיק פאַר זיין נעכסטע שאַפונג, ניין, דאָס האָט ער ניט געקאָנט, און ער האָט געזאָגט:

— איך בין אַ זעהר שלעכטער פאָרלעזער. די גרעפין, ווען זי וועט צייט האָבען, וועט אַליין בלעטערען אין דעם פראַגמענט.

— בלויז אַ פראַגמענט? — האָט מאַרטאַ געפרעגט.

— יאַ, דער ערשטער אקט פון אַ דראַמע. מעהר האָב איך ניט פאַרטיג.

— אָבער דאָך דעם פּלאַן פון די נעכסטע אקטען?

— דער איז נאָך ניט זיכער.

סילוויאַ האָט גענומען דעם מאַנוסקריפּט אין האַנד, און געזאָגט:

— אז איהר ווילט ניט פאָרלעזען, וועל איך עס טהאָן.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט און געעפענט דעם מאַנוסקריפּט.

און ווידער האָט דורכגעצוקט זי דער אנבליק פון הוגאָ'ס האַנדשריפט מיט דער עררינערונג אָן דעם הייטען ליעבעסבריעף, וועלכען ער האָט איהר דאַן געשריבען... און טוידט איז דאָך ניט געוועזען יענע ליעבע — דאָס האָט זי געוואוסט — נור צו אייביגע שטומקייט פאַרדאמט. און דאָך אויך דאָס ניט. ביי אַ דיכטער קען די מויל קיינמאָל ניט פערשלאָסען ווערען. וואָס ער מאָר ניט זאָגען דירעקט, דאָס קען ער, אַז אַלע זאָלען הערען, נור איינע זאָל פערשטעהן, אין אַ געזאַנג אויסדריקען. זי האָט געפיהלט, דאָס אין דעם אָפענעם העפט מוזען געוויס זיין גענוג שטעלען, וואָס זאָלען זיין געצילעוועט בלויז צו איהר, וועלכע זאָלען שושקען נור אין איהר אויער זיין גאַנצע ליידענשאַפט און זיסקייט....

— גוט, לעזט, גרעפין, אויב איהר ווילט. צו הערען מיינע פערזען פון אייערע ליפען וועט מיך גאנץ אייגענטהימליך בע־ריהרען און בעלעהרען. איך וועל בעסער קענען אורטהיילען, ווי די פערזען קלינגען, ווי, ווען איך וואלט אליין געלייענט. ווען עס וועט אייך ניט לאנגווייליגען, פרוי באראנעססע —

— מיך? — האט מארטא אויסגערופען — איך בין זעהר פעראינטערעסירט. לעזי מיין קינד.

סילוויא האט זיך צוגערוקט נעהענטער צום לאמפ און האט אנגעהויבען צו לייענען. הוגא האט אין זיין פאטעל זיך אזוי צוריקגעצויגען, דאס זיין קאפ אין געווען אין דעם שאטען פון דעם לאמפען־שירם. זיין בליק איז געווען געצילעוועט אויף סילוויא'ס פנים, וועמעס בעוועגונגען זיינען געגאנגען צוזאמען מיט די בעוועגונגען פון איהר שטימע. די מעלאדישע שטימע איהרע איז אין מאנכע שטעלען געווען צארט און ווייך און ציטערענד, און אין מאנכע אנדערע שטעלען האט זי זיך דערהויבען צו א פייעריגען קראפט. אבער ביידעס איז פארגעקומען ניט אין דער אבזיכט צו דעקלאמירען, נור אין א ניט־ווילענדי־גער, דייטליך צוריקגעהאלטענער גרויסהערציקייט.

מיט גרויסען אינטערעס האט מארטא זיך צוגעהערט צום אינהאלט פון שטיק. אבער מיט נאך א גרעסערען אינטערעס האט זי בעטראכט איהר טאכטער.

ווערטער, וואס זאלען זיין געצילעוועט צו איהר, האט סיל־וויא ניט געקאנט געפינען אין די פערזען, ווייל אין זיי איז ניט געווען די הערע פון ליעבע און ליעבע־זאכען. אבער זי האט גע־פונען א שפראך פון אזא שוואונג און אזא שעהנקייט, וועלכע זי האט ניט ערווארט.

קרעפטיג און קלינגענד, ווי דער טראמפייטען־רוף, דאן ווידער זאנפט און איינגעווינגענדיג, ווי דאס גיסען־זיך פון פאנ־טאנען, בעשיינט פון דער לבנה, האן פון ווילדע פרעהליכקייט, ווי א פעען־טאנץ און פון א שווערמוטהיגקייט, ווי די טענער פון קבר — אזוי האבען זיך געביטען די ריפמען, אזוי זיינען געגאנגען די סטראפען איינע נאך די אנדערע אין איבערראַ־

שענד נייע ווערטער אויסדריקע, אין דער צייכנונג פון פונקט אזעלכע נייע בילדער פול מיט טיעף־גליהענדע פארבען און מאט־פינקלענדען גלאַנץ. און דיזער גאַנצער פּראַכט פון אויסדרוק איז געווען דאָס קלייד פון ערהאבענע און ליעבליכע געדאנקען, פון דעם גרעסטען פאנטאסטישען פליהען און פון א ליידענשאַפטליך־פולסירענדער געפיהלס־קראַפט. די לעזערין איז בע־הערשט געוואָרען פון א בעוואונדערונג, וואָס קומט נור פון דעם גענוס פון די העכסטע קונסטווערק. פון דער בעגייסטערונג, וועלכע האָט געשוועבט און געציטערט אין די פערזען האָט ארי־בערגעשטראָמט א מיטבעגייסטערונג אין איהר אייגענער נשמה — און זי האָט זיך דערפיהלט דערהויבען און בעגליקט. ווען זי האָט דאָס לעצטע וואָרט איבערגעלייענט, האָט זי געטהאָן א טיעפען אָטהעם־צוג: זי ליעבט א דיכטער, א גרויסען דיכטער.

אויך מארטא איז געוואָרען שטארק בעגייסטערט.

— וואונדערפול! — האָט זי אויסגערופען — איהר האָט פאר זיך א גרויסע צוקונפט, ברעסער. און, סילוויא, איך מוז זאָגען, אז דו האָסט זעהר גוט פאָרגעלעזען.

די ביידע אנדערע האָבען גאָרניט געענטפערט. אין א ווײַלע ארום האָט מארטא ווידער גענומען דאָס וואָרט, אום צו רעדען פון דער האנדלונג פון דעם, וואָס איז נור־וואָס פאָרגעלע־זען געוואָרען, און אויך אום צו פרעגען, ווי די דראמא וועט זיך ווייטער ענטוויקלען.

— דעם ערשטען פּלאַן, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך פערוואָרפען שוין, וועהרענד דער אקט איז געשריבען געוואָרען. דערפאר קען איך ניט זאָגען בעשטימט, ווי איך וועל ווייטער פיהרען די האנדלונג. א גאַנץ נייע ווענדונג איז מיר איינגע־פאַלען דורך דעם געדאַנק פון איין איינציגען פערז אין דעם ערשטען אקט, אָבער דאָס מוז איך לאָזען צייטיג ווערען, איידער איך הויב אָן ווייטער צו ארבייטען איבער דעם.

— אָט די זיינען עס די געהיימניסע פון שאַפען? — האָט מארטא געפרעגט פארטראכט.

— איך דענק, אז דער אופן פון שאפען איז ביי יעדען קינסטלער פערשיעדען.

סילוויא האט נאך אלץ געשוויגען. זי איז געווען ווי אין א חלום, פון וועלכען זי האט זיך ניט געוואלט ארויסרייסען דורך דעם קלאנג פון איהר אייגענער שטימע. ווארעם און בעגליקענדי, כאטש אויך א ביסעל דערשרעקענדיג, איז געקומען צו איהר פון הארצען דער בעוואוסטזיין, אז דא שטעהט פאר איהר א מאן, וועמעס קאפ איז בעציערט מיט דער העכסטער אירדישער קרוין — מיט דעם קרוין פון געניוס — און פון דעם מענשען ווערט זי געליעבט... איהם ווידערצוליעבען איז געווען דער זיסטער צוואנג. די דיכטונג האט איהר פאר'שיכור'ט. איהר נשמה האט זיך געשאקעלט אין דעם רויש פון בעוואונדערונג.

אונערוואוארטעט איז דעלניצקי געקומען. דערמיט איז דער כשוף פערשוואונדען. סילוויא האט זיך אויפגעכאפט ווי פון א חלום. זי האט געפיהלט, ווי א קאלטער לופט־שטראם וואלט בעריהרט איהרע שלייפען און פערטריבען דעם רויש.

— גאט מיט אייך, אלע... קושען די האנד, מאמא... אה, הערר ברעסער... פרעהט מיך, נאך אלץ אין וויען? און איך האב געגלויבט, אז איהר זיינט שוין צוריק אין אייער געליעב־טען פרייסען... דו, סילוויא, איך האב דיר געוואלט זאגען, איך האב היינט צוויי פריינד איינגעלאדען צום עסען... דעם פעלטעג און דעם מילאוויץ.

— גוט — האט זי געענטפערט.

ער האט זיך א ווארף געטהאן אין א פאטעל.

— ביי וואס האב איך אייך געשטערט?

— סילוויא האט פארגעלייענט פון א דראמע פון הערר ברעסער.

— אזוי... דא האב איך עטוואס וויכטיגעס פערשפע־טיגט. נור מיר וועלען דאך, אפשר, א מאל זעהען אייערע שטיקער שפיעלען אין דעם בורג, יא? דאס איז מיר ליעבער,

ווי צו הערען עס פארלעזען. דערצו האב איך גאר קיין טאלאנט, קיין געדולד.

הוגא האט אבשיער גענומען; ביין קושען סילוויא'ס האנד צום אבשיעד, האט ער געזאגט:

— איהר האט ניט מיט איין ווארט, גרעפין, אויסגעפאר זעהר שלעכט?

מיט א פעסטען דריק פון איהר האנד און מיט א גלייכען בליק אין זיינע אויגען, האט זי געענטפערט:
דריקט אייער מיינונג. זאל איך דענקען, אז איהר האלט עס
— איהר ווייסט, אז עס איז פונקט פערקעהרט.

יא, ער האט עס געוואוסט. א מאגנעטישע פערבינדונג האט זיך געבילדעט אין דער צייט פון לעזען צווישען פערפאסער און לעזערין. דייטליך האט ער געפיהלט, דאס זי איז אויפגעהויבען געווארען אויף די פליגלען פון זיין געזאנג און דיזעלבע בעגייסטערונגס־הויכקייט, אויף וועלבע ער האט ארויפגעקלעטערט אין די שטונדען פון זיין שאפען. א פערבינדונג אויף דעם שפיץ פון פארנאס, א גלייכצייטיגער איינטונקען פון די ברענענדע ליפען אין דעם קיהלען שוים פון דעם קאסטאלישען קוואל...

אזעלכע עטוואס איבערשפאנטע אידעען האבען איהם איבערפילט און בעגלייט אויפ'ן וועג צו זיין וואוינונג. ער האט געהאט די אבזיכט, דעם דראנג, דאס בעדירפניס נאך היינט נאך דעם גאנצען אבענד צו שרייבען, אנצופאנגען דעם צווייטען אקט אונטער דעם איינדרוק פון דעם פארלעזען, פון אזא מויל — פון דעם ערשטען אקט. און נאך אנאנדער זאך האט ער געוואלט שרייבען — א געדיכט צו איהר. זיין ליעבע, אין דעם בעוואוסטזיין פון דער דערגרייכטער געגענליעבע, איז געווארען אויפגעבלאזען ביז צום העכסטען פלאם, און אזוי ווי דאס איז געקומען דורך דעם כשוף פון דיכטונג, האט ער געוואלט, האט ער געמוזט אויסדריקען זיין געפיהל אין גליענדע פערזען. זי צו בעזינגען — נאך דעם האט ער געלעכצט, אזוי ווי דאס וואלט געווען אן אנדער אופן, ווי צו קו־

שען איהר צערטליך, ווי צו צירען איהר — אַנשטאָט מיט די־
דימענטען און פערל — מיט ריפּמען און ריימען.

באראָנעסע טילינג איז געבליבען ביי די דעלניצקים צום מאָהלצייט. באלד׳ נאָך דעם עסען, זיינען טאָני און זיינע פריינד אוועק אין קלוב, און מוטער און טאָכטער זיינען געבלי־בען אליין.

סילוויא איז געווען די גאַנצע צייט פארטראַכט און שוויי־גענדיג. אויך איצט, ווען מארטא האָט ביי איהר עטוואָס גע־פרעגט, האָט זי ערשט געענטפערט, ווען די פראַגע איז איהר נאָך א מאָל געשטעלט געוואָרען, און דאָס האָט זי אָפּט געענט־פערט קורץ און ניט צו דער זאַך.

— קום, מיין קינד, מאַך עס, ווי דו האָסט געטהאָן אין דיינע יאָהרען, ואלס מיידעלע נעהם א ביינקעל און זעץ זיך צו מיינע פיס...

— אָך, מוטער, די מיידעל־יאָהרען זיינען שוין פאַר־איבער.

— און פונקט אזוי דיין פערטרויען אין מיר...

— ווי מיינסטו דאָס?

— איך מיין, אז דו פערשווייגסט פון מיר עטוואָס, וואָס דריקט און בעוועגט דיך. אמאָל איז עס געווען אנדערש... דו פלעגסט מיר אלעס דערצעהלען, ווי דיין בעסטע פריינדין... איצט, נאַטירליך, וואָלט דיין מאַן געקאָנט פערנעהמען מיין פּלאַץ... ער וואָלט איצט געקאָנט זיין דיין פערטרויטער און דיין ראַטהגעבער. דאַן וואָלט איך מיר געהן צוריקגעצויגען, אָבער, ליידער, איז דאָס ניט דער פאַל.

— ניין, דאָס איז ניט דער פאַל — האָט סילוויא געמור־מעלט מיט ביטערקייט.

— זעהסטו, און דאָס זאָגסטו מיר ערשט היינט.

— אזוי ווי דו האָסט עס אליין ניט פערשטאַנען.

— איך פערשטעה נאָך מעהר... קום, סילוויא... טהו מיר דעם געפאַלען און זעץ זיך דאָ... און לייג אוועק דיין קאָפּ אויף

מיין שוים, און זיי גאנץ אויפריכטיג. איך בעט דיך.

עטוואָס געגען איהר ווילען, אָבער געצוואונגען פון א קראפט, וואָס זי האָט ניט געקאָנט ווידערשטעהן, האָט סילוויא געפאָלגט איהר מוטער.

— נו, אָט בין איך דאָ... דער אַלטער פּלאַץ... דערמאָנסטו זיך, צום לעצטען מאָל בין איך אזוי געזעסען אין דעם טאָג, ווען איך האָב מיך בסוד פערלאָבט...

— יא, איך דערמאָן זיך, דו האָסט זיך דאן פאר מיר מתודה געווען.

— יא, א ווידוי. מיין ליעבע איז ניט געווען פריי פון זינד.

— דאָס איז זי אויך היינט ניט, סילוויא.

— איך ליעב איהם שוין ניט מעהר. נון, ווייסטו עס — איך האָב מיר געקלערט, אז דו מוזט עס שוין לאנג וויסען, אָבער איך האָב זיך און דיר געוואָלט פערשפּאָרען דעם שמערץ, וואָס ליגט אין אזא אויסרעדען זיך.

— איך האָב דיך דאן געוואָרענט, אָבער דו האָסט מיך ניט געוואָלט פאָלגען. דו ביזט געווען שכור פון ליידענשאפט. אָבער איך זאָג נאָך א מאָל: דיין ליעבע איז ניט פריי פון זינד.

— און איך ווידערהאָל, אז די ליעבע מיינע איז אין גאנצען אויסגעלאָשען.

— פאר מאָני יא, און דאָס פערשטעה איך. דאָך —

סילוויא האָט א ציטער געטהאָן אונטער דער האנד, וואָס איז געלעגען אויף איהר קאָפּ. — אויך דאָס האָסטו געטראָפען? האָט זי געזאָגט, אויפציטערענדיג.

— אויך דאָס... איך בעשווער דיך, מיין קינד, נעהם ניט אויף מעהר דעם יונגען ברעסער... דו ביזט פרידריך'ס טאָכטער... ניט אנדערש, ווי אין ריינקייט זאָלסטו דאָס לעבען דורכגעהן...

א שטילער גייסט פון ווידערשטאנד איז אויפגעשטיגען אין דער נשמה פון דער יונגער פרוי: איז זי דען ניט פריהער

פון אלץ זי אליין, און ערשט אין צווייטער רייהע די טאכטער פון דעם אדער יענעם ?... אבער אויך זי זעלבסט... כאטש איהר בעוואונדערונג איז אין פולער גליהונג צום יונגען מאן, האט זי אבער געטראכט אמאל איהר ריינקייט צו אפפערען ? מאכען ברעסער פאר איהר געליעבטען ? דער געדאנק איז איהר געקו־מען צום ערשטען מאל, אלס עטוואס וואס האט איהר גע־מאכט פיהלען היים, צוטומעלט און מיט וואס זי האט זיך גע־שעהמט — עטוואס, וואס מוז פעריאגט ווערען, וועגען וואס מען טאר גארניט טראכטען —

מארטא האט ווידער גערעדט:

— דיין פאטער איז טוידט. אבער זיין ווערק לעבט: מיר דריי: רודאלף, דו און איך זיינען זיינע יורשים און היטער פון זיין ירושה. קיין שאטען טאר ניט פאלען אויף די עהרע פון אונזער נאמען, וויייל דאס וועט אונזער זאך פערדונק־לען. אבער ניט נור צוליעב דער זאך, נור צוליעב זיך אליין בעשווער איך דיר: געה אין ריינקייט דורך דאס לעבען!

— דאס וויל איך אויך! — האט סילוויא געענטפערט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ.

זעכצעהנטער קאפיטעל.

מארטא'ס בריעף צו גראף קאלנאס.

ברונהאף, יוני, 1893.

ליעבער פריינד!

צופעליג האב איך אויסגעפונען, וואו איהר געפינט זיך און אייער אדרעס. איהר זיינט שוין אויפ'ן וועג צוריק, און וועט מסתמא באלד שוין זיין מיט אונז, נאך דעם, ווי איהר זיינט געווען אוועקגעפאהרען אנדערהאלבען יאהר.

איהר ווייסט ניט, וואס אין דער צייט איז געשעהען. אין מיין הויז האט פאסירט עטוואס שרעקליך־טרויעריגעס. און איך וויל, אז איהר זאלט עס צוערשט פון מיר זיך דערוויסען. דערפאר שרייב איך צו אייך. איהר זיינט מיין פריינד און רו־דאלף'ס פריינד, און איך בין זיכער מיט אייער סימפאטהיע.

דער טויט האט זיך צו אונז אריינגעבראכען. צוויי מאל. צוערשט איז עס געווען מיין אייניקעל — פרידריך. צוויי טעג בלויז איז ער קראנק געווען. דאס איז געווען א שווערער קלאפ פאר אונז אלע. וואס עס שטארבט מיט אזעלכע קינדער, איז ניט בלויז דאס ליעבע הארציגע קינד גופא, נאר דאס זיינען אויך פיעלע, פיעלע האפנונגען, וועלכע מען האט ערווארטעט און געטרוימט פאר דער צוקונפט... דער יורש פון דעם דאצקי־שען גאנצען פערמעגען, דער נאכפאלגער פון מיין זוהן. וואלט ער דען אויך ניט געווען זיין גייסטיגער נאכפאלגער און וואלט ער דען ניט ווייטער געפיהרט די ארבייט, וועלכע מיין זוהן האט זיך געמאכט פאר זיין לעבענס־אויפגאבע? און דאס אלעס איז פערשוואונדען אויף אייביג דורך א פאר קאנוואולסיען פון דעם קליינעם קערפער.

רודאלף איז געווען זעהר אונגליקליך. בעאטריסע, וועלכע

האָט שוין געהאַלטען נאָהענט פון צו ברענגען א צווייטע קינד אויף די וועלט, איז געווען גאָר פערצווייפעלט. און דאן איז געקומען דער צווייטער קלאַפּ. א מפּיל, און אויך בעאַטריסע איז טוידט.

איהר קענט זיך פאָרשטעלען מיין זוהן'ס שמערץ. ער האָט זיין ווייבעלע זעהר ליעב געהאַט. זי איז אויך געווען א גוטע און א ליעבע און א זעהר שעהנע. ער טרויערט נאָך איהר מיט'ן גאַנצען הארצען. די בײדע אונגליקען, איינער נאָך דעם צווייטען, האָבען איהם געמאַכט זעהר מעלאַנכאָליש.

ער וועט, נאַטירליך, ווידער קומען צו זיך. בעאַטריסע איז פאַר איהם ניט געווען אַלעס, זיין גאַנצער לעבען. ער איז נאָך יונג, און איך האָף, דאָס ער וועט זיך טרייסטען. אָבער, ווען איך האָב ניט לאַנג צוריק איהם דאָס געזאָגט, האָט ער שטאַרק פּראָטעסטירט דאַגעגען.

אזוי, איצט ווייסט איהר, מיין אַלטער פריינד, דאָס איהר וועט אין אונז געפינען א פּאָר גאַנץ טרויעריגע, שווערמוטהיגע מענשען. מיין ליעבער אייניקעל, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען פרידריך, איז מיר געווען איינגעבאַקען אין הארצען. דער טוידט... דער טוידט.... ווי גרויזאַם געהט ער ארום צווישען אונז און רייסט ארונטער די בלעטער פון אונזער גליק! דאָס, וואָס ער האָט פון מיר גערויבט — איך דענק נאָך אַלץ פון 1871 —דאָס האָט מיך אייגענטליך פערהארטעוועט געגען זיינע קלעפּ. דאַן איז עס אייגענטליך געווען ניט זיין אויפטהו, ניט זיין קלאַפּ. מענשליכע באַרבאַריי האָט די קאָסע געפיהרט. אָבער די קאָסע איז א גאַנץ פּראָסטער אינסטרומענט, און קען ניט פיעל אויפטהאָן. טאַקי נור גוט פאַר האַנד־ארבייט. דער מענשליכער געניוס איז איהר געקומען צו הילף און האָט בעשאַפען טוידט־מאַשינען, וואָס מאָרדען טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע מיט א מאָל. אָה, די ווילדע משוגעת, וואָס מען רופט מלחמה — די מוז אויסגעראָטעט ווערען...

אָבער איך האָב שוין ווידער זיך צוריקגעקעהרט צו מיין פיקסער אידעע... אָבער איהר זיינט דאָך שוין דערצו גע־

וועהנט, ליעבער פריינד. אין די פייערליכע מינוטען פון גרויסער פרייד און בעזאָנדערס פון גרויסע ליידען פליהט יעדע נשמה צו דעם, וואָס איז פאַר איהם דאָס העכסטע.

ווען איהר וועט צוריקקומען, וועט איהר רודאָלף'ען ניט געפינען אין דער היים. דער דאָקטאָר זיינער האָט איהם בעפוילען צו מאַכען אַ רייזע נאָך אויסלאַנד, אום זיך צו צושטרייען, זיך צו פערגעסען. אָבער, אַך, איך האָב מורא, אַז ער האָט זיין שמערץ מיט זיך מיטגענומען, אַלס רייזע־בעגלייטער. סילוויאַ'ן וועט איהר ניט געפינען אין וויען. אויך פון סילוויאַ האָב איך קיין נחת ניט. דאָס אָבער וועל איך אייך דערצעהלען מינדליך. איך בין גאַנץ אַליין אין ברונהאָף. אפשר וועט איהר מיך בעזוכען?

אויף אַ טערראַסע אין אַ האָטעל אין ב ע ר ן איז רודאָלף דאָצקי געזעסען און האָט געקוקט פערטראַכט אויף די אַלפּען־פּאַנאָראַמע, בעשטראַהלט פון דער אָבענד־זון.

אַרום איהם האָט געקאָכט מיט לעבען. פיעלע האָטעל־געסט זיינען געזעסען אַרום קליינע טישלאַך, אַנדערע זיינען געגאַנגען הין און צוריק איבער דער טעררּאַסע, ריידענדיג צווישען זיך, אָדער זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענצע. דאָס איז געווען אַ געמישטע געזעלשאַפט פון מענשען פון אַלערליי לענדער.

רודאָלף, וועלכער איז שוין דאָ איינגעשטאַנען אַ גאַנצע וואָך האָט מיט קיינעם קיין בעקאַנטשאַפט ניט געמאַכט. ער איז אַוועקגעפאָהרען, אום צו זיין אַליין, מיט זיך, אַ לענגערע צייט, און אַזוי איינזאַם איז ער אויך געבליבען. ער האָט שוין בעזוכט כמעט אַלע שטעדט פון דער שווייץ, און בערן האָט עס געזאָלט זיין לעצטע סטאַנציע, און דאַן פאָהרען צוריק אַהיים.

געהייסען האָט עס, אַז זיין רייזע מאַכט ער, אום זיך צו צערשטרייען, אָבער וואָס ער האָט געפונען, איז געווען דאָס געגענטהייל — דאָס איז געווען אַ טיפערעס אַריינטראַכטען אין זיך, אַ זיך צוזאַמעננעהמען. איין געדאַנק, וואָס האָט דורכגע־

שווענט דורך זיין קאָפּ ביין קבר פון זיין פרוי און זוהן — דער געדאנק האָט איהם ניט מעהר אָבגעלאָזען, און ביסלעכווייז איז ער ביי איהם געוואָרען א פעסטער ענטשלוס: אָבצוזאָגען זיך פון זיין גאנצען פערמעגען.

פריי זיין, גאנץ פריי זיין, ניט מוזען מעהר דיענען צוויי באַליבאטים, אָדער זאָגאר גאנצע דריי: פאמיליע, קרייז און מענשהייט. ניין, פון איצט אָן זאָל עס זיין נור איין דיענסט, דער דיענסט צו דער מענשהייט. פריי פאר די צוקונפט און פריי פון די קייטען פון דער פערגאנגענהייט.

פריי?... אזוי ווי אירגענד וועלכער מענש אונטער די איצטיגע אומשטענדען קען זיין פריי! מיט דעם וואָרט מאַכט מען זיך לעכערליך שטאָלץ. רודאָלף האָט געוואוסט גאנץ גוט, וועלכע קייטען שמידען איהם נאָך, און וועלכע ער קען אי־בערהויפּט ניט צוברעכען. ער איז דאָך געוועזען — ווי יעדער געזונדער בירגער אין א מיליטער־שטאאט — א סאָלדאט! אמת, נור אכט און צוואנציג טעג אין יאָהר, אָבער דאָך א סאָל־דאט. און אין צייט פון קריעג איז ער געוועזען פערפליכטעט זיך צו שטעלען. „פערפליכטעט" איז אויך ניט דער זעהר פאסענ־דער וואָרט פאר דעם. אונטער די ערפיללונג פון א פליכט פערשטעהט מען די אויספיהרונג פון א זאַך, וועלכע מען האלט פאר רעכט, און וועלכע מען טהוט דאָך פרייוויליג. „געצוואונ־גען" איז דאָס ריכטיגע וואָרט. מען האָט דאָך קיין ברירה ניט. מען מוז. מעג מען דעם מיליטער־דיענסט ווי האסען, און צוליעב וועלכע אורזאכען דאָס זאָל ניט זיין, מוז מען איהם אָבער אויספיהרען. ווען ניט, הייסט עס אָדער געהן אין גע־פענגניס, אָדער גאָר שטאַרבען. און אונטער אזעלכע בעדינ־גונגען רעדט מען נאָך פון אירגענד וועלכער פרייהייט? לייב־אייגעשאַפט און שקלאַפעריי — דאָס איז אמאָל געוועזען דער גורל פון א מהייל פון דער בעפעלקערונג. היינט, אין די לענ־דער, וואו עס איז דאָ די אלגעמיינע מיליטער־דיענסט, איז עס דער גורל פון אלע.

אָבער וועלכע קייטען עס וועט נור מעגליך זיין צו צוברע־

בען, די איז ער געווען ענטשלאָסען צו צוברעכען. אָבזאָגען זיך פון זיין פערמעגען. מיט דעם איין שריט וועט אראָבפאלען פון איהם די גאנצע לאַסט פון פערוואלטונג, פון צו זיין דער רע־פּרעזענטאַנט און פון נאָך פערשיעדענע אנדערע פליכטען, וועלכע זיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט האָט אויף איהם ארויפגעלייגט, און וועלכע האָבען איהם געשטערט אָבצוגעבען זיך אין גאנצען צו זיין גרויסער לעבענס־אויפגאבע — דער אויפגאבע פון צו זיין א לעהרער, א קעמפפער, אן אפּאָסטעל. אין וואָרט און שריפט וועט ער פאר זיינע מיטמענשען פּרעדי־גען דעם נייעם געזעלשאַפטס־אידעאל. דאָס, וואָס ער האָט שוין פערשטאַנען, וויל ער מאכען אויך פערשטענדליך פאר אנ־דערע, און צו דאָס, וואָס איז נאָך געבליבען צו ערלערנען פאר איהם און פאר די אנדערע, וועניגסטענס דעם וועג ווייזען. מען קען ניט גלייך אלעס געפינען. צוערשט מוז מען לערנען, ווי צו זוכען.

אָבצוזאָגען זיך פון זיין ירושה... דאָס איז ניט געווען קיין קליינער ענטשלוס. אָבער ער האָט עס ניט געפיהלט, אלס עט־וואָס זעהר שווערעס, גיכער, אלס עטוואָס, וואָס האָט איהם פיעל ערלייכטערט, אלס אן אראָבגעוואָרפענע משא, וואָס דאָס מוז איהם מאכען צו קענען העכער פליהען.

איבעריגענס, אָבזאָגענדיג זיך פון זיין ירושה, איז ער נאָך אַליין געבליבען רייך גענוג, אום צו קענען לעבען אָהן זאָרגען און צו קענען בעקוועם מאכען פערשיעדענע רייזען, ווען ער זאָל עס וועלען. די גרויסע איינקונפט, וועלכע דער דאָצקישער מאיאָנטעק האָט געבראכט, די פלעגען זאָ־ווי־זאָ מוזען אוועק־געהן אויף אלע פערוואלטונגס־און רעפּרעזענטאַציאָנס־קאָס־טען, וואָס זיינען פערבונדען מיט דעם בעזיץ: די גרויסע צאָהל דינער, פולע שטאַלען מיט פערד, די אלע פעראנשטאַלטונגען פאר די אויפנאַהמע פון געסט, און אזוי ווייטער. דער רייכ־טהום, פון וועלכען ער האָט זיך ענטזאגט, וואָלט דאָך קיינמאָל איהם ניט געקאָנט נוצען פאר זיינע צוועקען, ווייל, לויט געזעץ, האָט דער פערמעגען געמוזט איבערגעהן בירושה פון דור צו

דוד. דער פערמעגען האָט איהם, גראָד פערקעהרט, געשטערט אין דער דערגרייכונג פון זיינע ציעלען. פיזיש האָט ער ביי איהם צוגענומען צייט און קראַפט. מאָראליש, ווייל עס איז אונמעגליך צו קעמפפען פאר די אָבשאַפונג פון מיטעל־אלטער־ליכע אומשטענדען, ווען איינעמס עקזיסטענץ גופא הענגט אָב פון אזא צושטאנד.

וואָלט רודאָלף געהאט דאָס רעכט צו טהאָן מיט דעם אייגענטהום, וואָס ער האָט געוואָלט, דאַן וואָלט ער, נאַטירליך, זיך פון איהם ניט אָבגעזאָגט. דאַן וואָלט ער פאר דעם געפונען בענוג פּלעצער און צוועקען. ער וואָלט, למשל, געקאָנט גרינדען גרויסע פאָלקס־ביבליאָטהעקען, א גרויסע פרייע צייטונג און עהנליכע זאַכען. אָבער א פערמעגען, וואָס מוז בלייבען אין זיין גאַנצער גרוים פאר דעם נעכסטע־קומענדען, דאָס האָט איהם ניט געקאָנט העלפען אין זיין ווירקען, נור שטערען.

דאָס דער געפּלאַנטער שריט וועט ארויסרופען פערדרוס אין זיינע קרייזען — מיט דער אויסנאַהמע פון דעם פעטער, וועלכער דארף עס ווערען זיין נאָכפאָלגער, אויף דאָס איז ער געווען פאָרבערייטעט. ער האָט שוין געקאָנט זיך פאָרשטעלען, וואָס מען וועט זאָגען: „געווען אימער א שטיק משוגענער, דער דאָציקי, איך האָב איהם קיינמאָל ניט געגליכען... ריכטיג גערעדט, איז עס ניט נור נאַריש, נור א פערראַטה אָן די מיט־גליעדער פון זיין שטאנד... אָנשטאָט צו פערנעהמען דעם פּלאַץ, וואָס דער שיקזאָל האָט פאר איהם בעשטימט, נעהמט ער זיך גאָר צו פּרעדיגען אלערליי רעוואָלוציאָנערע משוגעת׳ען, ווי דער ערשטער בעסטער דעמאַגאָג... אָן אמת׳ע שאַנדע...“ און נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס זיינען נור וואַריאַציעס אויף דאָס אלטע „קרייציגט איהם“.

איבעריגנס, האָט ער גאָרניט בדעה געהאט צו פּרעדיגען רעוואָלוציע. מען וועט עס נור אזוי אויסטייטשען. אָבער דאָס אויסטייטשען פון אַנדערע האָט איהם ניט געקימערט. דער איינציגער מענש, וועלכער וועט איהם ריכטיג פערשטעהן און סימפּאַטיזירען מיט איהם, דאָס איז ער געווען זיכער, וועט זיין

זיין מוטער. אין א פאר טעג שפעטער האט ער בעשלאסען צו שרייבען צו איהר וועגען דעם.

זיין בלייבען אין דער שווייץ האט ער געוואלט פארציהען אויף נאך צוויי, דריי מאנאטען. דא, אבגעזונדערט פון אלע און אין פולע רוהיגקייט, קען ער ענדיגען די ארבייט, וועלכע ער האט געוואלט ארויסשיקען אין די וועלט, איידער ער וועט אנהויבען צו ווירקען מיט זיינע רעדען, און פערשפרייטען און פאפולער מאכען דאס, וואס ער האט געשריבען.

ניט עהרגייציגקייט איז עס געווען, וואס האט איהם גע־טריבען אזוי צו האנדלען. עס איז געווען פרומקייט, דער בע־וואוסטזיין צו מוזען ערפילען די העכסטע פליכט, דורך וועמעס ערפילונג מען ווערט אליין הייליג, און מען העלפט צו מאכען הייליג אויך אנדערע — דאס איז עס, וואס פילט אן אלע פרומע נשמות, וואס האט געמאכט, למשל, א פ ר א נ ץ פ א ן א ס י ס ס י צו ווערען פון א רייכען לעבעמאן א פרוש. אזעלכע בערופען זיינען ניט אימער א רעזולטאט פון איינעמס נאטור. זיי קומען אפט — ווי דאס האט פאסירט ביי דעם אויפבויער פון דעם פראנציסקאנער ארדען — נאך א לעבענס־פיהרונג, וואס איז פונקט דער געגענזאץ פון דעם שפעטערען אויפטהו. רודאלף האט, אמת, זייט ער איז נאך א קינד געווען, געטראגען אין זיך די אידעע, דאס ער וועט שפעט, ווען־עס־איז, מוזען נעהמען אויף זיך די אויפגאבע פון זיין שטיף־פאטער, אבער גאנץ דורכדרונגען פון דעם איז ער בשום אופן ניט געווען. ער האט בעטראכט די אויספיהרונג, אלס א זאך פון דער ווייטער צוקונפט, אבער די געגענווארט איז פאר איהם פול געווען מיט הונדערטע אנדערע אינטערעסען. ערשט שפעטער, בים־לאכוויז, אלס רעזולטאט פון געוויסע שטודיען און דורך זיין קומען אין בעריהרונג מיט מענשען, וועלכע האבען זיך אבגע־געבען שוין צו זייער גרויסער לעבענס־אויפגאבע, איז אויך ביי איהם געווארען אלץ שטארקער און שטארקער דער דראנג אב־צוגעבען זיך אין גאנצען צו דעם, וואס איז פאר איהם געווארען א רעליגיאן: ארויסצוגעהן און צו פרעדיגען דאס, וואס איז פאר

איהם געווען זיין גלויבען, און צו בעקעמפפען דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר שעדליך און געפעהרליך. איבערגעבען, פול מיט בעגייסטערונג און ליעבע, פול עהרפורכט פאַר דאָס געטליכע, וואָס האָט געשוועבט פאַר זיין גייסט; פול מיט עקעל נעגען דאָס בייזע, געמיינע און טרויעריגע, וואָס די ארומיגע וועלט האָט איהם געוויזען אויף שריט און טריט — דאָס איז געווען איצט די שטימונג פון זיין נשמה, די זעלבע שטימונג, וועלכע, ווען אָנגעווענדעט אויף דעם גלויבען, ווערט בעצייכענט מיט דעם וואָרט „פרומקייט“, וועלכע האָט אויך מארטהא׳ס נשמה דורכגעגליהט.

פערזונקען אין טיעפען טראַכטען, איז ער אַזוי געזעסען, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין דענקען אין קלאָרע ווערטער אָדער דייטליכע בילדער, נור מעהר א געפיהלס־דענקען. דאָס זיינען ניט געווען איינע אין די אַנדערע פערבונדענע אידעען, נור גע־פיהלען, וועלכע האָבען געבילדעט מיט זיך די פאָזען פון זיין בעוואוסטזיין.

עס האָט זיך נור־וואָס נעענדיגט דער מאָהלצייט, און וועל־כען ער האָט זיך קיינמאָל ניט בעטהייליגט, און א גאַנצע מאַסע פון די האָטעל־געסט האָט זיך ארויסגעשאָטען אויף די טעררא־סע. די מייסטע האָבען זיך אוועקגעזעצט אין א גלאָז־בעדעק־טער וועראנדע געגענאיבער דעם פּלאַץ, וואו רודאָלף איז געזע־סען, און האָבען זיך געלאָזט ברענגען שוואַרצען קאַפע און אלעראליי ליקער־געטרענקע. צווישען די געסט איז געווען א גרויסע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, מייסטענס יונגע מענשען פון ביידע געשלעכטער, און די האָבען זיך געפיהלט זעהר לוס־טיג און האָבען אָנגעמאַכט א היבשען טומעל. דורך דער אָפע־נער טהיר פון זאַל האָט זיך געהערט אויסגעצייכענטער פּיאַנאָ־שפּיעלען. עס איז געווען קלאָר, אַז א גרויסער קינסטלער האָט זיך געזעצט ביי דער פּיאַנאָ. דאָס אַלעס האָט געשטערט רו־דאָלף׳ן אין זיין דענקען און האָט איהם ארויסגעריסען פון זיין פאַנטאַסטישער וועלט. דאָ איז געווען א שטיק ווירקליכע

וועלט, א שטיק פון דער לעבעדיגער געגענוואַרט, א געגענזאַץ צו זיינע צוקונפטס־חלומות, דאָס הייסט, צו זיינע קאַמפּפס־פּלענער פאַר א בעסערע צוקונפט. די מענשען ארום איהם, ווי עס האָט איהם אויסגעזעהען, האָבען געפונען די איצטיגע שטונדע פאַר זעהר גוט, און האָבען גאָרניט געשטרעבט נאָך א בעסערען מאָרגען — זיינען זיי, אפשר, ניט געווען די קליי־נערע? זייערע איז געווען די ווירקליכקייט, און אין איהר האָ־בען זיי זיך געמאַכט אזוי גוט און בעקוועם.... אלע פּלענער און קעמפּפע פון די אונצופריעדענע צילעווען דאָך נור צו דעם, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען א צוקונפט, אין וועלכע מענשען וועלען לעבען — אַנדערע מענשען, ווי די, וועלכע בעפעלקערען איצט די ערד — אין וועלכער זיי זאָלען זיך פיהלען בעקוועם...

רודאָלף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין זיץ. דער פּלאַץ איז געוואָרען גאָר איהם צו טומעלדיג און צו לעבעדיג. ער האָט געוואָלט ווייטער אויסדענקען זיינע געדאַנקען אין איינ־זאַמקייט. ווען ער פלעגט טראַכטען וועגען זיין גרויסען ציעל: „צו ווירקען פאַר די מענשהייט", פלעגט איהם קיין זאַך אזוי ניט שטערען, ווי דער אַנבליק פון פיעלע מענשען. נור אין וועניגע, געצעהלטע עקזאמפּליאַרען, אין דער אבסטראַקציע, האָט ער געקאָנט ליעבען די מענשהייט. דאָרט אָבער, וואו ער האָט געזעהען פערזאַמעלט א גאַנצע מענגע, האָט ער זיך גע־פיהלט אָבגעעקעלט און אָבגעשטויסען: די מעהרצאָהל פון די העסליכע פּנים'ער, די ניט האַרמאָנישע פיגורען זייערע, די שרייענדע שטימען, זייער קליינליכע איילינקייט, די נאַרישע זאָרגלאָזיגקייט, זייער פוסטע פּלוידעריי: — האָט עס די מאַסע פערדייענט, דאָס מען זאָל צוליעב איהר זיך זאָרגען און אָפּפע־רען?... אָבער עס איז געווען גענוג פאַר איהם זיך אָבצוקעהרען פון דער מאַסע, און ארויסצורופען אין זיין פאָרשטעלונג דעם געזאַמט־בעגריעף פון דער מענשהייט אין די בעלדער פון איינ־צעלנע גרויסע מענער, און באַלד האָט ווידער אין איהם ער־וואַכט דער וואונש צו זעהן די מאַסען בעפרייט פון אונגליק,

און עלענד, און צו ערקעמפפען פאר זיי און אויך פאר זיך א שעהנערען און ענטוויקעלטערען לעבען.

— גראף דאצקי! — האט פלוצלינג זיך געהערט א בע־קאנטע פרויען־שטימע.

רודאלף האט אויפגעבליקט. גרעפין ראנעג און איהר טאכטער קאיעטאנע זיינען געשטאנען פאר איהם.

— אה, מיינע דאמען, וועלכע איבערראשונג! — האט ער געזאגט. אלע אבסטראקטע בילדער און געדאנקען זיינען ווי פערשוואונדען. די ווירקליכע וועלט, זיין וועלט, האט ווי־דער א מאל אויפגעטויכט פאר איהם.

— איך בין ניט איבערראשט צו טרעפען אייך דא — האט די גרעפין געזאגט — דורך אייער מוטער האב איך גע־וואוסט, אז איהר געפינט זיך אין בערן.

— און איהר?

— מיר מאכען א קליינע רייזע דורך די שווייץ... היינט פריה זיינען מיר דא אנגעקומען, און ווילען נאך היינט ווייטער פאהרען... איהר בלייבט נאך אודאי פאר א לענגערע צייט אוועק פון דער היים?... איהר האט רעכט... אך, עס איז געווען אזוי שרעקליך —

גרעפין ראנעג האט ניט געזעהן דאצקי׳ן זייט עס האט איהם דאס אונגליק געטראפען, און זי האט אריינגעלעגט אין איהר טאן דעם גאנץ שרעקעדיגען מיטליידס־געפיהל, וואס בע־הערשט איינעם, ווען מען בעגעגענט מענשען, וועלכע מען האט צולעצט געזעהן אלס גאנץ גליקליכע, און וועלכע זיינען זייט דאן געטראפען געווארען פון א שווערען קלאפ.

קאיעטאנע, וועלכע איז געבליבען גאנץ שטום, האט אויס־געדריקט דעם זעלבען געפיהל אין איהר בליק און מינע. איהרע שעהנע שווארצע אויגען האבען געקוקט פול מיט טרויער אויף דאצקי׳ן — אזוי טרויעריג, דאס ער האט אויסגעזעהן כמעט ווי צערטליך. דער יונגער מאן האט געפיהלט דעם בליק, אזוי ווי א מילדען גלעטען. ער האט קאיעטאנע׳ן אימער געזעהען נור לוסטיג, פול מיט דער יוגענדליכער לעבעדיגקייט און פרעה־

ליבקייט, און אַט דער אין גאַנצען נייער שאָטען פון שמערץ אויף איהר פנים האָט זי געמאַכט אין זיינע אויגען נאָך פיעל שעהנער.

איהרע לעצטע ווערטער האָט גרעפין ראַנעג בעגלייט מיט א דריק פון איהר האַנד, און האָן האָט אויך קאָיעטאַנע אויס־געשטרעקט צו איהם איהר האַנד, און האָט דערמיט בעקרעפטיגט דאָס, וואָס איהרע אויגען האָבען גערעדט.

רודאָלף האָט געוואוסט, אַז דיביידע פרויען האַלטען זיין אונגליק פאַר פיעל גרעסער, ווי ער האָט עס געפיהלט. זיי האָ־בען דאָך געוויס געגלויבט, אַז ער האָט פערלאָרען דאָס, וואָס איז פאַר איהם געוועזען דאָס בעסטע און דאָס איינציגע, דאָס ער דענקט ניט וועגען קיין אַנדער זאַך, ווי נור פון דעם, פון וואָס ער איז בערויבט געוואָרען.

די דריי האָבען זיך אַוועקגעזעצט ביים טישעל, ביי וועל־כען רודאָלף איז פריהער געזעסען. גרעפין ראַנעג האָט ווייַ־טער גערעדט אין א סימפּאַטיזירענדען טאָן איבער די פּאַסי־רונג, איבער דעם שרעק, וואָס די נאַכריכט האָט איהר פער־אורזאַכט, און זי האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגען איינצעלהייטען. אַז זי האָט אָבער בעמערקט, אַז רודאָלף רעדט ניט גערן וועגען דעם, האָט זי אָנגעהויבען רעדען וועגען אַנדערע זאַכען און דערצעהלט פון זיך און די איהריגע.

שלאָס ראַנעג איז איצט אין גאַנצען פער'יתום'ט. קרים־טינע, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר א גרזאַנדטען, איז מיט איהר מאַן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער צווילינג, עללא און בעללא, זיינען מיט א בעזוך ביי זייער מוהמע אין בעהמען. גראַף ראַנעג איז אויף יאַגד אין בעגלייטונג פון דעם קאַיזער. איהרע ביידע זיהן זיינען אין וויען. דער אינגערער בעזוכט דאָרט די קריעגס־שול, און עס שטעהט איהם פאַר א גלענצענדע קאַריע־רע. דער עלטערער האָט זיך פערלאָבט מיט דער טאָכטער פון אַן אונגאַרישען מאַגנאַט — א וואונדערשעהנע מיידעל, און זעהר א רייכע, אָבער דאָס שאַדט ניט, ער בלייבט ווייטער אין דיענסט, אַלס אַדיוטאַנט פון גרויס־הערצאָג ווילהעלם, וועמעס ליעבלינג

ער איז, און ער וואָלט זעהר פּאַראיבעל געהאַט, ווען ער וואָלט איהם פּערלאָזען, און דאָס וויל ער אויך גאָרניט, ווייל ער איז א סאָלדאַט מיט לייב און לעבען.

— א גליקליכע פּאַמיליע — האָט דאַצקי זיך אָבגערופען.

— אייגענטליך יאָ, דאָס זיינען מיר — האָט גרעפין ראַ־נעג צוגעגעבען — און דערפאַר טהוט עס מיר דאָס מעהר לייד, ליעבער דאַצקי, וואָס אייך האָט דער שיקזאַל אַזוי גרויזאַם בע־האַנדעלט. אָבער דאָך האָט יעדער זיינע זאָרגען — האָט זי צו־געלייגט אין א וויינענדיגען טאָן — אַזוי מאַכט מיר פיעל שמער־צען מיין מוטער, און מיין שוואָגער דאַרף איצט דורכמאַכען אַן אָפּעראַציאָן, און אַזוי פערשיעדענע אַנדערע זאַכען.

זי האָט עס געזאָגט אַזוי ווי צו דערשטיקען זיין געפיהל פון קנאה.

רודאָלף איז אָבער ניט געוועזן קיין בעל מקנא. ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט פאָרשטעלען אויף דעם פּלאַץ פון יענע מענשען, וועמעס פריידען און ליידען האָבען זיך נור געדרעהט ארום זיך זעלבסט און זייערע סאַמע נאָהענטסטע מענשען, וועלכע האָבען גאָרניט געוואוסט פון דער גרויסער אונרוהיג־קייט, דעם גרויסען שטרעבען, די גרויסע קעמפפע, וועלכע בע־וועגען די מענשען... נאָך דעמזעלבען אבענד זיינען די ראנענס ווייטער געפאָהרען, און דאַצקי האָט זיי בעגלייט צו דער באַהן. קאַיעטאַנע איז געוועזן די גאַנצע צייט זעהר שווייגעדיג. אָבער ווען זי האָט געזאָגט א פּאָר ווערטער, האָט זיך געהערט פון זיי דער ציטער פון א פערשטיקטען מיטלייד. ווען מוטער און טאָכ־טער פון דעם פענסטער פון דעם וואַגאָן האָבען איהם צוגע־וואונקען א זייי־געזונד, און די באַהן האָט זיך אָנגעהויבען ריה־רען, איז קאַיעטאַנע אריינגעזונקען אין איהרע קישענס און אויסגעבראָכען אין א געוויין.

די גרעפין האָט זי אָנגעקוקט איבעררא‍שט:

— וואָס איז מיט דיר, קאַיאַ? האָסטו זיך א מאָל ניט פערליעבט אין דעם יונגען אַלמן?

זיעבצעגטער קאפיטעל.

דריי מאָנאטען שפּעטער איז רודאָלף שוין געקומען צוריק פון זיין רייזע.

דיזע לעצטע דריי מאָנאטען האָט ער צוגעבראכט אין אָן איינזאמע שטיבעל, וועלכע איז געלעגען טיעף פערבאָרגען צווישען די בערג. אהינצו איז ער אוועקגעלאָפען פון דעם אנבליק פון מענשען און פון דעם פערקעהר מיט זיי. און דאָרט האָט ער געענדיגט זיין שריפט, וועלכע האָט ענטהאלטען זיין גלויבענס־בעקענטניס און זיין טהאטען־פּראָגראם. די דאָזיגע שריפט האָט ער געוואָלט ארויסשיקען אין די וועלט און דאן, מיט דער הילף פון דעם געשפּראָכענעם וואָרט פיהרען ווייטער זיין פּראָפּאגאנדע־ארבייט.

ער האָט זיך געפיהלט אין דעם בעזיץ פון א לעהרע, וואָס מוז געזונד מאכען די וועלט, און דערפאר האָט ער עס געפיהלט אלס זיין פליכט צו פערקינדען איהר וויט און ברייט. די גאנצע לעהרע זיינע האָט ער צוזאמענגעפאסט אין איין מאָטטאָ: „אלע צוזאמען, אנשטאָט איינער געגען אנדערען.“ די געשיכטע פון דער ציוויליזאציע, ווי ער האָט איהר פערשטאנען, איז דאָך נור די געשיכטע פון דער אלץ מעהר זיך אויסברייטענדער געמיינשאפטליכקייט און צו דערזעלבער צייט די געשיכטע פון דער בעזיעגטער ברוטאליטעט.

וויפיעל עס איז נאָך דאָ איצט ברוטאליטעט, וואָס איז נאָך ניט בעזיעגט, דאָס איז געווען דער שטאָף פון דעם לענגסטען קאפּיטעל אין זיין שריפט. און וואָס מוז מען טהאָן, אום דעם רעשטעל ברוטאליטעט צו בעזיעגען, וועגען דעם האָט גערעדט א צווייטער קאפּיטעל: דורך דעם טהאטען־מוטה פון די גוטע, און דורך דעם וואהרהייטס־מוטה פון די וויסענדע. אמת, אז גאנץ גוט איז נאָך קיינער ניט, און אלעס וויס נאָך קיינער

ניט, אָבער דאָס, וואָס די פּאָרטגעשריטענע האָבען שוין פון דעם גוטען, איידעלען און פערגונפט, דאָי מוזען זיי אויסניצען אין קאמפף געגען אלץ, וואָס איז ניט גוט, ניט איידעל, און מעג עס זיין אין די מעכטיגסטע קרייזען. זיי מוזען קעמפפען געגען אלץ, וואָס איז נאריש, און מעג עס זיך פערבעהאלטען הינטער די געלעהרטעסטע און הייליגסטע מאסקען.

אין זיין שריפט האָט ער בעקעמפפט דעם געדאנק, דאָס דער גאנג פון דער ציוויליזאציע ווערט נור בעשטימט פון עלעמענטארע און עקאָנאָמישע און טעכנישע פאקטאָרען. אידעען און טהאטען זיינען אויך מיטהעלפער פון דער קולטור. זיי זיינען, נאטירליך, ניט די איינציגע, זיי זיינען אָבער אויך די טרייב־קרעפטען. געוויס, ענטדעקונגען און ערפינדונגען ענדערען אום דאָס האנדלען אין דער וועלט. אָבער דאָס אויפטרעטען פון מעכטיגע כאראקטערע — סיי צום גוטען, סיי צום בייזען, איז ניט װעניגער בעשטימענד פאר די וויטערע ענטוויקלונג.

און מעהר פון אלץ: דער סך הכל פון דער איבערציינגונג, וועלכע איז דער רעזולטאט פון דעם סך הכל פון קענטניסע — דער רעגולירט עס די אינסטיטוציעס און די זיטטען פון דער מענשליכער געזעלשאפט; וועր עס האָט, אלזאָ, שוין געוואונען א קלאָרע איבערציינגונג — אויף מאנכע קומט זי, ווי א בליץ — דער זאָל איהר אָפען ארויסטראָגען אין די וועלט, כדי דער סך הכל זאָל אלץ גרעסער ווערען. רודאָלף'ס קלאָרע איבערציינגונג איז געווען די: דער עלענד אין זיינע פערשיעדענע פאָרמען — קען אויסגעראָטעט ווערען פון דער וועלט, און דערפאר מוז ער אויסגעראָטעט ווערען. די דערגרייכונג פון גליק פאר יעדען (אזוי ערקלערען דאָך אלע רעליגיאָנען) איז די פליכט פון יעדען. אָבער ווי? מיט וועלכען כח און פון וועלכע געבאָטען און אויף דעם גרונד פון וועלכען גלויבען? דאָס האָט — ווען עס האנדעלט זיך וועגען אירדישען גליק — די געזעלשאפטס־וויסענשאפט צו ערפאָרשען און צו לערנען. מאנכע פון דיעזע געבאָטען זיינען שוין פון לאנג צוריק — אויך פון די אלטע רע־

ליגיאָנס־בויער — אויסגעפונען געוואָרען. צום ביישפּיעל, דער גאָלדענער כּלל: „וואָס דו ווילסט ניט, אז מען זאָל דיר טהאָן, דאָס טהו אויך ניט אַנדערע“; „דו זאָלסט ניט מאָרדען, ניט גנב׳ענען, ניט געבען קיין פאַלשע עדות“. וואָס עס איז די נייע פליכט, איז זעהן אָט דיעזע געבאָטען אָנצואווענדען אויף דעם פּאָליטישען און אינטערנאַציאָנאַלען לעבען, ווי פאַר דאָס לעבען־פיהרונג פון דעם איינצעלנעם. אין וועלכע דאָגמען? די וויכטיגסטע דאָגמען פון אינטערנאַציאָנאַלען גלויבען איז די עוואָלוציאָן. ווען מען גלויבט, ניין, ווען מען ווייס (די וויסענשאַפט מיט איהרע ענטדעקונגען בעשאַפט וויסען, ניט גלויבען), אַז די וועלט און אַלעס אין איהר ענטוויקעלט זיך — ניט אַכטענדיג אויף די דעגענעראַציאָן, פערקריפּלונג און פערניכטונג פון איינצעלנע אָרגאַניזמען — צו אַלץ העכערע, פיינערע און פערשיעדענאַרטיגערע פאָרמען, וועט מען אויפגעבען די אייביגע שטערונגען און בעקעמפּפונגען געגען אַלץ, וואָס איז ניי, און וואָס, אַנשטאָט עס זאָל ווערען צו אַ קוואַל פון פרייד און גליק, ווערט צו אַ קוואַל פון פּיין און עלענד, פון אונטערדריקונג און פערפאָלגונג. צו דערקענען די ענטוויקלונגס־געזעצע, און נאָך זיי רעגולירען די געזעלשאַפטס־אָרדנונג און דאָס זיטליכע לעבען — דאָס איז דער וועג צו דער נייער מענשהייט.

רודאָלף, פאַר די לעצטע צייט וואָס ער איז געוועזן אויף רייזען, האָט געשריעבען טעגליך צו זיין מוטער, דערצעהלענדיג אין זיינע בריעף פון אַלע זיינע אַרבייטען און פּלענער. די ידיעה, דאָס ער וויל זיך ענטזאָגען פון דעם דאָצקי־פערמעגען, האָט איהר צוגעשט אַ ביסעל צוטומעלט. וועלכע מוטער וועט אַזוי לייכט עס נעהמען, דאָס איהר איינציגער זוהן וויל אויפגעבען דעם גלאַנץ און רייכטהום, וואָס איז אין זיין בעזיץ? מאַרטאַ האָט אין דער שטיל געהאָפט, דאָס רודאָלף, נאָך דעם פערלויף פון אַ געוויסער צייט, וועט בעזיעגען זיין פערלוסט, וואָס ער האָט געליטען דורך דעם טוידט פון זיין פרוי און קינד, און וועט

וויעדער הייראטהען, און פיעלייכט מיט א פרוי, וואס וועט גייסטיג זיין מעהר זיין גלייכען, ווי דאס איז געווען בעאטריסע... זיין ענטשלוס אבער האט פאר איהר קלאר געמאכט, דאס ער דענקט ניט מעהר צו גרינדען פאר זיך א נייע היים, נור דאס ער וויל זיך פריימאכען פון אלע קייטען, אויך פון די פאמיליען־קייטען, אום אין גאנצען אבצוגעבען זיך צו זיין לעבענס־אויפגאבע.

די גרויסקייט פון דיזער אפפער־טהאט האט איהר ערפילט מיט שטאלצער בעוואונדערונג: דאס איז געווען איהר רודאלף, וועלכער וויל אזוי גרויס האנדלען אין דיענסט פאר דאס, צו וואס איהר פרידריך האט געשטרעבט, און וואס זיין ביישפיעל און זיין אנדענקען האט פארפלאנצט אין דעם קינד'ס נשמה.

און שוין, איידער רודאלף איז נאך צוריקגעקומען, האט זי פערלאזען ברונהאף, אום צו פערנעהמען איהר שטענדיגע וואוינונג אין דער מאיאנטעק, וואס זי האט גע'ירש'ענט פון איהר פאטער אין גרומיץ. אהין האט זי איבערגעפיהרט אלע איהרע טהייערע אנדענקענס אן איהר טוידטען — בילדער, ביכער, מעבעל, מיט וועלכע זי האט זיך שטענדיג ארומגערינגעלט.

אין א געוויסען זין איז עס געווען איהר זאגאר אנגענעהם צו פערלאזען ברונהאף. דער פלאץ האט איהר צו שטארק דערמאנט אן דעם צער, וואס זי האט נור־וואס דורכגעלעבט, אן דעם טוידט פון דער ארימער יונגער בעאטריסע און פון איהר ליעבען קליינעם אייניקעל. זי האט איהר אייניקעל אמתצערטליך געליעבט. זי האט אויף איהם אזוי פיעל האפנונגען געלייגט. ער, וועלכער וועט זיין יונג אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט און וועט לעבען אין פולער קראפט אין נייע, בעסערע צייטען — ער, דער יורש פון פרידריך'ס און רודאלף'ס אידעען, ער וועט שוין געוויס זעהען דעם זיעג. ער וועט געוויס פולענדיגען דאס, וואס זיין פאטער האט אנגעהויבען. און מיט א מאל זיינען אלע די טרוימען און האפנונגען צורונען... יעדער פלאץ אין גארטען, וואו דער אינגעל האט זיך געשפיעלט; יע־

דעם צימער אין הויז, וואו זיין שטימעלע האט זיך געהערט, און דאס גאנצע ברונהאף, וועמעס בעזיצער ער וואלט א מאל געווא־רען, איז פאר איהר געווען פול מיט שמערצליכע עררינערונגען, און זי האט איהם איצט גאנץ גערן פערלאזען.

גראף מאקס דאצקי, רודאלף'ס פעטער און איצט דער נעכסטער יורש פון דעם דאצקי־פערמעגען, האט געדיענט אין דעם האנדעלס־מיניסטעריום. ניט האבענדיג קיין פערמעגען, האט ער געלעבט פון זיין געהאלט, און נור מיט שווירעגקייטען האט זיך עס איהם איינגעגעבען צו בלייבען פריי פון חובות. זיינע פליכטען, אלס בעאמטער, האט ער אויסגעפיהרט מיט דער העכסטער געוויסענהאפטיגקייט, ווייל ער האט שטארק גע־וואלט וואס גרעסערע פארטשריטע צו מאכען אין זיין קאריע־רע, כדי אין איינינע יאהר צו דערגרייכען אזא טשין און אזא געהאלט, וואס זאל מעגליך מאכען איהם צו הייראטהען דאס מיידעל, וואס ער האט שוין יאהרען־לאנג געליעבט. דאס מיי־דעל, עלסבעטה פאן רעלס, א טאכטער פון באראן פון רעלס, איז געווען ענטשלאסען, אז מעג עס דויערען נאך צעהן יאהר, צו ווארטען אויף דעם, ביז איהר מאקס וועט זיך דערדיענען צום הויכען ראנג פון א האפראט און צו א געהאלט, וואס זאל איהם געבען די מעגליכקייט צו גרינדען פאר זיך אן אייגענע היים. אונטער די איצטיגע אומשטענדען האט זי ניט געקאנט האפען, אז איהר פאטער זאל איינוויליגען צו דעם שידוך, און די יונגע פאר האט אליין איינגעזעהען, ווי אונפערנינפטיג זיי וואלטען געהאנדעלט, ווען זיי הייראטהען אונטער די איצטיגע אומ־שטענדען.

אט צו דעם פעטער זיינעם האט רודאלף געמאכט דעם ערשטען בעזוך נאך זיין צוריקקעהרען אין וויען. ער איז גע־קומען צו איהם אין זיין ביורא. די ביידע יונגע מענער האבען זיך גאנץ ווייניג געקאנט. העכסטענס האבען זיי זיך צוזאמענ־געטראפען א האלבען דוצען מאל אין זייער לעבען. דערפאר איז מאקס געווען גאנץ ערשטוינט, ווען דער דיענער האט

איהם געמאָלדען דעם בעזוך פון זיין פּלעמעניק, דעם בעזיצער פון דעם גרויסען דאַצקי־פערמעגען.

מאַקס איז געוועזען אַליין אין זיין ביורא. ער האָט נור־וואָס געפיהלט זיך זעהר מיעד, דורכגעהענדיג אַ לאַנגען און לאַנג־ווייליגען פּאַק פערשיעדענע אַקטען. דאָס יאָהר האָט ער זיך ענטזאַגט פון זיין זומער־וואַקיישען און די היץ פון דער שטאָדט־לופט האָט איהם שטאַרק געפּייניגט. זעהר שווער איז געגאַנ־גען ביי איהם די ארבייט, און קערפּערליך און גייסטיג האָט ער זיך געפיהלט זעהר שלעכט.

ער האָט געמאַכט אייניגע טריט זיין אריינקומענדען פּע־טער אנטקעגען.

— וואָס פערשאַפּט מיר אַזאַ עהרע, אַז דו זאָלסט צו מיר קומען? — האָט ער געפרעגט, דערלאַנגענדיג רודאָלף'ן די האַנד.

אין דעמזעלבען עלטער, ווי רודאָלף, האָט ער אָבער אויסגע־זעהען פיעל עלטער. אייניגע ווייסע האָר האָבען זיך שוין גע־זעהען אין דעם בלאָנדען שפּיצבאָרד און ארום די שלייפען. דער פּנים זיינער, כאָטש אויגענבליקליך ניט גוט געשטימט, האָט אָבגעשפּיגעלט גרויסע גוטמוטהיגקייט. אין אַלגעמיין אַ זעהר סימפּאַטישער יונגער מאַן.

— אַ וויכטיגע אנגעלעגענהייט, מיין ליעבער — האָט רו־דאָלף געענטפערט.

— גוט, גוט, איך שטעה דיר צו דיענען. זעץ זיך.

ער אַליין האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט פאַר זיין שרייב־טיש, און האָט אוועקגערוקט די פערשיעדענע פּאַפּירען אָן אַ זייט.

— איך וועל דיך אויסהערען מיט דער העכסטער אויפ־מערקזאַמקייט.

דורך דעם, וואָס רודאָלף האָט פערלאָרען זיין זוהן, איז מאַקס דאַצקי געוואָרען דער נעכסטער יורש פון דעם דאַצקי־פערמעגען... אָבער דער פאַקט איז פאַר מאַקס'ען געוועזען פון אַ זעהר קליינעם ווערטה, ווייל, ערשטענס, איז רודאָלף דאָך גע־

ווען אזוי אלט ווי ער; צוויטענס, איז עס דאָך געווען צו וואהר־שיינליך, אז רודאָלף זאָל נאָך א מאָל הייראטהען, און זיין נאָך א טאטע פון פיעלע זיהן. יעדענפאלס איז עס א זעהר שלעכטע אינסטיטוציע אָט דאָס געצוואונגענע ירושה־רעכט, ווייל ניט אימער קאָן דער נעכסטער יורש וועהרען זיך געגען דעם גע־דאנק, ביי דעם אָנבליק פון דעם בעזיצער: אַך, ווען דו וואָלסט פלוצלונג געשטאָרבען, וואָלט איך דאָך געוואָרען א רייכער מאַן... ניין, ווענען דאָס האָט טאקי דאָצקי ניט געטראכט איצט. אָבער דאָך א שטילער געפיהל פון קנאה האָט זיך דאָך פערגנב'עט אין זיין הארץ.

רודאָלף האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל אָן א זייט פון שרייב־טיש, און א זאָנדערבאַרער שמייכעל האָט געשפּיעלט ארום זיינע ליפּען.

— איך וויל מיט דיר רעדען פון מיין מאיאָנטעק, דער ירושה — האָט ער אָנגעפאנגען, אזוי ווי ער וואָלט געטראָפען דעם פעטער'ס געדאנקען.

— אזוי? ווענען וואָס אייגענטליך? מאקס האָט געמיינט, אז דאָ האנדעלט זיך ווענען עפּעס א געשעפט אין פערבינדונג מיט ברונהאָף, צוליעב וואָס עס איז נויטיג אויך די איינווילי־גונג פון דעם נעכסטען יורש.

— דו ווייסט, וואָס די ירושה איז: ברונהאָף אין נידער־עסטרייך; ראגיקראהל, דעם מאיאָנטעק אין אונגאַרן; דער פּאַ־לאַץ אין דער וואלוין שטראסע, די פערשיעדענע זאמלונגען און די פאמיליען־ציערונג — קורץ, דאָס גאנצע האָט א ווערטה — דו ווייסט עס דאָך מסתמא.

— יא, און דערצו האָסטו נאָך א היבשען פּריוואט־פערמע־גען, און דאַן וועסטו נאָך ווערען דער יורש פון דיין מוטער. יא, וואָס אנבעטריפט פינאנסען, שטעהסטו ניט שלעכט.

— ריכטיג. און דו?

— איך? איך האָב מיין געהאלט, און אלס ירושה פון מיין פאָטער א פאָר טויזענד גולדען — חובות, וועלכע איך האָב מיך פערפליכטעט ביסלעבוייז איסצוצאָהלען.

— דאָס איז שעהן פון דיר, ווי שטעהט עס מיט דיין אבזיכט צו הייראַטהען?

— אויף דעם וועלען מיר נאָך מוזען ווארטען אַ יאָהר צעהן.

— דאָס איז אַ ביסעל לאַנג. פריילין רעלס, וועלכע קען שוין איצט זיין אכט און צוואַנציג יאָהר, וועט ביז צו יענער צייט זיין אַ ביסעל פערבליהט.

— מיין ליעבער רודאָלף, דו ביסט נאָך קיינמאָל ניט געקו־מען צו מיר מיט אַ בעזוך... און ווען דו טהוסט עס, אום מיר צו שיטען זאַלץ אויף די וואונדען, אום צו בעריהמען זיך פאר מיר מיט דיין רייכטהום, אום צו פערשפּאָטען מיך, ווי אָרעם איך בין, איז עס דאָך —

— ענטשולדיג, בעריהמעריי און אָבשפּאָטען דאָס זיינען ניט מיינע מאָטיווען. אָבער דעם קאָנטראַסט מאַך איך אבזיכט־ליך גאַנץ קלאָר — עס מאַכט מיר פערגעניגען...

— מיין שעהנסטען דאַנק — האָט מאַקס געמורמעלט.

— און וועט דיר נאָך אַ גרעסערען פערגעניגען פערשאַפען. הער מיך אויס, איך וויל דיר עטוואַס מערקווירדיגעס זאָגען...

ער איז שטיל געבליבען. אויף דעם אויגענבליק, וואָס דאַרף איצט קומען, האָט ער זיך שוין לאַנג געפרעהט.

— אַלזאָ, וואָס ווילסטו?

— איך וויל אויפגעבען דאָס רעכט, אַלס יורש, און דו זאָלסט פערנעהמען מיין פּלאַץ.

מאַקס דאַצקי איז אויפגעשפּרונגען, און זיך געכאַפּט פאר'ן קאָפּ מיט ביידע הענד.

— בין איך משוגע, אָדער דו ביזט עס?

— איך בעט דיך, זעץ זיך ווידער אוועק. איך בין ביי מיין פולען פערשטאַנד, און רייד מיט דיר גאַנץ ערנסט. און די לאַ־גע פערשאַפט מיר דעם גרעסטען פערגעניגען... איך וויים, אז איך מאַך דיך דערמיט גליקליך אָהן אַ ברעג, נור דאָס איז אויך ניט דער מאָטיוו פון מיין טהאָט.... דאָס ליגט טיעפער. איך טהו עס ניט צוליעב דיר, נור צוליעב מיר אליין, נור פונדעסט־וועגען טהוט מיר גרויס הנאה אויף דיין גליק. עס איז דאָך אזא

זעלטענער און גרויסארטיגער אנבליק פון א מענשען אין משוגע־נער פרייד — דיין ערשטע אידעע איז דאָך געווען, אז דו ביזט משוגע געוואָרען, און דאָפּעלט אנגענעהם איז דער אנבליק, ווען מען איז אליין דער פּערזאָנלאַכער פון דעם... צו דיין חתונה לאָד איך מיך שוין איין, אלס עדות — נאַטירליך, וועסטו נאָך אין דעם יאָהר חתונה האָבען, און ציהסט גלייך אריין אין ברונהאָף. דו ביסט אָבער אין גאַנצען פערשטיינערט און רעדסט גאָרניט.

מאַקס איז ווירקליך געזעסען אויף זיין שטוהל, ווי פער־שטיינערט.

— און וואָס אויך מיך בעפרידיגט — האָט רודאָלף ווייטער גערעדט — איז דער בעוואוסטזיין, דאָס דו ביזט א בראַווער, אַן עהרליכער מאַן, און אז דו וועסט אָנטהאָן כבוד דעם הויז דאַצקי, אלס זיין אויבער־הויפּט. ווען דו און עלסבעטה רעלס וועלען רע־גיערען אין ברונהאָף, וועל איך וויסען, אז מיין אמאָליגער בע־זיץ איז אריין אין גוטע הענד.

מאַקס האָט זיך געפיהלט, ווי איינער, וואָס קריגט א קלאַפּ אין קאָפּ. די געדאַנקען האָבען זיך שטורמדיג געדרעהט אין זיין קאָפּ, און וויפיעל ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט בעגרייפען דאָס, וואָס ער האָט געהערט. דאָס אלעס, וואָס ער האָט געהערט, ווען דאָס איז אמת נור, האָט דאָך געדאַרפט איהם גליקליך מאַכען, דאָס האָט ער געוואוסט, אָבער דער געפיהל פון גליק האָט ניט געקאָנט בייקומען דעם געפיהל פון שטוינען, וואָס איז געווען צונויפגעמישט מיט דעם געפיהל פון צווייפעל.

ענדליך האָט ער געפונען ווערטער.

— רודי, דו וואונדער־מענש, רייס מיך ארויס פון דעם טרוים, שוואָר מיר, דאָס עס איז די ווירקליכקייט, אָדער זיי זיך מודה, אז עס איז בלויז א שפּאַס, א פערצווייפעלט־שלעכטער־שפּאַס.

— דו האָסט רעכט, אזא וויץ וואָלט געווען געמיין. עס איז אָבער קיין וויץ ניט. עס איז דער פולער אמת. דאָ האָסטו

מיין האנד. נאָך איינִיגע פאָרמאַליטעטען און דו ביזט דער הערר פון דעם דאַצקישען פערמעגען.

— מיין גאָט, מיין גאָט — האָט מאַקס דאַצקי געהאַלטען אין איין אויסשרייען. דאַן האָט ער פערגראָבען זיין פנים אין ביידע הענד, און שטאַרק געאָטהעמט. רודאָלף האָט איהם בע־טראַכט שווייגענדיג און געשעפּט פערגעניגען פון דעם׳ ווי זיין פעטער איז אזוי גערירהט. אזוי זעהט אויס א מענש, וואָס ווערט איבערוועלטיגט פון פרייד, פון גליק! פאַר דעם ברענגער פון דעם גליק איז עס געווען א גענוסרייכער אַנבליק. עס האָט ביי איהם ארויסגערופען — ווי אלעס, וואָס א׳ ז גרויס, פול, אי־בערגעוועהנליך — אן עסטהעטישע ענטציקונג.

אכטצענטער קאפיטעל.

אלע נויטיגע געריכטליכע און געשעפטליכע פאפירען פאר
די איבערגעבונג פון דעם בעזיץ פון רודאלף דאצקי צו מאקס
דאצקי זיינען שוין אויסגעמאכט געווארען, און געזעצליך איז
שוין דער בעזיצער פון דעם גרויסען דאצקי־פערמעגען געוועזן
מאקס דאצקי. נור כדי איהם איבערצוגעבען דעם פערמעגען
אזוי שעהן און פייערליך, ווי מעגליך, האט רודאלף פעראנ־
שטאלט א קליינעם פעסט, אויף וועלכען צום לעצטען מאל זא־
לען זיין פערזאמעלט זיין פאמיליע, זיינע פריינד אין דעם אל־
טען ברונהאף־שלאס.

דער טיש איז געווען געדעקט אין גרויסען שפייז־זאל. דער
שפעט־הערבסטיגער טאג האט מיט זיך געבראכט א גאנץ שטאר־
קע קעלט און אין דעם גרויסען קאמין האבען געפלאקערט און
געקנאקט גאנצע שטאמען פיכטענהאלץ. פון דעם קרוינלייכטער
האט זיך געגאסען דאס ליכט פון אכט און פערציג וואקסענע
ליכט און נאך זעקס זילבערנע לייכטער, וועלכע זיינען געשטא־
נען אויפ'ן טיש, צווישען די געסט, און פיעלע לאמפען האבען
געמאכט די בעלייכטונג גרויס און פאלשטענדיג. טהייערע אלטע
בילדער אויף די ווענט, קונסטפאל געשניצטע מעבעל פון איי־
כענהאלץ, דער טיש־דיענסט, אויסגעפיהרט פון א הויז־האפ־
מייסטער אין א שווארצען פראק און ווייסען האלז־טוך, און פיע־
לע לאקייען אנגעטהאן אין זייערע יום־טוב'דיגע ליווריען, אין
שיך און זאקען. אויף די שפייז־קארטען איז געוועזן אויסגע־
מאלט, אויף די פארצעלאי־טעלער איז געווען אויסגעברענט, אין
די גלעזער איז געווען אויסגעגראווירט, אין די קארפעטס איינ־
געוועבט דער דאצקישער שילד (אין א געשפאלטענעם פעלד
חריי קרום־געצויגענע לינקע בלויע שטערן און הינטען א צוגע־

קעהרטער זילבערנער שליסעל. אויפ'ן געקרוינטען העלם מיט א רויט־זילבערנער דעקע פון רעכטס און מיט א בלוי־גאָלדענער דעקע פון לינקס האָבען זיך געצויגען צוויי זילבערנע שליסעל) — קורץ, עס איז דאָ געוויזען געוואָרען די גאַנצע פּראַכט, רייכטהום און גאווה, וואָס פלעגט הערשען אין די שלעסער פון די רייכע אלטע אריסטאָקראַטישע פאַמיליען.

מעהר ווי פערציג פּערזאָנען אין אבענד־אנצוג זיינען געזעסען ארום טיש. מאַרטא האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער הויזפרוי און רודאָלף פון דעם בעל הבית. צו דער רעכטער האַנד פון באַראָנעססע טיללינג איז געזעסען מאַקס דאַצקי, און צו דער רעכטער האַנד פון רודאָלף איז געזעסען פריילין עלסבעט רעלם. דעם גענעראַל רעלם האָט מאַרטא אוועקגעזעצט לינקס פון איהר, און זיין צווייטע שכנ'טע איז געווען סילוויא דעלניצקי. די פאַמיליע ראַנעג, מיט דער אויסנאַהמע פון דער נור־וואָס פערהייראַטהער טאָכטער, וועלכע איז געווען מיט איהר מאַן, דעם אמבאַסאַדאָר, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז געווען פול פערזאַמעלט ארום טיש. פון די אלטע פריינד פון דער פאַמיליע זיינען געווען: מיניסטער וועגעמאַן, גראַף קאַלנאָס, פּאָלקאָווניק שראופער, דער אלטער ברעסער און פאָטער פּראָטוס.

דער מאָהלצייט, אין אכט געריכטען, איז געווען צו ענדע, מען האָט נור געקייט פערשיעדענע זיסקייטען און פרוכטען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן טיש. אויף א צייכען פון דעם הויזהערר האָבען די דיענער נאָך א מאָל אָנגעפילט די שאַמפּאַניען־בעכער, און דאַן האָבען זיי אלע פערלאָזען דעם זאַל. רודאָלף האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן מעסער אין זיין גלאָז, און מיט איינמאָל האָבען אויפגעהערט די אלע אויפ'ן־קול געפיהרטע געשפּרעכען.

ניט אויפשטעלענדיג זיך, אָבער מיט א שטימע, וועלכע אלע האָבען געקאָנט הערען, האָט רודאָלף אָנגעהויבען צו רעדען:

„מיינע ליעבע פריינד און געסט. איהר ווייסט, דאָס אונזער היינטיגער צוזאַמענזיין האָט א גאַנץ ספּעציעלע אורזאַכע, א גאַנץ אונגעוועהליכע. מאַנכע דאָ ווייסען גאַנץ גענוי, וועגען

וואס דא האנדעלט זיך, פאר די אנדערע וועט עס זיין אן איבער־
ראשונג.

„איידער אבער איך וועל דאס אייך לאזען וויסען, וואלט
איך געוואלט ווארפען א קורצען ריקבליק אין די פערגאנגענ־
גענהייט, אפשר וועט זיך דארט געפינען א טהיילווייזע ערקלע־
רונג פאר דאס, וואס איהר וועט באלד הערען. איך דערמאן
זיך און פיעלע צווישען אייך וועלען זיך דערמאנען אן א פעסט־
מאל, צוליעב וועלכען מיר האבען זיך פערזאמעלט ארום דעמ־
זעלבען טיש צו דער טויפונג פון מיין קליינעם פריץ...“

רודאלף איז געבליבען שטיל פאר א ווייל, שטארק גע־
ריהרט. און אויך צווישען זיינע צוהערער איז פארגעקומען א
שטארקע בעוועגונג, א שטילער מורמלען פון רחמנות און סימ־
פאטהיע.

רודאלף האט טיעף אויפגעאטהעמט און האט פארטגע־
זעצט:

„דאן האבען מיר אלע געטרונקען א טאסט: „עס לעבע די
צוקונפט!“ די צוקונפט אבער, וועלכע מיין זוהן האט עס גע־
זאלט פערקערפערען, זי איז אין קבר געזונקען. דאס איז געווען
א גרויסער שמערץ, אזא גרויסער, דאס מיין בעאטריסע האט
איהם ניט געקאנט איבערלעבען... מיין גאנצע היים איז איינגע־
פאלען.“ דער מיטלניידס־מורמעל האט זיך ווידער געהערט.
איינינע פון די פרויען האבען צוגעלייגט זייערע טאשענטיכער
צו די אויגען. „דאן ווען איך האב צוגעטרונקען צו דער צו־
קונפט, האב איך ניט געהאט אין זינען די צוקונפט פון מיין
הויז, נור די צוקונפט פון דעם גאנצען מענשענגעשלעכט, ביי
וועלכער מיר אלע, צי מיר ווייסען עס, צי ניט, ארבייטען מיט,
און ביי וועלכער איך וויל מיטארבייטען גאנץ בעוואוסט און
מיט א בעשטימטער אבזיכט, און צוליעב דעם וויל איך זיין
גאנץ פריי, פון קיין זאך ניט געבונדען. און גאנץ אהן וועיטערע
ערקלערונגען, איך האב אויפגעגעבען דאס גאנצע דאצקישע פער־
מעגען, און איבערגעגעבען עס מיט אלע נויטיגע רעכטע צו מיין
פעטער מאקסימיליאן דאצקי.“

דאָס מאָל איז דאָס מורמלען געווען אַ גאַנץ הויכער, פול מיט שטוינען, איז אָבער גלייך ווידער שטיל געוואָרען, ווען רו־דאָלף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, גענומען זיין גלאָז אין האַנד און האָט ווייטער גערעדט:

„איך בעט אייך אַלזאָ אין גראַף מאַקסימיליאַן אָסקאַר דאָצ־קי פאָן דאַנאַשיץ צו זעהן דעם הערר פון ברונהאָף און גאַנקיראַל, און אויף זיין געזונד, ווי אויך אויף די געזונד פון זיין כלה, פריי־לין עלסבעט פאָן רעלס, צו טרינקען צוזאַמען מיט מיר.“

אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט. מען האָט צוגעוואונשען צו די נייע הערען פון ברונהאָף, און מען האָט זיי געוואונשען גליק. דערביי אָבער האָבען זיך די גראַטולירענדע מינען אומגע־ענדערט אין האַלב־סימפּאַטיזירענדע.

רודאָלף איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און האָט ווידער אַ מאָל געגעבען אַ צייכען, דאָס ער וויל נאָך רעדען. דאַן האָבען זיך אויך די אַנ־דערע אוועקגעזעצט און ווידער זיינען אַלע שטיל געוואָרען.

„איך וויל ניט מעהר קיין טאָסטען האַלטען, מיינע פריינד, אָבער זאָגען וויל איך אייך, וואָס דאָס מיינט מיין אויפגעבען פון דעם פערמעגען. איך וויל אייך ערקלערען דעם צוועק דערפון. האָט נור עטוואָס געדולד מיט מיר. צו האַלטען רעדען דאָס גע־הערט צו מיין צוקונפט־פּראָגראַם, און דער זאָל זיין מיין ערש־טער פּאַרטראַג.

„פערשטעהט זיך, ווען איך וועל אַ מאָל אַרויסטרעטען אויף די פּלאַטפאָרמע און רעדען פאַר דעם פערזאַמעלטען פאָלק, וועל איך ניט רעדען וועגען דעם, פון וואָס איך וועל פאַר אייך רע־דען. איך וועל פאַר זיי ניט ערקלערען, וואָרום איך בין געוואָ־רען אַ „פעררעטהער“. אָבער אייך, פריינד, קרובים און שטאַנד־גענאָסען, גלויב איך, בין איך שולדיג צו געבען אַן ערקלערונג...

„דער מענש איז משוגע“ — דאָס וועט מסתמא זיין דער אורטהייל פון אַ טהייל פון די, וועלכע זיינען איצט דאָ און פון די מייסטע, וואָס זיינען ניטאָ דאָ, וועלכע געהערען אָבער צו אונזער געזעלשאַפט־צירקעל — דאָס ווייס איך. נון איז ווענינ־

סטענס ווייל איך דאַ זאָגען, אין וואָס אייגענטליך בע־שטעהט די מעטהאָדע פון מיין משוגעת.

נאָך אַ קורצען נאָכדענקען האָט ער פאָרטגעזעצט:

„עס זיינען דאָ צוויי קרעפטען, וועלכע בעשטימען און בע־וועגען דעם גאַנג פון דער מענשליכער קולטור: די פּאָרוועררטס־טרייבענדע און די שטערענדע קראַפט. דער דראַנג צום פאָרטשריט און דער טריעב, אז אַלעס זאָל בלייבען, ווי עס איז. אין דער פּאָליטיק האָבען די ביידע קרעפטען אָנגענומען די נע־מען: ליבעראַליזם און קאָנסערוואַטיזם. אָבער דערמיט איז בעצייכענט בלויז אַ גאַנץ ענגער קרייז, אין וועלכע דיזע קרעפ־טען ווירקען, אָבער וועמעס שפּיעל כאַפּט ארום די גאַנצע וועלט — נאַטור און גייסט — די קרעפטען האָבען פון אָנפאַנג אָן פאָרמירט די וועלט, און וועלען איהר אויך אין דער צוקונפט פאָרמירען.

„אזוי שטאַרק און אזוי בעוואוסט, ווי אין אונזער איצטיגער צייט זיינען — אזוי דוכט זיך מיר — די דאָזיגע געגענגעזעצ־טע קרעפטען קיינמאָל ניט ארויסגעטראָטען, און דאן הייסט עס שטעלען זיך אויף דער זייט פון דער אָדער יענער קראַפט. נאַטירליך, קען מען אויך בלייבען שטעהן אָן אַ זייט און זיך ניט קימערען וועגען דעם, וואָס קומט פאָר, און נור טראַכטען און זאָרגען וועגען די אייגענע קליינע אינטערעסען — און דאָס טהוען גאָר פיעלע. אָבער די פיעלע, ניט וויסענדיג עס אַליין, העלפען דאָך איינער פון די קעמפּפענדע קרעפטען".

דורך דעם אינסטינקט, וואָס נאַרט קיינמאָל ניט, וועלכער ברענגט צום בעוואוסטזיין פון דעם רעדנער דאָס, וואָס זיינע צוהערער פיהלען, איז רודאָלף געוואָהר געוואָרען, דאָס איבער די טיש־געזעלשאַפט בלאָזט אַ שטילער ווינטעל פון לאַנגווייליג־קייט און פון אַ ניט־פערשטעהן, וואָס ער רעדט צו זיי. דאָס עס זיינען אָבער געווען אייניגע, און צווישען זיי זיין מוטער, וועל־כע האָבען איהם זעהר גוט פערשטאַנען, און נאָכגעפאָלט זיין רעדע מיט דער גרעסטער געשפּאַנטקייט, דאָס האָט ער אויך גע־וואוסט, און פאַר די האָט ער ווייטער גערעדט:

„איך בין ניט געשטאַנען אָן א זייט. איך האָב זיך צוגע־הערט צו דעם קאַמפּף־ליארעם, און בין פערכאַפּט געוואָרען פון דעם דראנג מיטצוקעמפּפען. מיין שטאַנד, מיין שטעלונג, מיינע אינטערעסען האָבען עס געפאָדערט, אז איך זאָל זיך שטעלען אויף די זייט פון די, וועלכע פערטהיידיגען דאָס עקזיסטירענדע. דאָך דאָס קען איך ניט: מיין געפיהל, מיין איבערצייגונג און (קוקענדיג אויף זיין מוטער) די ירושה פון אן איבערגענומע־נער מיסיאָן טרייבען מיך אין דעם אנדערען לאַגער. אום אלזאָ צו זיין פריי און עהרליך, בלייבט מיר ניט קיין אנדער זאך צו טהאָן, ווי אויפגעבען מיין שטעלונג און מיינע אינטערעסען, און דאָס האָב איך געטהאָן. צו די זאכען פון דער אַלטער אָרד־נונג, וועלכע איך בעקעמפּף, געהערט, צום ביישפּיעל, אויך די אינסטיטוציע פון ירושה. עס איז דארום געוועזן א נויטיגער שריט פון מיין זייט, דאָס איך זאָל זיך ענטזאגען פון דער ירושה, און דאָס האָב איך געטהאָן.“

— בראַוואָ! — האָט מאַקס אויסגעשריען, און גענעראל פאָן רעלס האָט איהם אין דעם אונטערשטיצט. ווענינסטענס דער דאָ־זיגער שטריך פון רודאָלף'ס משוגעת איז געוועזן דעם איצטיגען בעל הבית פון ברונהאָף שטארק צום הארצען. אויך עלסבעט וואָלט גערן איינגעשטימט אין דעם „בראַוואָ“, נור זי איז געוועזן צו שרעקעדיג דערצו. זי איז אָבער געשוואומען אין טרוימערי־שער גליק־שטימונג. איז עס דאָך אַלעם געוועזן ווי א חלום, וואָס איז אזוי פּלוצלינג געקומען צו איהר: דער געליעבטער, דער וואונדערבארער פערמעגען, דער גרויסער לוקסוס. זי וואָלט געקאָנט פאַלען אויף די קניע פאר רודאָלף'ען אום צו דאנקען איהם. א נאַר? דאָס איז צופיעל געזאָגט — א טרוימער, אן איידעלער פאנטאזיאָר, און א דאנק גאָט, דאָס ער איז ניט קליגער!...

„אייער בראַוואָ, עקסעללענץ“, האָט זיך רודאָלף געווענ־דעט צו גענעראל רעלס, „ווערט איהר אפשר באַלד מוזען צוריק־ציהען, ווען איך וועל אייך זאָגען, אז צו די זאכען, וועלכע איך האַלט פאר נויטיג צו בעקעמפּפען, געהערט אויך דער מיליטאַ־ריזם. און דער פערנעהמט ביי מיר דוקא דעם סאַמע אויבען־

אָן. און ניט נור בעקעמפפּ איך, ווי דאָס טהוען אונזערע בלאַ־
סע ליבעראַלען, דאָס שלעכטע און דאָס איבערטריבענע אין דעם
מיליטאַריזם, נור דעם מיליטאַריזם איבערהויפּט. איך בעקעמפּפ
אין גאַנצען דאָס טוידט־שלאָגען, אַלס אַ רעכטס־מיטעל. דאָס
וועל איך אין דער צוקונפט אויסשרייען אזוי שטאַרק, ווי איך
קען, גאַנץ אָפען אויך אַ גענעראַל אין פּנים אריין. נור דער איז
פריי, ווער עס זאָגט, וואָס ער דענקט. מיט דעם, וואָס איך האָב
זיך אָבגעזאָגט פון מיין פערמעגען, האָב איך מיר געקויפט אַ
שטיק פרייהייט, און בענוץ זיך מיט איהר!"

— בראַוואָ! — האָבען דאָס מאָל אויסגערופען קאָלנאָ
און ברעסער.

גענעראַל רעלס איז אויפגעשפּרונגען.

— ענטשולדיגט מיר — האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען מיט
אַן אויפגערעגטער שטימע.

אָבער די אנדערע האָבען איהם ניט געלאָזען אויסרעדען.
„ניט אונטערברעכען", האָבען אַלע געשריען, און דער גענעראַל
האָט זיך געמוזט אוועקזעצען.

— פערצייהט מיר, עקסעללענץ — האָט רודאָלף ווידער
אָנגעפאַנגען — איך האָב אייך ניט געוואָלט בעליידיגען. דאָס,
וואָס מען זאָגט געגען אַן אינסטיטוציע, ווערט עס ניט געזאָגט
פערזענליך געגען איהרע פערטרעטער. פערגעסט ניט, אז אַלץ,
דאָס אַלץ, וואָס איך קען פאַרברענגען אָדער ווירקען געגען קריעג,
קומט פון דעם גייסט פון אַ צוואה, וואָס איז מיר איבערגעלאָזען
געוואָרען פון איינעם, וואָס איז אַליין געווען אַ סאָלדאַט, פון
פרידריך טיללינג. דאָס, וואָס איך האָב געטהאָן, בעווייזט, ווי
ערנסט איך מיין עס מיט מיין אויפגאַבע, ווי ערנסט איך פאַס
אויף די קעמפּפע, אויף וועלכע איך ריכט זיך. אין דעם קאַמפּף
טאָר מען זיך ניט אָבשרעקען צו געבען אזוי פעסט און ענערגיש,
ווי איינער קען נור געבען דעם שונא. מיין וואַפע איז דאָך נור
דאָס גערעדטע און דאָס געשריבענע וואָרט און די וויל איך די־
רעקט און עהרליך געברויכען, דאָס הייסט אימער נור דאָס זאָ־
גען, וואָס איך האַלט פאַר אמת, און אָהן אירגענד וועלכע ריק־

זיכטען, און קיינעם שאַנעווענדיג. עס איז געוועהנליך נור אַן אויסרייד, ווען איינער האַלט זיך צוריק מיט זיין מיינונג, ווייל ער וויל די אַנדערע שאַנעווען. אין דער אמת'ען מיינט ער גאָר זיך צו שאַנעווען. מען וויל ניט דערצאָרענען די אַנדערע, ניט אום צו פערשפּאָרען זיי דעם צער, נור ווייל מען האָט מורא אַרויפצושלעפּען אויף זיך זייער צאָרן. דאָס איז, מיט איין וואָרט, פייגהייט. אַ פייגהייט, וואָס איך האָב אויף מיר זעלבסט געפיהלט, ווען איך האָב געוואָלט זיין אי אַ פערטהיידיגער פון פּאַרטשרים און אי אַ טאַקטפולער באַליבאָס, אַ קלוגער גוטס־בעזיצער און אַ ליעבענסווירדיגער פעטער. איצט וויל איך ניט זיין קיין אַנדער זאַך, ווי אַ מענש, וואָס אַרבייט מיט בעוואוסט־זיין און אָהן מורא אין דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענשהייט.

„אין אזא מיטאַרבייט, איהר מעגט עס מיר גלויבען, ליעגט אַן ערהאַבענער גענוס. פריהער פון אַלץ קומט דער בעוואוסטזיין פון אַן ערפילטער פליכט. ניט אַלע קענען קלאָר זעהען דיזע פליכט. אָבער די, וועלכע האָבען געכאַפּט אַ בליק אין דעם קאַמפּף פון דער צייט, און די, וועלכע זעהען די סטראַשענדע סכנות און די מעגליכקייט פאַר רעטונג, די קענען ניט אַנדערש, די מוזען צולייגען אַ האַנד. צו וועלען רעטען איז אַ נאַטירליכער אינסטינקט, אַן אינסטינקט, וואָס געהט צוזאַמען מיט דעם גע־זעלשאַפט־טריב.

„וואָס איך זעה, איז אָט וואָס:

„עס זיינען דאָ ביי דעם אַרבייטער צוויבערליכע קרעפטען, וועלכע פערענדערען אזוי די געזעלשאַפט, אַז די קולטור פון מאָרגען וועט זיין אין דעמזעלבען פערהעלטניס צו דער קולטור פון נעכטען, ווי דער שמעטערלינג צו דער פּראַסטער פליעג, פון וועלכער ער ענטוויקעלט זיך. די פּראָסטע פליעג האַלט ביין אַרויסברענגען דעם שמעטערלינג. די קולטור פון היינט איז די פּרעלודיע.

— בראַוואָ! — האָט אויסגעשריען איינער, וועלכער האָט געהאַלטען דאָס וואָרט פּרעלודיע פאַר זעהר פּאַטיש, און האָט דאָרום געמיינט, אַז דאָס דאַרף אַפּלאָדירט ווערען.

„די צויבערליכע כחות, פון וועלכע איך רעד — האָט רו־
דאָלף ווייטער גערעדט — הייסען טעכניק און וויסענשאַפט. אזוי
פיעל קענענדע און אזוי פיעל וויסענדע וועזענס, ווי די מענשען
האַלטען דאָס איצט אין ווערען, מוזען אויך ווערען פערנינפטיגע
וועזענס, און מוזען אויך אָנהויבען פערנינפטיג צו לעבען. דאָס
איז דער מוז פון דעם צופּאסונגס־געזעץ. אַז אונזער לעבענס־
פיהרונג און אונזערע אינסטיטוציאָנען, וואָס שטאַמען פון אונ־
וויסענדע צייטען, זיינען פערנינפטיג, דאָס וועט דאָך קיינער ניט
בעהויפּטען. לאָמיר אָנווייזען אויף דאָס נאַרישסטע: ניין צעהנ־
טעל פון אלע אונזערע מיטלען צו פערוועגדען, אום איינע די אנ־
דערע צו ערמאָרדען.... איינטהיילען די היימאטה־ערד אין רויב־
שטיקער, וועגען וועלכע מען רייסט זיך און בייסט זיך, אָנ־
שטאַט, אין געגענזייטיגער הילף, צו פערוואַנדלען איהר אין אַ
גן עדן.... וואָס האָבען זיי דאָרט געזאָגט שטילערהייט, פריינד
וועגעמאַן, סאָציאַליסטישע פראזען! מיין גאָט, אָפט ארויסגעזאָג־
טע אמת׳ען, און אזעלכע, אויף וועלכע עס בויט זיך אויף
אַ פּארטיי, וואָס שטרעבט זיך אויסצובורייטען, ווערען
אימער פראזען... איך וויל אָבער דאָ ניט ריידען אין דעם סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטישען פּארטיי־גייסט, נור אין אַ ברייטערען זין,
אין דעם סאָציאַלען זין. דאָס די סאָציאַלע פראגע אין געוואַל־
דיגער בעדייטונג פילט אָן אונזער געגענוואַרט, און חרענגט צו אַ
לייזונג — דאָס קען דאָך קיינער ניט לייקענען. דאָס ארביי־
טער־פּאָלק איז שוין מיעד צו ליידען, און צווישען אונז זיינען
דאָ אזעלכע, וועלכע זיינען שוין מיעד צו ז ע ה ע ן זיי ליי־
דען. איך, פאר מיין חלק, קען ניט לענגער בלייבען מיט פער־
לייגטע הענד, צוזעהענדיג, ווי מיינע מיטמענשען קרעכצען פון
אונניצלעכע שמערצען, לאַסטען און געפאהרען. „טאַט טוואַם
אזוי“.

דאָס אינדישע „דאָס ביסט דו“ האָט ארויסגערופען אַ
נייעם בראוואָ פון דער זייט, וואָס האָט געפונען אזא רייץ אין
אויסלענדישע ווערטער.

אַ גרויסע בעפרייאונגס־ארבייט פאַרבערייטעט זיך—און פון
דעם ווייסען גאָרניט פיעלע צייט־גענאָסען, און פיעלע פון די,

וועלכע זיינען דאָ פערזאַמעלט. דאָס, וואָס זיי הערען פון דעם, קלינגט פאַר זיי, ווי א ווייטער רוישען פון א סטראַשענדער פער־פלייצונג. און זיי שרייען, אַז מען זאָל מאַכען אַלערליי פּאַראַ־מונגען און שטערונגען. מיר אָבער, די וועניגע, וועלכע האָ־בען זיך גוט צוגעהערט, מיר הערען דאָס רוישען פון א נייער צייט, פון א צייט, אָהן געוואַלט, פון א צייט, וואָס איז פריי פון עלענד און נויט. ווען מיר זאָלען אפילו איהר ניט דערלעבען — איבעריגעס, ווער קען עס וויסען? — זאָל אָבער אונזער העכ־סטער גליק זיין צו האָבען פאַרזיכערט איהר קומען. דאָס האָב איך מיר געמאַכט, אַלס מיין אויפגאַבע. רופט עס ניט מיט דעם נאָמען חוצפּה. זאָגט אויך ניט, אַז עס איז אוננוּצליך. בויגט זיך ניט פאַר יענער אַנגענעהמער אַנזיכט, אַז די קולטור ענדערט זיך פון זיך זעלבסט. דאָס איז פאַלש. גאָרניט פאַ־סירט פון זיך זעלבסט. עס פאַלט דאָך קיינעם ניט איין צו בע־הויפּטען, דאָס אַלע טעכנישע פאָרטשריטע און ערפינדונגען זיי־נען געקומען פון זיך זעלבסט — אונאַבהענגיג פון דער פאָרשונג און אַרבייט פון די טעכניקער און ערפינדער. עס איז אמת, אַז דאָס, וואָס מען שטודירט און פאָרשט, דאָס קומט פון א מוז, וואָס ליגט אין דער נאַטור גופא. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די קולטור־אַרבייט קומט פון זיך זעלבסט. זי קומט דורך דעם װ ו י־ל ע ן פון די קולטור־אַרבייטער... די ווילענס־קראַפט, מעג מען אויך איהר רופען א נאַטור־קראַפט, אָבער דער פּערזענליכער ווי־לען ווערט צו א טרייב־קראַפט פון דער ענטוויקלונג. אויך אונ־טער די פיינד פון ענטוויקלונג זיינען דאָ מענשען מיט ווילען, מיט ענערגיע, און עס געלינגט זיי גראַדע צו גוט צו שטערען דעם גאַנג פון דער קולטור, מאַנכעס מאָל זאָגאַר צוריקשליי־דערען, אָבער עס געלינגט זיי דאָך ניט איהם גענצליך צו פער־האַלטען, ווייל עס איז א נאַטור־געזעץ, אַז דער פאָרטשריט זאָל געהן אַלע ווייטער און ווייטער, כאָטש ווען נור אין א קרומער ליניע. דאָס איז מיין טיעפסטער גלויבען. א הייסער גלויבען, וועלכער אָפט דורכשטראָמט מיך מיט א גליקס־געפיהל אין מי־טען פון די אַלע צוואַנגס־געפיהלען, וואָס עס פליסען אריין אין מיר אַלע ווילדקייטען פון איצט. און כאָטש איך וויים, אַז

צאָרן איז ניט קיין וויסענשאַפטליכער געפיהל — ווייל ער־גערט זיך דען דער זאָאָלאָג איבער די בייזקייט פון טיגער, אי־בער די גיפט פון דעם שלאַנג? — דאָך איז דער געפיהל אַ ניצ־ליכער, ווייל ער טרייסעלט אויף צום קאַמפף, צום וועהרען־זיך. אָהן לײדענשאַפט ווערט גאַרניט געשאַפען, וואָס איז קרעפטיג און שטאַרק.

דאָס איז עס אויך, וואָס איך האָב איך געוואָלט זאָגען — מיין ארבייט איז בעשטימט דורך אַ לײדענשאַפט, וועלכע פלאַ־קערט אין דער טיפעניש פון מיין נשמה... צי איך וועל ארויס־ברענגען עטוואָס קרעפטיגעס, דאָס איז אונבעקאַנט, אָבער מיין גאַנצע קראַפט, וואָס איך בעזיץ, דאָס איז איצט קאָנצענטרירט אין מיין ווילען".

ער איז פאַר אַ ווײלע שטיל געבליבען. ווידער האָט ער עס דייטליך געפיהלט, דאָס די אַנוועזענדע, מיט דער אויסנאַהם פון וועניגע, הערען זיך גאַרניט צו צו דעם, וואָס ער רעדט.

און ער האָט אויך דערפיהלט, אז עס פעהלען איהם ווער־טער, דורך וועלכע ער זאָל קענען אויסדריקען די שטאַרקייט פון זיינע לײדענשאַפטען, וואָס בעוועגען איהם, און די טיעפקייט פון זיינע געדאַנקען, וואָס שטורעמען אין זיין געהירן. דאָס וואָלט פאַר איהם מעגליך געווען אויסצודריקען, ווען פון זיי וואָלט ארויסגעשפרונגען אַ פונק פון בעגייסטערונג אויף איהם.. ער האָט געהאַט אין זיין געדאַנק אַ גרויסען זאַל, אָנגעפילט מיט מענער און פרויען פון פאָלק. מענשען, וועלכע אין זייערע גע־דריקטע, צרה'דיגע פערהעלטניסע הערען זיך צו מיט דורשט צו דעם אָנזאָג פון בעסערע צייטען: ווי וואָלט דער דאנק און די האָפנונג פון אַזעלכע צוהערער איהם דערהויבען און טראָגען?... אָבער די דאָ? געבאָרען אויף דעם סאַמע שפּיץ פון דער געזעל־שאַפט, געניסענדיג אַלעס בעסטע אין לעבען — די מוזען דאָך בעטראַכטען יעדען געדאַנק פון אַן ענדערונג אַלס עטוואָס, וואָס שטעלט זייער רוה און גליק אין געפאַהר — ווען זיי האָבען איבערהויפּט זיך צוגעהערט; ווען די ווערטער זיינען ניט אָב־

געשפּרונגען פון זיי דורך ניט וועלען פערשטעהן און דורך זייער גלייכגילטיגקייט.

ער איז זיך בעוואוסט געוואָרען, אז ער דאַרף ניט ווייטער רעדען צו זיי, ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט ניט ענדיגען.

און ער האָט צו זיי ווייטער גערעדט:

„מיינע פריינד — צו מאכען פאר אייך קלאָהר דעם ציעל פון מיין ווילען, אָדער צו איבערטראָגען אויף אייך מיין איבער-צייגונג — דאָס האָט ניט געקאָנט זיין דער צוועק פון מיין רע-דע, וועלכע איז שוין אויך אזוי געוואָרען צו לאַנג. איהר קור-צער תוך איז דער: דאָ שטעה איך, ווייל איך קען ניט אנדערש. און דערמיט איז אונזער פעסט צו ענדע. אין ברונהאָף דער לעצטער פעסט, פון וועלכען איך בין געווען דער באַליבאָס.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבען דעם בעכער, און געזאָגט: — דאָך, כדי צו שליסען מיט א „הויך", טרינק איך דיר צו נאָך א מאָל, ליעבער מאקס — „דאָצקי געשטאָרבען — עס לעבע דאָצקי."

די געסט זיינען געווען צופריעדען צו פארבייטען די לאַנג-וויילינע און פיינליכע שטימונג מיט א נייעם קלאַפּען מיט די גלעזער און מיט נייע געשרייען פון „האָך!" „האָך!"

דאַן איז מען אריין אין דעם זאַל דערביי. אין די גרופּען, וועלכע האָבען זיך געבילדעט, האָט מען, נאַטירליך, גערעדט וועגען דער זאָנדערבארער פּאַסירונג. עס איז אמת, אז מען האָט ניט ערקלערט רודאָלף'ען פאר „משוגע", דאָס וואָרט איז ניט געברויכט געוואָרען, אָבער דער זין איז געווען כמעט דערזעלבער: „איבערשפּאַנט", „טרוימער", „פאַרפיהרטער", „פאנטאַזיאָר", „הם, אן אָריגינאַל"...

ניינצענטער קאַפּיטעל.

רודאָלף האָט זיך אָבגע׳גנב׳עט פון דער געזעלשאַפט אין זאַל. ער איז ניט געווען געשטימט זיך ארײַנצולאָזען אין פּריוואַט־שמועסען איבער דעם, וועגען וואָס ער האָט ערשט געהאַלטען זיין רעדע. א געפיהל פון טרויער האָט איהם בעהערשט. עס איז געווען דער שמערץ פון אבשיעד, וואָס האָט איהם געמאַכט זיך אָבצושיידען פון דער לוסטיגער געזעלשאַפט, און ווייטער שפּינען זיינע געדאַנקען אין אַן איינזאַמען ווינקעל.

ער איז אריין אין זיין אמאָליגען ארבייטס־צימער, וועלכער איז געווען שוין האַלב ליידיג, מיט די ביכער און בילדער, וועלכע האָבען געהערט צו רודאָלף׳ען פּערזענליך, פּערפּאַקט אין די ארומשטעהענדיגע קאַסטענס. דאָס צימער איז געווען שוואַך בעלויכטען, דערפאַר האָט זיך בעסער געזעהען דאָס ליכט פון דער לבנה, וואָס איז אריינגעדרונגען דורך דאָס פענסטער. רודאָלף איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אָנגעשפּאַרט זיין שטערען אָן די שויב. ווי שעהן און צויבערליך עס איז איצט געווען דער פּאַרק פון ברונהאָף... ניין, דאָס איז שוין ניט מעהר געווען ז י י ן ברונהאָף... דאָס איז עס געווען דער געדאַנק, וועלכען ער האָט געזוכט אויסצושפּינען. דאָס איז עס געווען דער שמערצליכער געפיהל, וואָס האָט איהם ארומגעכאַפּט: פאַרביי!

צווישען זיין אַלטען לעבען און דעם נייעם, וועלכער עפענט זיך איצט פאַר איהם, איז אַזוי ווי אַן אייזערנער פאָרהאַנג וואָלט זיך אראָבגעקאַטשעט. און אַן אָבגרונד איז אויסגעגראָבען געוואָרען צווישען איהם און יענע מענשען, מיט וועמען ער איז ביז איצט געווען פערבונדען דורך געזעלשאַפטליכע און פערוואַנדשאַפטליכע געמיינשאַפט. פערביי איז די פריינדשאַפטליכקייט מיט די סאַמע העכסטע פון לאַנד; פערשוואונדען די איבערגעבענהייט און די עהרפורכט פון די פיעלע בעאַמטע און

דינער פון זיין גרויסען מאַיאָנטעק. ניטאָ מעהר די גאַנצע מאַכט, וועלכע מאַכט אזא בעזיצער פון אזא פערמעגען גלייך צו א פירשט. מיט דעם אַלעם מוז ער איצט אויף אימער זיך צושיידען.

אָבער אויך א טיעפערע אבשיעדס־וועה האָט איהם בע־הערשט. אין די מויערען, וועלכע ער פערלאָזט איצט, איז דאָך זיין היים געוועז. אויף דעם פּלאַץ, דאָ אונטער דער לינדע — דאָס בילד איז ווי לעבעדיג געשטאַנען איצט פאר זיינע אויגען — ווי אָפט האָט ער געזעהען די וויגעלע פון זיין זוהן און גע־בויגט איבער איהר די ליעבליכע געשטאַלט פון זיין מוטער.

געוויס פון דעם בעזיץ האָט ער זיך ניט פרייוויליג אָבגע־זאָגט. דאָס האָט פון איהם דער טוידט אוועקגערויבט — אָבער עס וואָלט דאָך פאר איהם זעהר לייכט געווען צו גרינדען דאָ א נייע היים, צו געבען דעם הויז א נייע באַליבאָסטע, און דעם פערמעגען א נייעם יורש. די מעגליכקייט איז איצט, דורך דאָס אָבזאָגען זיך פון אַלעם, אין גאַנצען אָבגעשניטען.

א שווערער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט. אזוי פעסט, אזוי ווירקליך, אזוי לעבעדיג זיינען געווען די זאַ־כען, פון וועלכע ער האָט זיך אָבגעזאָגט, און אזוי אונזיכער און אזוי טומאַנע דונקעל זיינען געווען די ציעלען, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט. ניין, ניט די ציעלען, די זיינען געווען קלאָר פאר איהם, אָבער די וועגען, וועלכע פיהרען צו זיי, די זיינען געווען פאר איהם דונקעל און אונזיכער.

א האַנד האָט זיך אוועקגעלעגט זאַנפט אויף זיין אַקסעל, ער האָט זיך אומגעדרעהט.

— דו, מוטער?

— איך האָב זיך משער געווען, אז איך וועל דאָ געפינען מיין רודאָלף'ען. אָדער שטער איך דיר אפשר?

— אַך, ניין. עס טהוט מיר גראַדע וואויל צו האָבען דיך איצט דאָ, לעבען זיך. דו ביזט דאָך די איינציגע, וועלכע פער־שטעהט מיך ריכטיג... אפילו דאַן, ווען איך ווער שוואַך און פערצווייפעלט. דו קענסט מיך פערשטעהן און מיר העלפען צו קומען צו זיך....

— נעהמסטו זיך צום הארצען, ווייל די דאָרט, אונטען, האָבען דיך ניט פערשטאַנען? ווען זיי וואָלטען דיך יא פערשטאַנען, וואָלט עס דען איבערהויפּט נויטיג געווען פאַר דיר צו נעהמען אויף זיך די ראָליע פון א לעהרער און קעמפפער?

— ארויסצוגעהן אהין, וואו עס איז דונקעל און קאַלט....

— אום אריינצוברענגען אהין ליכט... אָבער קאַלט — יא, אין דעם ביסטו גערעכט — צווישען די פרעמדע, אונטער די מאַסען בלאָזט אויף איינעם מיט אזא קעלט, און נור איין זאַך קען איינעם געבען קראַפט און וואַרימקייט —

— און וואָס איז דאָס? — האָט רודאָלף געפרעגט, ווען מאַרטאַ האָט זיך אין מיטען דערינען אָבגעשטעלט.

— מען מוז האָבען א הארץ פול מיט ליעבע...

— פאַר די פרעמדע? פאַר די אייז-קאַלטע מאַסען?

— ניין, פאַר א נאָהענט-שטעהענדען, פונקט אזא וואַרם-ליעבענדען, ווי א געליעבטען ווייזען.

— דאָס האָב איך דאָך אין דיר, מוטער.

— אזוי מיין איך עס ניט. עס מוז זיין אַן אנדער ליעבע, די צערטליך גליהענדע ליעבע. די גיט אויך קראַפט. דאָס אונענדליכע גליק, וואָס איינער שפירט, ווען ער האָט אָט די ליעבע, און די אונענדליכע טרויעריגקייט, וואָס פאַלט אָן אויף איינעם, וועלכער פערלירט איהר, דאָס מאַכט איינעם צו פערשטעהן, אַז אַלעס, אַלעס אין דער וועלט מוז אָנגעווענדעט ווערען, אום אויסצוראַמען דעם האַס פון דער וועלט. גלויב מיר: פרידריך און איך האָבען נור דארום געפיהלט אזא שטאַרקען דראַנג צו אַרבייטען פאַר די בעפרייאונג פון דער מענשהייט פון דער קללה פון האַס, ווייל מיר האָבען איינע די אנדערע געליעבט אזוי שטאַרק, אזוי איינשטימיג. דו האָסט פערלאָרען ווייב און קינד, דו ביזט אזוי איינזאַם, מיין אָרימער רודאָלף.... און אפילו פערהייראַטערהייט ביזטו געווען איינזאַם... איך ווייס, אַז בעאַטריסע איז ניט געווען אזא, וואָס האָט געקאָנט אויספילען דיין גאַנצע נשמה. ווי וואָלט איך געוואונשען, אַז —

— ניין — האָט ער איהר אונטערבראָכען — איך וויל ניט

נאָך א מאָל הייראַטהען ; איך וויל זיין גאַנץ פריי, גאַנץ אָהן קיימען —

— כדי זיך אריינצואוואַרפען אין דעם שטורם ? אָבער ווי־פיעל בעסער קען מען עס, ווען מען ווייס, אז יעדען אויגענבליק קאָן מען זיך צוריקקעהרען אין האַפען. יא, פעסטונג, שוץ און פאַנצער איז די ליעבע, סיי די בעגליקטע און סיי די טרויערענדע נאָך איצט איז פאַר מיר דער רייכסטער בעזיץ די עררינערונג אָן מיין טויטען. דיר, רודאָלף, איז די וועלט נאָך שולדיג אזא רייכטהום... דו דאַרפסט האָבען א לעבענס־חבר, אזא, וואָס זאָל צוזאמען מיט דיר שטרעבען, און וועמען דו זאָלסט ליעבען...

— איך דענק ניט וועגען זיך... און געראַדע איצט בע־הערשט מיך דער שמערץ פון אָבזאָגען זיך פון אַלץ. פון צור־קונפט־גליקען און האָפנונגען ווייס איך איצט גאַרניט. די ליע־בע, ווי זי איז ביי דיר געוועזן, און פון וועלכער דו טרוימסט פאַר מיר, דאָס איז דאָך אזא זעלטענע מתנה פון צופאַל. איך געה ניט אַרוים צו זוכען אזעלכע וואונדער־בלומען. איך געה אַרוים צו ערפילען פליכטען — פאַר אַנדערע. און איך בין טרויעריג.

— יא, דאָס הער איך פון דיין טאָן. אויך מיר איז אזוי ווי איך וואָלט געוואָלט וויינען.

— נו, טו וויין, מיין טהייערע מוטער, דאָס מאַכט לייכט.

ביידע זיינען אריינגעפאַלען אין א שמערצליכע שטילקייט.

די לבנה האָט זיך פערדונקעלט. שוואַרצע וואָלקענס האָ־בען איהר פאַרצויגען, און עס האָט זיך אויפגעהויבען א ווינד, וועלכער האָט געראַשט דורך די בוימער.

מאַרטאַ האָט אויפגעשוידערט, ווי פון א קעלט, און האָט געזאָגט :

— קום, לאָמיר געהן צו יענע דאָרט. בלייב מיט דיינע געסט, און זיי געדולדיג מיט זיי פאַר דאָס לעצטע מאָל.

רודאָלף האָט נעפאָלגט זיין מוטער, און איז אריין צוריק אין זאַל. דאָרט זיינען געשטאַנען און געזעסען מענשען אין פער־שיעדענע גרופען, פיהרענדיג א לעבעדיגען געשפרעך.

אין א ווינקעל זיינען געזעסען דער מיניסטער „אודאי“,

פאָטער פראָטום און פאָלקאָווניק שראופער. צו דער גרופּע איז רודאָלף צוגעגאַנגען.

— דאָ זיינען פערזאַמעלט מיינע דריי נאָהענטסטע פריינד. גערן וואָלט איך געוואָלט הערען, וואָס איהר האָט גערעדט — האָט רודאָלף זיך געווענדעט צו זיי.

— איך האָב געזאָגט — האָט דער מיניסטער געענטפערט — דאָס איך האָב שוין לאַנג צוריק געזעהען דאָס קומען פון דעם אייז־בראָך. דיין אויפפיהרונג און דיינע מיינונגען אין דער לעצטער צייט האָבען געוויזען, אַז דו ביזט פערטיג צו טהאָן עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. אודאי אַזוי משוגע — אויף דעם האָב איך מיך ניט גערייכט — אוועקשענקען דעם פערמעגען....

— און איהר, הערר פאָלקאָווניק?

— נו, ווי באַלד איהר אַליין פרעגט ביי מיר, און נאָך דעם ווי זיין עקסעלענץ וועגעמאַן איז געווען אַזוי אָפענהערציג, וויל איך עס אויך אַזוי טהאָן. מיר קומט פאַר די גאַנצע געשיכטע ניט נור משוגע, נור אויך פערברעכעריש... ווילט איהר צושטעהן צו די רויטע סאָציאַליסטען? איהר האָט אַפּנים פערגעסען, דאָס איהר זיינט א קאַוואַליער, און א רעזערוו־אָפיציער אין דער ארמיי!

— אין דער ווירקליכקייט — האָט רודאָלף געענטפערט — האָב איך זיך טאַקע צוליעב דעם דערמאָנט, אַז איך בין א מענש און געהער צו דער מענשהייט... און איהר, מיין ליעבער פאָטער פראָטום — וועט איהר מיך אריינלייגען אין חרם? לויט איך קען אייך, האָב איך ניט מורא דערפאַר.

דער יונגער פריסטער האָט געקוקט ערנסט און מילד אין רודאָלף'ס פּנים, און האָט געזאָגט:

— איהר האָט רעכט, הערר גראַף, איך בין ווייט פון איידגענד וועלכע פאַרדאַמונגען... אפילו ניט ריכטען און אורטהיילען וואָלט איך ניט דאַרט, וואו איך פערשטעה ניט אַלעס... אייערע געדאַנקען זיינען פאַר מיר ניט גאַנץ קלאָר, אָבער אַזוי ווייט, ווי איך קען אייך, ווייס איך, אַז איהר ווילט נור גוטעס... מיך שמערצט נור צו פערלירען אַזאַ מענשען, ווי איהר, פון מיין גע־

מיינדע. אך, ווען די אָרעמע גרעפין און דאָס אָרעמע קינד וואָלטען נאָר געלעבט — איהר וואָלט אונז דאַן ניט פערלאָזען.

רודאָלף האָט גענומען דעם פריסטער ביים אָרעם, און האָט געזאָגט:

— קומט מיט מיר, מיין ליעבער פאָטער, איך וואָלט געוואָלט אַ פּאָר ווערטער רעדען מיט אייך אליין. לאָמיר זיך זעצען דאָ אין דעם ווינקעל. דאָ וועט אונז קיינער ניט הערען און ניט שטערען. מיט די ביידע אנדערע האָב איך ניט וואָס צו ריידען. איך האָב מיך פון זיי צושיידט, צווישען אונז ליגט אַ גאַנצער אָבגרונד, עס קען ניט זיין קיין פערשטענדיגונג צווישען אונז, און וואָס יענע דענקען וועגען מיר, מוז מיר זיין גלייכגילטיג. וואָס אָבער אייך אנבעטרעפט, האָב איך דאָס בעדירפניס אויסצוגיסען פאר אייך אַ ביסעל מעהר מיין הארץ.

— דאָס קלינגט כמעט, ווי איהר וואָלט געוואָלט מתודה זיך זיין פאר מיר.

— איך האָב זיך פאר אייך קיינמאָל ניט מתודה געווען... און איבערהויפּט, ווי איהר ווייסט, האָב איך מיך געהאַלטען ווייט פון אלע קירכען־צערעמאָניעס.

— איהר, הערר גראַף, ווי פיעלע אנדערע, גלויבט אָבער —

— ניין, איהר זאָלט ניט האָבען קיין פאַלשע מיינונג וועגען מיר. איך בין ניט קיין גלויביגער, איך האָב גערעכענט, אז איהר ווייסט עס.

— איך האָב עס מיר געטראַכט, אָבער —

— אך, לאָמיר זיין גאַנץ אָפענהערציג איצט. מיר האָבען זיך געגענזייטיג שטענדיג געאַכטעט, און געגענזייטיג אריינגעקוקט איינער דעם אנדערען טיעף אין די נשמה. ניט אמת? איך ווייס, וואָס איהר זיינט שולדיג אייער בערוף, און שעצע זעהר דעם טאַקט, מיט וועלכען איהר האָט פערשטאַנען צו זיין ביידעס, אי אַ פליכט־געטרייער פריסטער און אי אַ מענש פון מאָדערנעם גייסט און וויסען.

— און איהר, הערר גראַף, האָט פעראייניגט אין זיך מיט

יעל טאקט דעם קריטישען סקעפּטיקער מיט דעם אריסטאָ־אַטישען קירכען־בעשיצער.

— איך, אָבער, פּאַטער פּראַטוס, האָב זיך איצט אָבגעזאָגט פון דער צווייפעלהאַפטער ראָליע. מיט דעם, וואָס איך האָב זיך אָב־געזאָגט פון מיין פערמעגען, הער איך אויך אויף צו זיין דער בע־שיצער פון דער קירכע, און איך קען רעדען דארום איצט גאַנץ פריי... טאַקט — דאָס איז אזא זאַך, וואָס עס מוזען געברויכען די יעניגע, וועלכע פערבעהאַלטען א ווידערשפּרוך, וואָס זיי טראָגען אין זיך... איך האָב פון זיך אָבגעטרייסעלט דיעזע נויטוועגדיגקייט, און דארום זאָג איך אייך גאַנץ אָפען, אז דער קאמפּף, צו וועלכען איך גורט מיך אָן — דער בעפרייאונגס־קאמפּף געגען אלץ, וואָס שמידט די מענשען אין קייטען, אויך אין גייסטיגע קייטען, דער מוז זיך אויך נאַטירליך ווענדען געגען —

— אַלזאָ, איז עס דאָך ריכטיג — האָט דער פּריסטער אונ־טערבראָכען — דאָס די זאָגענאַנטע פריינד פון פריעדען זיינען אויך שונאים פון דער רעליגיאָן?

— ניין, דאָס איז ניט ריכטיג. געוויס זיינען דאָ צווישען די פיינד פון קריעג פּיעלע פריידענקער, אָבער עס זיינען דאָ אויך פיעלע גלויביגע. און אין דעם קאמפּף געגען מלחמה ווייזען ניט ארויס די פריידענקער זייער געזינונג. זיי טראַכטען פיעל מעהר צו געפינען א שותף אין דער קירכע, ווייל זיי ווייסען, וועלכע מאכט זי האָט, און זיי ווייסען אויך, ווי שטאַרק די געבאָטען פון דער רעליגיאָן זיינען אין איינקלאַנג מיט דעם גע־דאַנק פאר פריעדען. און טאַקי דערפאר ווייל די אָרגאַניזירטע פּאַרקעמפּפער פון דער פריעדענס־אידעע האַלטען זיך צוריק פון דער בעקעמפּפונג פון געוויסע ריכטונגען און אינסטיטוציעס, וועלכע איך וויל בעקעמפּפען, האַלט איך מיר צוריק פון אָנצו־שליסען זיך צו זיי. איך וויל אין יעדער ריכטונג פערטרעטען א נייע וועלט־אנשויאונג, וועלכע, לויט מיין איבערצייגונג, איז בע־שטימט, ווי א נייע רעליגיאָן צו פערבינדען די קומענדע דורות—

— גאַנץ געוויס — האָט פּאַטער פּראַטוס אונטערבראָ־

כען מיט א געוויסער ביטערקייט אין טאָן — מיט אזא נייעם גלויבען מוז מען ארויסטרעטען געגען דעם אַלטען אלס פיינד, ניט אַלס בעשיצער.

— אַלס פיינד? אין דעם זין פון האַס, געוואלד, פערפאָל־גונג און פערניכטונגס־לוסט? דאָס ניט. א לאָיאַלער געגנער — דאָס יא. אך, פאָטער פראַטוס, פאָטער פראַטוס, וואָס פאַר אונ־קלאָרע, טרויעריגע צושטענדע עס זיינען דאָ אין דער וועלט!... ווי שמערצליך עס שטויסען זיך צוזאמען די געדאנקען, די פליכ־טען, די ליידענשאַפטען! און דערביי זעה איך אזוי קלאָר וואו די רעטונג איז... איינפאך אין דעם, צו זיין גוט און אמת׳דיג אין יעדער לאַגע, אונטער אלע אומשטענדען, קיינמאָל קיין בייז ניט צו טהאָן, און קיינמאָל ניט בעהויפטען דאָס, וואָס איז פאַלש... און וועלכע פון די עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס אין שטאַאַט זינדיגט ניט געגען די צוויי זאכען: געגען גוטסקייט און אמת?

— וואָס איז אמת? דאָס האָט שוין פאָנטיוס פילאַטוס גע־פרעגט, הערר גראַף.

— וואָס ליגען איז, דאָס האָט ער יעדענפאַלס געמוזט ווי־סען, ווייל, ווען ער האָט געזאָגט: „איך וואַש מיינע הענד אין אונשולד“, האָט ער געזאָגט א ליגען — ער האָט זיי אין בלוט געוואַשען. וואָס גוטסקייט איז, דאָס דאַרף קיינער ניט פרעגען, דאָס פיהלט יעדער — אויך דער שלעכטער, ווען ער מאַכט חוזק פון דעם.... אָבער, ליעבער פאָטער פראַטוס, איך האָב מיט אייך ניט געוואָלט פילאָזאָפירען, נור זאָגען אייך א „זייט־געזונד“, דערביי הערצליך דריקען אייער האַנד און אויג אויף אויג אייך פערזיכערען, אז איך פערשטעה אייך און שעץ אייך, און איך וויים, אז איהר פערשטעהט מיך. אויך מיין ווייטערען קורס וועט איהר ניט פערדאמען, אפילו, ווען איך בין שוין ניט מעהר דאָס, וואָס מיר האָבען פריהער אָנגערופען „טאַקטפול.“

פאָטער פראַטוס האָט געדריקט שטאַרק די אויסגעשטרעק־טע האַנד פון רודאָלף, און איהם ארייַנקוקענדיג גלייך אין די אויגען, האָט ער געזאָגט:

— יא, מיר פערשטעהען זיך.

רודאָלף האָט געזעהען, ווי די גרעפין ראַנעג און איהרע טעכטער האָבען זיך אויפגעהויבען און האַלטען ביים געזעגענען זיך מיט זיין מוטער.

ער איז צו זיי שנעל צוגעגאַנגען, ווייל ער האָט געגאַרט מיט דיעזע ליעבע שכנות זיך אויסצובייטען מיט נאָך אַ פּאָאַר ווערטער.

— וואָס, איהר ווילט שוין געהן?... ניין, אַזוי וועל איך אייך ניט אָפּלאָזען — איך מוז אייך נאָך זאָגען, דאָס צו די זאַכען, וועלכע עס וועלען מיר שמערצליך פעהלען דורך מיין אויפגעבען פון ברונהאָף, געהערט אויך די שכנה'שאַפט פון ראַנעגסבורג.

— איהר געהט דאָך ניט אַוועק אין גאַנצען פון דער וועלט, ליעבער גראַף רודי — האָט די גרעפין ראַנעג געזאָגט פריינדליך — דעם וועג צו אונזער הויז, דאָ און אין וויען וועט איהר, האָף איך, נאָך אימער געפינען. און טאַקי גאַנץ אָפט אויך.

— אַ דאַנק, גרעפין. פון דער ליעבענסווירדיגער איינלאַדונג זעה איך, אַז איהר האַלט מיך ניט, ווי פיעלע אַנדערע, פאַר אַזאַ געפעהרליכען משוגענעם.

— דאָ האָט זיך שוין קאַיעטאַנע אריינגעמישט

— רעדט ניט אַזוי.:.. איהר זיינט אַ —

דאָ איז זי שטיל געבליבען. רודאָלף האָט איהר אָנגעקוקט איבערראַשט. איהרע באַקען האָבען געגליהט, און איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם אַזוי מאָדנעצערטליך.

גרעפין ראַנעג האָט זיך ניט געלאָזט מעהר צוריקהאַלטען. זי האָט פערלאָזען דעם זאַל, אין דער בעגלייטונג פון מאַרטאַ. רודאָלף האָט אָנגעבאָטען קאַיעטאַנע זיין אָרעם, און די ביידע זיינען געגאַנגען אין אַ געוויסער ווייטקייט פון די ביידע מאַמעס. דער וועג צום שלאָס־הויף, וואו די קאַטש איז געשטאַנען, האָט געפיהרט איבער מעהרערע לאַנגע קאָררידאָרען, אַראָב די טרעפּ, דורך אַ לאַנגען האָל. מען האָט נאָך צייט געהאַט פאַר אַ שמועס.

— וואָס האָט איהר פריהער געוואָלט זאָגען, גרעפין קאַיע־

טאנע? — האט רודאלף זי געפרעגט — „איהר זיינט א" — האט איהר אנגעפאנגען און ניט געענדיגט. וואס בין איך?

— אן אונגעוועהנליכער מענש.

— דאס איז זעהר מילד זיך אויסגעדריקט.

— איהר גלויבט דאך ניט, אז איך וועל זיך ערלויבען א פעראורטהיילונג —

— אבער פון אייער שטאנדפונקט וואלט עס געווען גאנץ נאטירליך. איך בין איצט כמעט, ווי אן ארויסגעשטויסענער, אבער איהר זיינט א מוסטער, א פראכט-עקזאמפליאר פון דעם מין, פון וועלכען איך בין ארויסגעשטויסען. איהר מוזט מיך דארום פעראורטהיילען.

— איך טהו דאס אבער ניט. אמת, איך פערשטעה אייך ניט גאנץ גוט, אבער איך ווייס, איך פיהל, אז איהר בעצוועקט עטוואס גרויסעס, איידעלעס.

— און גלויבט איהר, אז איך וועל עס דערגרייכען?

— דאס קען איך ניט וויסען. איך בין דאך גאנץ אונווי־סענד. וואס איהר האט געטהאן, דאס האט אויף מיך געמאכט א גרויסען איינדרוק, און דאך, ווען איך וויל מיך דערמאנען אן אייערע ווערטער, קען איך ניט. איך ווייס ניט מעהר, וואס איהר האט געזאגט. און איך וואלט פיעלעס געגעבען, ווען איך וואלט עס נאך א מאל געקאנט הערען, אדער לעזען... איך גלויבי אז איך וואלט דאן געקאנט עטוואס לערנען, עטוואס גאנץ נייעס...

— יאגט ניט אן אויף אייך א שרעק דאס נייע, גרעפין קאיע־טאנע? אייער גאנצע ערציהונג איז דאך איינגעווארצעלט אין דאס אלטע; אייער גאנצער שעהנער הארמאנישער לעבען שטיצט זיך אויף דעם.

זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, אבער דעם ענטפער איז זי שולדיג געבליבען. זי איז געווען צו בעשיידען, אום צו רעדען וועגען זיך, אום צו פערטהיידיגען זיך געגען די מיינונג, אז זי האלט זיך נור ביי דאס אלטע, כאטש אין דער ווירקליכקייט איז איהר יונגער, אפענער געדאנק געבליבען ניט פארשלאסען געגען

אלעם נייע, מיט וואָס די קעמפּפענדע געגענוואַרט איז געווען פול. און דער מאַן דאָ, ביי איהר זייט, האָט געהאַט מוטה צו שטעלען זיך אלס נביא און מיט־בעשאַפער פון דאָס נייע, האָט פאר דאָס געאָפּפערט רייכטום און געזעלשאַפטליכע שטעלונג—זיכער „אַן אונגעוועהנליכער מענש"... ווי האָט ער עס פריהער געזאָגט: „צו מילד אויסגעדריקט", ניין, דאָס איז געווען שוואַך אויסגעדריקט. זי האָט געדאַרפט זאָגען — אָבער אויך דערצו איז זי געווען צו בעשיידען — „אַ הערליכער מענש".

זיי זיינען געגאַנגען איצט שווייגענדיג. אָבער רודאָלף האָט געפיהלט, אַז דיזע מיידעל — איינע פון יענע פויגעלעך, וועלכע לעבען אויף דעם בוים, וואָס איז בעשטימט אויסגעהאַקט צו ווערען — אַז דיזע מיידעל איז פול מיט סימפּאַטהיע פאַר איהם און פאַר זיין טהאַן. ניט ווילענדיג האָט ער שטיל צוגעדריקט איהר אָרעם צו זיך.

צוואנציגסטער קאפּיטעל.

דער ליעבעס־ראָמאַן צווישען הוגאָ ברעסער און סילוויא, וועלכער האָט געשוועבט צווישען זיי, זייט זי האָט פאַרגעלייענט דעם ערשטען אקט פון זיין דראמא, איז נאָך אלץ ניט געקומען צו א בעשטימטער קלאָרקייט. ניט עס איז געקומען צו אַן אָפּברוך, ניט צו פעראייניגונג. עס איז זאָגאר ניט געקומען צו אַן אָפּענער ערקלערונג צווישען זיי.

וואָס איהם אנבעטרעפט, איז וואָס מעהר פערליעבט אין איהר ער האָט זיך געפיהלט, דאָס אלץ שרעקעדיגער איז ער געוואָרען. ער האָט מורא געהאַט זי צו דערצאָרענען און פערליערען איהר, ווען ער זאָל נאָר א וואָרט וועגען דעם ארויסרעדען. און דורך דעם, וואָס ער האָט איהר געמאַכט פאר דעם געגענשטאַנד פון זיין דיכטערישער בעוואונדערונג, מען קען זאָגען, פערגעטערונג, האָט זי זיך פאר איהם פעררוקט אזוי ווי אין די וואָלקענס, וועלכע מאַכען אונמעגליך פאר איהם זיך דערנעהענטערען צו איהר.

די גערדיכטע, וועלכע ער האָט בעשאַפען און געווידמעט צו איהר, האָט ער איהר ניט געגעבען צו לעזען. ער האָט בעשלאָסען אָנצושרייבען א גאנצען באנד, און ערשט דאן, ווען ער וועט אזוי בעריהמט ווערען, אז קיינער וועט עס גאָרניט קענען בעשטרייטען, וועט ער זיי איהר איבערגעבען. נור גרויסעס מוז ער איהר שענקען: ניט קיין קלענערע זאך פאר איהר, ווי די אונשטערבליכקייט.

און זי? זי איז איהם אויך ניט געגאנגען אנטקעגען. „געה אין ריינקייט דורך דאָס לעבען" — דאָס וואָרט פון איהר מוטער — האָט זיך פעסט ארייגעזעצט אין איהר קאָפּ, ווי דאָס פּאַסירט אָפט מיט געוויסע מעלאָדיען, פון וועלכע מען קאָן ניט

לויז ווערען, וועלכע קלינגען אין די אויערען, צי מען וויל עס׳ צי ניט. אויך דער ענטפער, וואס זי האט געגעבען איהר מוטער, איז געבליבען אין איהר זכרון: „דאס וויל איך דאך“. דאס איז געווען א פערשפרעכען, וואס זי האט ניט בלויז דער מוטער געגעבען, נור אויך זיך זעלבסט.

דער בעוואוסטזיין ליעב צו האבען דעם יונגען דיכטער האט זי אנגעפילט מיט אזא בעגליקענדען געפיהל, אז זי האט מעהר גארניט געוואונשען. עס איז געווען א געפיהל, צוזאמענגעשטעלט פון בעוואונדערונג און צערטליכקייט און פון קיין שאטען פון ליידענשאפט. דאס איז געווען די צווייטע ליעבע אין איהר לעבען. וואס פאר אן אונטערשיעד פון דער ערשטער! מיט א געפיהל פון שאנדע האט זי זיך איצט דערמאנט אן די ליידענשאפטליכע בערוישונג, וואס האט איהר בעהערשט אין דער צייט פון איהר פערלאבונג. ווי זי האט זיך עס יעמאלט אנגעצונדען פאר א מענשען, פון וועלכען זי האט ניט געקאנט קיין איינציגע ליעבענסווירדיגע נשמה-אייגענשאפט, וועהרענד איצט איז עס געווען די נשמה אליין, די נשמה פון א קינסטלער, פון א גאט-בעגנאדיגטען געניוס, וואס האט איהר פאר׳כישופ׳ט. די אויסניכטערונג, וועלכע איז געקומען דורך די ברוטאליטעט פון איהר מאן, האט איהר עקעלדיג געמאכט די ליידענשאפטליכע זייט פון דער ליעבע, און דערפאר איז איצט פאר איהר די אידעאלע זייט געווען דאפעלט טהייער. דאס אמת׳ע ליעבע מוז סוף כל סוף פון ביידע זייטען זיך ענדיגען מיט ערפיללונג, דאס האט זי ניט געוואוסט. זי איז געווען, כאטש די נאטור האט איהר געשאפען פאר א גרויסע ליידענשאפט, גאנץ אונגעניט אין ליעבע-זאכען. און אזוי האט זי עס געלאזט זיך פיהלען גליקליך, און האט דערלאזען, אז א ריינער, רוהיגער פלאם, ניט אויפגעבלאזען פון קיין ליידענשאפט-שטורעם, זאל דערווארעמען איהר הארץ. ניט נור אין בילדליכען זין האט זי געפיהלט די ווארימקייט, נור כמעט, ווי עטוואס, וואס זי האט געקאנט אנטאפען, ווי עטוואס קערפערליכעס. דאס איז אריין אין איהר ברוסט ביין אויפוואכען, ביין איינשלאפען, און זעהר אפט אין

מיטען טאָג, ווען זי האָט גאָר וועגען עפּוואָס אַנדערעס גע־טראַכט. ווי אַ פּלוצלינגער הייסער שטראָם, וועלכער האָט גע־פלאָסען פון איהר הארצען צום האלז, פערשטיקענדיג דעם אָט־העם אין א זיסקייט, וואָס זי האָט גאָר קיין נאָמען ניט געהאט דערפאר; דאָס איז ניט געווען קיין פערלאַנגען, נור די פרייד פון בעזיץ, אַלס א רייכען, לעבען־דערהויבענדען בעזיץ, וואָס האָט איהר אָנגעפילט מיט שטאָלץ, האָט זי געפיהלט אין אזעל־כע אויגענבליקען, דאָס זי ליעבט — ליעבט א הערליכען מענ־שען, פון וועמען אויך זי — זייט א לענגערע צייט איז געליעבט. און ווען זי האָט אזוי פון איהם געטראכט, איז ערשיענען פאר איהר גייסט ניט זיין פנים, אויך ניט זיין געשטאַלט, נור דער אבסטראקטער בילד פון זיין הויך־פליהענדען גייסט, פון זיין גרויסער ליעבע, דורך וועלכע זי האָט זיך נור געפיהלט דערהוי־בען און פעראיידעלט, האָט זי דען געדארפט קעמפּפען געגען איהר?

זי האָט זיך פערשאַפט אַלע זיינע ווערק און האָט געגאָסען אין זיי יעדע געלונגענע שורה, ווי א דורשטענדער געניסט א זאַפטיגע פרוכט. דער שעהנער קלאַנג פון די פערזען, וועלכע זי האָט פאַרגעלעזען פאר זיך אויפ׳ן קול, און וועלכע זי האָט גע־קאָנט אויסוועניג, האָט איהר איינגעוויגט, ווי מוזיק. יעדער נייער שעהנער געדאנק האָט איהר אַלץ מעהר און מעהר רעכט געגעבען אויף איהר שטאָלצע ליעבע. ניט נור אין ריינהייט, ניין, אין גרויסקייט קען מען אזוי דורכגעהן דורך דאָס לעבען.

אַנדערע אומשטענדען זיינען צוגעקומען, וועלכע האָבען פארבאהאַלטען פון איהר די געפאהר, אז די הימעל־הויכע ליעבע זאָל זיך פערוואַנדלען אין אַן ערדישע. כמעט קיינמאָל זיינען זיי ניט געווען אַליין ביי זייערע צוזאַמענטרעפונגען. נויטווענ־דיגע רייזען — סילוויא צו איהר קראַנקער שוויגער, און רודאָלף אין פערשיעדענע שטעדט פאר פּראָבע פאר זיינע דראַמען — און נאָך אַנדערע צופעלע האָבען עס געמאַכט לאַנגע צושיידונגען צווישען זיי, און אזוי איז עס געקומען, דאָס נאָך אזא לאַנגער צייט האָט דער ראָמאַן צווישען זיי נאָך אַלץ געשוועבט אין דער

לופּט. ניט ער איז געקומען צו א ברוך, און ניט צו א פּעראייניגונג.

די פערהעלטניסע פון דעלניצקי מיט דער שעהנער זינגערין האָבען אָנגעהאַלטען. דאָס איז שוין פאַר איהם געוואָרען א לעבענס־געוואוינהייט. און אזוי ווי ער האָט ניט געזוכט צו פערבעהאַלטען זיינע פערהעלטניסע פון קיינעם, און אַלע האָבען דאָס בעטראַכט שווייגענדיג, אַלס עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס, האָט ער ביסלאַכווייז אָנגעהויבען צו פיהלען, אזוי ווי ער וואָלט געהאַט א צווייטע געזעצליכע פרוי, און ער האָט עס געהאַלטען פאַר א גרויסען פערדיענסט פון זיין זייט, דאָס, וועניגסטענס, גענען דער צווייטער פרוי, האָט ער זיך ארויסגעוויזען צו זיין טריי און שטאַנדהאַפט.

צו דעם האָט איהם די געליעבטע געשענקט א זוהן, און ער האָט ליעב געהאַט דעם קליינעם אינגעלע — צו שפּיעלען זיך מיט איהם איז פאַר איהם געווען דער גרעסטער פערגניגען. מאַנכע מאָל פלעגט ער טראַכטען פון צושיידען זיך מיט סילוויא. דאַן וואָלט ער געקאָנט הייראַטען די אַנדערע, און געבען דעם קליינעם טאַני זיין נאָמען. וואָס אָבער עס האָט איהם געשטערט, איז געווען די זעהר אונאַנגענעהמע פאָרמאַליטעט פאַר אַן עסטרייכשען אריסטאָקראַט, וואָס איינער מוז דורכמאַכען ביי א שיידונג: מען מוז בייטען די רעליגיאָן, זיך לאָזען נאַטוראַליזירען אין אונגאַרן, און מעהר פון אַלץ די גערעדעריי, וואָס דאָס מוז ארויסרופען.

דאָס אליין האָט געהאַט פאַר איהם עטוואָס אבשטויסענדעס. און פונקט אזוי האָט ער זיך געפיהלט אָבגעעקעלט פון דעם, וואָס זיין שוואָגער רודאָלף האָט אויפגעטהאָן; וואָס ער איז אוועק צו די „סאָצים“, לויט זיין אויסדרוק. נאַטירליך, איז ער בעשאָטען געוואָרען אין קלוב, און וואוהין ער פלעגט נור קומען, מיט אַלערליי פראַגען און קריטיקען איבער רודאָלף׳ס האַנדלונג. מען איז צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי ערקלערען, ווארום זיין שוואָגער האָט געקאָנט טהאָן אזא אונערהערטע זאַך. אָבער ער איז באַלד מיעד געוואָרען צו געבען ערקלערונגען, און האָט

נור געזאגט אין כעס: „לאזט מיך צורוה, איך בעט אייך, ווענע דעם משוגענעם. וואס געהען מיך אן זיינע ווילדע מעשים?"

ער האט אויך פרובירט צו פערביטען זיין פרוי אירגענד װעלכע בעריהרונג מיט איהר ברודער, אבער דאס האט סילוויא מיט ענטשלאסענהייט צוריקגעוויזען. די ליעבע און אכטונג, װעלכע זי האט געהאט זייט איהר פריהסטער קינדהייט פאר איהר שטיעפברודער, איז נאך פיעל געשטיגען דורך זיין אונגע־װעהנליכער האנדלונג. זי האט איהם בעטראכט מיט בעוואונ־דערונג, זי איז געװען שטאלץ דערמיט, וואס ער האט געטהאן, און פול מיט פערטרויען פון דאס, וואס ער האט זיך פארגענומען.

פון דער געזעלשאפט האט זיך סילוויא אלץ מעהר און מעהר צוריקגעצויגען. עס האט איהר װעה געטהאן דער בע־וואוסטזיין, דאס זי װערט בעדויערט פון איהרע בעקאנטע, אלס א הילפלאזע און בעטראגענע פרוי. די װעלכע האבען געוואוסט, אז זי וויים פון איהר מאן'ס אויפפיהרונג אזוי, דאס זי איז אייגענטליך ניט קיין בעטראגענע, האבען איהר פעראור־טהיילט זעהר שטרענג: עס איז ניט שעהן פון א פרוי צו לאזען זיך אזעלכעס געפעלען. דאס איז אדער הארצלאזע גלייכגיל־טיגקייט, אדער פערעכטליכע שוואכקייט. ווי אפט האבען גוטע פריינדינען איהרע מיט אלערליי פערשיעדענע רייד געוואגט איהר געבען צו פערשטעהן, דאס מען מורמעלט, מען רעדט, און דאס זי זאל זיין פארזיכטיגער! און ווען זי האט אויף דאס אלעס געענטפערט מיט א קוועטש מיט די פלייצעס, אז זי וויים אלעס, ערשט דאן פלעגען די פריינדינען זי בעפאלען: „וואס! דו וויסט אלעס און דו שווייגסט? פערגעסטו, וואס דו ביזט שולדיג דיין עהרע? דיינע רעכטע, אלס פרוי, מוזטו שיצען..." מאנכע האבען איהר אויך געראטהען, אז זי זאל נקמה נעהמען... באצאהלען איהם מיט דיזעלבע מטבעה. דאס אבער האט זי װעניגער פון אלץ געקאנט טהאן. אין ריינהייט האט זי גע־װאלט דורכגעהן דאס לעבען.

עס איז שוין געװען איבער א יאהר ווי זי האט ניט געזעהן

הוגא ברעסער. אפט אבער פלעגט זי קריגען פון איהם בריעף, אויף וועלכע זי האט איהם געענטפערט, האטש ניט אזוי אפט. דאס זיינען ניט געווען קיין ליעבע־בריעף, אבער צווישען די צייל׳ען האט די ליעבע געקלאפט גאנץ שטארק. אין די בריעף האבען זיי מייסטענס געשריבען וועגען ליטעראטור. ער האט איהר געשריבען וועגען זיינע פלענער און ערפאלגען. ער האט איהר צוגעשיקט די ערשטע פראבען פון זאכען, וועלכע ער האט בדעה אויסצוארבייטען. ער האט איהר אבער אויך צוגעשיקט די ווערק פון אנדערע פערפאסער, וועלכע האבען אויף איהר געמאכט אן איינדרוק, און האט מיט איהר דיסקוטירט איבער זייער אינהאלט. סילוויא האט געגעבען איהר אורטהייל ניט אין דעם טאן פון א קריטיקער, נור איינפאך ארויסזאגענדיג, וואס זי האט געפיהלט, לעזענדיג די אדער יענע שטעללע.

זייט זי האט געשענקט איהר הארץ צו א דיכטער, איז פאר איהר דער שטודיום פון דיכטער־ווערק געווארען צו א גרויסען גענוס. דאס האט פוללער געמאכט איהר לעבען. פון א שעהנעם געדיכט, צו פון הוגא, צו פון אן אנדערען, האט זי געשעפט דעם גרעסטען פערגעניגען, ווי א מענש, וואס האט ליעב מוזיק, פון א שעהנער מעלאדיע. אז זי זאל אליין אנהויבען צו שאפען, וועגען דעם האט זי גאר ניט געטראכט, זי האט עס אויך ניט געוואלט. דאס פערטיעפען זיך אין די ווערק פון אנדערע, האט איהר געגעבען פולע בעפריעדיגונג.

ערשט דורך די ליעבע האט אויפגעוואכט אין איהר די דאזיגע ליידענשאפט פאר פאעזיע. דער געפיהל פון ענטציקונג, מיט וועלכען זי האט פארגעלייענט אין יענעם אבענד הוגא׳ס דיכטונג, האט אין איהר ארויסגערופען א ליידענשאפט פאר פאעזיע אין אלגעמיין און מיט בעגייסטערונג האט זי זיך פארטיעפט אין די ווערק פון אלע טוידטע און לעבעדיגע דיכטער. און א י ה ר דיכטער, לויט זי האט געזעהען, האט געקאנט זיך פערגלייכען מיט די סאמע גרעסטע און זי האט ניט געצווייפעלט, דאס אויך ער וועט דערגרייכען די העכסטע שטופפע פון קונסט, און זי האט דארום געקוקט אויף איהם מיט א געפיהל פון יראת הכבוד.

עס איז איהר גאַר אויפ'ן געדאַנק ניט נעקומען, דאַס זי איז אייגענטליך אַ גרויסע דאַמע און ער נור אַן אונבעקאַנטער ליי־טעראַט און גוזעלשאַפטליך אַ גאַנץ אונבעדייטענדער מענש. פאַר איהר איז ער געווען דער גאָט־בעגנאַדיגטער, דער יורש פון דער שטראַהלען־קרוין פון בעריהמטהייט, און זי אַן איינפאַכע און אונבעדייטענדע פרוי.

איינינע טעג נאָך דעם אבשיעדס־פעסט פון ברונהאָף האָט סילוויא געקראַגען אַ בריעף פון ברעסער, אין וועלכען ער האָט איהר געמאָלדען, אַז ער קומט נאָך וויען. די בשורה האָט איהר אי דערפרעהט, אי דערשראָקען. דאָס דורכשרייבען זיך מיט איהם איז פאַר איהר געוואָרען אַ טהייערע געוואוינהייט, און זי האָט מורא געהאַט, דאָס די פערזענליכע בעריהרונג קען נאָך, אפשר, אריינברייננען אַ שטערונג, אַ פאַלשען טאָן אין זייערע פערהעלטניסע.

דאָך האָט געזיעגט דער געפיהל, דאָס דער מאָרגענדיגער טאָג, דורך זייער ווידערזעהן זיך, פערשפרעכט איהר אַ גרויסען יום טוב. זי האָט עס אַזוי געמאַכט, אַז אין דער שטונדע, וואָס ער האָט בעדאַרפט אָנקומען, זאָל זי זיין גאַנץ אליין צו־הויז.

עס איז געווען פיער דער זייגער נאָך מיטאָג. אין דרויסען האָט געשיינט אַ העללע, וואַרימע הערבסט־זון. דאָך האָט אין דעם קאַמין געפלאַקערט אַ לוסטיג־קליינער פייער, און אויף אַ זייטען־טישעל, איבער אַ בלויען ספּירוט־פלאַם, האָט אין אַ זילבערנעם קעסעלע געקאָכט דאָס טהעע־וואַסער.

פון דער גאַס האָט אריינגעדרונגען אַ פערשטיקטער גערויש. מאַגנאַליען־ריח האָט זיך געטראָגען פון דעם בלומענטיש. פאַר דעם טיש שטעהט סילוויא, רייסט אָב אַ בלומעל, וועלכע זי שטעקט אריין אין איהר טאַליע, זי טראָגט אַ קלייד פון שוואַר־צען סאַמעט. זי איז נאָר וואָס געקומען פון גאַס. אויף איהרע באַקען איז געווען אַ פרישע רויטקייט און איהרע אויגען האָבען געפונקעלט.

אין א האלבע שטונדע דארף ער דא זיין, אבער עס קלינגט שוין דער גלאָק.

זאָל עס זיין א בעזוד? אבער זי האָט בעפוילען קיין אנדערען ניט אויפצונעהמען אויסער ברעסער, און איהר מאן איז ניט געווען דאן אין וויען. די טהיר האט זיך געעפענט, און דער דיענער האט איהר דערלאנגט אויף א זילבערנעם טאץ א טעלעגראמע.

מסתמא פון ברעסער, אז ער קען ניט קומען... און פון דעם ביטערען געפיהל, וואס זי האט דערשפירט ביי דעם געדאנק, האט זי ערשט דערוואוסט זיך, ווי שטארק זי האט זיך געפרעהט מיט דעם ערוואַרטעטען גאסט.

די טעלעגראמע איז ניט געווען פון ברעסער, נור וועגען עפּעס א גאנץ גלייכגילטיגע זאך. איצט האט זי זיך דאפּעלט געפרעהט און מיט א פולען בעוואוסטזיין. די מורא, אז דאס ווידערזעהן־זיך וועט אריינברענגען עפּעס א שטערונג, איז פערשוואונדען — פיעל מעהר זאָל עס זיין א ערפילונג פון איהר טיעפסטען וואונש, א לעשען פון דעם ברענענדיגען דורשט פון איהר נשמה.

זי איז צוגעגאנגען צו דער פּיאַנאָ און האט געשפּיעלט שטיל דעם הימן פון זונען־אויפגאנג, פון „פּראפעט". דיעזע מעלאָדיע איז געבליבען פון יענעם אבענד אין דער אפּערא דער צויבערמיטעל, דורך וועלכען זי האט געקאנט ארויסרופען צו יעדער צייט די געגענווארט פון דעם דיכטער, אזוי ווי זי וואָלט געקאנט אטהעמען זיין נאָהענטקייט.

פון דער פּיאַנאָ איז זי אוועק אין א ווינקעל, וואו עס איז געשטאנען פאר א קליינע סאָפע איהר לעזע־טיש. זי האט זיך געזעצט און גענומען א בוך אין האנד. דער באנד „געדיכטע פון הוגאָ ברעסער" האט זיך אליין געעפענט אויף דער זייט, וואס זי האט געוואָלט. אויך דא האט זי געפונען א בעשווערונגספארמולא פול מיט קלאנג און שוואונג.

אבער זי האט דאס בוך ווידער אוועקגעלעגט. זי דארף זיך ניט לאזען געפינען לעזענדיג זיינע געדיכטע. דאס וואָלט אויסגעזעהען אזוי ווי זי וואָלט עס אומיסטנע געטהאן. זי האט

אראבגעלאזען איהרע הענד און צוגעשלאסען די אויגען. ניט שפיעלען, ניט לעזען האט זי געוואלט, נאר אזוי זיצען, געניסענ־דיג דאס בענקען פון ערווארטונג, זיך צוהערענדיג צום איי־גענעם הארצען — ווי זים דאס איז געוועז.

די האלבע שטונדע איז נאך ניט אוועק, און דער טהיר־גלאק האט ווידער געקלונגען.

סילוויא איז אויפגעשפרונגען. זי האט געפיהלט, אז זי איז בלאס געווארען.

ברעסער האט איבערגעטראטען די שוועל, און האט זיך טיעף פערנייגט. זי איז געבליבען פאר א ווײלע אונבעוועגליך שטעהן אויף איהר פלאץ.

דורך דעם צערעמאניעלען גרוס און דעם טאן פון זיין שטי־מע „גנעדיגע גרעפין" איז זי געקומען צו איהר בעוואוסטזיין, און אין גאנצען וועלט־דאמע, וועלכע נעהמט אויף א ווילקא־מענעם גאסט, איז זי איהם אנטקעגען געגאנגען א פאר טריט און דערלאנגט איהם איהר האנד צום קושען.

— ווי איך פרעה מיך אייך ווידער צו זעהן, הערר ברע־סער, וועט איהר בלייבען לאנג אין וויען? זעצט זיך! — און זי אליין האט זיך אראבגעלאזען אויף דעם געוועהנטען פלאץ, לעבען דעם לעזע־טישעל — זעהט איהר — האט זי געזאגט שמייכלענדיג — איך האב דא אייער באנד געדיכטע, אבער איהר דארפט ניט מיינען, אז איך האב איהם דא נאר אוועק־געלייגט, וויסענדיג אז איהר קומט...

זי איז שטיל געבליבען, ווייל ברעסער האט איהר ניט גע־ענטפערט ניט אויף איהר פארמעללען און ניט אויף איהר שפא־סענדען טאן. ער איז געבליבען שטום און האט אויך זיך ניט געזעצט, ווי זי האט איהם געבעטען. זיין געזיכט האט ארויס־געוויזען א טיעפע בעוועגונג. די אויגען האט ער אנגעציעלע־וועט אויף איהר מיט א צערטליכען פארוואורף. זי האט גע־פיהלט, דאס ער איז ענטוישט פון דעם שטייגער, ווי זי האט איהם אויפגענומען.

דאס איז ער אויך געוועזן אין אנפאנג. אבער איצט, ווען

זי איז שטיל געבליבען, און אויך אין איהרע אויגען האט עס אנגעהויבען צערטליך צו פינקלען, האט ער פערשטאנען, אז די אנגענומענע גלייכגילטיגקייט איהרע איז נור א שלייער. מיט וועלכען זי האט געוואלט פארדעקען איהר פרייד איבער זייער ווידערזעהען־זיך. אייגענטליך, נאך די אלע געדאנקען, מיט וועלכע זיי האבען זיך איבערגעביטען, נאך די אלע גע־פיהלען, וועלכע זיינען געשפונען געווארען צווישען זיי און נאך דעם גאנצען בענקען, וואס זיי האבען געפיהלט איינער צום אנדערען, האבען זיי בעדארפט זיך אריינפאלען אין די ארעמס, מיט דעם אויסגעשריי:

„אה, דו, דו, זעה איך דיר ענדליך".

אבער אזוי ווי דאס האט ניט געקאנט זיין, איז דאס גע־ווען דער בעסטער אופן. זיי האבען דאךביידע געוואוסט, וואס עס איז פערבארגען אונטער דעם שלייער. און דערפאר האט ער געפאלגט איהר ניט־ארויסגערעטען בעפעהל, האט זיך אוועקגעזעצט און האט געזאגט צווינגענדיג זיך צו א געלא־סענעם טאן:

— צו איך וועל פערבלייבען א לענגערע צייט אין וויען, גרעפין, דאס העננט אפ פון אומשטענדען. דער דירעקטאר פון בורג־טהעאטער, וועמען איך האב געגעבען מיין דראמא, האט מיך איינגעלאדען צו אן אונטערערדונג. אפשר האנדעלט זיך דא וועגען מאכען געוויסע ענדערונגען — אנגענומען איז שוין דאס שטיק — אפשר געהען זיי שוין מאכען פראבען. דאן וועל איך מוזען בלייבען.

— וואס, אייער דראמא אין בורג־טהעאטער. און וועגען דעם האט איהר מיר גארניט געשריבען!

— איך האב עס ניט געוואלט אייך פריהער דערצעהלען, איידער זי איז אנגענומען געווארען.

— און וועלכע עס איז פון אייערע דראמען?

— מיין לעצטע, וואס איז נאך אין ערגעץ ניט אויפגעפיהרט געווארען. די דראמא, פון וועלכע איהר האט געלייענט דעם ערשטען אקט.

— אך, „דער טוידטער שטערן" — די האט איהר געענדיגט, און אין אייערע בריעף קיין ווארט ניט וועגען דעם.

— מיין אמביציע איז געווען, דאס איהר זאלט די וויי־טערע אקטען לייענען ניט פון מאנוסקריפט, נור אורטהיילען איבער זיי פון דער ביהנע. — איך וועל שרעקליך ציטערען ביי דער ערשטער פארשטעלונג.

— ציטערען? פאר מיר?

— פאר אייך, פאר דאס שטיק, פאר מיר. איך וואלט עס ניט געקאנט איבערטראגען ווען דער עולם וואלט ניט ארויסגעוויזען—

— ווען דאס שטיק וואלט דורכגעפאלען, מיינט איהר? ווער ווייסט, אויב עס וועט א י י ך געפעלען. אפשר וועט דער דורכפאל אויסקומען אין אייערע אויגען צו זיין א פערדיענ־טער.

— וועל איך דען איבערהויפט קאנען אורטהיילען, ווען איך וועל ציטערען? נור ווען איהר וואלט מיר געגעבען אי־בערצולייענען דאס גאנצע, וואלט איך געקאנט קלאהר ווערען וועגען דעם, צו איך האלט עס פאר שעהן. דערצעהלט מיר כאטש וועגען דער ווייטערער האנדלונג פון דער דראמא.

— גארניט וועל איך אייך דערצעהלען, גרעפין. איך האב מיך צו לאנג געפרעהט מיט דעם געדאנק פארצובריינגען פאר אייערע אויגען די גאנצע זאך א לעבעדיגע, א פארטיגע. פאר אייך אליין וועט עס פארגעשטעלט ווערען, פאר דעם איבע־ריגען עולם קימערט מיך ניט, ער וועט פאר מיר גארניט עק־זיסטירען.

דאן האבען זיי גערעדט פון דער גרויסער פאסירונג פון רו־דאלף'ס אויפגעבען פון זיין פערמעגען. עס האט סילוויא'ן וואויל געטהאן צו הערען ווי גרויס הוגא האט אויפגעפאסט די געשעהעניש, מיט וואס פאר א ווייטען בליק ער האט אריינ־געקוקט אין די אויסגעוועהלטע וועגען און ציעלען פון איהר ברודער.

— מיך רופט איהר דיכטער, גרעפין — האט ער געזאגט — נו, יא, מיט געשריבענע בילדער און ווערטער דיכטע איך,

אבער רודאלף דיכטעט מיט האנדלונגען, מיט מוטהיגע טהאטען, וואס גליהען מיט בעגייסטערונג... דאס, וואס ער האט אונ־טערנומען, קען ווערען די בעגייסטערענדסטע פאעמא.

אזוי האבען זיי גערעדט א לאנגע צייט איבער אלערליי זאכען. אבער עטוואס ניט אויסגערעדטעס איז געבליבען צווי־שען זיי, עטוואס, וועגען וואס זיי האבען ביידע געטראכט, און וועגען וואס יעדער האט געוואוסט, אז דאס פארנעהמט דעם אויבען־אן. עס האט געציטערט אין זייערע שטימען, עס האט אויפגעבליצט אין זייערע אויגען, עס האט נאכגעקלונגען אין זייער שוויגען, ווען די אונטערהאלטונג האט זיך מאנכעס מאל אבגעשטעלט.

אט אין איינע פון די אונטערברעכונגען האט עס פאסירט. אז זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, און אזוי ווי קושענ־דיג זיך, זיינען זיי געבליבען געציעלעוועט איינע אויף די אנדע־רע. ער איז געווען גליקליך צו זעהען זי אזוי שעהן, און אויך זי האט עס געפיהלט ווי פרייד צו זעהן, ווי זיין אויסזעהן פאסט זיך אזוי הארמאניש צו זיין קינסטלער־נשמה: אן איידעלער פנים, לייכטענדע אויגען, און דערביי דורך און דורך א וועלט־מענש אין טאן, אין קליידונג, אין יעדער בעוועגונג. אזא מענ־שען צו ליעבען, דאס איז זיכער געווען עטוואס, וואס מען האט געקאנט ענטשולדיגען. זי איז געווען שטאלץ אויף איהם און שטאלץ אויף זיך, דאס איהר הארץ האט זי אוועקגעשענקט צו איינעם, וואס איז איהר ווערטה.

נאך א קליינע שטונדע, וועלכע איז פאר זיי אזוי שנעל אוועק, האט ער געמוזט אוועקגעהן. דער דירעקטאר האט איהם ערוואַרטעט.

— ווען קען איך ווידער קומען?

— מארגען, ארום די זעלבע צייט.

דאס זעגענען זיך איז געווען א לאנגער און א פעסטער. שטום האבען זיי געזאגט איינער צום אנדערען דורך זייערע ווארימע ציטערענדע הענד:

— טהייערע, אויף ווידערזעהן! — אויף ווידערזעהן, ליע־בער!

איין און צוואנציגסטער קאפּיטעל.

עס איז ערשיענען רודאָלף'ס אַנקלאַגע־שריפט, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען: „דער פערברעכען פון דער קולטור־מענשהייט“. באַלד נאָך דעם האָט ער אַרויסגעגעבען אַ צווייטע שריפט, זאָ־צו־זאָגען, אַ טרייסט־שריפט, וועלכע ער האָט אָנגערופען: „דאָס גליק פון דער מענשליכער קולטור“.

אין דער ערשטער שריפט האָט ער אויסגעגאָסען זיין גאַנצען צאָרן אויף די היפּאָקריטסטווא, די נאַרישקייט און די גרויזאַמקייטען, וועלכע זיינען דער פונדאַמענט פון דער כלמרשט'־דיגער קולטור. אין דער צווייטער האָט ער געלאָזען פרייען שפּיעל פאַר זיין פאַנטאַזיע און פאַר זיין בעגייסטערונג, און ער האָט געשילדערט, ווי דאָס לעבען אויף דער ערד וואָלט געקאָנט זיין, ווען האַנד אין האַנד מיט דער וואונדערבאַרער טעכנישער קולטור, וואָס דער מענש האָט ענטוויקעלט, וואָלט אויך געגאַנגען די מאָראַל־קולטור: דאָס מיינט, ווען אַלע געזעלשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען וואָלטען רעגולירט געוואָרען פון דער ליעבע צום אמת, פון שכל און גוטסקייט. מיט אַ כון האָט ערביידע געזיכטס־פּונקטען, ווי ער האָט געזעהן די וועלט און ווי ער האָט איהר געוואָלט זעהען, ניט פעראייניגט אין איין ווערק, נאָר צושיידט, אום צו קאָנען אַרויסרופען צאָרן און בעגייסטערונג מיט דעם גלייכען פייער, און ניט איינס דערשטיקט, געמילדערט דורך דאָס צווייטע.

דער פּועל יוצא פון דער פערעפענטליכונג פון די ביכער איז געווען, דאָס זיי זיינען כמעט ווי ניט געליענט געוואָרען. ניט אימיצער האָט געהערט זיין ביטערע אַנקלאַגע, און ניט אימיצער איז געטרייסט געוואָרען פון דער בעגייסטערונג, מיט וועלכער ער האָט געשילדערט די צוקונפט. איינינע צייר־

טונגען האבען אפילו יא געהאט קורצע בעמערקונגען; פון די קרייזען פון זיינע בעקאנטע האט ער יע ערהאלטען איינינע בריעף, סיי פול מיט לויב, און סיי פול פארווירפע. פון איי־ניגע אונבעקאנטע האט ער זאגאר ערהאלטען בריעף, פול מיט גראבע זידלעריי, אבער א רעוואלוציאן האבען די דאזיגע שריפטען ניט ארויסגערופען, אפילו ניט קיין גרויסען טומעל. דאס איז ווידער געוועזן א פאל פון א פינגערהוט פולווער פאר די אויפרייסונג פון א גאנצע קייט פון גרויסע בערג.

אבער רודאלף האט גארניט ערווארטעט עפעס אנדערעס. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, דאס א קליין ביכעל, קומענדיג פון א גיט בעריהמטער פעדער, קאן די וועלט ניט אויפרודערען. דער צוועק פון די בראשורען איז געווען אויך אן אנדערער. רודאלף האט געוואלט אראבריידען זיך פון הארצען דאס פראגראם, וואס זאל זיין דער גרונד־שטיין פון זיין ווייטערער ארבייט. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס וואס ער האט זיך פארגענומען, מוז נעהמען לאנגע יאהרען פון קאמפף, כדי ווי־עס־איז דורכברעכען די טויבע וואנד, נור דערווייל האט ער אין דיביידע ביכלעך פאר זיך אליין קלאהר געמאכט דעם פלאן פון זיין ווייטערער טהעטיגקייט. ער האט אהין אריינגע־לעגט אלעס דאס, וואס ער האט דורכגעפיהלט און דורכ־געטראכט צו פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע גע־מיטה־צושטענדע. פון איין זייט האט ער דארט אויסגעדריקט זיין טיעפען צארן איבער די פערשיעדענע געמיינהייטען און פאלש־קייט פון לעבען, און פון דער אנדערער זייט האט ער אויס־געדריקט זיין בעגריף פון דער צוקונפט און אויך אנגעוויזען אויף פערשיעדענע ערשיינונגען אין לעבען, וועלכע זאגען אן אט די שעהנע צוקונפט. ער האט אבער פאר זיך אליין געמוזט מודה זיין, אז זיינע אויספיהרונגען, ווי זיי זיינען ארויסגע־קומען אויפ'ן פאפיער, איז געווען בלויז א בלאסער ווידער־קול פון זיינע שטארקע געפיהלען און געדאנקען־בליצען, וואס פלעגען ביי איהם פארקומען, איבערהויפט ביינאכט, ווען ער האט זיך געפונען אין א האלב־דרעמלענדיגען צושטאנד, אין א צושטאנד צווישען וואכען און טרוימען. דאס — האט ער זיך

געטרייסט — קומט פון דעם, וואס צום שרייבען האט מען נאר ווערטער, וועלכע זיינען שוין פון לאנג אויסגעשמידט געוואַרען, און וועלכע דריקען נאר אויס אלטע בעגריפען. די געדאנקען אָבער, געשטיצט פון דעם געפיהל, אַרבייטען מיט דעם, וואס איינער זעהט פאראויס, מיט דעם, נאך וואס איינער שטרעבט מיט זיין גאנצער נשמה, מיט אן אינערליכע נייעגעקענטניס פון זאכען, פאר וועלכע עס זיינען נאך ניט אויסגעשמידט די ווערטער. „ווען איך דענק", — האט ער איינמאל ערקלעהרט אין א געשפרעך מיט גראף קאלנאס — „בעוועגט זיך מיין גייסט מיט פליעגלען, און ווען איך שרייב, בעוועגט ער זיך אין קאלאשען".

צווישען די בריעף וועלכע ער האט ערהאלטען, אלס אן ענטפער אויף זיינע צוויי שריפטען, איז אויך געווען איינער, געשריבען פון א פרויען־האנד און אָהן אן אונטערשריפט. עס זיינען געווען בלויז איניגע צייליען:

„אייערע צוויי שריפטען, וועמעס נעמען עס זיינען פאר מיר צו לאנג — איך רוף זיי: „דער גיהנום און גן עדן"—האבען מיך טיעף גערירט, און איך מוז עס אייך זאגען. און כאטש איהר ווייסט ניט, ווער דאס שרייבט צו אייך, דאך וועט עס אייך געוויס זעהר אנגענעהם זיין זיך צו דערוויסען, דאס אייערע ווערטער האבען געבראכט אין די טיעפסטע בעוועגונג א שוועסטער־נשמה, די פיהלענדע נשמה פון א יונגער פרוי. איך בריגענס שרייב איך אייך ניט, אום אייך צו מאכען פיהלען אנגענעהם, נור אום צו בעפריעדיגען מיין אייגענעם הייסען וואונש אייך צו זאגען, דאס מיין הארץ איז פול מיט הינגעבענדער בעוואונדערונג פאר אייך. צו האבען דאס אנגעשריבען און זיך פארצושטעלען, דאס איהר וועט דאס לייענען, דאס אליין מאכט מיך שוין פיהלען גליקליך".

רודאלף איז ניט געווען טויב צו דעם ווארימען טאָן, וועלכער האט זיך געטראגען פון דעם בריעף. אָבער נאכדעם, ווי ער האט דעם בריעף אבגערוקט אן א זייט און גענומען זיך לייענען די אנדערע זאכען וואס זיינען אנגעקומען מיט דער זעלבער פאסט, האט ער אַן דעם בריוועל באלד פערגעסען.

וואס עס האט איהם געמאכט מעהר דענקען, איז געווען אן אפיציעלער שרייבען פון דעם קריעגס־מיניסטער, וועלכער האט איהם גערופען צו קומען אין דעם מיניסטער'ס אפיס פאר דעם נעקסטען פארמיטאג, אום צעהן א זייגער.

ער האט זיך פארגעשטעלט גאנץ גוט, וואס דאס מיינט. דער גאנג איז איהם געווען א העכסט אונאנגענעהמער, אבער א מוז־זאך, און מארגען, צו דער בעשטימטער שטונדע, איז ער גע־ווען אויף דעם בעשטימטען פלאץ.

דער קריעגס־מיניסטער איז געווען א פעטער פון פיער־טען גראד פון זיין פערשטארבענעם פאטער, און אפט האט ער זיך מיט איהם געטראפען אין פערשיעדענע געזעלשאפטס־קרייזען, און איין מאל איז ער געווען א גאסט צו א יאגד אין ברונהאף. אבער דאס מאל דארף ער פארקומען פאר דעם פע־טער זיינעם, ניט אלס א קרוב, ניט אלס געזעלשאפטער, נור אלס אבער־לייטענאנט פון דעם רעזערווי, וועלכער דארף אבגעבען דין וחשבון זיין נאטשאלניק.

דער מיניסטער איז געווען אליין אין זיין קאבינעט, ווען רודאלף, אנגעמאלדען פון אן ארדנאנץ־אפיצער, איז אריין אהין.

דער אלטער הערר, וועמעס פנים איז אימער געווען אזא קריעגערישער, האט איצט אנגענומען א גאר בעזונדערס שטרענ־גען אויסדרוק און מיט א כריפענדער שטימע האט ער אויס־גערופען:

— אה, הערר אבער־לייטענאנט דאצקי, קומט נור אהער.

רודאלף, וועלכער איז געבליבען שטעהן אויף א געוויסער ווייטקייט פון מיניסטער, בעגריסענדיג איהם מיליטעריש, איז צוגעגאנגען נעהענטער. די ערשטע פאר ווערטער האבען גע־צייגט, אז עס קלייבט זיך א שטורם איבער זיין קאפ. אויסערען דיענסט זיינען די ביידע מענער געווען אויף „דו". און דאס, וואס ער האט איהם איצט געזאגט „איהר", האט געווינען, אז ער וויל מיט איהם ריידען, ווי מיט איינעם, וואס איז אונטער איהם.

— זאגט נור — האט זיך אבגערופען דער קריעגס־מיניכטער,

נעהמענדיג פון טיש צוויי געלע ביכלעך, וועלכע רודאלף האט געקאנט גאנץ גוט — זאגט נור, האט איהר עס געשריבען אט די צוויי נארישקייטען?

ער האט געהאלטען דיביידע ביכלעך אין דער הויך, מיט זיינע ביידע ציטערענדע הענד.

— יא, עקסעלענץ. איך האב זיך דאך אונטערגעשריבען אונטער די ביידע ביכלעך.

— אבער איהר, אונגליקס מענש, ווייסט איהר אויך, וואס עס מוז איצט פאסירען?

— איך קען עס מיר אונגעפעהר פארשטעלען. איך וועל מוזען ארויסגעהן פון דער ארמעע.

— און אזא שאנדע — איבער דעם רעדט איהר אזוי גלייכ־גילטיג!

— איך האב פאר דאס רעכט צו זאגען, וואס איך וויל, שוין בעצאהלט ביז איצט א זעהר הויכען פרייז, האבענדיג זיך אבגעזאגט פון מיין ירושה. און אז איך האב דאס אויפגע־געבען, וועל איך שוין קאנען, מסתמא, אויך פון דאס צווייטע זיך שיידען. אלס א שאנדע פיהל איך ניט די פרייהייט. איך וועל פערלירען א געוויסען טשין, וועלכער צווינגט מיך אנטהייל צו נעהמען אין זאכען, וועלכע איך פערדאם. עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז איך זאל דעם טשין פערליערען, אבער איך שעהם זיך ניט דערמיט. וואלט עס געווען מעגליך פאר מיר איינפאך צו מעלדען וועגען מיין ארויסטריט פון דער ארמעע, וואלט איך עס געווים געטהאן, אבער אזוי ווי דאס געהט ניט, איז —

— אבער, דאצקי, ביזטו דען ווירקליך משוגע? — האט איהם דער קריעגס־מיניסטער אונטערבראכען, ארייגפאלענדיג אין דעם אמאליגען „דו“, — איז די געשיכטע פון דיין ענט־זאגען זיך פון דיין גאנצען פערמעגען ווירקליך אמת? איך האב עס ניט געוואלט גלויבען.

— יא, איך וויל זיין פריי, ניט געבונדען.

— דאס איז דאך אבער קיינער ניט אויף דער גאנצער וועלט, יעדער איז געבונדען פון פליכטען, אנגעפאנגען פון

קריגס־הערר, פון וועמעס פליכט־געטריישאפט יעדער דארף זיך נעהמען א ביישפיעל.

— געוויס, אבער אויך איך האב געהאנדעלט אין דעם בע־וואוסטזיין פון פליכט.

— און וואס ווילסטו דען, אום גאטעס ווילען, אויספיהרען מיט אזעלכע רעוואלוציאנערע ביכלאך? איך האב מיינע אוי־גען ניט געגלויבט, ווען איך האב זיי דורכגעבלעטערט.

— איך בין ניט קיין רעוואלוציאנער. איך זאג נור דאס, וואס איז שלעכט איצט, און וואס עס וואלט געקאנט גוט ווע־רען אין דער צוקונפט. איך זאג אבער ניט, אז דער וועג פון דאס אלטע שלעכטע צו דאס נייע גוטע איז די רעוואלוציע. פון געוואלט וויל איך ניט הערען, ניט פון דער געוואלט פון אויבען, און ניט פון דער געוואלט פון אונטען. עס איז ניטא קיין שורה אין דיעזע ביכלאך, וועלכע רייצט איינעם אויף צו געוואלט.

— און איך זאג דיר, אז עס איז ניטא קיין שורה אין די ביכלאך, אנגעפאנגען פון דעם נאמען, וועלכע בעדייטעט ניט אויפשטאנד און רעבעליאן. „פערברעכען דער קולטור־מענש־הייט“. מיין אמט איז אויך א שטיק פון אונזערע קולטור־איינריכטונגען... בין איך א פערברעכער?... קורץ, איהר האט זיך געמאכט אונמעגליך. איך האב אייך געהאלטען פאר פיעל קליגער. ווייסט איהר דען ניט, אז א סאלדאט טאר ניט עפענטליך קריטיקירען אזעלכע זאכען, ווי די געזעלשאפט, אדער די מיליטער גופא?

— ווער, אלזא, מעג יא קריטיקירען — ווי באלד יעדער, דורך די אלגעמיינע מיליטער פליכט, איז א סאלדאט — נור פרויען, קינדער, זקנים און קאליקעס? און דערביי פלוידערט מען נאך וועגען פרייהייט! —

— דו האסט שרעקליך־משוגענע געדאנקען. אבער שלים־ליך — איך וויל טראכטען וואס מען קען דא מאכען. אין דער לעצטער אינסטאנץ הענגט עס דאך פון מיר אפ. ווען דו קענסט ווירקליך בעווייזען, אז דו האסט ניט געשריבען דירעקט אזעל־

כעם בעלײדיגענדעס און ניט אזעלכעס, וואס זאל אויפמונטערען אײנעם צום אויפשטאנד, און אויך אין צוקונפט —

— אויך אין דער צוקונפט וועל איך ניט אויפרייצען צו גע־וואלט, אדער אויפהעצען צום האס. די בײדע זאכען זײנען דאך גראדע דאס, וואס איך בעקעמפף.

— בעסער האלט זיך גאנץ שטיל אין דער צוקונפט.

— ווען דאס זאל זײן די בעדינגונג פון אײער גוטסקײט צו מיר, עקסעלענץ, דאן בעט איך אײך בעסער זײט שוין שטרענג מיט מיר, ווײל איך קען מיך ניט פערפליכטען צו שווײגען.

— נו, מיר וועלען זעהן, ווי דו וועסט זיך ווײטער אויפ־פיהרען. דערווײל בעטראכט זיך אלס אײנער, וואס איז גע־ווארענט געווארען, הערר אבער־לײטענאנט גראף דאצקי.

און מיט די ווערטער האט רודאלף פערלאזען דעם מי־ניסטער. זײן שטימונג איז דאן געווען א זעהר ביטערע און א געדריקטע. ער האט געפיהלט, ווי קוילען וואלטען געווען צוגעשמידט צו זײנע פיס און קויטען אויף די הענד. די גאנצע קריעגס־געבײדע, דורך וועלכער ער איז איצט געגאנגען, מיט איהרע אונבעפוצטע זאאלען, ברײטע קארידארען, טרעפען, איבער וועלכע מענשען זײנען געלאפען ארויף און אראב, האט אויף איהם געמאכט דעם אײנדרוק פון א געפענגעניס. און פאר דעם טויער די שווארץ־געלע באריערע, די שילד־הײזעל, די סאלדאטען, וועלכע זײנען געזעסען בײם טויער אויף א באנק — דאס אלעס, וואס ער האט אזוי אפט געזעהן, האט איהם הײנט אויסגעזעהען גאנץ אנדערש... עס האט איהם געווארענט, אז דאס וואס עקזיסטירט, שטעהט פעסט, דאס עס איז פול מיט לעבען, און דאס די פערזוכען דאס אומצוּוואר־פען, מוזען צובראכען ווערען, ווי דער שוים פון א כוואליע, ווען עס ווארפט זיך אויף דעם פעלז אין ים.

און ווען ער איז שוין אין גאנצען ארויס פון דער געבײדע און האט געזעהן דעם פלאץ „בײן הויף“ פאר זיך, איז אויך די אלטע בעקאנטע סצענעריע ערשיענען פאר איהם אין א גאנץ אנדער ליכט. די גאנצע נאכט האט גערעגענט. דער פלאסטער האט געבליצט אין דער שווארצער נאסקײט, און עס האט נאך

אַלץ געדענגט. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך דורכ־געבראָכען אַ זונען־שטראַהל דורך די וואָלקענס און האָט זיך געשפּיעלט אַרום דעם קאָפּ פון דעם ראַדעצקי־מאָנומענט. דער אַלטער פעלדמאַרשאַל זיצט אויפ'ן פערד מיט'ן רוקען צו דער קריעגס־געביידע און מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנד זעהט ער אויס, ווי ער וואָלט געבענשט אַלע מאַרק־ציצערקעס. וואָס פערקויפען דאָ יעדען פריהמאָרגען אַלערליי פרוכטען. אויף דער אַנדערער זייט פון פּלאַץ, אַנטקעגען דער קריעגס־געביידע, שטעהט אַן אַנדער פּאַלאַץ, אויך אַזא האַרטער פעלז, אַן וועלכען גאָר פיעלע כוואַליעס ווערען צוקלאַפּט.

עס איז געווען אַ ליאַרעם, אַ טומעל. פאַר אַלע סטענדס די זיך קריגענדע און שרייענדע קעכינס מיט זייערע איינקויף־קערב, אויף דער גאַס דאָס רוישען און קלאַפּען פון די וועגענער, אָמני־בוסען, פיאַקערס, און אויך — פון אַלע אַנדערע פוהרען די יאָמער־פּולסטע — אַ קעלבער־וואָגען; מענשען האָבען זיך גע־יאָגט אַהין און אַהער, האָבען געשטויסען איינער דעם אַנדערען מיט זייערע רעגען־שירעמס — דאָס גאַנצע האָט שרעק־ליך אָנגעגריפען רודאָלפ'ס שוין אַזוי אויך געשפּאַנטע נערווען. עס איז אויף איהם אָנגעקומען יענער געפיהל, וועלכער דריקט זיך אויס און מאַכט זיך לופט דורך אַ זיפץ: אַך, טוידט זיין!... און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיינע טוידטע, די ליעבליכע בעאַטריסע, וועלכע איז אַזוי יונג אָבגעריסען גע־וואָרען פון דער הויכקייט פון לעבען און אַריינגעשליידערט גע־וואָרען אין דעם פינסטערען קבר... און זיין אָרימער פריץ! וואָס וואָלט ער געגעבען איצט, ווען ער וואָלט זיי ביידע געהאַט... אונפערגעסענע טרעהרען האָבען איהם פערשטיקט די האַלז.

ווען ער איז אָבער געקומען צוריק אַהיים און צוגעקומען צום שרייב־טיש, וואו עס זיינען געלעגען די נייע בלעטער און בריעף, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אוועק, איז זיין אומעדיגקייט באַלד פערשוואונדען. די זאָרגען וועגען זיין אייגענעם לעבען האָבען געמוזט פערשווינ־דען אין אַנגעזיכט פון דער גרויסער זאַך, צו וועלכער ער האָט

זיין לעבען איצט אָבגעגעבען. די בריעף, וועלכע זיינען אָנגעקור־מען מיט דער לעצטער פּאָסט, האָבען פיעל בייגעטראָגען דערצו, אז עס זאָל פערשווינדען זיין פינסטערע שטימונג, וועלכע איז איהם בעפאַלען, פערלאָזענדיג דעם קריעגס־מיניסטעריום. דאָרט איז ער געווען אין אַ וועלט, וואו אַלעם איז פערשטיינערט, וואו אַלעם זעהט אויס, ווי איינגעקרעמפּט אין אייזערנע רייפען, אז עס דאַכט זיך, אז עס איז גאָר אונמעגליך איהר פון אָרט אַ ריהר צו טהאָן ; און די בריעף דוקא האָבען דערצעהלט פון אַ וועלט, וואָס לאָזט זיך בויגען און אויסציהען. די בריעף האָבען ענט־האַלטען סיגנאַלען פון מיט־קעמפּפענדע, מיט־האָפענדע און מיט־שטרייטענדע. איהם האָט זיך געדאַכט, ווי אַלע וואָלטען איהם צו־גערופען : נור מוטה, נור אויסהאַלטען — מיר זעהען שוין די געליבטע שטאָדט, מיר טרייסלען שוין איהרע טויערען — העלף מיט !

צוויי און צוואנציגסטער קאפיטעל.

אויף מאָרגען — ווי דאָס איז איהם ערלויבט געוואָרען — און אויך איבערמאָרגען איז ברעסער ווידער געקומען.

כמעט קיינמאָל האָט ער ניט געטראָפען סילוויא'ן גאנץ אליין. אָבער אפילו דאן, ווען עס זיינען געווען א דוצען מענשען אנוועזענד, וואָס האָט זיי געצוואונגען צו בלייבען ווייט איינס פון אנדערען, דאָך האָבען דיביידע ליעבענדע עס פערשטאנען, ווי צו האלטען זיך נאָהענט איינער צום אנדערען דורך געוויסע ווערטער, וועלכע האָבען נאָר פאר זיי געהאט א געוויסע בעדייטונג, דורך שטום־בליקען, אָדער דורך די בעריהרונג פון גלייכע געדאנקען און ווינשע. דוקא, ווען זיי זיינען געבליבען גאנץ אליין, אויג אויף אויג, דוקא דאן האָבען זיי זיך געפיהלט דערווייטערט איינער פון אנדערען, ווייל דאן איז זיי בעפאלען א מאָדנע אנגסט, און אום זי צו פערטרייבען, האָבען זיי גערעדט מיט געצוואונגענער קאלטקייט פון גלייכגילטיגע זאכען, פונקט ווי קינדער, וואָס האָבען מורא פאר דער פינסטערניס, הויבען אָן הויך צו זינגען, מיינענדיג דערביי צו פערטרייבען די געשפענסטער.

הוגאָ ברעסער האָט אָבער געוואוסט, אז ער ווערט געליעבט און אָט דער בעוואוסטזיין האָט איהם אָנגעפילט מיט אזא אלעס איבערוועלטיגענדען גליק, דאָס ער האָט ניט געוואגט צו דערשרעקען די געליעבטע פרוי דורך א צו שטורמדיגען פערלאנגען. דערצו האָט אויך די ליידענשאפט פאר סילוויא גראדע איצט ניט אין גאנצען בעהערשט זיין נשמה. די פראָבען מיט זיין פיעסע זיינען אָנגעגאנגען זייער געוועהנליכען גאנג, און דאָס אליין האָט איהם געהאלטען אין א שטענדיגער פיבערישער אויפרעגונג. פון דעם שיקזאל פון גראדע דער פיעסע, אין וועלכער

ער האָט זיין סאַמע בעסטעס אריינגעלעגט, איז אָבגעהאַנגען זעהר פיעל פאר איהם. צו דער פראגע וועגען דעם ערפאָלג אָדער דורכפאַל פון דער פיעסע אין אזא פלאַץ, ווי דאָס איז געווען דער וויענער בורג־טהעאַטער, איז נאָך געשטאַנען פיעל מעהר אין קאָן: זיין גאַנצער זעלבסט־פערטרויען. דען וואָלט די פיעסע דורכגעפאַלען, וואָלט ער געמוזט פערצווייפלען אין זיין גאַנצען טאַלאַנט; און, פערקעהרט, זאָל זי געפעלען ווערען, דאן איז ער זיכער מיט זיין ווייטערען שטייגען. אָבער דער סאַמע אויפ־רעגענדער מאָטיוו איז געווען אָט וועלכער, צי ער זאָל פאר איהר קאָנען שטעהן אלס גרויסער בעריהמטער קינסטלער, אָדער אלס דורכגעפאַלענער פערפאַסער; צי ער זאָל איהר קאָנען הינרייי־סען צו א פלאַמענדער בעוואונדערונג פאר איהם און זיין טאַ־לאַנט, אָדער צי זאָל ער קאָנען נאָר מיטלייד ארויסרופען אין איהר דורך זיין אונגליקליכען דורכפאַל... ער האָט דארום ניט פערפעהלט קיין אבענד צו זיין ביי קיין איינציגער פּראָבע, און ער האָט געגען זיך זעלבסט אָנגעווענדעט די שטרענגסטע קריטיק. פיעלעס האָט איהם אויסגעזעהן בלאַס און אָהן פייער, און אין פערלויף פון די פּראָבען האָט ער געמאַכט פערשיעדענע ענדערונ־גען. ביי טאָג און ביי נאַכט האָט ער נאָר ארומגעפיילט אין געדאַנק זיין פיעסע.

סילוויא אָבער, וועלכע האָט ניט געהאַט אין איהר לעבען עטוואָס אנדערעס, וואָס זאָל איהר אָבווענדען פון איהרע נייע געפיהלען, איז מיט איהר גאַנצער נשמה געווען אינ׳ם כשוף פון דער נייער, טעגליך גרעסער־ווערענדער ליידענשאַפט. זי האָט זיך דאָס וועניגער געוועהרט געגען די איהר פערשכור׳ענדע ליידענ־שאַפט, ווייל הונא׳ס צוריקגעהאַלטענקייט האָט איהר איינגע־וויעגט אין זיכערקייט. „אין ריינקייט דורכגעהן דאָס לעבען", ביי דעם בעשלוס האָט זי געוואוסט דארף זי זיך האַלטען, אָבער דאָס איז איהר געווען לייכט אויסצופיהרען, און עס איז קיין סכנה ניט געווען, אז זי זאָל ווערען אונגעטריי איהר בעשלוס, ווייל דער דיכטער אליין — דאָס איז דאן קלאָר געווען — האָט ניט אריינגעטראָגען קיין פראָסטען בעגעהר אין זיין גרויסער ליעבע, אויך ער האָט געליעבט אין „ריינקייט".

— סילוויא, איך וואָלט געוואָלט מיט דיר אַן ערנסט וואָרט רעדען — מיט די ווערטער איז דעלניצקי אַ געוויסען טאָג אריין אין סילוויא'ס צימער. אין דעם מאָמענט איז זי געווען גראדע פערטיעפט אין אַ באַנד גדריכטע פון ברעסער.

זי האָט ארויפגעקוקט צו איהם גאַנץ איבערראשט. די בעציהונג צווישע זיי איז די לעצטע צייט געווען אַ גאַנץ פאָר־מעלע; זיי האָבען נאָר גערעדט איינער מיט דעם אנדערען, ווען זייטיגע מענשען זיינען געווען דערביי. אונטער פיער אויגען זייגען זיי געבליבען פרעמדע, וואָס האָבען גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגען איינער צום אנדערען. און אַם וועניגסטענס האָבען זיי ניט געהאַט קיין „ערנסטעס“, איבער וואָס צו רעדען.

זי האָט אוועקגעלעגט דאָס בוך, און געפרעגט:

— וועגען וואָס?

אנטאָן האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טישעל און האָט אריינ־געקוקט אין דאָס אוועקגעלעגטע בוך.

— אהא, עס שטימט — האָט ער געברומט.

— וואָס שטימט?

— דאָס בוך מיט די נאַרישקייטען, וואָס דו בעגעהסט.

— איך פערשטעה ניט.

— דו לאָזט זיך אָט פון דעם שרייבערעל מאַכען ליעבעס־ערקלערונגען — די גאַנצע שטאָדט רעדט שוין פון דעם, און וואו האלט עס מיט מיר?

— ווי האלט עס מיט דיר? ענטשולדיג, דאָס ווייס דאָך אָבער שוין זייט אַ לאַנגע צייט צוריק די גאַנצע שטאָדט. פאַר איהר איז עס קיין סוד ניט, דאָס דו —

— דאָס איז עטוואָס גאַנץ אנדערש — האָט ער איהר ניט געלאָזען אויסרעדען — ווען מען פּלוידערט וועגען מיר, האָט עס ניט די מינדעסטע בעדייטונג — איך בין אַ מאַן. אָבער איך קאָן עס ניט דערלאָזען, דאָס מיין פרוי זאָל געבען אירגענד וועלכען גרונד, אז מען זאָל רעדען שלעכטס וועגען איהר, און איך פערבאָט עס דיר איינפאַך —

איצט איז סילוויא אויפגעשפרונגען.

— דו מיר? דערצו האָסטו פערלאָרען אירגענד וועלכע רעכט. איך האָב מיר גאָרניט פאָרצוואוואָרפען, און איך וועל דיר ניט לאָזען מיר עטוואָס צו בעפעהלען.

— נו, נו, רעג זיך אזוי ניט אויף. דאָס דו האָסט זיך ניט וואָס פאָרצוואוואָרפען, דאָס גלויב איך דיר. איך קען דיך, אלס צו גוט ערצויגען, אז דו — און בעזונדערס נאָך מיט אזא — זאָלסט זיך אָבגעבען. אָבער דו קאָמפּראָמעטירסט זיך און דערמיט אויך מיך... א גוטער פריינד האָט עס מיר דערצעהלט — און איך דענק, אז עס איז גענוג נאָר דיר אויפמערקזאַם צו מאַכען, אז לייט רעדען... דו וועסט שוין דאן אליין מאַכען א סוף דערצו, און וועסט מיר דאַנקבאַר זיין, וואָס איך האָב דיר געוואָרענט אין צייט... ווייל וואָס קאָן א פרוי נאָך טייערער זיין, ווי איהר גוטער נאָמען? עס איז שוין סקאַנדאַל גענוג אין דער פאַמיליע, וואָס רודאָלף טהוט אזעלכע נאַרישקייטען, און ער פערגעסט גאָר אין גאַנצען, וואָס ער איז שולדיג זיין —

— קיין וואָרט מעהר איבער מיין ברודער! — האָט סיל־וויא אויסגעשריען, פול צאָרן.

— ווען איך זאָל אפילו קיין וואָרט ניט רעדען, איז דאָס אָבער א קנאַפּע פּעולה. די גאַנצע איבעריגע וועלט וועסטו די מויל ניט צומאַכען. מען בעדויערט די אָרעמע באַראָנעסע טיללינג, ווען איהר זוהן מאַכט אזוי וועניג עהרע — טו זאָל דאָך וועניגסטענס די טאָכטער... קורץ — ער האָט זיך אויפ־געהויבען — דו פערשטעהסט מיך שוין, די גאַנצע געשיכטע איז זעהר אונאַנגענעהמע, לאָמיר מעהר ניט רעדען וועגען דעם... איינפאַך. פערביעט דעם פּרייסישען ציגיינער צו קומען צו דיר.

בלייך און ציטערענדיג איז סילוויא געשטאַנען. זי האָט ניט געקאָנט ארויסברענגען א וואָרט. ער האָט אָנגענומען א געמיטליכען טאָן:

— דו דאַרפסט זיך ניט ערגערען, די גאַנצע געשיכטע איז באַלד פערגעסען — און ער איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

זי האָט איהם נאָכגעבליקט נאָך אלץ שטום . די קליאַמקע אין דער האנד, האָט ער אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, און געזאָגט :

— אלזאָ איז עס בעשלאָסען ? דו ענטפּערסט מיר גאָר־ניט ? איז מיר אויך רעכט... אַה, אָט קומט די מאַמאַ, קושען די האנד, קומסט גראדע אין צייט, סילוויא איז א ביסעל אויפגע־רעגט, ווייל איך האָב איהר געגעבען א גוטע עצה. זי וועט עס דיר שוין אליין דערצעהלען... אזוי ווייט, ווי איך קען דיך, וועסטו האַלטען מיט מיר. איך לאָז אייך איבער אליין. אדיע.

מארטהא איז דערשראָקען געוואָרען פון דעם אויסדרוק פון איהר טאָכטערס פּנים. עס איז דאָרט געווען עטוואָס, וואָס זי האָט קיינמאָל פריהער ניט געזעהן. די אויגען האָבען געפינ־קעלט אונהיימליך, און די ליפּען האָבען געציטערט, ווי אין א פערהאַלטענעם צאָרן. זי איז געבליבען גאַנץ אונבעוועגליך. מארטהא איז צו איהר צוגעגאנגען און ארויפגעלעגט איהר די האנד אויפ׳ן אקסעל.

— וואָס איז געשעהן ? האָט איהר זיך געקריעגט וועגען פריילין אירמאַ ?

— ניין, וועגען הוגאָ ברעסער.

— אַך, אזוי — האָט מארטהא געזאָגט, ציהענדיג די ווערטער. זי האָט זיך אוועקגעזעצט. — און טאַטי האָט געזאָגט, אז איך וועל האַלטען מיט איהם... איך בין זיך מודה, סילוויא, דאָס אויך איך האָב היינט געהאט בדעה צו רעדען מיט דיר וועגען דעם.

סילוויא האָט נאָך אלץ ניט געקאָנט אָבציהען דעם אָטהעם, און דאָס ציטערען פון איהרע ליפּען האָט נאָך אלץ ניט אויפ־געהערט. איצט האָט זי זיך אוועקגעזעצט אין א פאָטעל, אנט־קעגען דער מוטער, און האָט געזאָגט :

— לאָמיך הערען.

— פריהער וואָלט איך געוואָלט וויסען, וואָס איז פאָר־געקומען צווישען דיר און דיין מאַן, און צוליעב וואָס. דו האָסט דאָך זיך מיט גאָרניט ניט פערשולדיגט, ניין ? וואָרום ביזטו אזוי צוטראָגען ?

— ווייל איך בין עמפערט, עמפערט, פערשטעהסט ? דער מענש, וועלכער בעטריגט מיך שוין פון יאהרען לאנג, ניין, ער בעטריגט מיך זאגאר ניט, נאר גראדע מיר אין פנים ברעכט ער זיין טרייהייט, דער אונטערשטעלט זיך מיר צו בעפעהלען, אז איך זאל זיך ניט קאמפראמעטירען — זיין עהרע הענגט אלזא אב ניט פון איהם, נאר פון דעם, וואס איך טהו אדער טהו ניט.

— דאס איז שוין אבער אזוי, ליעבעס קינד. די עבירות פון דעם מאן גיבען ניט דער פרוי דאס רעכט צו שטעלען אין קאן איהר אייגענעם נאמען... ווען עס זאל הייסען אין דער וועלט, אז דער יונגער ברעסער —

— אין דער וועלט, אין דער וועלט ! דאס איז דאך ניט דאס העכסטע „די וועלט", אין וועלכער עס הייסט — דיעזע נארישע, ווידערשפרוכפולע, אונגערעכטע וועלט, אין וועמענס נעצען פון פאראורטהייל אויך מיין קלוגע מוטער איז געפאנגען...

— אבער, סילוויא !

— יא, יא, דעם מיליטאריזם, דאס, אויף וואס אונזערע שטאאטען שטיצען זיך און וואס איז דער ליעבלינגס-בעזיץ פון אונזערע פירשטען, און די עקזיסטענץ פון אונזער אריסטאקראטיע, דאס וואלסטו זעהר געוואלט אבשאפען, אבער די הימעל-שרייענדע אונגערעכטיגקייט אין שייכות צו די פליכטען פון מאן און פרוי, די זעהסטו ניט ; דא דארף מען זיך אונטערווארפען, דא זאגסטו : „אבער אזוי איז די וועלט".. דער מאן מעג האבען געליעבטע, וויפיעל ער וויל, און זאגאר ניט פערבעהאלטען זיך דערמיט, די פרוי אבער דארף אלעס איבער-טראגען, מוז דערשטיקען איהר הארץ, איהרע געפיהלען, מוז זיך אבזאגען פון איהר גליק, אבי די וועלט זאל ניט רעדען... און דערצו נאך אזא וועלט, וואס האלט ניט איהרע אייגענע געזעצע, וואס טרעט זיי איבער אליין אין געהיים... נאר געהיים מוז עס זיין... ניין, מוטער, זעהסטו דען ניט, אז דא הערשט אן אונ־עכט, א קנעכטשאפט, וועלכע קאן זיך גאנץ גוט פערגלייכען מיט די אנ־ערע פארמען פון שקלאפעריי און אונגליק

געגען וועלכער דו געמפפסט, ווי מיין פאטער האט עס געטהאן, און ווי רודאלף טהוט עס?

מארטהא איז דא שטארק געטראפפען געווארען. אין דער ריכטונג האט זיווירקליך קיינמאל ניט געהאט קיין פלאץ פאר א רעבעלירענדען געדאנק. זי האט גארניט געענטפערט.

סילוויא האט זיך איצט, געבענדיג אויסדרוק צו איהרע געפיהלען, געפיהלט זיך איצט פיעל רוהיגער. זי האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו איהר מוטער.

— איבריגענס, מאמא, — האט זי געזאגט, ארויפלעגענדיג איהר האנד אויפ'ן אקסעל — זיי ניט בייז אויף מיך, און מאך זיך ניט קיין איבעריגע זארגען. איך האב ווירקליך גארניט, פארוואס איך זאל זיך דארפען א פארוואורף מאכען. אבער פון אנטאן וויל איך מיר ניט לאזען בעפעהלען.

— און פון מיר אויך קיין מוסר־דרשות הערען?

— אויך דאס ניט, ליעבסטע מוטער. איך קאן און וויל אליין פארטיג ווערען מיט מיין הארץ און מיינע פליכטען.

— גיסטו, הייסט עס, צו, אז דו האסט פליכטען?

— די האט יעדער, די פראגע איז נאר, צו וועמען —

— דו מיינסט צו זיך זעלבסט?

— לאז מיר איצט רעדען פון אנדערע זאכען, איך בעט דיך. וואס הערסטו פון רודאלף?

מארטהא איז פערבליבען ניט לאנג מיט איהר טאכטער. די אויפרעגונג און איהרע ווערטער האבען איהר שטארק אויפגעטרייסעלט. צו רעדען ווייטער וועגען דעם, נאכדעם ווי סילוויא האט איהר ערקלערט, אז זי וויל מיט זיך אליין פארטיג ווערען, איז געוועזען אונמעגליך, און צו רעדען וועגען אנדערעס, דערצו איז זי געוועזען זעהר שלעכט געשטימט, דערפאר האט זי שנעל געמאכט אן ענד צו איהר וויזיט.

אין א פאר מינוטען ארום נאך איהר אוועקגעהן, האט דער דינער געמעלדעט:

— הערר ברעסער.

סילוויא האט קוים געקאנט אונטערדריקען אן אויסגעשריי.

א ווארימע כוואליע האט זיך צוגאסען איבער איהר גאנצען וועזען. נאך דעם, וואס עס איז פארגעקומען, האט איהר קיינעמס נאהענטקייט נים געקענט זיין אזוי בעאונרוהיגענד און אזוי טייער, ווי די נאהענטקייט פון דעם יונגען דיכטער. פון אלע דריי זייטען ברעטער, וועגד מיט טשוועקעס, מיט צובראכענעם גלאז, און נאר איין זייט פריי, וואו עס פיהרט ארויס א וועג, בעגאסען מיט ליכט, פון דער גאנצער פינסטערניש, און אויף דעם וועג איז דא איינער, פערטיג צו געהן מיט איהר, איהר הייםגעליעבטער הוגא ברעסער. אזוי האט זי געפיהלט אין דעם מאמענט.

וואלט ער איצט זיינע ארעמס געעפענט, וואלט זי אין זיי אריינגעזונקען און וואלט ניט געהאט דעם מינדעסטען געדאנק, אז זי טהוט עטוואס אונרעכט, אז דאס איז ניט „אין ריינקייט“.

ער אבער, אזוי פארמעל, ווי אימער, האט זיך פערבויגט, און מיט זיינע ליפען זיך צוגעריהרט רעספעקטפול צו איהר קליינער ציטערענדער האנד. ער האט בעמערקט איהר בלאסקייט און דעם אונגעוועהנליכען אויסדרוק אין איהר פנים.

— זיינט איהר ניט געזונד, גרעפין?

— אה, יא, גאנץ געזונד, זעצט זיך.

ער האט איהר געפאלגט און געזאגט:

— איך נאר מיך ניט, גרעפין, איהר זיינט אין אן אויסערגעוועהנליכער מוטה־שטימונג. דאך איך האב ניט קיין רעכט אויף אייער פערטרויען.

זי האט גארניט געענטפערט. אין א ווײלע שפעטער האט ער געזאגט גאנץ שטיל:

— איהר זיינט ניט גליקליך.

און זי נאך שטילער:

— ניין, ניין, ניין, גליקליך בין איך ניט!

— סילוויא!

צום ערשטען מאל האט ער איהר אנגערופען ביים נאמען. זי האט אויפגעציטערט. דאך האט זי ניט פראטעסטירט, זי

האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט איהם אָנגעקוקט טיעף און געהיימניספול.

אונטער דעם בליק האָט ער ווידער אויפגעשווידערט, און דאָס, וואָס ער האָט אזוי לאנג געשטיקט אין זיך, האָט זיך ענד־ליך ארויסגעריסען:

— איהר ווייסט דאָך, ניט אמת, איהר ווייסט דאָך, דאָס —

סילוויא האָט געטראָפען פון דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, פון זיין טאָן פון זיין שטימע, וואָס ער וויל איהר איצט זאָגען, און זי האָט איהם אונטערבראָכען מיט א העפטיגער האנד־בעוועגונג.

— איך ווייס, איך ווייס, איך וויל עס אָבער ניט הערען... ניט היינט.

— ווען איהר ווייסט עס נאָר, דאָס איז שוין גענוג פאַר מיר.

סילוויא האָט זיך אויפגעהויבען, איז אוועק אין אַן אנדער ווינקעל פון צימער ביז צום פענסטער, אָנשפּאַרענדיג איהר שטערן אָן שויב. א דריקענדע אונרוה איז איהר בעפאַלען. דערצו איז צוגעקומען א מישונג פון צוויי פערשיעדענע געפיה־לען, וועלכע האָבען איהר אין גאנצען דורכגענומען: זי האָט זיך געפיהלט אי העכסט אונגליקליך און אי העכסט גליקליך.

אָבער דאָס געפעהרליכע צוזאמענזיין איז באַלד צושטערט געוואָרען דורך די מעלדונג פון נייע געסט, פון די שוועסטער ראַנענג.

הוגאָ האָט גענומען זיין הוט און איז אוועק. ניט היינט איז זיין טאָג, ניט היינט, אָבער — ער איז ניט געווען דער קרבן פון דאָפּעלטע געפיהלען, ער איז געווען בלויז גליקליך.

דריי און צוואנציגסטער קאפּיטעל.

פון מארטהא'ס טאגעבוך.

איך האָב מיך ווידער צוגעוועהנט — ווי איך האָב עס געטהאָן אין מיין יוגענד־צייט — צו פיהרען א טאָג־בוך. איך טהו עס ניט רעגעלמעסיג, נאָר ווען עפּעס דריקט מיר אויף דער נשמה, פיהר איך א ויכוח מיט זיך זעלבסט.

אך, וואו זיינען יענע צייטען, ווען איך האָב געהאַט איי־נעם, וועמען איך האָב געקאָנט אלעס, אלעס זאָגען, וועמען צו זאָגען אלעס איז פאר מיר געווען אי א בעדירפניס, אי א פער־גניגען! וואָס איך האָב געפיהלט און דורכגעמאכט איז מיר ערשט קלאָר געוואָרען, ווען איך האָב עס איהם דערצעהלט. יעדע פריייד, יעדע זאָרג, יעדער צווייפעל, יעדע האָפנונג, יעדער אור־טהייל זיינען מיר ערשט ריכטיג קלאָר געוואָרען ווען איך האָב מיט איהם זיך דורכגערעדט וועגען דעם און אויסגעהערט זיין מיינונג. מיין ערשטער געדאנק איז אימער געווען: וואָס וועט פריעדריך זאָגען דערצו? איך האָב איהם אזוי גוט גע־קענט אז אין די מייסטע פעלע האָב איך גאנץ גוט געוואוסט וואס זיין מיינונג וועט זיין, אָבער איך האָב עס אזוי געגלוסט צו הערען, און ערשט דאַן איז מיין אייגענע מיינונג געוואָרען פעסט. איצט האָב איך קיינעם ניט, צו וועמען איך זאָל זיך קאָנען אין גאנצען פערטרויען, ווי נאָר צו מיר אליין. וואָס איך פיהל, איז דאָך זעהר נאָהענט צו דעם, וואָס ער וואָלט געפיהלט, זיינען מיר דאָך ביידע געווען איינס. און אזוי רוף איך ארויס זיין גייסט, ווען איך שרייב דיעזע שורות.

אונזער סילוויא מאכט מיר פיעל זאָרג. איך זעה זי גליי־טשען זיך אויף א וועג, וועלכער פיהרט צום אָבגרונד. די ליעבעס־ליידענשאַפט האָט איהר ארומגעכאַפּט. מיין גאָט, איך

ווייס ניט, וואס דאָס איז. איך האָב אויך געליעבט, אָבער אזוי רוהיג, אזוי אינערליך, אזוי געזעצליך, נאָר דעם איינציגען מאַן מיינעם, קיינמאָל ניט קיין אנדערען! טו וואָס ווייס איך פון די משוגע'נע, בעטויבענדע פייערען פון פערבאָטענער ליעבע? איך קאָן ניט אורטהיילען, דעריבער דאַרף איך אויך ניט ריכ־טען... און דאָס מוסר'ען, וואָס איך האָב ניט לאַנג צוריק פּרובירט דאָס איז מיר זעהר ניט געראָטען. זי האָט פּראָטעסטירט און דערביי האָט זי מיר פאָרגעוואָרפען, אז אויך איך בין אַ רעבעלין, און דאָס איהר פאָטער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער. איך פרעג מיר: זיינען דען ניט אלע שטופען פון בעפרייאונג פון יאָמער, פּיין און קנעכטשאַפט דערגרייכט געוואָרען דורך רעבעלירען? די ערשטע רעבעלען זיינען אָפט די מאַרטירער פון זייער מוטהיגקייט, אָבער זיי זיינען עס דאָך, וועלכע לאָזען איבער צו זייערע יורשים אַ שטיק אויסגעקעמפּפטע פּרייהייט. איך פיהל, ווי סילוויא וואָלט פאַר מיר אויפגעהויבען אַ פאָר־האַנג, אונטער וועלכען עס איז ביז איצט געלעגען אַ שטיק וועלט, וואָס איך האָב גאָר ניט געקענט, אַ גאַנצע קייט פון זאַכען, איבער וועלכע איך האָב ביז איצט זיך גאָר קיינמאָל ניט פערטראַכט...

ניט לאַנג צוריק האָב איך געהאַט אַ קליינעם ויכוח מיט מיין פריינדין ראַנעגג. „נו, יאָ, דו — האָט זי צו מיר גע־זאָגט — דו ביסט דאָך אַ מאָדערנע פרוי, דענקסט דאָך גאַנץ אַנדערש.“

גרויסער גאָט, ווי שלעכט פּאַסט זיך מיר דער נאָמען „מאָ־דערנע פרוי“! דאָס פיהל איך איצט גאַנץ דייטליך. קיין גאַנץ אַלט־מאָדישע פרוי בין איך זיכער ניט. צווישען די, וואָס געהען אין קירכע, גילט איך אַלס רעוואָלוציאָנערקע, אָבער געגען דער איצטיגערווירקליך מאָדערנער פרוי בין איך אמת אַלט־מאָדיש. איך שטעה איהר געגענאיבער שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ, און הויב ניט אָן צו פערשטעהן. עסטעטען, איבער־מענשען, דעקאַדענטען, די ניו וואומען... איך זעה, דאָס אַרום מיר האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ גאַנץ נייער סאָרט מענש, אַ נייע קונסט, נייער סטיל, נייע סענסאַציאָנען, אָבער פערשטעהן

דאָס און זיך אַנשליסען אַן דעם, דאָס קאָן איך ניט. וועניג־סטענס ניט אזוי שנעל. איך פּרוביר עס, ווייל מיין גלויבען אין ענטוויקלונג שיצט מיך פון ווידערשטאנד געגען אלעס נייע, וועלכעס איז אזוי אָפט צו טרעפען ביי עלטערע מענשען. אָבער, אז דאָס אלעס נייע מוז אויך זיין דאָס בעסערע, ווי דאָס מיינען אזוי פיעל יונגע לייט, פאר דעם גלויבען שיצט מיך מיין ערקענטניס, דאָס פיעלעס, וואָס איז אויפגעקומען, איז נאָר אַן איבערגאנג, א מאָדע־זאַך, אָדער א קראַנקהאַפטע דעגענעראציע, אָדער פיליי֞כט גאָר אַן איבערגאנגס־פאָרמע, פון וועלכער —

אזוי ווייט האָט מארטהא געשריבען אין איהר טאָג־בוך, ווען זי איז אונטערבראָכען געוואָרען פון דער מעלדונג, דאָס גראף דעלניצקי פרעגט, אויב זי איז וויליג איהם אויפצונעה־מען.

מארטהא האָט געהייסען איהם אריינקומען, אָבער זי איז געווען זעהר אונאַנגענעהם איבערראַשט. טאָני האָט ניט גע־האט קיין געוואוינהייט צו מאַכען גלאַט בעזוכען צו זיין שווי־גער, און מארטהא האָט זיך משער געווען, אז ער איז געקומען צו איהר צוליעב א זעהר וויכטיגער אורזאכע. און, אונטער די אומשטענדען, קאָן די אורזאכע ניט זיין קיין זעהר אנגענעה־מע.

און אזוי איז עס טאַקי געווען.

— איך בין געקומען — האָט גראף דעלניצקי אָנגעפאַנ־גען גלייך נאָך דער ערשטער בעגריסונג — צוליעב א זעהר אונאַנגענעהמע אַנגעלעגענהייט. סילוויא האָט דאָך דיר שוין מסתמא דערצעהלט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען אונז. איך וואָלט זעהר וועלען וויסען, וואָס זי האָט דיר דערצעהלט און וואָס דו האָסט איהר געזאָגט... דו ביזט דאָך געוויס אויך פאר דעם, אז עס זאָל געמאַכט ווערען א סוף צו דער געשיכטע מיט דעם הערר טהעאטער־דיכטער?

—צו וועלכער געשיכטע מיינסטו?

— אך, מאַך זיך נישט אזוי... ווייסטו דען ניט, דאָס די מענשען רעדען שוין...

— די מענשען רעדען פערשיעדענעס אויך איבער דיר.

— דאס האט סילוויא מיר אויך געענטפערט — פונקט ווי עס וואלט געווען דאס זעלבע, וואס מען רעדט וועגען א מאן אדער וועגען א פרוי. דאס איז דאך א געוואלדיגער אונטער־שייד.

— די אונגערעכטיגקייט פון דעם אונטערשיעד הויבט אן צו אפעלירען אויך צו מיר...

— אבער עס איז דאך שוין איינמאל אזוי —

— א, מיט די ווערטער גלויבט מען צו פערגלעטען יעדען ווידערשפרוך... אויך איך האב ביז איצט אזוי געטהאן. אבער ריכטיגער וואלט געווען, ווען מען וואלט געזאגט, אז עס איז דערווייל נאר אזוי. אבער אזוי וועט עס ניט בלייבען. דאס רעכט פון דער פרוי אויף דער טרייהייט פון איהר מאן —

— וואס — האט דעלניצקי אונטערבראכען — אויך דו? דו נעהמסט זיך אן פאר די „פרעטענזיע" פון דער פרוי? ביסטו אויך געווארען א פרויען־רעכטלערין? פון דער זייט קען איך דיך ניט. ביז איצט האסטו דאך, גאט צו דאנק, גע־האלטען זיך ווייט פון דער דאזיגער בעוועגונג.

— ווייל מען קאן דאך ניט איבעראל טהעטיג זיין. דו ווייסט דאך, אז מיין גאנץ לעבען איז געווען אויסגעפילט מיט אן אנדער בעוועגונג.

— נו, יא, די אבער איז גאנץ אונשעדליך, ווייל זי האט גאר קיין אויסזיכטען אויף ערפאלג, אבער די פערפלוכטע פרויען־פראגע איז געווארען פערדאמט גרויס... אבער דאס האט אייגענטליך ניט צו טהאן מיט דעם, וועגען וואס איך בין געקומען צו דיר, מוטער.

— און וואס איז דאס?

— איינפאך דאס. דו מוזט מיר העלפען צו פערטרייבען דעם ברעסער — מארטהא האט געמאכט א בעוועגונג מיט'ן קערפער — דו דארפסט זיך ניט דערשרעקען — האט ער ווייטער גערעדט — איך גלויב גאר נישט, אז זי זאל זיין פער־ליעבט אין דעם מענשען; ער אבער איז פערליעבט אין איהר.

און, ווי געזאָגט, די מענשען רעדען, און דאָס קאָן איך ניט פערליידען.

— אָבער ווי, ווען זי ליעבט איהם יא?

— אָבער, מאמא, אום גאָטעס ווילען!...

— האָסטו דען איהר געגעבען דאָס, אויף וואָס א יונגע פרוי האָט א רעכט צו פאָרדערען פון לעבען? האָסטו איהר ליעבע געגעבען? ביזטו איהר טריי געבליבען?... טאָני, איך האָב מיט דיר גאָרנישט גערעדט איבער די אַלע זאַכען, ווייל איך דענק, אז א שווינער דארף זיך צוריקהאַלטען און ניט אריינמישען זיך אין אזעלכע זאכען, אָבער היינט ביזטו עס געווען, וועלכער האָט אָנגעהויבען רעדען דערפון, פון אייער פערהייראַטען לעבען. און אויב אזוי, מוז איך דיר אָט וואָס זאָגען: אויב די פערהעלטניסע צווישען דיר און סילוויא זיי־נען צושטערט אָדער זיינען אין געפאהר צושטערט צו ווערען, איז עס דיין שולד.

דעלניצקי איז אויפגעשפרונגען.

— איך זעה שוין, אז דו וועסט מיר גאָרנישט העלפען. איך וויל מיט דעם פיינעם העררן אליין פאַרטיג ווערען. עס וועט דאָך מיר ניט שווער זיין איהם צו כאפען פאר'ן קאָלנער און אראָבוואַרפען פון די טרעפּ.

— בערוהיג זיך... טראַדע אויף אזא שטייגער וועסטו ארויסרופען דעם סקאנדאַל, פאר וועלכען דו שיינסט מורא צו האָבען.

— וואָס זאָל איך אלזא טהאָן? — צוקוקען, ווי מיין פרוים ליעבהאָבער —

— שווייג, אזוי צו רעדען האָסטו קיין רעכט. איך קאָוויר פאר סילוויא'ס ריינקייט. אָבער זי זאָל ניט לענגער צוקוקען, ווי דו דיין געליעבטע, דיזע —

— ווילסטו זאָגען עטוואָס בעליידיגענדעס — האָט איהר דעלניצקי אונטערבראָכען — ווייל זי איז אין טהעאַטער —

— אָה, ניין, נאָר, ווייל זי האָט זיך צוגעגנב'עט דאָס אייגענטהום פון אן אנדערער.

— דערמיט מיינסטו מיך? גלויב מיר, פון דעם איינגע־טהום האָט דיין טאָכטער קיינמאָל ניט פיעל געהאַלטען. דו ווייסט גאָר ניט, ווי קאַלט און אָבשטויסענד זי איז געווען צו מיר — גלייך פון אונזער האָכצייטס־רייזע, מיר פּאַסען ניט איינער פאַר'ן אַנדערען.

— טו, צושיידט זיך...

— שיידען זיך? מיר לעבען אין אַ קאַטהאָליש לאַנד... אמת, איך וואָלט געקאָנט ווערען אַן אונגאַרישער בירגער...

— די אידעע געפעלט דיר, ווי עס שיינט.

— אַך, גאָט, עס זיינען דאָ טויזענדער שוועריגקייטען, און איך האַס שוועריגקייטען... דו ווערסט אַלזאָ גאָרניט טהאָן, אום צו ברענגען סילוויא'ן צוריק אויפ'ן וועג פון איהר פליכט?

— אויף דעם וועג, וועלכען דו האָסט פערלאָזען? איך וויל איבערהויפּט גאָרניט טהאָן, ניט פאַר און ניט געגען דיר. ווענט סילוויא ביי מיר פרעגען אַן עצה, וועל איך איהר עס גע־ווים געבען און אין דער ריכטונג, אין וועלכער איך וועל פיהלען, איהר רוה און עהרע זיינען געזיכערט. אָבער אונגעבעטענער־הייד וועל איך זיך ניט אָנוואַרפען אויף איהר מיט מיינע מוסר־דרשות. זי איז שוין אויסגעוואַקסען פון דער מוטערליכער השגחה. איך בין איהר פריינדין — ניט מעהר.

— מיין פריינדין ביסטו ניט.

— ריכטיג גערעדט: ניין. דו האָסט מיין קינד ניט געמאַכט גליקליך... דו בעטריגסט זי פאַר דער גאַנצער וועלט, טו ווי אַזוי זאָל איך פיהלען פריינדליך צו דיר?

— עס איז אויך ניט נויטיג, אַז דו זאָלסט עפּעס טהאָן צוליעב מיר. טהו עס צוליעב איהר. ווען זי קאָמפּראָמעטירט זיך, וועט עס איהר שאַדען, און ווען זי וועט זיך פערזינדיגען, וועט עס איהר אונגליק זיין, ווייל איך וועל עס זיך ניט געפאַלען לאָזען. מיין נאָמען טאָר ניט געשלעפּט ווערען אין שמוץ.

ער איז געוואָרען טונקעל־רויט אין פּנים און די אָדערען אויף זיין פּנים זיינען אָנגעשוואָלען געוואָרען. מאַרטהאַ האָט געפיהלט עמוואָס עהנליכעס פאַר שרעק: דיעזער מאַן איז פעהיג סילוויא'ן צו טוידטען. דער געדאַנק פון שיידונג איז

געוואָרען ביי איהר איצט אַ פערלאַנג. אמת, עס איז ניט קיין גרויסער גליק צו זיין אַ געשיעדענע פרוי, אָבער ווען עס האַנ־דעלט זיך אום צו אַנטלויפען פון אַ געפאַהר, פרעגט מען דאָך ניט, צי דער וועג, אויף וועלכען מען אַנטלויפט, פיהרט אין אַ שעהנע געגענד.

— איך האָב, ווי איך זעה, געקאָנט זיך איינשפּאָרען מיין בעזוך צו דיר — האָט דעלניצקי ווייטער גערעדט אין אַ צאָרנדיר־גען טאָן — דו קאָנסט ווירקליך ניט שטאָלצירען מיט דעם איינ־פלוס, וואָס דו האָסט אויף דיינע קינדער. איבער רודאָלף און זיין אויפפיהרונג לאַכט מען שוין געווגו. מסתמא האָסטו דאָך שוין געהערט, אַז עס האַלט דערביי, אַז מען זאָל איהם ארויס־טרייבען פון דער רעזערוו־ארמעע.

מארטהא האָט צוריקגעוואָרפען דעם קאָפּ.

— דו ווילסט מיר וועה טהאָן? דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען רודאָלף און דעם קריעגס־מיניסטער, דאָס ווייס איך — איך האָב מיין זוהנס פולסטען פערטרויען, און איך פערטרוי איהם אין אַלץ. וואָס ער וועט טהאָן, וועט ער טהאָן רעכט. דער געפיהל פון זיינע פליכטען איז פיעל העכער, ווי דו קאָנסט עס פערשטעהן.

— ער איז איינפאַך משוגע, און איהר אַלע צוזאַמען מיט איהם.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ.

— אַנטאָן, איך בעט דיך מיך צו פערלאָזען. דו האָסט ניט קיין רעכט אין מיין הויז צו בעליידיגען מיך און מיינע קינדער.

— זי האָט עס געזאָגט מיט אַ גאַנץ רוהיגער שטימע, נאָר זי איז געוואָרען אַזוי וויים, ווי קרייד.

— אָה, איך געה זאָ־ווי־זאָ — האָט דער שווינערזוהן גע־ענטפערט.

און אָהן אַ זיי־געזונד האָט ער ארויסגעהענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר.

פיער און צוואנציגסטער קאפיטעל.

סילוויא איז געזעסען אין א פארקעט־לאזשע אין בורג־טהעאטער גאנץ אליין. זי האט געהאלטען אין האנד דעם פראָגראם פון אבענד, וועלכער האט געלויטעט, ווי פאלגט: צום ערשטען מאל: „דער טוידטער שטערן“ — מערכען־שפיעל אין 4 אקטען פון הוגאָ ברעסער.

דעם זעלבען פריה־מאָרגען האט זי פון דיכטער ערהאלטען א קורצען בריוועלע פון דרעזדען, וואוהין ער איז געפאָהרען, אום בייצוואוואָהנען די גענעראל־פּראָבע פון זיין פיעסע, וועלכע ווערט אויפגעפיהרט אין דער זעלבער צייט, וואס אין וויען. דאָך — האט ער איהר געשריבען — איז די אויפפיהרונג אין בורג־טהעאטער פאר איהם מעהר וויכטיג, און ער וועט זיין צוריק צו דער ערשטער פארשטעלונג.

צוזאמען מיט דעם האט ער איהר צוגעשיקט די זאמלונג פון זיינע געדיכטע. ער האט איהר געשריבען: „איך האב אייך געוואלט שיקען ערשט די דאזיגע געדיכטע, ווען איך וועל ווערען וועלט־בעריהמט, כדי מיין בעוואונדערונג פאר אייך זאל זיין וואס ווירדיגער. אָבער, ניין, אזוי לאנג וועל איך ניט ווארטען — ווער ווייס דען, אויב איך וועל איבערהויפּט ווערען וועלט־בעריהמט... און דאן ניט די אויסערע וועלט, נור אייך האב איך אויסגעקליבען צו זיין מיין ריכטער. דאס, וואס איך בין אין די אויגען פון דער, וועמען איך בעזינג, דאס איז פאר מיר דאס וויכטיגסטע. און די וואלט ניט געקאָנט ריכטיג אורטהיילען וועגען מיר, ווען זי וואלט ניט געקאָנט יענע דיכטונגען מיינע, וועלכע זיינען ארויסגעשפּרונגען פון מיין טיעפער נשמה, וואס איך האב מיט דעם בלוט פון מיין הארצען געשריבען, וואס איך האב געמוזט שרייבען“.

די מייסטע שטונדען פון יענעם טאג האט סילוויא פער־

בראכט מיט דעם לעזען פון די צוואנציג געדיכטע, און דורך דעם לעזען איז זי געווארען אזוי ליידענשאפטליך אויפגעטריי־סעלט און אזוי זיס אויסגעמאטערט, אזוי ווי דער דיכטער אליין וואלט אין די אלע שטונדען איהר געלעגען צו די פיס. אזוי גע־ליעבט צו זיין, אזוי שמערצליך, אזוי צערטליך און אזוי היים — דאס וואלט זי זיך קיינמאל ניט ערלויבט אפילו צו חלום'ען.

דער טהעאטער איז געווען נאך לעדיג — עס האבען גע־פעהלט כמעט צוואנציג מינוטען ביז צום בעשטימטען אנפאנג. סילוויא האט בעשלאסען ניט צו פערזאמען דאס ערשטע אויפ־ציהען פון פארהאנג, דאס ערשטע שטימען פון דעם ארקעסטער. זי האט געפיהלט, אז דיזער אבענד וועט זיין איינער פון די ענגסטליכסטע און אין דער זעלבער צייט איינער פון די וויכטיג־טיגסטע און גענוסרייכסטע אין איהר לעבען, און זי האט בע־שלאסען צו געניסען איהם אין גאנצען, אפילו די פארשטימונג אויף דעם קאמפף־פלאץ. נאך קיינמאל אין איהר לעבען, אפילו ניט אין דעם טאג פון איהר חאכצייט, איז זי געווען אזוי אויפגע־רעגט, ווי איצט... אזוי האבען א מאל געמוזט פיהלען די ריטער־פרויען, וועלכע האבען ארּאבגעקוקט פון די גאלעריען אויף דעם טורניר־פלאץ, וואו דער פון זיי שטיל און היים געליעבטער האט געזאלט אדער זיגען אדער פאלען אין שטויב..

א פיערטעל צו זיעבען... דער עולם הויבט אן אנצופילען די לעצטע פארקעט־פלעצער און די גאלעריע. נאך א פאאר מינוטען און עס קומען די מוזיקאנטען אריין דורך דער ארקעסטער־טהירעל און צוזעצען זיך אויף זייערע פלעצער. די לאזשען זיינען נאך לעדיג. סילוויא זוכט אין דער דירעקטאר־לאזשע... וואו קאן איצט הוגא זיין ? מען זעהט איהם ניט... מסתמא הינטער דעם פארהאנג... ווען עס וואלט איהם נאר איינגעפאלען אריינצוקוּ־מען צו איהר כאטש נאר אויף איין אויגענבליק ! מיט א דריק פון איהר האנד וואלט זי איהם געוואלט צוגעבען מוטה און טאקי זיך אליין נאך מעהר, ווייל זי האט זיך געשראקען מעהר ווי ער...

פינף מינוטען צו זיעבען. איצט פילט זיך אן דער פארקעט און אויך אין די ערשטע רייהען און אין די לאזשען ווערט עס לעבעדיגער. די גאלעריעס זיינען אנגעפילט ביז אויפ'ן לעצטען

פלאץ, און אין דעם שטעה־פארטער שטעהען מענשען ענג איינער נעבען אנדערען.

פונקט זיעבען. דער קאפעל־מייסטער גיעט דעם צייכען, און דער ארקעסטער הויבט אן צו שפיעלען. צוויי ערץ־הערצאגען זעצען זיך ביים ברעג פון דער אינקאגניטא־לאזשע און אין דער קאמער־הערן לאזשע צייגען זיך א האלבער דוצענד יוניפאר־מירטע הערען און האף־דאמען.

אן ערוואַרטונגספולע נייגיעריגקייט זעהט אוים צו שוועבען איבער׳ן גאנצען הויז — די שטימונג פון יעדער ערשטער פאר־שטעלונג. דער פארהאנג געהט אויף. סילוויא׳ם הארץ קלאפט און זי אטהעמט שווער. דעם ערשטען אקט קען זי דאך, זי האט דאך איהם אליין פארגעלייענט. זי געדענקט נאך, ווי זי איז געוועז ענטציקט פון דער שעהנקייט פון דער שפראך, אבער, שטעלט זי זיך די פראגע, וועט דאס אלעס אויך אויף דער ביהנע ארויסגעבראכט ווערען? פון דער ערשטער סצענע אין דעם משך פון דריי אדער פיער מינוטען האט זי קיין ווארט ניט פער־שטאנען, צי דערפאר, ווייל די בלוט האט איהר א קלאפ געטהאן אין קאפ, צי דערפאר, ווייל מען מוז זיך פריהער צוגעוועהנען צו די שטימען פון דער ביהנע, ביז מען פערשטעהט דעם זין פון די ווערטער, אבער יעדענפאלס זי האט די ערשטע מינוטען ניט גע־וואוסט וואס קומט פאר ארום איהר. די מענשען, די גלייבגילטי־גע מענשען, און די שטשירענדע מיט די צייהן קריטיקער, די גאנ־צע מאסע, וואס פערהאלט זיך אזוי קריטיש צו יעדער נייעם — ווען עס וועט געלינגען דעם דיכטער הינצורייסען, צו בעגייסטע־רען אט די מענשען, ווען זאגאר זי, זיין גליהענדסטע בעוואונדע־רין, זיצט אזוי קאלט, אזוי פערשטיינערט און פערשטעהט אזוי וועניג פון דעם, וואס קומט פאר אויף דער סצענע?..

אבער עס האט ניט לאנג געדויערט און דאס רעדען פון די אקטיארען האט זיך אנגעהויבען הערען דייטליך און לעבעדיג איבער׳ן גאנצען טהעאטער. סילוויא האט דערקענט אייניגע פון די פערזען, וועלכע זיינען איהר אויפגעפאלען, ווען זי האט געלעזען דעם ערשטען אקט און זי האט געהאט פיעל הנאה צו בע־מערקען, אז די זעלבע שטעלען, וואס האט איהר אזוי בעצויבערט,

האָבען אויך געמאַכט א טיפע ווירקונג אויף דעם גאַנצען עולם. דאָס האָט זיך ניט ארויסגעוויזען דורך הויכע בראַוואָס, ווייל פון דעם האָלט זיך צוריק א קריטישער עולם פון אַן ערשטער פאָר־שטעלונג און נאָך דערצו אין די ערשטע סצענען. דאָס האָט זיך ארויסגעצייגט דורך א סאָרט אויפזיפצען, וואָס מען האָט קוים געקאָנט הערען — מעגליך, אז דאָס איז גאָרניט קיין טאָן, נאָר א צוקען, אַן אויפציטערען פון יענעם עלעקטרישען געפיהל וואָס ווערט ארויסגערופען גלייכצייטיג ביי א פערזאַמעלטען עולם.

מיט א בערוהיגטען טאָן און מיט א גענוס, וואָס איז גע־וואָרען אַלץ מעהר און מעהר זיכער, האָט זיך סילוויא געלאָזט פאַנגען פון דעם שפּיעל אויף דער ביהנע. צו דער זיסקייט פון די מעלאָדיען, צו דער שעהנקייט פון דעם רעדען, וואָס האָט איהר שוין אזוי ענטציקט ביים לעזען, איז איצט צוגעקומען דער צויבער פון דעם פאָרגעשטעלטען לעבען. די טרעגער פון די הויפּט־ראָלען — פריץ קראַסטעל און סטעללא האָהענפעלס — זיינען געווען די פערקערפּערטע פּאָעזיע.

די גאַנץ אייגענטהימליכע זילבער־שטימע פון דער האָהענ־פעלז האָט צוגעגעבען די פערזען א גאַנץ בעזונדערען חן. און דערצו איז געווען אזוי פיעל צו זעהן! דאָס איז געווען א מערכען־שפּיעל, וואָס האָט אין דעם דיכטערס פאַנטאַזיע זיך געקאָנט צושפּיעלען גאָר אָהן א גרעניץ. און מיט א פער־שווענדערישער רייכקייט האָבען די בילדער געבראַכט אַלעס, וואָס א דיכטער קאָן נאָר אויספאַנטאַזירען אין פאַרבען־גלוט און אין פאָרמען־פּראַכט. נאָך דער ערשער פערוואַנדלונג איז דער האַנדלונגס־פּלאַץ געווען א צויבער־גאָרטען. א פעירי, א ווירקליכע פעירי, האָט געהאָלפען צו שאַפען א בילד, וואָס איז געווען פאַר׳ן אויג א ווירקליכע בערוישונג — דאָס איז געווען די פעירי עלעקטריציטעט. מיט איהרע זעלטענע און אונגלויב־ליכע ליכט־עפעקטען, מיט איהרע וויאָלעטע, בלויע און ראָזע פייערען, מיט איהרע זילבער־ליכטער, גאָלד־גלוטען און לאַוואַ־פלאַמען האָט זי איינגעטונקט די געשטאַלטען און דעקאָראַציעס אין אַלץ נייע און פערכשופ׳טע גלאַנץ־כוואַליעס בלומען, וועל־

כע קיין מענשליכער אויג האָט נאָך ניט געזעהן, האָבען אָנגע־
פילט יענעם „גאָרטען פון גליק". אין זיין הינטער־גרונד האָט
זיך געזעהן א טעמפּעל פון דימענטען. די לוסט אָבער פון דאָס
זעהן האָט ניט דערשטיקט די לוסט פון הערען, ווייל די דיכטונג
איז נים שוואך געוואָרען אויף קיין איינציגען אויגענ־
בליק. אויך דאָ האָט עס געבליצט מיט וויץ און געשטראהלט
מיט פּאטהאָס. ווען דער פאָרהאנג איז געפאלען, האָט דאָס
גאַנצע הויז אויסגעבראָכען אין א שטורמדיגען בייפאַל.

„ברעסער! ברעסער!" האָט מען געשריען פון מעהרערע
זייטען. אָבער ברעסער האָט זיך ניט געוויזען. אין זיין נאָמען
האָט געדאנקט דער רעזשיסער.

זאָל ער האָבען פערזאמט דעם טריין? אָדער האָט ער
עס געהאַלטען פאר אונווירדיג פאר איהם זיך צו ווייזען אויף
דער ביהנע? סילוויא האָט געפיהלט, ווי אַן ערלייכטערונג,
וואָס ער האָט ניט געפאָלגט דעם רוף. די שאַפונג געהערט
צום פובליקום, ער מעג עס ליבען אָדער ארונטעררייסען, אָבער
ניט דער שעפּפער. נאָר זיין גייסט שוועבט איבער דעם ווערק,
אָבער ניט זיין פערזאָן דארף דאָ פאָרקומען. און טאַקי, וואָרום
זאָל ער זיך פערבויגען פאר די, וועמען ער האָט געגעבען א
מתנה? וואָרום זאָל ער דאנקען פאר דאָס, פאר וואָס זיי זיינען
איהם דאנקבאר?

פון די געדאנקען האָט סילוויא ערוואַכט דורך הוגאָ'ס פאָ־
טער, וועלכער איז אריינגעקומען אין די לאָזשע. זי האָט איהם
דערלאַנגט די האַנד.

— איך ווינש אייך גליק — האָט זי צו איהם געזאָגט —
עס איז אַן ערפאָלג.

— דאָס קאָן מען נאָך ניט וויסען — האָט געענטפערט
הוגאָ'ס פאָטער, דער אַלטער ברעסער — דער ערשטער אקט איז
גוט. אָבער דער ערפאָלג ווערט ערשט ענטשיעדען ביים סוף...
וואָרום איז די באַראָנעסע טיללינג ניט געקומען?

— מאַמאַ פיהלט זיך ניט גאַנץ געזונד. ווען ניט וואָלט
זי שוין דאָ געווען. זי האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט דער
פאָרשטעלונג.

— און אייער מאַן ?

— ער איז היינט אין דער אָפּערא.

— אך ! —אַן אויסדרוק פון צאָרן האָט זיך בעוויזען אויף דעם פּנים פון דעם אַלטען דאָקטאָר.

— אייער זוהן האָט געזאָלט היינט צוריקקומען פון דרעזדען, און —

— ער איז צוריקגעקומען און ער איז אין טהעאטער, גאַנץ אין הינטערגרונד פון דער דירעקטאָרען־לאָזשע. ער וויל זיך אָבער ניט ווייזען.

די דירעקטאָרען־לאָזשע איז געווען פּונקט נעגען איהרער. אזוי דאָס ער האָט זי געקענט זעהן, און דאָס האָט איהר געמאַכט זיך פיהלען זעהר אַנגענעהם. און עס האָט איהר אויך שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס אין זיין עניות און שטאָלץ האָט ער זיך ענטזאַגט פון דעם אַפּלאָוז, וואָס זיין ערשיינען אויף דער ביהנע וואָלט זיכער ארויסגערופען.

— איהר מוזט דאָך פיעל פרייד האָבען פון אייער זוהן, דאָקטאָר ברעסער.

— מיין גאָט ! ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, אז ער איז גליקליך, אָבער דאָס דיכטען, שיינט, פאַלט איהם זעהר שווער. אָפט איז ער אזוי טרויעריג... אזוי ווי די ליעבע פון די מוזען וואָלט געווען אַן אונגליקליכע ליעבע.

סילוויא האָט געוואוסט גאַנץ גוט, וואָס עס מאַכט איהם אזוי טרויעריג. יענע טרויעריגקייט האָט ער אריינגעלעגט אין אייניגע פון די צוואַנציג סאָנעטען, וואָס ער האָט איהר צוגע־שיקט, און וועלכע זי האָט היינט צום ערשטען מאָל געלעזען, און פון וועלכע זי האָט שוין פיעלע סטראָפען געקענט אויף אויסענווענינ.

צום צווייטען מאָל הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. דאָס מאָל איז סילוויא געווען פיעל געשפּאַנטער, ווייל דאָס קומענדע איז פאַר איהר געווען גאַנץ ניי. ברעסער האָט די גאַנצע צייט ענטזאַגט זיך צו דערצעהלען, וואָס עס איז דאָ אין די אנדערע אַקטען, און נאָר צוליעב דעם, כדי זי זאָל קאָנען אורטהיילען

אונפּאַרטייאיש, ווי דאָס אַלעס ווירקט אויף איהר פון דער ביהנע. זי האָט געהאַט דאָס געפיהל, אַזוי ווי דאָס שטיק וואָלט פאַר איהר אַליין נאָר געשפּיעלט געוואָרען, און די אַנ־דערע זיינען נאָר צופעליג צוגעלאָזען געוואָרען, אָבער די ריכ־טערין איז נאָר זי. די פראַגע איז געווען, אויב „דער טוידטער שטערען" וועט א י ה ר געפעלען, א י ה ר ערהויבען, א י ה ר ריהרען, א י ה ר בעפריעדיגען, דאָס, האָט זי גע־וואוסט גאַנץ בעשטימט, זיינען געווען די געפיהלען פון דעם פערפאַסער. וואָס איז געזעסען פונקט אין דער לאָזשע געגענ־איבער.

דער צווייטער אקט האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין דעם „גאָרטען פון שמערץ". אַזוי העל און ליעבליך, ווי עס זיינען געווען די בילדער אין דעם ערשטען אקט, אַזוי דונקעל און ערשיטערענד זיינען געווען די סצענען, וואָס האָבען זיך איצט אָבגעשפּיעלט. די שפּראַך האָט זיך געהאַלטען אויף דער זעל־בער הויך און אין דראַמאַטישער שטייגערונג האָט זיך די האַנד־לונג ווייטער בעוועגט. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָבגע־לאָזען צום צווייטען מאָל, האָט דער טהעאַטער געשטורמט פון בראַוואָ־געשרייען. וואָלט אָבער קיין האַנד זיך ניט אַ ריהר געטהאָן, וואָלט סילוויאַ געוואוסט, אַז דער אקט איז געווען פאָל־קאָם שעהן. דאָס אָבער, וואָס דער עולם האָט אַזוי בעוואונדערט דעם געליעבטען מאַן, דאָס האָט איהר ערפילט מיט אַ שטאָלצען געפיהל. זי איז געווען שטאָלץ אויף איהם און — דענקענדיג אָן די צוואַנציג גערדיבטע, וואָס ער האָט איהר געווידמעט — אויך שטאָלץ מיט זיך. אַ געפיהל פון גליק, וואָס איז איהר ביז איצט געווען אין גאַנצען אונבעקאַנט, האָט דורכגעשטראָמט דורך איהר. דער טהעאַטער־זאַל איז פאַר איהר אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פעסט־זאַל, אין וועלכען זי אין געווען די הימ־ליבע קעניגין.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין טהעאַטער. נאָר וועניגע פון איהרע בעקאַנטע זיינען דאָ געווען. די מייסטע מיטגליע־דער פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע זיינען נאָך געווען אויף זייערע גיטער. און דער אינטערעס פאַר אַ ליטעראַרישע פּאַסירונג

איז אין די קרייזען ניט זעהר גרוים, אז מען זאָל קומען צו פּאַה־רען פון לאַנד, אום בייצואוואָהנען די אויפפיהרונג פון א נייער שטיק און דערצו נאָך פון א נייעם פערפאסער. זעהט איהר, ווען עס וואָלט דאָרט געגעבען ווערען א פאָרשטעלונג לכבוד אן אויסלענדישען פירשט, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש. צו אזא פאָרשטעלונג קומט מען שוין, וואָרום עס איז דאָך אזוי אינטע־רעסאַנט און שעהן צו זעהן אזוי פיעל אוניפאָרמען אין פּארקעט, די קליידער און די ציערונג אין די לאָזשען, און דאַן, אויף מאָרגען, צו לייענען אין די צייטונגען א ליסטע פון אלע אנווע־זענדע, אין וועלכע עס פעהלט ניט קיין גלענצענדער נאָמען, קיין איינציגע אָפיציעלע פערזענליכקייט. אזא געלעגענהייט טאָר מען ניט פערפעהלען. אָבער ביי א מאָדערנעם טהעאַ־טער־שטיק! ניין, דאָ מוז מען ערשט אָבוואַרטען, וואָס די בע־קאַנטע וועלען זאָגען, און אויב איבערהויפּט מען מעג מיטנעה־מען די טעכטער, די יונגע, צו אזא פאָרשטעלונג.

סילוויא האָט געקוקט דורך איהר בינאָקל פון לאָזשע צו לאָזשע. ענדליך האָט זי דערזעהן עטליכע בעקאַנטע פּנים׳ער: גרעפין ראַנעגג מיט איהרע טעכטער, קאַיעטאַנע און קריסטינע און מיט זיי איז אויך געווען גראַף קאַלנאַס. דער האָט אריבער־געקוקט אין סילוויא׳ס לאָזשע און האָט איהר דערקענט. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך געזעגענט — עס איז געווען קלאָר, אז ער וויל אריבערגעהן אין איהר לאָזשע. און אין א מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען ביי איהר.

— גאַנץ אליין, גרעפין סילוויא? און אייער מוטער?

— זי פיהלט זיך ניט גוט.

— דאָך ניט עפּעס ערנסטעס?

ניין, נאָר א לייכטע פערקיהלונג. וואָס זאָגט איהר, גראַף קאַלנאַס, איז עס ניט וואונדערשעהן?

— יאָ, עס לאָזט זיך זעהר גוט זעהן. ווער וואָלט עס געגלויבט ווענען דעם קליינעם ברעסער?.. איך זעה איהם נאָך אליין אלס א קליין אינגעל פאַר מיר.

— וואָס זאָגען די אנדערע? וואָס זאָגט די ראַנעגג?

— זי האָט גאָרניט געזאָגט וועגען דעם.

— אָבער איהר האָט דאָך שוין געהערט, דער בייפאַל איז זעהר גרויס — זיינען די מענשען ניט ענטציקט ?

— זיינט איהר עס, ליעבע סילוויא ?

— יא.

—פאר די אנדערע איז עס א צו שטארקער אויסדרוק. „ענטציקט" איבער אַ שטיק — דאָס קומט ביי אונז ניט פאָר. מען איז ענטציקט פון איינינע קינסטלער אין געוויסע ראָלען — דאָס שטיק אָבער איז א ביי־זאך. בעוואונדערונג ווייזט מען ארויס העכסטענס פאר קלאסיקער, ווייל דאָ איז מען אויף א זיכערען באָדען... אָבער געגען די נייע דיכטער פערהאלט מען זיך מיט מיסטרויען.

— געהערט איהר אויך צו יענע „מען".

— ביז צו א געוויסען גראד. איך בעגייסטער מיך ניט אזוי לייכט. איך וואָלט צו ערשט געמוזט אליין לייענען דאָס ווערק. עס זיינען דאָ אין איהם אזוי פיעל אויסערליכע עפפעקטען, וועלכע פערבלענדען איינעם... כמעט, ווי אין א באלעט.

— אָבער איז עס ניט אויך קונסט, ווען מען ברענגט די צושויער אין א בעצויבערטער שטימונג מיט דער הילף פון בילדער, גענומען פון דעם העכסטען פאנטאזיע־רייכטהום ?

— גאַנץ ריכטיג, אָבער לאָמיר ווארטען ביז צום סוף.

— דער סוף וועט זיין פונקט אזוי שעהן, ווי דער אָנהויב

— אין דעם בין איך זיכער — הוגאָ ברעסער איז א גרויסער דיכטער.

— סילוויא, ווייסט איהר, אז די מענשען זאָגען, אז איהר זיינט ניט גלייכגילטיג צו הוגאָ ברעסער ? אָה, ווערט ניט רויט און ניט אין כעס. איך בין דער לעצטער, וועמען דאָס זאָל עפּעס ארען, ווען דאָס וואָלט אמת געווען. נאָר אָבער זעה איך, אז די מענשען, וועמען דאָס דאַרף גאָר ניט אינטערע־סירען, אז די —

— נאָך קיינמאָל האָט מיך אזוי ניט געארט פאר דאָס, וואָס די מענשען זאָגען, וועלכע ווילען איינעם אין הארצען אריינקוקען.

— מיין גאָט, מען מוז דאָך האָבען פון עפּעס צו רעדען. בע־

זאַנדערם אזוי לאַנג, ווי מען איז זיך נאָר משער, איז עס גאַנץ אינטערעסאַנט. איהר פערשטעהט, ו ו י י ס מען עס איינמאָל, דערט מען שוין ניט מעהר פון דעם. אז די גרעפין עקס האָט אַ פערהעלטניס מיט דעם קאַפּעל־מייסטער, דאָס פירשט איפּסי־לאָן איז דער בעגייסטערטער הויז־פריינד פון באַראָנעסע זעט — דאָס זיינען שוין פאַקטען, איבער וועלכע מען פערליערט ניט קיין איבעריגען וואָרט. העכסטענס קאָנסטאַנטירט מען עס, אָבער נור אום צו ווייזען, אז מען וויים וואָס עס טהוט זיך.. איצט פערלאָז איך אייך, סילוויא, עס הויבט זיך אָן דער דריטער אַקט.

מיט דעם אויפהויבען זיך פון דעם פאָרהאַנג איז סילוויא ווידער אריינגעבראַכט געוואָרען אין די צויבער־וועלט — אַ בע־פרייענדער געגענזאַץ צו דער שטיקעל ווירקליכער וועלט, וועל־כע האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אין קאַלנאַס׳עס סאַטירישען בע־ריכט.

דער דריטער און לעצטער אַקט האָבען איבערשטיגען די ערשטע צוויי אין דראַמאַטישע עפעקטען און אין פּאָעטישער קראַפט. צום שלוס האָט זיך אויפגעהויבען אַן אמת׳ער שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען. עס איז געווען אַ גאַנצער און גרויסער ערפאָלג.

סילוויא האָט זיך אראָבגעלאָזען אין דעם לאָזשע־זאַל אויף אַ קליינע סאָפאַ, און מיט געשלאָסענע אויגען און צוריקגעבוי־גענעם קאָפּ איז זי געזעסען, פיהלענדיג זיך אזוי אויפגעטריי־סעלט, אזוי בערוישט, דאָס פאַר קיין זאַך אין דער וועלט האָט זי איצט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט ארויסגעהן אין די שטופּע־ניש אויף די טרעפּ און קאָרידאָרען, וואו זי וואָלט געקאָנט טרע־פען בעקאַנטע, וועלכע וואָלטען צו איהר גערעדט, אזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געשעהן, געזאָגט איהר אַ גאַנץ ניכטערען „גוטען אבענד" און נאָך צוגעלעגט דערצו: „ווי איז עס אייך געפעלען — עס איז געווען גאַנץ היבש".

זי האָט געוואָלט איבערוואַרטען, ביז דאָס פּובליקום וועט זיך צוגעהן. ווי זי איז דאָ אזוי געזעסען, האָט זי צוריקגערופען אין איהר געדאַנק די אַלע בילדער, וואָס זי האָט נאָר וואָס גע־

זעהן, און האָט זיך געבאָדען אין א ים פון נייע געפיהלען, פון וועלכע זי האָט אויפגעציטערט און זיך אָנגעצונדען. „א גרויסע ליעבענדע" האָט איינמאָל איהר מוטער איהר אָנגערופען. דאָס מוז זיין אמת. זי איז אַ גרויסע ליעבענדע, דאָס הייסט, אַז די ליידענשאפט, וואָס האָט איהר ארומגעכאפט, האָט איהר גע־מאכט ניט שוואך, נאָר שטארק; אז דאָס גליק, וואָס זי האָט געהאט אין איהר מאכט צו געבען און צו נעהמען, איז געווען אַן איבערוועלטיגענדער, אַן ערהויבענדער, מיט איין וואָרט, אַ גליק פול גרויסקייט.

איהר דיענער האָט אויף איהר געוואַרט געדולדיג ביי דער טהיר, אָבער די לאָזשען־דיענערין איז אריינגעקומען און האָט געזאָגט:

— איך בעט אייער גענאַדען, מען לעשט שוין אוים.

סילוויא האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צום שפּיע־געל, אום אָנצוטהאָן איהר שפּיצענטוך. איהר אייגענער פּנים אין דעם צוריקגעשטראַהלטען בילד איז געווען פרעמד פאַר איהר. עס איז געווען עטוואָס פערקלערטעס אין איהם, אַ זיס־צערטליכער שטריך ארום איהר מויל, וועלכער האָט געגליהט דונקעלער, ווי געוועהנליך, און עס האָט איהר דורכגענומען אַ טיעף געפיהלטע פרייד פאַר איהר גרויסער שעהנקייט.

זי איז ארויס. דער דיענער האָט ארומגעלעגט דעם טהעאַטער־מאַנטעל ארום איהרע אקסלען. מיט אַ לאַנגזאַמען טריט איז זי דורכגעגאַנגען די טרעפּ, די דורכגענגע, וועלכע זיינען שוין געווען אַלע לעדיג.

נאָר ביים זייל, פאַר'ן לעצטען טרעפּ, איז אַ מאַן געשטאַנען אָנגעלעהנט.

ווען זי איז צוגעקומען, האָט ער אראָבגעריסען שנעל זיין הוט פון קאָפּ און איז צו איהר צוגעגאַנגען. דאָס איז געווען הוגאָ ברעסער.

— אלזאָ ענדליך, אלזאָ דאָך! — האָט ער אויסגערופען.

זי האָט זיך אָנגעהאַנגען שווייגענדיג אַן זיין אָרעם און זיך געלאָזט צופיהרען פון איהם צום אויסגאַנג. דאָ זיינען זיי

געשטאנען אָרעם אין אָרעם, וועהרענד דער דיענער האָט צוגע־פיהרט די קאָטש.

— נו, — האָט ער געפרעגט — אייער אורטהייל? איך וויל אייער אורטהייל הערען.

איהר האנד האָט שווערער געדריקט אויף זיין אָרעם:

— הערליך!

— דאָס מאכט מיך גליקליך... אָבער איך וויל הערען נאָך אן אורטהייל.. ניט איבער דעם שטיק, נאָר איבער מיר — איבער טוידט און לעבען פאר מיר... די צוואנציג ליעדער?...

וויעדער א דריק פון איהר האנד, און אין אן איננינגען טאָן:

— מיין דיכטער!

— גרעפליכע גנאדען, די קאָטש — האָט דער דינער גע־מעלדעט.

הוגא האָט געהאָלפען דער געליעבטער פרוי ביים ארייג־שטייגען.

— מעג איך א קליין ווענינ מיט אייך מיטפאָהרען?

פאר א סעקונדע האָט סילוויא זיך געוואקעלט, דאן האָט זי געזאָגט ענטשלאָסען:

— ניין!

— און ווען ערלויבט איהר מיר, אז איך זאָל זיין ביי אייך מאָרגען?

— ווארט, ביז איך וועל אייך שרייבען. גוטע, גוטע נאכט!

פינף און צוואנציגסטער קאפיטעל.

אין דער זעלבער וואך איז אין וויען פארגעקומען א צווייטע סענסאציע: רודאלף דאצקי׳ס ערשטער עפענטליכער פארטראג.

דאס איז געווען אין דעם גרויסען מוזיק-פעראיינס-זאל, און אין א זונטאג נאכמיטאג, מיט פרייען איינטריט, אזוי, אז עס זאלען קאנען קומען צו דעם פארטראג דוקא די גאנץ ארימע פון דער ארבייטער-קלאס. דורך די צייטונגען און פלאקארדען איז דער פארטראג אנאנסירט געווארען, און אזוי איז עס געקומען, דאס דער גרויסער זאל האט זיך ארויסגעצייגט צו קליין. איינינע פאדערשטע רייהען זיינען בעשטימט געווארען פאר דאצקי׳ס פערזענליכע בעקאנטע, וועלכע האבען געוואלט איהם הערען. דער איבעריגער עולם איז געווען א געמישטער פון אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

ווען די טהירען האבען זיך געעפענט, האט דער עולם אין א גאנץ קורצער צייט אנגעפילט דעם זאל ביז אויף דעם לעצטען פלאץ. פיעלע האבען געמוזט צוריקגעהן.

רודאלף איז געשטאנען פאר דער ערשטער רייהע, רעדענדיג מיט זיין מוטער און גראף קאלנאס. דאס רוישען און טומלען פון די מענשען ביים פערנעהמען זייערע פלעצער האט אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי ער וואלט געשטאנען ביים ים און געהערט דאס רוישען און ווארפען זיך פון די כוואליעס. א פרעמדער, א ווייטער עלעמענט איז פאר איהם געווען די דאזיגע מענשען-מאסע, מעהר גארנשיט.

דאס, וואס ער האט געוואלט זאגען, איז דאך ניט געווען בעשטימט גראדע פאר די צופעליג פערזאמעלטע, נאר פאר דער גאנצער וועלט, פאר דער עפענטליכקייט. א הויפען זאמען-קערנער האט ער געוואלט פונאנדערווארפען דא און אנדערשוואו, היינט און מארגען. מיט דער צייט וועלען די קערענדלעך דאך

וואו עס איז אויפשפּראַצען; אין איינציגע הערצער וועלען אַריינדרינגען די אידעען און געפיהלען, וואָס פילען אזוי אָן זיין איינענע הארץ, און עס וועלען קומען די מיטארבייטער און די נאָכפּאָלגער. מעגליך, אז עס וועלען קומען אזעלכע, וועלכע וועלען איהם נאָך איבערשטייגען. אויב אזוי, איז עס נאָך בע־סער. פון א פּערזענליכען וואונש פּאר בייפאל איז ביי איהם ניט געווען קיין פונק אין דעם הייליגען פייער, וואָס האָט איהם דורכגעגליהט.

א פּערזאמעלטע מאסע, וועלכע אפּלאָדירט דעם רעדנער, אזא האָט ער געזעהן אין זעלבען זאל מיט איניגע וואָכען צוריק, ווען עס האָט גערעדט אַן אַנטיסעמיטישער רעדנער. דאָס איז געווען א פּאָרטראג פול מיט האס און געפעפערט מיט גראָבע וויצען געגען די אידען און די פריימויערער, געגען „אויפקלע־רעריי און וויסענשאפט־אונזין“. און דער פערזאמעלטער עולם איז דוקא געווען אַן אריסטאָקראטישער: בישאָפען און גענעראַ־לען, מיניסטאָרען און גראפען, דאמען פון די הויכע און העכסטע קרייזען, און דערביי זיינען אויך געווען פיעלע פון „פּראָסטען“ עולם, וועמען מען דארף עס אימער העלפען. נאָך מעהר בעגייסטערונג האָט ער געזעהן, ווען אויף דער זעלבער פּלאַטפאָרמע איז געשטאנען א גוטער פיעדעל־שפּיעלער, אָדער ווען א היבשע „דיוואַ“ האָט געזונגען צוויי־דייטינגע ליעדער. ניין, קיין אפּלאָדיסמענטען, און נאָך אזעלכע אפּלאָדיסמענטען, האָט רודאָלף ניט געזוכט. ער איז ניט אויפגעטראָטען ניט אלס גע־ליעבטער פּאָלקס־זינגער און ניט אלס גרויסער אָראטאָר, ער האָט ניט געוואָלט ווייזען קיין רעדע־קונסט־שטיק, נאָר עטוואָס צו זאָגען זיי, דאָס האָט ער יא געהאט און געוואָלט.

אלע פּלעצער זיינען געווען בעזעצט. די בעשטימטע צייט, ווען דער פּאָרטראג האָט זיך בעדארפט אָנפאַנגען, איז שוין פאָר־איבער — עס איז שוין געווען צייט אָנצוהויבען. רודאָלף האָט בעשטיגען די פּלאַטפאָרמע. דאָס רוישען פון די אָנגעהענדע געשפּרעכען צווישען עולם האָט אויפגעהערט, און עס איז איינ־געטראָטען דאָס שווייגען, פול מיט ערוואַרטונג.

— עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ — האָט מאַרטהאַ געזאָגט שטיל צו גראַף קאַלנאַס.

זי איז ניט געווען די איינציגע. אין איינער פון די לעצטע רייהען — זי האָט זיך אַרויסגעגנבֿ'עט פון הויז און איז געקומען אָהער מיט אַ פריינדין — איז געזעסען קאַיעטאַנע ראַנגע, און איהר האַרץ און אַלע איהרע פּולסען האָבען אַזוי העפטיג גע־קלאַפּט, דאָס זי האָט קוים געקאָנט זעהן און הערען, וואָס קומט פאַר אַרום איהר.

דאַצקי אַליין האָט ניט געציטערט. עס איז דאָך ניט געווען פאַר איהם דאָס ערשטע מאָל צו רעדען אויף אַן עפענטליכער פער־זאַמלונג. אין דער צייט פון זיין וואַהל־קאַמפּיין האָט ער עס אָפט געטהאָן און דערביי אויסגעפּרובירט זיין פעהיגקייט צו בעהער־שען זיין שטימע און זיינע ווערטער. דאָ נאַטירליך איז עס געווען אַ ביסעל אַנדערש, אָבער גראַדע דאָס האָט איהם געמאַכט מעהר זיכער. ער איז דאָך ניט געשטאַנען פאַר אַ פּובליקום, פון וועמען ער האָט פערלאַנגט עטוואָס פאַר זיך, נאָר פאַר אַ פּוב־ליקום, וועמען ער האָט געוואָלט עטוואָס געבען.

ער איז צוגעגאַנגען צום פּולט, וואָס איז געשטאַנען פון פאָרענט אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט זיך געשטעלט מיט אַ זייט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף דעם מיט זיין עלענבויגען. אויפ'ן פּולט איז ניט געלעגען קיין מאַנוסקריפּט, ער האָט אויך ניט געהאַט קיין מאַנוסקריפּט אין האַנד — ער האָט געוואָלט פריי רעדען.

מיט אַ הויכער, פעסטער שטים האָט ער אָנגעהויבען.

„איהר אונצופריעדענע! צו ערשט וועגד איך זיך נאָר צו די אונצופריעדענע אין דעם זאַל, פאַר אייך האָב איך אַ בשורה צו ברענגען: עס וועט בעסער ווערען... אפשר באַלד, און אפשר אין אַ לאַנגער צייט שפּעטער — דאָס העגגט אָב פון דער אַרבייט און דער צאָהל פון די אונצופריעדענע.

„אָבער צווישען די, וועלכע וועלען דענקען, אַז צו זיי רעד איך, מוז איך — כדי מיינע ווערטער זאָלען ניט געהן אויף אַ פאַלשען אַדרעס — געגוי ערקלעהרען וועלכע אונצופריעדענע איך מיין. זיכער מיין איך ניט יענע, וועלכע זיינען אונצופריע־דען דערמיט, וואָס מען הויבט אָן איבעראַל צו טרייסלען די אַלטע

צושטענדע. איך מיין אויך ניט יענע אונצופריעדענע, וועלכע דריקען אויס זייער צאָרן דורך זידלען־זיך און האַס — אַ מעטהאָדע, וואָס געהט פון דער אויפהעצערישער רעדע ביז צו דער באָמבע; און פונקט אזוי ווייניג מיין איך די יעניגע, וועלכע זיינען אונצופריעדען מיט זייער פריוואטער לאגע און ווינשען, אז בלויז די, אין די ראהמען פון די בעשטעהענדע פערהעלטניסע, און מעגען אנדערע פון דעם נאָך מעהר ליידען, זאָל פערבעסערט ווערען. ניין, ניט צו די, וועלכע ווילען, אז אלעס זאָל צוגעהן שטיל און רוהיג, אויך ניט צו די אַנארכיסטען פון טהאט, אויך ניט צו די איינפאַכע עגאָאיסטען רעד איך. איך רעד צו די, וועלכע זיינען פול מיט אַ הייליגען צאָרן געגען דעם אונגליק פון אלע אונטערדריקטע און פערפאָלגטע, און אַ הייליגען מוטה צו ווען אָבשאַפען דאָס אונגליק, פאַר זיך און פאַר אנדערע.

„אָבער בלויז מיט אזעלכע מיטלען, וועלכע זיינען פונקט אזוי ריין, ווי דער צוועק.

„נו, וועל איך אויסרעכענען די זאכען, מיט וועלכע מיר זיינען און מוזען זיין אונצופריעדען, ווען עס זאָל ווירקליך אַ מאָל אנדערש ווערען“.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווייל און האָט עטוואָס געענדערט זיין פריהערדיגע פאָזע. דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַ עטוואָס פערענדערטען טאָן אויסרעכענען די זאכען, מיט וועלכע דער מענש דאַרף אונצופריעדען זיין.

איינס נאָך דאָס אנדערע האָט ער אויסגערעכענט די אַלע צושטענדע און אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען שולדיג אין די צרות פון דעם איצטיגען געזעלשאַפטס־לעבען. און צו יעדער פון זיינע אָנקלאַגען האָט ער צוגעגעבען אַ שילדערונג, כמעט אַן ערצעהלונג. עס איז געווען, ווי אַ רייהע פאַרגעשטעלטע בילדער, פאַרטיגע און פול מיט לעבען: ארבייטער־עלענד, ערניעדערונג פון די פרויען, די מיסהאנדלונג פון סאָלדאטען, ראַסען־קעמפפע, דער שיקזאָל פון די ארבייטסלאָזע, און נאָך אזעלכע טרויעריגע ערשיינונגען אין דער הערשענדער געזעלשאַפט.

„אַ געזעלשאַפט, — האָט ער ווייטער גערעדט — וועלכע איז אויפגעבויט אויף פריווילעגיען, וועלכע שטיצט זיך אויף

געוואלט, און וועלכע איז דורכגעפרעסען פון אונגערעכטיגקייט און אונוויסענהייט, א געזעלשאפט, וועלכע ווייס טהעארעטיש די אלטע שעהנע טוגענדען, נעמליך, גוטסקייט, גרויסמוטה, ליעבע צום נעכסטען, און זאגאר ליעב האבען דעם פיינד; זי ווייס אויך פון די געבאטען: מארד ניט, זאג ניט קיין ליעגען, זייי ניט מקנא; אבער די אלע שעהנע זאכען זיינען נאר דא אין די מאראל־ביבער, אבער אין דעם עפענטליכען לעבען, אין דער פראקטיק, קומט פאר גראדע דאס פערקעהרטע".

דער רעדנער האט דערפיהלט, אזוי ווי א קאלטער ווינד וואלט א בלאז געטהאן אויף איהם. צי דאס איז געווען דאס שטילע מורמלען פון דעם פאליסמאן, וואס איז געווען אנוועזענד, אדער דאס מורמלען פון דעם אנוועזענדען עולם, קורץ, ער האט דערפיהלט, אז א טהייל פון דעם עולם איז איהם אין גאנצען דאגעגען, כאטש ער האט עס נאך ניט אויסגעדריקט. ער האט געפיהלט, אז ווען ער זאל איצט צוריקווייכען, איז ער פערלא־רען. א פיינדזעליגער עולם, וואס קאן ניט איבערצייגט ווערען, מוז געבונדען ווערען: און ער האט געמאכט א טריט פארווערטס און מיט פעסטער ענטשלאסענהייט האט ער ווייטער גערעדט:

„איצט א ווארט צו די צופריעדענע אין דעם זאל. דאס, וואס איך האב ביז איצט געזאגט, ווייס איך, קאן אייך ניט גע־פעלען. מיינע אנקלאגען נעגען דאס עקזיסטירענדע קלינגען אין אייערע אויערען, ווי אן אויפרייצונג צו רעוואלוציע, און דערביי וואלט געקאנט אומגעווארפען ווערען דאס, וואס מאכט אייך צופריעדען: אייער שטעלונג אין דער געזעלשאפט, אייער רייכ־טהום, קאריערע... דארום מוז געשמיעדט ווערען אין קייטען דער אויפרייצער, דער פריעדען־שטערער.

„צופריעדענע, מיינע ברידער — מיר זיינען דא אלע ברי־דער — איהר פערגעסט, דאס איהר האט צו דאנקען דעם פריע־דענ־שטערער פון די פריהעריגע צייטען פאר אייער היינטיגע בעקוועמליכקייט, פאר אייער איצטיגע זיכערהייט און פרייהייט, אזוי פיעל אדער אזוי ווענינ, וויפיעל איהר בעזיצט פון דער גאנצער היינטיגער קולטור. וואלטען די אלטע צושטענדע קיין מאל ניט געהאט זייערע אנקלעגער, וואלטען די נייע קיין מאל

ניט געהאט זייערע פערטהיידיגער, וואלט אַמ דער גאַנצער עולם איצט אפשר געווען פערזאמעלט ארום אן „אוטאָ־דאַ־פע“ (א פערברענונג פון א מענשען פאר זיינע אפיקורסות), אָדער אפשר גאָר אין יענער צייט, ווען דער מענש האָט געגריזשעט א ביין אין א דונקעלער הייהל... עס זעהט נאָר אויס, אלס א פערלוסט, ווען אן אלטע אָרדנונג, צו וועלכער מען האָט זיך צוגעוועהנט, מאַכט פלאַץ פאר א נייער. אזוי האָבען די ריטער געמוזט אויפ־געבען זייערע פעסטונגען, און אלעס אנדערע, וואָס איז זיי געווען ליעב און טייער, אָבער ווער פון זייערע יורשים לעבט איצט ניט בעסער אין זייערע ניט פערטהיידיגטע לאַנד־הייזער? ווער קאָן ניט בעקוועמער זיך פערשאַפען די נויטיגע זאַכען, איינקויפענדיג זיי אין קראָם, איידער דורך אן איבערפאַל אויף רייזענדע סוחרים? עס איז ניטאָ קיין אונגליק אָדער שמערץ, כאָטש אזעלכער מעג זיין נוצליך פאר דעם אָדער יענעם, וועמענס אָב־שאַפונג זאָל ניט זיין פון גרעסערע נוצען אפילו פאר די, וועלכע האָבען פון איהם יא געהאַט א גרויסען נוצען.

„דערפאר קיין מאָל ניט מיעד ווערען אין דער בעקעמפפונג פון אן אינסטיטוציע, וועלכע ווערט אנערקענט אלס אן איבעל. קיין מאָל ניט צוריקוויכען, אוים ריקזיכט פאר איהרע טרעגער און דיענער. מען טאָר ניט לאָזען בעשטעהן די שקלאַפעריי צוליעב דעם פראָפיט פון די שקלאַפען־הענדלער, אָדער אויפ־האַלטען די פייניגונג־סיסטעם, ווייל די פייניגער מאַכען דערביי זייער לעבען. מען מוז זיין ריקזיכטסלאָז. דאָס איז די נויט־ווענדיגע בעדינגונג פון יעדער טהאַט.. ווען מען וויל ראַטעווען איינעם, וואָס טרינקט זיך, שלעפּט מען איהם ארויס פון וואַסער ביי די האָר, פון ברענענדע הייזער וואַרפט מען ארויס מענשען מיט געוואַלד אין די פון אונטען אויסגעשפּרייטע נעצען, און די פערבלענדעטע, צופריעדענע מוז מען מיט שווערע, רויהע ווער־טער ארויסרייסען פון די צושטענדע, אין וועלכע, זיי מיינען, אז עס איז זיי וואויל און גוט, אויב מען מיינט ערנסט מיט זייער בעפרייאונג. בעפרייען, ערלייזען — דאָס זיינען ניט אויפגאַבען, וועלכע מען קאָן אויספיהרען מיט דער צושטרויאונג פון בלומען, נאָר מען מוז — און דערביי האָט ער געמאַכט א טריט פאָר־

ווערטס און האָט עס ארויסגערעדט מיט א הויכער שטימע — מען מוז צוברעכען די קייטען מיט געזונדע קלעפּ, מיט דעם בראָוו־געשוואונגענעם שפּיעז טוידטען די חיה רעה און מיט א צאָרן־געשוואונגענעם בייטש אויסקעהרען און ריין מאַכען דעם טעמפּעל".

דער עולם האָט שטאַרק אפּלאָדירט די לעצטע ווערטער. רודאָלף האָט זיך דערביי געפיהלט זעהר אונאַנגענעהם און איז רויט געוואָרען. דער דאָזיגער אפּלאָוז האָט איהם אויסגעזעהן, ווי א ביליגער טהעאַטער־עפעקט. ער האָט גערעדט פון קלעפּ, פון חיות רעות, פון בייטשען, און דערביי האָט ער גערעדט מיט אזא הויכער שטימע, אז דער עולם האָט איהם פאַר דעם אָבגע־דאַנקט, ווי ער טהוט עס מיט א טענאָר, ווען ער נעהמט אָן און דערגרייכט דעם הויכען „סי".

עס האָט נאָר געפעהלט, אז ער זאָל זיך העפליך פערבויגען. דאָס האָט ער ניט געטהאָן. ער איז אויף א ווײַלע געבליבען שטעהען מיט א מינע פון פערדרוס אויף זיין פּנים. דאַן האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען, מאַכענדיג צופאַר א בעוועגונג מיט דער האַנד, וואָס האָט געמיינט, אז דער עולם זאָל זיך פערהאַל־טען רוהיג.

„עס זעהט מיר אויס, דאָס איך בין גאַנץ שלעכט פערשטאַ־נען געוואָרען. די האַק, דער שפּיעז און די בייטש, וועלכע האָ־בען מיר געבראַכט דעם אפּלאָוז, די האָב איך נאָר בילדליך גע־מיינט. איך שטעה דאָ, אום צו רעדען געגען די רויהע גע־וואַלט, אָבער פאַר דעם וואָרט אליין, פאַר דער וואַפע פון דעם געפיהל און דער אידעע, האָב איך געוואָלט ארויסברענגען דאָס רעכט, אז ער מעג זיין שאַרף און שטאַרק, און אז ער דאַרף גע־ברויכט ווערען קרעפטיג און אונערשראָקען, ווי מען האָט א מאָל געברויכט האַק, שפּיעז און בייטש. די זאַכען, וועלכע איך וויל זעהן אָבגעשאַפט, האָב איך אויך נאָר געמיינט אין בילדליכען זין. די קייטען, אין וועלכע מיר זיינען געשמיעדט, זיינען ניט פון אייזען, און די חיה רעה האָט ניט קיין פעל און ניט אויף שטיינערנע זיילען שטיצען זיך די טעמפּלען, וועגען וועלכע איך האָב גערעדט. איך מוז מיך מאַכען דייטליכער"...

און אין א רוהיגען טאָן האָט ער אָנגעפאַנגען צו ערקלעהרען, וועלכע, לויט זיין מיינונג, זיינען עס די קייטען, מיט וועלכע מיר זיינען אלע געבונדען און ווי מיר קאָנען פון זיי פטור ווערען. וואָס ער שטעלט זיך פאָר אונטער דעם העבערען טעמפּעל, וועלכען די וואָכערניקעס פערשוועכען, און ווי מען מוז דיזע ארויסיאָגען, און ענדליך, ווער עס איז די חיה רעה, וועלכע מאַכט אַן אזא חורבן אין דער וועלט און וואָס עס איז די טהאַט, דורך וועלכער מען זאָל קאָנען טוידט שלאָגען דעם מאָנסטער.

„יעדער מאַן ווערט געבאָרען אַלס שקלאַף. ער מוז דיענען, צו ער וויל צו ניט. ער מוז דורכמאַכען אַ געוויסען עקזאַמען, אויב ער וויל ניט זיין אונטער מיליטער צוואַנג דריי יאָהר, נור בלויז איינעם. און וועהרענד ער דיענט דאָס איין יאָהר הייסט ער נור בלומרשט פריוווילינער, פון פריי־וויליגקייט און זעלבסטבעשטימונג זעהט מען אָבער גאַנץ ווענינ אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען. די לייב־אייגענשאַפט איז אמת אָבגעשאַפט, אָבער מיינט עס ניט זיין צוגעבונדען צו א געוויסער שטיקעל ערד, ווען מען קען ניט אוועקפאָהרען וואוהין מען וויל און אויף וויפיעל צייט מען וויל, און ניט בלייבען דערביי קיין דעזערטירער, קיין אנטלאָפענער? איז איינער ווירקליך פריי, ווען איינער שלעפּט הינטער זיך די קאַטאָרזשנע קייט פון אָרעמקייט? ווי צוברעכט מען אַט די אלע קייטען? דורך די לייזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע. האָט ער א פאַרטינע לייזונג? ניין, אזוי פיעל נארישע חוצפּה וועט מען איהם ניט צוטרויען. ער וויל נור דאָס זאָגען: די סאָציאַלע פראַגע מוז אימער, אונערמיעדליך און עהרליך שטודירט ווערען. עס מוזען געמאַכט ווערען אַלערליי עקספּערימענטען אזוי לאַנג, ביז מען וועט ענדליך געפינען די לייזונג. דער העבערער טעמפּעל, דאָס איז די נאַטור, דאָס איז דאָס לעבען גופא. ביידע זיינען אזוי פול מיט שעהנקייט מיט געהיימניסע און מיט אוצרות. דאָס לעבען מיט זיין אָנגעבאָרענע לוסט, מיט לעבענס־פרייד, און דאָס אלעם הייליגסטע דערצו — די ליעבע. די נאַטור אין איהר אייביגקייט און אונענדליכקייט, אין איהר אלמעכטיגקייט, איהרע אייביגע ווירקענדע געזעצע און שטענ־

דיגע ענטוויקלונג — און ווי אזוי ווערט אַט דער טעמפּעל — די נאַטור און דאָס לעבען — געשענדעט דורך אַלערליי ליגענס און שווינדעל וואָס ווערען אין איהם געטריבען! אוועק דער־מיט. און אום איהם ריין צו מאַכען דאַרף מען נור דעם אמת און די וואהרהאַפטיגקייט. אין אַנדערע ווערטער: די אָפּענ־באַרונגען פון דער וויסענשאַפט מוזען ווערען דער געזעץ פון לעבען; דאָס אייביגע פאַרשען און די מוטהיגע פערקינדיגונג פון די רעזולטאַטען פון פאַרשונג דאַרף ווערען אונ־זער גאָטעס־דיענסט, און די אונשולדיגע פערגעניגענס פון לעבען דאַרפען ערהויבען ווערען צו דער מדרגה פון רעליגיאָן. פאַרגעניגענס, אויף וועלכע אַלע האָבען א גלייכע רעכט. דאָס האָבען די קירכען זעהר גוט פערשטאַנען, צוזאָגענדיג אַלעמען די זעלבע פערגעניגענס, אָבער ערשט אויף יענער וועלט. מיר ווילען עס פאַר אַלעמען גלייך אויף דער ערד. עס זאָלען ניט מעהר זיין קיין אָרימע, קיין ערנידריגטע. די ערד איז פּרוכט־באַר גענוג, אז קיינער זאָל ניט דאַרפען הונגערען, און נידריג דאַרף ניט הייסען קיינער, וועלכער דענקט ניט נידעריג.

„און איצט וועגען דער בייזער חיה“.

רודאָלף האָט זיך אָבגערוהט א ווײַלע אום צוזאַמענצו־נעהמען זיינע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט איצט פאַרברייגגען דאָס, וואָס האָט אַם טיעפסטען געברענט איהם אין הארצען, און וועגען וואָס ער האָט געוואוסט דאָס עס שטאַמט פון אַן אויפפאַסונג, וועלכע איז זעהר ווייט פון ניין־צעהנטעל פון די איצטיגע מענשען. פאַר איהם איז די חיה רעה געווען דאָס, וואָס די מייסטע מענשען פאַרגעטערען.

מאַרטהא איז בעפאַלען געוואָרען פון א שטילע אנגסט. זי האָט געזעהן קומען דאָס, וואָס איהר זוהן האָט געוואָלט זאָגען, און זי האָט געציטערט, אז די מייסטע אנוועזענדע זאָלען עס ניט אויפנעהמען אלס א בעליידיגונג. אין די פאַר־קעט־רייהען האָט מען געזעהן פיעלע מיליטער־מענשען, און זי האָט געזאָגט צו איהר שכן גראַף קאַלנאָס, גאַנץ שטיל —

— אַך, קאַלנאָס, איך האָב אזוי מורא...

— איך פאַרשטעה אייך — האָט ער איהר געענטפערט —

אָבער נור ניט פערצווייפעלט. דאָרט אויבען שטעהט א קעמפ־פער. ער טהוט און זאָגט, וואָס ער מוז.

„פריינד, געגנער און גלייכגילטיגע, גליקליכע און אונ־גליקליכע, מענער און פרויען רייכע און אָרעמע, סאָלדאטען און בירגער, אריסטאָקראַטען און ארבייטער — די חיה רעה פון וועלכע איך האָב גערעדט, איז ניט נור מיינע, נור אונ־זער אלעמענס שונא. און זיין נאָמען איז געוואלט. אָבער דער דאָזיגער שונא ווערט ניט אנערקענט אלס א מאָנסטער, א פער־ניכטענדער, און אונגליק־ברייגנענדער, וואָס דארף בעקעמפפט ווערען; ניט אלס חיה רעה ווערט די געוואלט אנערקענט, נור מען האלט איהר גאָר אלס די געזעצליכע הויך־געשעצטע הער־שערין. געוואלט ווערט בעטראכט אלס דער פונדאמענט פון דער אָרדנונג, אלס א שיצונג געגען אלערליי געפאהרען. זי איז עס די, וועלכע טהיילט אוים איהרע ליעבלינגע די העכסטע עהרען, און זי וואכט עס איבער דעם, אז גערעכטיגקייט זאָל געשעהן. דער גלאַנץ און דער שטאָלץ פון נאציאָנען שטיצט זיך אויף דער מאכט, וואָס איז געזיכערט דורך געוואלט. געוואלד־טהאטען רופט מען גרויסטהאטען; אום צו דערגרייכען טשי־נען און כבוד, אום צו עראָבערען די העכסטע גיטער און אום ארויסצואווייזען דעם געפיהל פון פליכט און מוטה איז דער מיטעל דערצו — טוידטען.

און די סיסטעם איז אזוי איינגעוואָרצעלט אין אלע אונ־זערע אינסטיטוציאָנען, אין דער ערציהונג, אז די מייסטע פון אונז לעבען און שטארבען גאנץ אונבעוואוסט אין דיענסט אָט צו דער חיה רעה, און האָבען קיין מאָל ניט די געלעגענהייט אריינצוקוקען אין די אויגען פון אָט דער בלוט־טריפענדער חיה.

די יעניגע וועלכע דערקענען דעם מאָנסטער אין זיין גאנצער שרעקליכקייט, די ווערען דורכגענומען פון א טיעפען שוידער און שמערץ... טויטען, טויטען, טויטען... ווען מען פארטיעפט זיך נור אין דעם זין פון דעם וואָרט, און מען לאָזט אבישעל די פאנטאזיע זיך פאנאנדערשפיעלען און מען שטעלט זיך פאָר, ווי מען בויערט אריין דאָס אייזען אין די ברוסט פון

א ברודער, אָדער אז ער זאָל אָבגעהן מיט בלוט אונטער אייער האק און ווען מען זעהט, אַלס לעצטען שלום פון דער ציוויליזאציע, דעם שלאַכט־מעסער, וואָס מען רופט מיט דעם הויךקלינגענדען נאָמען „שווערד“, הערשענדיג אין זיין גאנצער מאכט, דאַן ווערט מען ארומגעכאפט פון א פייער, וועלכער שרייט אויס אין אייך: דער מאָנסטער מוז בעזיעגט ווערען!“

ווידער האָט אויסגעבראָכען א שטארקער אפּלאָז.

שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט רודאָלף פאָרטגעזעצט:

„ווען איך, אין דער היציגקייט פון מיין געפיהל, געברויך שטארקע ווערטער, דאַן בעלוינט איהר מיך מיט אייער בראַוואָ. אָבער איך מוז עס אייך גלייך זאָגען, אז פאר די בעקעמפפונג פון געוואלט דענק איך ניט פון דעם געברויך פון מעהר געוואלט. אזוי לאַנג, ווי מען דענקט צו קענען בעקעמפפען דאָס בייז מיט בייזען, ווערט ניט צובראָכען דער געוואלט־רינג, וועלכער האלט אונז ארומגענומען מיט צוואַנגען.

דער גאנג פון דער קולטור בעשטעהט אין דעם, וואָס געוואלט מאכט פלאַץ פאַר דאָס רעכט. אמת, מיר זיינען נאָך ניט ווייט אויף דעם וועג. אָבער יעדענפאַל וועט די מענשהייט זיך ווייטער בעוועגען אין דער ריכטונג ביז זי וועט אריינטרעטען אין די אָהן־געוואלט־עפּאָכע, אין די צייט אָהן קריעג. וואָס מיר קענען טהאָן, איז צו פערזיכערען דיעזע ענטוויקלונג. אָבער יעדער ברוטאלער מיטעל: אויפשטאנד, אטענטאנט, פערפאָלגונג — דאָס דערגרייכט ניט זיין צוועק, און פארציהט נאָך דעם גאנג פון דער קולטור.

איך פּרעדיג ניט קיין רעוואָלוציע — איך זאָג ניט צום עולם: געהט און פארניכטעט דאָס אָדער יענעס, ווייל איך וויים, דאָס מיר קענען ניט ארויסגעהן דירעקט פון אָט דעם זאַל, א קליין הייפעלע, ווי מיר זיינען, אפילו ווען מיר וואָלטען עס געהאט בדעה — וואָס מיר זיינען עס ניט — אום היינט אבענד נאָך אָדער מאָרגען פריה מיטצורייסען די גלייכגילטיגע מאססע פון דרויסען צו בעקעהרען אַלע אונזערע געגנער, און אומצושטויסען אינסטיטוציאָנען, וועלכע זיינען שוין

אַלט טוויזענדער יאָהרען. איך זאָג נור דאָס, די אונצופֿריעדענע צום טרייסט און די צופֿריעדענע אַלס ווארנונג:

די ענדערונג קומט שוין איצט פֿאַר!"

און פונקט ווי ער האָט אין אָנפאַנג פון זיין רעדע אויס־געדעכענט אַלע צושטענדע פון וועלכע די מענשען ווערען אזוי געדריקט און געפּייניגט, אזוי האָט ער איצט אָנגערופען ביים נאָמען די פערשיעדענע בעוועגונגען און אָרגאַניזאציאָנען, וועל־כע ארבייטען שוין פֿאַר אַ גליקליכערע און גערעכטערע צו־קונפט. און צו די אָרגאַניזאציאָנען, וואָס מען זעהט, האָט ער אויך צוגערעכענט די אונזיכטבארע שטימונגען, דעם צייטגייסט, דורך וועלכען עס ווערט אָנגעזאָגט דאָס קומען פון אַ העכערע סאָציאַלע אָרדנונג.

„נאָך עטוואָס צום שלום. איך האָב גערעדט פון אחדות, סאָלידאַריטעט, וואוילשטאנד, פריעדען, פרייהייט און האָב גע־וויזען ווי פּיעלע שפּראָצונגען פון דעם זיינען שוין דאָ און פון וועלכע עס וועט ענדליך ארויסוואַקסען דער גאָרטען פון דעם קומענדען פּאַראַדיז. און איך וויים גאַנץ גוט ווי עס וועלען חוזק מאכען פון מיר גאָר פּיעלע חכמים, און זיי וועלען זאָ־גען: אָה, דער נאַאיווער נאַר, ער זעהט ניט ווי די פראקטישע וועלט איז אזוי געבוים אז איינער זאָל זיין געגען דעם אנדערען. ער זעהט ניט, אין וועלכען ווילדען קאמפּף עס געפינען זיך די פערשיעדענע אינטערעסען. ער הערט ניט דעם ליארם פון די פּאַרשיעדענע פּארטיי־מחלוקות, פון דעם קלאַסען־האַס, פון די ראַסען־פערפאָלגונגען. ער ווייסט ניט, ווי די גייסטער פון איצט זיינען פארטיעפט אין דעם אַלטען און נייעם אַבערגלויבען — אָה, דער בלינדער, טויבער טרוימער!

„אויף דאָס וועל איך ענטפערען:

דאָס אַלעס זעהען מיר און הערען נאָך צו דייטליך — מיר, וועלכע זאָגען נביאות אויף אַ שעהנערער צוקונפט. מיר זעהען און הערען זאָגאר נאָך שארפער, ווי די אנדערע, וויל אונטער די אַלטע פלאַנצונגען זעהען מיר אויך די בלאַס־גרינע קעפּע־לעך פון די קומענדע בלומען. דורך דעם משוגענעם ליארם פון

היינט פארנעהמען מיר שוין דעם ווייטען טריאומף־רוף פון מאָרגען...

אָלם לעצטעס וואָרט ווידערהאָל איך אָלזאָ מיט דער טיעפסטער איבערצייגונג מיין ערשטעס וואָרט: עס ווערט בעסער. אָבער מיר מוזען דערצו מיטהעלפען.

דער פאָרטראג איז געוועזן צו ענדע. אין זאל האָבען די מענשען געפּאטשט בראוואָ ניט צו שטארק, און דער עולם האָט זיך געשטופּט צו דער טהיר.

רודאָלף איז געשטאַנען אין קינסטלער־צימער, וואו אייניגע פריינד האָבען איהם גראטולירט מיט זיין רעדע. שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ האָט ער זיך געווערט געגען די קאָמפּלימענטען. ער האָט זיך געפיהלט שטארק אונבעפריעדיגט און זעהר אָבגעשפּאנט.



זעקס און צוואנציגסטער קאפיטעל.

רודאלף איז פון דער פערזאמלונג אוועקגעפאהרען דירעקט צו זיך אהיים, ניט אויסרעדענדיג א ווארט מיט זיין מוטער. ער האט שטארק געוואלט בלייבען אליין און אויסרוהען זיך.

די גאנצע פאסירונג האט איהם אויפגערעגט פיעל שטארקער, ווי ער האט עס זיך פארגעשטעלט. ווען ער איז ארויס רעדען, איז ער געווען גאנץ רוהיג. אבער אין דער צייט, ווען ער האט גערעדט, זיינען פאר איהם צוויי זאכען קלאהר געווארען: ערשטענס, דאס עס פעהלט איהם די מאכט צו זאגען אלעס אזוי, ווי ער וויל, און צווייטענס אז דאס וואס ער האט געזאגט, איז טהיילווייז געבליבען אונפערשטאנען און טהיילווייז איז עס אויפגענומען געווארען, אמת שטיל, אבער דאך מיט פיינדליכקייט, מיט א געפיהל פון געגנערשאפט, וועלכע ער האט ניט געקאנט בעקעמפפען. און דאס האט ארויסגערופען ביי איהם אן אויפרעגונג, וועלכע איז פאר איהם געווען העכסט שמערצליך.

אין בעט האט ער זיך געווארפען פון איין זייט אויף די אנדערע און ניט געקאנט בשום אופן איינשלאפען. ער האט פרובירט זיך דערמאנען, וואס ער האט געזאגט, און האט עס געהאלטען אין איין קארעגירען: דאס און יענעס האט ער בעדארפט זאגען. דערביי אבער האט ער אימער פארלארען דעם פאדים פון זיינע געדאנקען, און האט געמוזט אנהויבען פון דאס ניי.

ערשט ווען עס האט אנגעהויבען צו טאגען, איז ער אריינגעפאלען אין א פיבערהאפטען שלאף, און ווען ער האט זיך אויפגעכאפט ארום א זייגער ניין, האט ער געפיהלט א שטארקען קאפ־וועהטאג. א קאלטע וואנע צו וועלכער ער איז געווען צוגעוועהנט, האט איהם אבגעפרישט.

אויף דעם טיש האָט ער געפונען די צייטונגען. נאַטירליך איז זיין ערשטער בליק געפאַלען אויף די בעריכטען וועגען דער פאַסירונג. עס האָט איהם ניט אינטערעסירט, אויב מען לויבט אָדער זידעלט איהם, נור אויב דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז איבערגעגעבען געוואָרען אין א גוטען אויסצוג; אויב זיין געדאַנקען־גאַנג איז ריכטיג פערשטאַנען געוואָרען באַטש פון די צייטונגס־רעפּאָרטערס, אויב שוין ניט פון דעם אַלגעמיינעם פּובליקום.

דאָס איז ניט געווען דער פאַל. איינצעלנע פראַזען, ארויס־געריסען פון דעם גאַנצען צוזאַמענהאַנג. עס זיינען אויך געווען גאַנץ פערקריפּעלטע ציטאַטען און א פּירוש צו דעם — א שטי־קעל לויב אָבער מיט דער בעהאַלטענער אָנדייטונג, אז דאָ האָט מען צו טהאָן מיט א גוט־מיינענדען אידעאַליסט, וועלכער קען אָבער ניט די רויהע ווירקליכקייטען פון לעבען און אין די אַלע פראַזען האָט דער וואָרט אידעאַליזם געהאַט די זעלבע בע־דייטונג ווי נאַרישקייט.

נור איין צייטונג האָט געבראַכט א ריכטיגען אויסצוג פון זיין רעדע, אין וועלכען עס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען איה־רע וויכטיגסטע פּונקטען און האָט איהם צוגערופען א בעגייס־טערטען גליקוואונש.

ביי די צייטונגען איז געלעגען א קליין בריוועל אין דער געוויסער פערשטעלטער האַנדשריפט פון דער אונבעקאַנטער. ער איז געווען געשריבען נאָך לעצטען אבענד און זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„איך בין בעגייסטערט. ווען איהר האָט בעטרעטען די פּלאַטפאָרם האָב איך געפיהלט, אזוי ווי דער זאַל וואָלט זיך געדרעהט אַרום מיר. אַלע לאָמפּען האָבען געטאַנצט — איך בין דאַן אריינגעבראַכט געוואָרען אין א גאַנץ אַנדער וועלט. דאָ איז געשטאַנען א מאַן, וועלכער האָט זיך ענטזאַגט פון אַלץ, און איז אריינגעטראָטען פול מיט בעגייסטערונג פאַר אַן איידעלע זאַך, פאַר די זאַך פון דעם מענשליכען גליק. עס איז אַלזאָ נאָך דאָ אמת'ע גרויסקייט אין דער וועלט. עס זיינען נאָך דאָ מענשען, וועלכע שטעהען אזוי הויך איבער

די גרויסע מאסען, און דערביי איז ער אזוי קראפט־פול, און איז אזוי בעצויבערענד. רודאלף דאצקי, איך דאנק אייך, וואס איהר האט פאר מיר ענטפלעקט דאס, וואס מאכט דאס לעבען ווערטהפול און איידעל. איך דאנק אייך, וואס איהר זייט רודאלף דאצקי."

דער בריוועלע, ווי די אלע פריהעריגע, זיינען געווען אהן אן אונטערשריפט.

רודאלף איז נאך ניט געווען פערטיג מיט דער גאנצער אנ־געקומענער פאסט, ווען זיין מוטער איז צו איהם געקומען. ער איז אויפגעשפרונגען און איז איהר געלאפען אנטקעגען.

— שטער איך דיר, ליבעס קינד?... דו האסט זיך נעכטען פון מיר אבגעג'גנב'עט — און איך מוז דאך מיט דיר רעדען אי־בער דיין פארטראג.

— עס איז אמת, איך בין נעכטען אנטלאפען. איך בין געווען אזוי אונצופריעדען מיט מיר און די אנדערע... איך בעט דיך, זעץ זיך. דא זיינען די צייטונגען... זיי זיינען אויך ניט צופריעדען.

— האב זיי שוין געלייענט און מיך גוט געערגערט. די האבען דיך ניט פערשטאנען.

— און דו, וואס פאר אן איינדרוק האט עס אויף דיך געמאכט?

— לאך ניט פון מיר, אבער איך בין געווען אזוי שטארק „די מוטער פון דעם דעבוטאנט", ד. ה., איך בין געווען אזוי שטארק אויפגעטרייסעלט פון דעם לאמפען־פיבער, דאס איך האב גאר ניט געקענט פאסען א רוהיגען, בעשטימטען אורטייל.

— אלזא זאגאר פאר דיר איז דער ארעמער טייפעל, וואס איז געשטאנען דארט אויף דער פלאטפארמע, און וועלכער איז דאך דארט געשטאנען צוליעב ד י י ן זאך, און דאך איז ער געווען — ווי זאל איך עס זאגען? — בלויז א קאנצערט־רעדנער? אלס אזעלכער בין איך געווים קיין ערפאלג ניט געווען, דאס האב איך גלייך געפיהלט.

— ניין. קיין קאנצערט־רעדנער, א קעמפפער איז דארט

נעשטאַנען. אַזוי האָט זיך קאָלנאָס אויסגעדריקט. דער האָט דיך פערשטאַנען.

— יע, יע, מען ווערט אימער נור ריכטיג פערשטאַנען פון אַזעלכע, וועלכע זיינען פון אַ גלייכער מיינונג נאָך פאַר דעם פאָרטראַג. אָבער צו בעגייסטערען די אַנדערע, און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיגסטע...

— בעגייסטערען? איך מיין, אַז דאָס וויכטיגסטע איז צו איבערצייגען, און אויך דאָס איז אַ זעהר שווערע זאַך, וואָס קען ניט געלינגען מיט איין מאָל. עס איז שוין פיעל אויפגעטהאָן, ווען עס געלינגט צו פאַרשטאַרקען אין זייערע איבערצייגונגען די גלייכגעזינטע. דאַרום וואָלט איך ליעבער געזעהען ווען דו וואָלסט זיך אָבגעגעבען אין דער דיענסט פון אַ בעשטימטער בעוועגונג, די בעוועגונג, וועלכע אין מיינע רוי־טע־טאָג־ביכלאַך...

— דו מיינסט, ווען איך וואָלט, אַלס מיטאַרבייטער און רעדנער, זיך בעטהייליגט אין די פריעדענס־קאָנגרעסען?

— נו, געוויס. דאָרט וואָלסטו געקאָנט פאַרשטאַרקען די גלייכגעזינטע און אויך ווירקען אויף די אויסערע־וועלט, ווען דו וואָלסט זיך אָבגעגעבען בלויז צו אַ בעשטימטען געביט. דאָס אַלעס־ארומכאַפּענדע פערליערט זיך אין דער ווייטקייט. דו ווילסט דאָך אויפטרעטען אַלס לעהרער? נו, טו רעכען זיך מיט די שוואַכע קעפּ פון דיינע שילער, און רעד צו זיי פון בלויז איין זאַך ביי יעדען לעסאָן. פּרוביר ניט, איבערהויפּט מענשען, וועלכע קענען ניט דעם „אלף־בית“, צו מאַכען אין איין לעהר־שטונדע פאַר גרויסע געלעהרטע און פילאָזאָפען.

רודאָלף האָט געשאָקעלט שמייכלענדיג מיט׳ן קאָפּ.

— דיין קריטיק, ליעבע מוטער, איז נאָך פיעל שטרענגער, ווי די קריטיק פון די צייטונגס־רעפּאָרטערס.

אין די נעכסטע טעג האָט רודאָלף ערהאַלטען נאָך אייניגע בריעף פון זיין געהיימער בעוואונדערין. דערצו נאָך אַנדערע בריעף פון פערשיעדענע ענטציקטע צוהערערינס, וועלכע האָ־בען איהם געבעטען, — פּונקט ווי דאָס איז דער פאַל ביי אַק־טיאָרען און זינגער — ער זאָל זיי צושיקען זיין בילד מיט זיין

אונטערשריפט, און אנדערע האבען איהם זאגאר אנגעמוט צו טרעפען זיך מיט זיי. דאן זיינען אנגעקומען אנפראגען פון פערשיעדענע פעראיינען, אויב ער וועט זיין אזוי גוט און האלטען ביי זיי א פארטראג אין פערלויף פון דעם ווינטער־סעזאן.

אויף די לעצטע אויפפאדערונג האט ער גלייך געשיקט אן איינשטימענדען ענטפער. חאטש די ערשטע פראבע האט איבערגעלאזען ביי איהם אזא ביטערען געשמאק, דאך האט ער געפיהלט א גרויסען חשק ווידער און ווידער צו רעדען צום פאלק איבער דעם, וואס ער האט געדענקט און געפיהלט. אפשר וועט ער דורך דאס שטענדיגע רעדען און פרעדיגען דאך קענען אויספיהרען, אז די צאל פון די, וואס זאלען ערקענען די ווארהייט, זאל זיך פארמעהרען, און וועלכע וועלען אויף אזא אופן העלפען צו פארגיכערען דאס אנקומען פון דער ליכטי־גערער צייט. און אויב עס איז א קונסט דורך דאס גערעדטע ווארט צו איבערציינגען, צו טרייסטען, אויפצוטרייסלען, היני־צורייסען, נו וועט ער דורך פלייס און פראקטיק, צוויי זאכען, וואס זיינען נויטיג פאר יעדער קונסט, אפשר דערגרייכען צו ווערען א מייסטער אין רעדען. ער וועט דאן ווערען א הער־שער, אום צו קענען דאס בעסער דינען. ווארים פאר איהם איז נור געווען די פראגע, ווי ער קען אם בעסטען דינען דער זאך, און ווי ער קען ערפילען די געבאטען פון זיין גע־וויסען. דערצו האט אין איהם אויפגעוואכט א גרויסע קאמפף־לוסט, א שטארקער דראנג ארויבצוווייסען די מאסקע פון יע־דער צבוע'קישער נידערטראכט; א דראנג צו שליידערען דער געזעלשאפט אין פנים וויפיעל שרעקליך שלעכטעס און נארישעס עס איז דא אין די מענשען און זאכען, וועלכע זי, די געזעל־שאפט, שטעלט אזוי הויך. אמת, אז די געזעצע זיינען אזוי בעשאפען, אז איינער קאן ניט זאגען אלעס, וואס ער דענקט. מאנכע מענשען און זאכען זיינען גוט געשיצט פון די געזעצע, אז מען זאל זיי ניט קענען מאכען אזוי פערעכטליך, ווי זיי פארדינען עס, חאטש די געזעצע פארוועהרען זיי ניט צו זיין און צו האנדלען שענדליך און פערעכטליך.

רודאלף'ס אויפטרעטען אלס רעדנער האט יעדענפאלס ניט געמאכט אין וויען דעם מינדעסטען אויפזעהען, וואס זיינע פריינד און ער אליין האבען ערווארט. ווארים, ניט אכטענדיג שוין אויף דעם, וואס ער האט געזאגט, האט מען דאך געמאגט ערווארטען, אז 'אס, וואס א מאן אין זיין שטעלונג האט אזוי געהאנדעלט, וועט ארויסרופען א געוויסע סענזאציע און דאד האט עס ניט פאסירט. נייענציג הונדערטעל פון דער בעפעלקערונג האבען פון דער גאנצער מעשה גארניט געהערט, און דער קליינער פראצענט מענשען, וועלכער איז יא געווען ביים פארטראג, אדער האט געלייענט וועגען איהם, איז אויך ניט איבעריגס נתפעל געווארען. נאטירליך האבען די אנוועזענדע דערצעהלט זייערע בעקאנטע, אז זיי זיינען געווען ביי אזא און אזא פארטראג, אבער וואס זיי האבען געהערט וואלטען נור די ווענינגסטע פון זיי געקאנט איבערגעבען, און די האבען זיך באנוגענט מיט בלויז א קורצען אורטהייל, און דאס אפט מיט אזעלכען פון אויבען ארונטער.

דורך א צופאל האט רודאלף זיך צוגעהערט צו א געשפרעך איבער זיין פארטראג. ער איז געווען אין דעם קאפע־הויז, וואס איז געווען מייסטענס בעזוכט פון ליטעראטען און קינסטלער. ער איז אהין אריין, אום נאכצוזעהן אין אייניגע אויסלענדישע צייטונגען און האט זיך געזעצט ביי'ן פענסטער. ארום א טישעל דערביי, צו וועלכען ער איז געזעסען מיט'ן רוקען, זיינען געזעסען א פאר יונגע שריפטשטעלער, וועלכע האבען גערעדט איבער די סאמע מאדערנסטע ווערק.

נאך א ווייל'ע איז דער געשפרעך שטיל געבליבען. דאן האט א יונגער מאן פון א יאהר נייצנצעהן מיט דעם פנים פון א פראש, געלאזט פאלען פאלגענדע בעמערקונג:

— פאריגען זונטאג בין איך געווען אין מוזיק־פעראיין־זאל —

— אך, יע, דער דאצקי — נו, ווי איז ער געווען?

— שרעקליכער קוואטש. אלטע פראזען. דער סטיל פון א לייט־ארטיקעל, דער קירכען־גייסט אין זשורנאליסטישען דייטש. ער האט ארויסגעבראכט שוין לאנג פארגעסענע שטאנד־

פונקטען. מיגעם פון בענשען געפּאָרט מיט דעם שווערד־פּאַ־
כען פון דאָן־קיכאָט, און דער בעקאַנטער אידעאַליסטישער
קוואַטש: פּאָרטשריט, פרייהייט, מענשען־ליעבע, אַלגעמיינע
וואָהלשטאַנד, מיט איין וואָרט „יוקס". דער גוטער מאַן האָט
קיין אהנונג ניט פון דער אומווערטהונג פון אַלע ווערטהע, ער
וויים גאָרניט פון דעם איבערמענש, וועלכער פריהער פון אַלע
מוז פאַלגען דעם געבאָט: ווער הארט! דער דאָצקי וועט שוין
ניט זיין קיין קעמפּפער. וואָס אייגענטליך, ער וויל, וויים איך
ניט, וויים ער מסתמא אַליין ניט. אַזויפיעל איז זיכער: פון
דעם וויים ער גאָרניט, אַז דער איינציגער ציעל פון דעם מאַ־
דערנעם מענשען דאַרף זיין: צו זיין אַן אינדיווידואַליסט
און זיך אויסלעבען.

רודאָלף האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ טהאָן. זאָל
ער זיך אומדרעהען און זיך פאָרשטעלען פאַר דער געזעלשאַפט,
ברייגנען אין פערלעגענהייט די גרויסע אינדיווידואַליטעט וואָס
לעבט זיך אויס און ערקלערען פאַר זיי זיין שטאַנדפּונקט. איהם
האָט זיך עס זעהר געגלוסט צו טהאָן, ער איז אָבער בייגעקומען
דעם נסיון, און האָט זיך ווייטער צוגעהערט. מען האָט אויפ־
געהערט צו רעדען פון איהם, און מען איז פון דאָס געזאָגטע
אריבער אויף ניטשע, און באַלד זיינען זיי ווידער געקומען אויף
זייערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען, וועגען אַ נייעם זשורנאַל
וואָס זיי האָבען געהאַט בדעה ארויסצוגעבען.

דאָס האָט שוין רודאָלפען קנאַפּ־וואָס אינטערעסירט. ער
האָט באַצאָהלט און איז אַרויס. ער איז געגאַנגען איבער'ן גאַס
שטאַרק פאַרטראַכט. וואָס ער האָט דאָ געהערט, האָט נאָך
גערווישט אין קאָפּ ביי איהם. בעזאָנדערס דאָס וואָרט בע־
קעמפּפען.

דורך וואָס ווערט דאָס בעקעמפּפען אַזוי שווער פאַר איי־
נעם? דורך דעם, וואָס די ארבייט פון די, וועלכע ווילען עט־
וואָס בעקעמפּפען, ווערט געשטערט, נאָך איידער זי ווערט
אויסגעפיהרט פון אַזעלכע, וועלכע מיינען, אַז זייער אויפגאַבע
אין לעבען איז צו בעקעמפּפען די בעקעמפּפער. אָט אַזוי, למשל,

האָט זיך באַמיהט אַ געוויסע נאַטוראַליסטישע שולע צו בע־קעמפּפען דעם אידעאַליזם, וועלכער איז אַזוי פאַלש און ליג־נעריש געוואָרען. און איידער די דאָזיגע שולע איז רעכט גוט אויסגעוואַקסען, איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט צו שאַפען איהרע מייסטער־ווערק, האָט שוין ארויסגעשפּראָצט אַ ראָמאַנ־טישע שולע, וועלכע האָט זיך גענומען פאַר די בעקעמפּפונג פון דער נאַטוראַליסטישער. דאָס ערשטע, וואָס מאַנכע דערוויסען זיך וועגען אַ נייער טהעאָריע, איז דאָס, וואָס איז זי איז שוין גאָר ניט ניי, און דאָס זי איז שוין לאַנג צוריק ווידערלעגט און בעקעמפּפט געוואָרען. די לעהרע ווערט פערברייטעט פיעל שפּעטער, ווי זי ווערט פעראורטהיילט, און אָט איז דער גרויסער קאַמפף, אָן וועלכען רודאָלף האָט זיך אָנגעשלאָסען, אום צו בעקעמפּפען די טויזענד־יאָהריגע אַלטע אינסטיטוציאָנען פון מענשליכער אונפרייהייט — אַ קאַמפף, וועלכער האָט זיך ערשט אָנגעהויבען, און וועלכער נויטיגט זיך אין דער אונערמידליכער, אָנשטרענגונג פון מעהרערע דורות — און אויך דער קאַמפף ווערט שוין פאַרלאַכט און פאַרשפּאָטעט, אַלס אַלטער קוואטש... ווירקליך, שלאַגווערטער ענדערען זיך אין דער איצטיגער צייט שנעלער, ווי היט־מאָדעס. מען טאָר זיך גאָר ניט זעהען לאָזען אין דעם קרייז פון דער מאָדערנער יוגענד מיט אַ פאַראיאָהרי־גען אידעאַל! מען קען ערשט דאַן מיט איהם ארויסקומען נאָך אַ רייהע פון יאָהרען, ווען די בעקעמפּפער פון אידעאַל גע־הערען שוין אליין צו די גייסטיג־אַלט־געוואָרענע. אין אַלץ אַ ראַשערען טעמפּאָ שפּיעלט זיך אָב דאָס דאָזיגע אַהין־און־אַהער, דאָס אַלט ווערען פון דאָס נייע, דאָס ניי־ווערען פון דאָס אַלטע, מיט דעם צוליב פון ווירקליך אַזעלכע בעגריפע, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען. מען וואָלט ווירקליך געקאָנט ווילד און משוגע ווערען, ווען עס וואָלטען ניט געווען אַ פּאָר פעסטע פונקטען, עטוואָס, וואָס ערשיינט אַלס דאָס אייביגע פעסטע אונטער דאָס אַלעס, וואָס קאָכט און שוימט און בע־וועגט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט. צום ביישפּיעל: רודאָלף האָט געזוכט דאָס אייביגע—ליעבע, גוטסקייט, ער האָט געמוזט ביט ווילענדיג שמייכלען: דאָ בין איך ווידער אין טאַמע מי־

טען פון דער אידעאַליסטישער פּלווידעריי, ווי דאָס האָט געזאָגט דער אינגעל אין קאַפע־הויז.

א פאַרבייגעהער האָט זיך אָנגעשטויסען אָן איהם. דאַן האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט בעמערקט, דאָס ער געפינט זיך פאַר דעם טויער פון דער הויז, אין וועלכען די פאַמיליע ראַנענג האָט געלעבט, און איהם האָט זיך פאַרגלוסט אָבצושטאַטען א בעזוך דער פאַמיליע.

— איז די פרוי גרעפין צו הויז? — האָט ער געפרעגט ביי'ן פאָרטער.

— זי איז דאָ — האָט געענטפערט דער דינער און האָט געגעבען דעם גלאָקענצייכען.

אויבען האָט איהם דער דינער אריינגעלאָזען און אָנגע־מעלדעט גלייך אין זאַל. גרעפין ראַנענג און איהרע טעכטער קאַיעטאַנע און קריסטינע זיינען געזעסען ארום א רונדען טיש, מיט א ברענענדיגען לאָמפּ אין מיטען. דער טיש איז געווען פול מיט אַלערליי ארבייטס־קערב און מיט ביכער.

ווען רודאָלף איז אריין האָבען זיך אַלע דריי שטימען גלייך אויפגעהויבען צו בעגריסען איהם; עס האָט איהם אויס־געזעהען, אזוי ווי אונטער די אויסרופען: „אה, איהר!“, „אה, גראַף דאַצקי“, וואָלט ער אויך געהערט א שטילען פארשטיקטען אויסגעשריי. איז דען זיין בעזוך געווען אזא איבערראַשונג? ער פלעגט דאָך אָפט אריינקומען צו זיי אין הויז, און ער האָט אויך זעהר גוט געקאָנט דעם געמיטליכען רונדען טיש, ארום וועלכען עס פלעגען זיצען די ראַנענג־דאַמען, בעשעפ־טיגט מיט האַנד־ארבייט אָדער מיט בריעף־שרייבען. איז ער דען איצט, זינט ער איז אויפגעטראָטען אַלס רעדנער, אזא ווילדע בעשעפעניש געוואָרען, דאָס זיין ערשיינען דערשרעקט מענשען?

די גרעפין אָבער האָט מיט א בעשיינפערליכער פריינד־שאַפט איהם די האַנד דערלאַנגט.

— זעצט זיך לעבען אונז, העדר גראַף רודי. עס איז ווירקליך שעהן פון אייך, דאָס מיט אייערע נייע, גרויסאַר־טיגע — זי האָט געזוכט א וואָרט און ניט געקאָנט געפינען

קיין פּאַסענדען — הם, זאַכען, האָט איהר דאָך אייערע אַלטע פריינד ניט פאַרגעסען.

— אָך, מיינע גרויסאַרטיגע זאַכען — האָט רודאָלף גע־ענטפערט מיט אַ שמייכעל — ווע‍לען דוקא פיעלע פון מיינע פריינד דערוואַרטען פון מיר, אָבער, איך האָף, ניט פון אייך.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף קאַיעטאַנע און ער איז געוועזען ערשטוינט פון איהר בלאַסקייט, בלאַס ביז צו די ליפּען.

— איך בין געוועזען געשטערט, און האָב ניט געקענט קומען אייך הערען לעצטען זונטאַג, אָבער קאַיע איז דאָרט געוועזען מיט דער בלאַסקאָוויץ — זי איז געוועזען גאָר ענטציקט.

איצט איז דאָס פּנים פון דער מיידעל געוואָרען בלוט־רויט.

רודאָלף האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ענטציקט? דאָס וואָרט, ווי מיר זעהט אויס, פּאַסט זיך קוים. די פראַגע איז: זיינט איהר געוועזען איינפער־שטאַנען?

קאַיעטאַנע האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און גאַנץ שטיל האָט זי צוגעלעגט:

— נייע האָריזאָנטען האָבען זיך פאַר מיר געעפענט... עס איז געוועזען שעהן.

רודאָלף האָט אָנגענומען איהר האַנד.

— איך דאַנק אייך, גרעפין. דאָס איז דאָס ערשטע וואָרט פון בייפאַל, פון לויב, וואָס פרעהט מיך. יאַ, וועגען דעם האַנדעלט זיך עס טאַקי: נייע האָריזאָנטען, די זאָל די געמיינדע זעהען, ווען דער פּרעדיגער רעדט פון דעם פער־שפּראָכענעם לאַנד.

— פּרעדיגער — האָט זיך קריסטינע אַריינגעמישט — הערט נור, הערר גראַף, פאַר אַזוי הייליג האַלטען אייך ניט אַלע אייערע צוהערער. איך קען פיעלע, וועלכע רופען אייך מיט'ן נאָמען אַגיטאַטאָר.

— אַגיטאַטאָר, בעוועגער? דאָס איז אויך ניט קיין שלעכטער נאָמען. הלואי וואָלט איך נור געקענט די מענשען בעוועגען, אויפטרייסלען.

— האָט ניט קיין פּאַראיבעל אויף מיך — האָט די אַלטע גרעפין געזאָגט — אָבער איך בין ניט קיין פריינד פון אויפ־טרייסלען.

— דאָס ווייס איך, עקסעלענץ.

איהר ווילט דערמיט זאָגען, דאָס איך בין אַזוי קאָנסערוואַ־טיוו, ווייל איך בין די פרוי פון אַ געהיימראַט? אַ, ניין, נור דערפאַר, ווייל עס איז דאָך ניט גוט, ווען דער באָדען, אויף וועלכען מען שטעהט, הייבט אָן ציטערען, און די זיילען, אויף וועלכע מען שפּאַרט זיך אָן, הייבען אָן צו שאָקלען זיך. ניט אמת?

— וואו עס שטעהט איצט דער רינג, דאָרט איז מיט פערציג יאָהר צוריק געווען אַ מיליטערישע פעסטונג. וואָלט קיינער ניט געטרייסעלט די מויערדיגע ווענד פון דער פעסטונג, וואָלט דאַ אייער שעהן הויז ניט געקאָנט אויפגעבויט ווערען.

— איז דאָס אָבער אַ גרונד, איך זאָל מיר איצט לאָזען צושטערען מיט מיין גוטען ווילען מיין שעהן הויז? דאָס קאָנט איהר דאָך ניט פערלאַנגען פון מיר?

— נון, דאָס קען איך ניט פערלאַנגען פון אייך. זעה־איך אָבער אויס ווירקליך אַזוי, אַזוי ווי איך וואָלט דאָס פער־לאַנגט? מערקווירדיג, ווי גרינג מען פערבייט עס די שטילע אויפבויער, וועלכע אויף דעם פּלאַץ פון דעם אַלטען צופוילטען מאַטעריאַל ווילען בויען נייעס, אויף די געוואַלט־טהעטיגע צושטערער. וואָס איך וויל ברענגען, איז אַ ביסעל מעהר ליכט, מעהר ליעבע.

— ענטשולדיגט, ליעבער דאָצקי, אָבער דאָס זיינען דאָך ניט קיין נייע זאַכען. האָבען מיר ניט ליכט גענוג און ליעבע גענוג אין אונזער רעליגיאָן? ווען די מענשען וואָלטען ווירק־ליך נור פרום געווען. אָבער ליידער זיינען זיי עס צו ווייניג פון דער נאַטור און דאַן ווערען זיי נאָך פאַרפיהרט און צומישט פון אַלערליי אויפקלעהרער.

— און דאָס מיינט איהר מיך?

— אַך, נור ניט קריעגען זיך! — האָט קריסטינע אויס־געשריען.

קאיעטאנע האָט אַ זיפץ געטהאָן. פאר איהר איז געווען זעהר שמערצליך די ריכטונג, וואס דער געשפרעך האָט אָנ־גענומען, און דאריבער האָט רודאָלף זיך צוגעאיילט אָנצוהייבען צו רעדען פון עטוואס אנדערעס, און ער האָט געפרעגט ביי דער גרעפין, ווי געהט עס איהרע זיהן.

— אָה, זיי געהט עס אויסגעצייכענט. זיי האָבען גע־ענדיגט די קריעגס־שולע גלענצענד.... און איינמאָל איז זי גע־בראכט געוואָרען אויף דער טהעמא, האָט די גרעפין גאָר ווי אויפגעלעבט. פון די זיהן איהרע איז זי אריבער צו איהרע טעכטער. פון איהר פערהייראטע טאָכטער האָט זי דערצעהלט, אז צו דער פאמיליע איז צוגעקומען נאָך אַ קינד, דאָן אַ ירושה, אינטערעסאנטע רייזען, קורץ — אַ בילד פון לעבען, געמאָהלט ראָזע אין ראָזע.

און אין אזא מין לעבען — איז דורכגעפלויגען אַ געדאנק אין רודאָלף׳ס קאָפּ — וואָלט איך אויך געקאָנט לעבען. אָהן זאָרגען, פאמיליען־פריידען, גענוס־רייכע ערלעבניסע, און אנ־שטאָט דעם...

— און איהר הערט — האָט די גרעפין ווייטער געזאָגט — איך וויל אייך עטוואס אנפערטרויען... אין אייניגע טעג וועט עס דאך זאָ־ווי־זאָ ווערען אָפּיציעל בעקאנט...

— אָבער מאמא! — האָט איהר קריסטינע אונטערבראָ־כען.

— עס שאדט ניט. פאר אַ וואָך לאנג וועט עס רודי קענען האַלטען בסוד. אַלזאָ, מיין קריסטינע דאָ איז אַ גליק־ליכע כלה — אַטטאָ ווייסענבערג —

— דער עלטערער זוהן פון פירשט פראנץ ווייסענבערג? אָה, איך גראטוליר אייך, דאס איז דאך איינע פון די גלענ־צענדסטע פּארטיען פון לאנד, און דערצו איז ער אזאַ ליע־בער, שעהנער מענש. — איך האָב ווירקליך גרויס פערגניגען — און ער האָט געדריקט קריסטינע׳ס האנד — איצט אָבער קומט אייער צייט, גרעפין קאיעטאנע.

— אָה, די האָט אייגענטליך בעדארפט קומען צוערשט,

ווייל זי איז די עלטערע, אָבער זי איז אַ זעהר איינגעשפּאַרטע מיידעל.

קאַיעטאַנע האָט געמאַכט אַ פערדריסליכע מינע און האָט זיך אויפגעהויבען.

איצט זיינען געקומען איניגע אַנדערע בעזוכער. דאָס זיינען געוועזען מייסטענס מענשען, וועלכע רודאָלף האָט געקאַנט. אין די אַלגעמיינע געשפּרעכען, וואָס זיי האָבען געפיהרט, האָבען זיי אויסגעמידען יעדען וואונק אויף דעם פאַרטראַג, וואָס רודאָלף האָט געהאַלטען. דאָס איז געוועזען פון זייער זייט, ווי זיי האָבען געמיינט, אַ זעהר צאַרטע ריקזיכט. מען רעדט דאָך ניט פון אַ ווילדען אויפטהו פון איינעם, אַ גוטען בעקאַנטען. ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען פון יאגד און פון אַלערליי געזעלשאַפטס-פּלוידערייען. מען האָט פּרובירט גנעדיג ווידער אַריינצוציהען רודאָלפען און מען האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציגער געשפּרעך, וואָס קען איהם אינטערעסירען. ווירקליך, זיי האָבען פאַר איהם געבויט גאָלדענע בריקען, איבער וועלכע ער זאָל צוריק קענען אריין אין דאָס אַמאָליגע לעבען, אויב ער וויל נאָר תשובה טהאָן און ווערען פאַרנינפטיג. פון זייער זייט זאָל קיין מניעה ניט זיין. זיי זיינען בעריט איהם ווידער צו בעהאַנדלען ווי אַ נאָרמאַלען מענשען.

קאַיעטאַנע איז אוועק אין דעם אַנדערען עק פון צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. זי האָט זיך גענומען צו ברענגען די נאָטען אין אָרדנונג.

רודאָלף איז צו איהר צוגעגאַנגען. ער האָט עס לענגער ניט געקאָנט אויסהאַלטען צווישען זיינע אַמאָליגע פריינד. ער האָט געפּאַסט אַ פּלוצלונגען בעשלוס: אין דעם קרייז קיינמאָל מעהר ניט אַריינצוקומען. אַ שמורייט און קאַמפּף אויפנעהמען מיט זיי — דאָס יאָ, מיט יעדען און איבעראַל, אָבער אויסבייטען זיך מיט זיי מיט העפליכע רעדענסאַרטען, מיט גלאַטע פּלוידערייען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט געשעהען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ניט אַרויסגעריסען פון די אַנשויאונגען, וואָס גילטען דאָ, און נאָך זיך לאָזען פּאַטראָניזירען פון זיי —

ניין. דאָס קיינמאָל ניט מעהר. דאָס זאָל זיין זיין לעצטער בעזוך אין דעם הויז און נאָך אזעלכע.

אָבער צו קאַיעטאַנע האָט עס איהם געצויגען. איהר מוז ער נאָך איינמאָל דריקען די האנד. ער איז צו איהר צוגע־גאנגען.

— וואָס זוכט איהר דאָ אין די נאָטען ?

זי האָט איהם ניט געזעהען קומען. זי האָט זיך ראַש אויס־געדרעהט צו איהם אַזוי ווי אַן עלעקטרישער קלאַפּ וואָלט דורכ־גענומען איהר.

— האָב איך אייך איבערגעשראָקען ?

— ניין, איך... איך... אה, גראַף רודאָלף !

— וואָס, קאַיעטאַנע, וואָס איז מיט אייך ? איך האָב אייך נור געוואָלט אדיע זאָגען — איך געה.

— דאָס בעגרייף איך.

— ווי מיינט איהר עס ?

— איך מיין, אַז דאָרט האָט איהר זיך ניט געקאָנט פיהר־לען גוט. זי האָט אָנגעוויזען מיט'ן קאָפּ אין די ריכטונג, וואו די געזעלשאַפט איז געזעסען.

— איהר האָט רעכט, איך פיהל מיך דאָרט גאָר ניט גוט. חאָטש דאָס איז דאָך די סביבה צו וועלכער איך געהער דורך מיין געבורט.

— איהר אָבער זיינט ניי־געבאָרען. איהר האָט אויסגע־קליבען אַ נייעם קעניגרייך. און דער איז ניט פון ד ע ר װ ע ל ט.

— איהר זיינט אַ מערקווירדיג מיידעל, קאַיעטאַנע. גע־הערט איהר אויך צו אַן אנדער וועלט ?

— געהערען געהער איך נאָך ניט, אָבער שטרעבען צו איהר — דאָס יאָ.

— זייט ווען ?

— זייט — זייט אייער אבשיעדס־פעסט אין ברונהאָף און זייט אייער פאָרטראַג און בראָשורען.

— מיינע בראָשורען האָט איהר געלייענט ? דאַן וואָלט איך —

דער געשפּרעך איז אונטערבראָכען געוואָרען דורך דאָס צוקומען פון קריסטינע. רודאָלף האָט זיך געזעגענט מיט אַלע־מען און איז אוועק.

זיבען אין צוואנציגסטער קאפיטעל.

נאָך דעם אבענד אין בורג־טעאטער, האָט סילוויא פאַר־בראַכט אַן אונרוהיגע, אָבער אַ זיסע אונרוהיגע נאַכט.

איהר ליעבע — דאָס האָט זי געפיהלט — האָט זיך פער־וואַנדעלט אין אַ מעכטיגע ליידענשאַפט, געגען וועלכע עס איז פאַר איהר אונמעגליך צו ועהרען־זיך. דעם געליעבטען וואָלט זי נאָך, אפשר, געקאָנט אָבזאָגען, אָבער ניט איהר ליעבע, פונקט אזוי גוט, ווי מען קען זיך אָבזאָגען פון אַ טרונק, אָבער דעם דורשט קען מען ניט פארטרייבען פון זיך. דער ברענט, צו מען וויל, צו מען וויל ניט.

שוין אַ לאַנגע צייט, ווי זי און איהר מאַן זיינען געשלאָפען אין בעזונדערע צימערען, און סילוויא איז דארום געווען גאַנץ אַליין אין איהר שלאָפצימער. ארום אַ זייגער צוויי ביינאַכט, זעהענדיג אַז זי קען דאָך ניט איינשלאָפען, האָט זי אָנגעצונדען אַ ליכט, זי האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קאָלדרע און איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. אַ לאַנגע נאַכט־קלייד, ארומ־געוועבט מיט שפּיצען איז איהר ארונטערגעפאַלען ביז די קנע־כעל, און איהרע נאַקעטע פיס זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין דעם האָריגען פעל וואָס איז געלעגען ביי איהר בעט.

זי האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ וואַרימען שלאָף־ראָק, האָט גענומען דאָס ליכט און איז אריין אין דאָס צימער, אין איהר קליינעם זאַל.

וואָס זי האָט דאָרט געזוכט, איז געווען הוגאָ׳ס פאָ־טאָגראַפיע, וועלכע איז געלעגען אויפ׳ן טיש צווישען פיעלע אַנדערע בילדער, און זי האָט געוואָלט נעהמען צו זיך די זאַמ־לונג פון געדיכטע, וועלכע ער האָט איהר געווידמעט, און וועל־כע זי האָט געהאַלטען פערשלאָסען אין איהר שרייב־טיש.

זי האָט גענומען ביידעס און איז אריין צוריק אין איהר

שלאָפצימער. דאָ האָט זי אָנגעצונדען די ליכט אויף איהר טואַלעטען־טישעל און ביין שפּיעגעל. זי האָט געוואָלט עס זאָל זיין גאַנץ ליכטיג אין צימער.

אויף דעם טואַלעטען־טיש האָט זי דערזעהן די בלומען, וועלכע זי האָט געהאַט מיט זיך יענעם אָוונד. זיי זיינען שוין געווען פערוועלקט, אָבער דאָס שטאַרקער האָבען גע־שמעקט די ראָזען. זי האָט גענומען דעם בוקעט און האָט אַריינגעזויגען אין זיך זיין שטאַרקען ריח — דאָס האָט איהר צוריקגעבראַכט די גאַנצע שטימונג פון דעם גרויסען, שעה־נעם אָוונד.

דאַן האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן שטול געגען שפּיע־געל, פון וועלכען עס האָט איהר אַרויסגעשטראַהלט איהר איי־גענער פּנים. זי האָט אַ געקוקט אויף זיך און אַ אויף הוגאָ'ס בילד, האָט געבלעטערט אין דעם טייערען העפט און געקושט די שטאַרבענדע ראָזען.

וואָס עס איז געווען אין די גליהענדע, אַזוי אָפט געלע־זענע ליעדער, און וואָס זי האָט ביז איצט אויפגענומען, אַלס זיין בעוואונדערונג פאַר איהר, און וואָס זי האָט ביז איצט באַוואונדערט אַלס די העכסטע פּאָעזיע, דאָס האָט זי איצט ערשט פערשטאַנען, און האָט עס איהם געגלויבט. דאָס וואָס ער האָט גערעדט פון זיין ליעבע, דאָס איז דאָך אויך דיקטירט געוואָרען פון ־דעמזעלבען געפיהל, אונטער וועמעס כשוף זי האָט זיך געפונען. ער מוז גלוסטען נאָך איהר, פונקט ווי זי גלוסט נאָך איהם. פונקט אַזוי אונגליקליך וואָלט ער געווען, ווי זי, אין פאַל זיי וואָלטען געמוזט בלייבען האָפנונגסלאָז צושיידט. און פונקט אַזוי וואָלטען זיי ביידע געווען איבער יעדע מאָס גליקליך, ווען זיי וואָלטען געהערט איינער צום אַנדערען. זי האָט געהאַט גרויסעס צו געבען און אָבצוזאָ־גען — אין איהר מאַכט איז געלעגען דאָס גליק אָדער דאָס אונגליק פון צוויי מענשען. זי האָט זיך ביידע צושטענדע אויסגעמאָלט אין בילדער, פון וועלכע איינע איז געווען פול גליק און די אַנדערע — פול מיט שמערץ און אונגליק. עס

האָט איהר אַרומגעכאַפּט אַ צערטליכקייט, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט.

נאָכדעם, ווי זי איז אַזוי געזעסען אַ גאַנצע שטונדע, זיינען איהרע אויגען־דעקלאַך שווער געוואָרען. אַ זיסע שלאָף־לוסט איז איהר בעפאַלען. זי האָט געמוזט זיך צוזאַמעננעהמען, אום ניט איינצושלאָפען אויפ'ן שטול. זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעלאָשען די ליכט, האָט געלאָזען דעם שלאָפראָק פאַלען און האָט זיך אַריינגעגליטשט אונטער די זיידענע קאָלדרע.

הוגאָ'ס בילד, געדיכטע און אויך דעם בלומענקראַנץ האָט זי אַרונטערגערוקט אונטער'ן קישען, און עס האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוטען, און זי איז געלעגען אין אַ טיעפען שלאָף, אָבער ניט אָהן חלומות.

זי האָט זיך געזעהן אין חלום צערטליך אַרומגענומען פון דעם אָרעם פון דעם געליעבטען, שאָקלענדיג זיך אויף אַ שיף אויף דעם סאַפיר־בלויען ים. לענגס אַרום די ברעגען — גערטנער און טערראַסען, וועלדער פול מיט פערשיעדענע בוימער און בלומען, זיילען און סטאַטוען, ווייסע פּאַוועס און פינקלענדע פּאַראַדיז־פויגעל, שפּריצענדע פאָנטאַנען, — דאָס גאַנצע איינגעטונקט אין מאַגישע קאָלירען, אָט אין דעם פּורפּור פון אַ זונען־אונטערגאַנג, און אָט אין אַ וויאָלעטען־קאָליר, אַזוי ווי דער ים און דאָס לאַנד וואָלטען בעגאָסען געוואָרען פון אַן עלעקטרישען פיילכען־ליכט. איבער'ן שיף איז געווען אַ גאָלדענער דאַך און אויף דעם באָדען איז געלעגען אַ קאַרפּעט פול בעשאָטען מיט די אָבשטאַרבענדע ראָזען. קיהלע ווינדלאַך. פון דער ווייטענס זיסע מוזיק־קלאַנגען — אַ בערוישענדער מאָלצייט־פעסט פאַר אַלע חושים, אָבער איבער אַלע אַנדערע פערגניגענס האָט זיך ערהויבען דער ליידענשאַפטליכער פולער גליק פון איהר ליעבע.

עס קען זיין, אַז דיעזער חלום מיט אַלע זיינע פּראַכטבילדער האָט געדויערט בלויז אַ סעקונדע פון דער צייט, וואָס זי האָט געשלאָפען, אָבער אין דעם זכרון פון דער ערוואַכענדער איז אויסגעקומען, אַזוי ווי ער וואָלט געדויערט שטונדען־לאַנג.

ווען זי האָט געעפענט די אויגען, איז עס שוין געווען גוט ליכטיג, דאַן האָט זי זיי שנעל ווידער צוגעמאַכט, אום צוריק־צורופען דעם חלום, און, אויב מעגליך, איהם נאָך אַמאָל געניסען. אָבער דאָס איז איהר ניט געלונגען. דאָך, האָט טראַכטען וועגען דעם חלום האָט איהר געבראַכט אין אַזאַ שטימונג, אַזוי ווי זי וואָלט ווירקליך אַלעס, וואָס זי האָט געחלום'ט, איבערגעלעבט און דאָס האָט איהר געגעבען דעם בעוואוסטזיין, דעם בעגריף פון אַ גראַד פון גליק, וועלכען זי האָט ביז איצט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איהר לעבענס־טהערמאָמעטער זאָל עס קענען דערגרייכען.

אין דעם פריהמאָרגען האָט זי ניט געוואָלט צוזאַמענטרעפען זיך מיט איהר מאַן ביים פריהשטיק. זי האָט דארום זיך געלאָזען ברענגען די שאָקאָלאַדע און די צייטונגען אין איהר צימער. זי האָט נעשלונגען די צייטונגס־בעריכטע איבער די געכטיגע אויפפיהרונג. עס זיינען דאָרט געווען בלויז קורצע נאָטיצען אין דער טעאַטער־און־קונסט־אבטהיילונג — די אייגענטליכע קריטיקען קומען ערשט אין די פאָלגענדע טעג אין די פעליעטאָנען — אָבער שוין היינט איז אין אַלע צייטונגען צוגעגעבען געוואָרען דער גרויסער ערפאָלג פון דער פיעסע, און איהר פערפאַסער איז בעגריסט געוואָרען, אַלס אַ לעבעדיגער, ליכטיגער שטערן אויף דעם הימעל פון דער דיכט־קונסט.

סילוויא האָט זיך געקוויקט מיט דיעזע קריטיקען. זי האָט גענאָסען דעם לויב, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ הסכמה פאַר איהר גרויסע ליעבע צום דיכטער.

און וואָס איצט? לאַנג איז זי געבליבען פאַרטיעפט אין געדאַנקען, און דער רעזולטאַט פון טראַכטען איז געווען אַ קליין בריוועל, וואָס זי האָט געשריעבען צו הוגאָ ברעסער.

דיעזע אינהאַלט פון בריוועל איז געווען פאָלגענדער:

„איך ווינש, איך בעפעהל, דאָס איהר זאָלט זיך ניט דערנעהנטערען צו מיר פאַר גאַנצע אַכט טעג. באַלד וועט איהר זרהאַלטען פון מיר אַן ערקלעהרונג".

דאַן האָט זי געקלונגען צו איהר דיענסט, זי זאָל איהר

העלפען זיך אנטהאַן, געלאָזט שפּאַנען און איז אוועקגעפאָהרען צו איהר מוטער.

באַראָנעסע טיללינג, וועלכע האָט געמוזט בלייבען צו הויז צוליעב אַ שטאַרקע פאַרקיהלונג און איז דארום געשטערט געוואָרען צו זיין ביי דער פאַרשטעלונג, איז אויך געווען פעראינטערעסירט גענוג נאָכצוזעהן אין די צייטונגען, וואָס מען שרייבט וועגען ברעסער'ס נייעסטע פּיעסע. עס האָט איהר שטאַרק אינטערעסירט, אויב דער זוהן פון איהר אַלטען הויזפריינד האָט געהאַט ערפאָלג. זי איז געזעסען אין אַ פאָטעל, וואָס איז געווען צוגערוקט צו אַ קנאַקענדיגען פייער אין קאַמין, און אַ טישעל מיט די צייטונגען לעבען זיך. דערזעהענדיג איהר טאָכטער, האָט זי אויסגערופען שטאַרק דערפרעהט:

— אַה, דו ביזט עס, סילוויאַ! — דאָס איז שעהן פון דיר... דו קומסט זעהען, ווי איך פיהל? נו, ווי דו זעהסט: פיעל בעסער. איך האָב גראדע איצט געלעזען איבער ברעסער'ס שטיק... דו ביזט דאָך דאָרט געווען, דערצעהל... אָבער וואָס איז מיט דיר? דו זעהסט אויס אַזוי מאָדנע, אַזוי פייערליך?...

סילוויאַ האָט האַסטיג אויסגעטהאָן איהר הוט און מאַנטעל. זי איז געווען בלאַס און אויפגערעגט.

— וואָס איז מיט מיר? דאָס וועסטו גלייך הערען. און ווי דאָס שטיק איז געווען? וואונדערפול. הוגאָ איז אַ גאָון. איך בעוואונדער און ליעב איהם.

— קינד, וואָס רעדסטו?

— טאָר מען דאָס ניט זאָגען? דער אייגענער מאַמע ניט? זאָל מען פערשווייגען פון דער בעסטער פריינדין, ווען אַ גרויסער געפיהל —

— אַ פערבאָטענער געפיהל, סילוויאַ.

— מוטער, מוטער, אַזאַ — אַזאַ — פּאָליציי־וואָרט פון דיר! פאַרבאָטענע געפיהלען קענען דאָך ניט זיין, און נאָך פיעל ווייניגער ווי עס קענען ניט זיין פערבאָטענע מיינונגען. נור דאָס אַרויסזאָגען זיי קען פאַרבאָטען ווערען פון אירגענד

א שומר פון דער אָפיציעלער אָרדנונג און מאָראל, אָבער ניט פון מארטא טיללינג!

— אלזאָ, זאָג, וואָס דו ווילסט, מיין קינד.

סילוויא האָט זיך צונערוקט א פוס־בענקעל און האָט זיך ארונטערגעלאָזט צו מארטא׳ס פיס.

— איך וויל עס מאַכען ווי אַמאָל...

און מיט דעם רוקען אָנגעשפארט אָן מארטא און מיט דעם פנים צום צימער, האָט די יונגע פרוי אָנגעהויבען צו רעדען שטיל, לאנגזאם, מאָנאָטאָן, אין לענגערע און אין קירצערע זעצע:

— איך ליעב איהם און וויל ווערען די זייניגע.

מארטא האָט אונטערדריקט אָן אויסגעשריי.

— איך האָב מיר פאָרגענומען ניט צו אונטערברעכען דיך. רייד, אלזאָ, ווייטער, מיין קינד.

— אנטאָן האָט מיר געבראַכען זיין טרייהייט. איך בין פריי. איך האָב דיר געשוואָרען דורכגעהן אין ריינקייט דאָס לעבען, איך האָב עס מיר אליין געשוואָרען. דאָס וויל איך האַלטען. מיט קיין פאלשקייט, מיט קיין ליגען וועל איך מיין האנדלונג ניט באשמוצען. אָנטאָן זיך א מאסקע? ניין. וואָס האָב איך זיך דען צו שעהמען? פונקט פערקעהרט, שטאָלץ בין איך אויף מיין ליעבע, און שטאָלץ אויף זיינע. זיך פאר־בעהאלטען, פארשלייערען? ניין, פארקעהרט, איך זעץ מיר א קרוין אויף.

אָ, מיין איצטיגע וועלט, מיט דער וועל איך מוזען זיך צוגעהן. דאָס ווייס איך גוט. די וועט מיר ניט מוחל זיין פאר מיין שטאָלצע ליעבע. אָט, ווען איך וואָלט מיך פאר־בעהאלטען, און איך וואָלט געוואָלט בעטריגען מיין מאן און זיי אלע, און זיי וואָלטען זיך דערפון דערוואוסט, — דאן וואָל־טען זיי געווען זעהר גנעדיג צו מיר: זיי וואָלטען זיך אביסעל געשושקעט, אביסעל געגלאָצט מיט די אויגען, נאָך א נומער אויף דער אמוזאנטער ליסטע פון דער סקאנדאל־כראָניק, אָבער פון דער ליסטע פון זייערע איינלאדונגען, וואָלטען זיי מיך ניט אבגעמעקט... אזוי אָבער, ווען איך וועל ארויסקומען אָפען און

שטאָלץ, וועלען זיי מיך אריינלעגען אין חרם: „איהר ווייסט שוין? די סילוויא דאָצקי איז דאָך מיט דעם יונגען דיכטער אנטלאָפען (זיי וועלען עס אָנרופען אנטלאָפען) זיי זאָלען אין איטאַליען לעבען — העסליך!"

וואָרום גראדע אין איטאַליען, דאָס דערצעהל איך דיר שפּעטער. איך האָב געהאַט אַ חלום. דאָרט איז אונזער ליע־בע געווען ארומגערינגעלט פון אזא רענעסאַנס־פּראַכט... אפשר וועל איך עס געפינען אויף וועלכען עס איז איטאַליענישען ים אָדער אַ ים־ברעג. און ווי ער וועט דאָס דאָרט ארבייטען און שאַפען, אין זיין גליק די וועלט רייך מאַכען מיט די מתנות פון זיין גרויסען גייסט...

איבעריגנס, צוויי מענשען אויפ'ן שפּיץ פון גליק, איז דאָס אַליין ניט שוין אַ בערייכערונג פאַר דער וועלט?

איך דאַנק דיר, וואָס דו אונטערברעכסט מיך ניט, אָבער איך קען מיר זיך פאָרשטעלען, וואָס דו האָסט אייגצו־ווענדען: ווי לאַנג וועט עס דען אָנהאַלטען, אָט דער גליק־פּאַראָקסיזם? וואָס וועט זיין דאַן, ווען די שכרות וועט פאַרביי און די יוגענד פאַרשוואונדען?...

נו, וועגען דעם, וואָס וועט זיין דאַן, הינטער דעם ציעל פון אונזער גרויסער ליעבע, וועגען דעם קימערען מיר זיך ניט. זאָל דאָס גליק, וואָס איך שטעל מיר פאָר, אָנהאַלטען איין מאָ־מאָנאַט, וועט עס אָבער איבערוועגען הונדערט אזעלכע לע־בענס, ווי איך פיהר עס איצט, און וועלכער עס שטעהט מיר פאָר, ווען איך זאָל ווייטער אזוי לעבען, ווי איצט...

און דאַן ווער ווייס? אויך פאַר דעם עלטער קען פאַר אונז בליהען אַ שעהנער פריעדען. מיר קענען זאָגאַר טהאָן דאָס, וואָס די וועלט פערלאַנגט פון אונז. איך קען ווערען ברע־סער'ס פרוי, ווי קאָזימא סילאַ איז געוואָרען וואַגנער'ס פרוי. איך וועל נעהמען אַ גט פון טאַני. עס וועט האָפענטליך ניט שווער זיין. דאַן קען ער הייראַטהען זיין געליעבטע און מאַכען זיין אינגעל פאַר זיין געזעצליכען זוהן. דו זעהסט, איך ווייס אַלעס. וועט ער מיר ניט געבען מיין פרייהייט, דאַן וועל איך זי מיר נעהמען אַלס מיין רעכט. איך ועבעליר דאַן...

דאָס אַ פרוי זאָל אָפּפערען איהר גאַנצער צוקונפט פאַר אַ מאַן, וועלכער האָט איהר פערלאָזען פאַר אַן אנדערער און פאַר וועמען זי אַליין האָט ניט קיין פונק פון ליעבע, דיעזעס שרעקליכע אונרעכט וועל איך ניט דולדען. איך רעבעליר!

דערמיט וועל איך דיענען ניט בלויז מיר! ווי אין יעדען קאַמפּף פאַר רעכט, וועל איך אויך העלפען דער אבסטראַקטער גערעכטיגקייט און מיינע ליידענס־שוועסטער. מען ליארעמט און מען יאָמערט אזוי פיעל וועגען די קייטען אין יאָך און שקלאַפּערייי... דו, מוטער, אַן דער שפּיצע מיט דיין רעבע־ליאָן געגען קריעג, רודאָלף מיט זיין געשריי געגען אירגענד וועלכע געוואַלד... אָבער דאָס יאָמערען און ליארעמען העל־פען גיט. אָבטרייסלען, אַראָבוואַרפען פון זיך די קייטען, דאָס מוז מען. אין דער שקלאַפּעריי זיינען שולדיג די שקלאַפען מיט זייער שרעקליכער געדולד. אַ געבויגענער נאַקען — איז דאָס שעהן? ניין, שעהן איז דער אויפגעהויבענער קאָפּ, דאָס וועלדישע טרייסלען מיט די לאָקען...

מיין גאָט, איך רייד עטוואָס איבערשפּאַנט. די ווערטער קומען מיר אזוי... זייט מאַנאַטען און מאַנאַטען לייען איך נור געדיכטע אין אַ געבונדענער שפּראַך, און איצט אין דער אויפ־רעגונג פאַל איך אריין אין דעם טאָן... און דאָך, וואָס איך האָב מיר פאָרגענומען, דאָס וועסטו גלייך הערען, און גאָרניט איבערשפּאַנט, גאָר ניט איבעראיילט — עס איז אַן איבער־לעגטער, רוהיגער שריט.

איך וועל מיט טאַני גאַנץ קלאָר זיך אויסרעדען. איך וועל איהם אַלעס זאָגען, פערלאַנגען צוריק מיין פרייהייט, פער־לאַנגען פון איהם אַ גט, און זאָל ער מיר ענטזאָגען אין דעם, מוז איך דאַן איינאָרדנען מיין לעבען, ווי איך מוז, אָהן פאַלש־קייט, אָהן פערשטעלעניש. אזוי לאַנג, ווי עס איז אַלעס ניט איינגעאָרדענט צווישען אונז, וועל איך ברעסער'ן ניט זעהן. עס וואָלט פאַר מיר נאָך דעם נעכטיגען אָווענד, נאָך דעם חלום, אונמעגליך געווען — איך פאַרזיכער עס דיר, — איינפאַך אונ־מעגליך, ניט צו פאַלען איהם אויפ'ן האלז. און דאָס וויל איך

גיט, אזוי לאַנג ווי איך קען עס ניט טהאָן אין „ריינהייט“, אָהן פאַרבאַהאַלטען זיך און אָהן חרטה.

זעהסטו, איך בין צו דיר געקומען, אום צו שטעלען אויף די פראַגע מיין מוטה צו זאָגען דעם אמת... וועל איך זיין אין שטאַנד מיין מוטער אַלעס צו זאָגען? דאָס האָב איך זיך געפרעגט, ווען איך בין געווען נאָך אויף די טרעפ... איך האָב די פראַגע אויסגעהאַלטען, און איצט איז מיר לייכט און ליכטיג ארום הארץ.

זי איז אויפגעשטאַנען און האָט אריינגעקוקט איהר מוטער אין פנים:

— איצט וואָלט איך געוואָלט הערען אַן ענטפער פון דיר.

מארטא האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ איהרען אויף דעם רוקען פון פאָטעל און האָט צוגעמאַכט די אויגען.

— ביסטו בייז, מוטער?

א טיעפער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון מאַרטא'ס ברוסט.

— מיינע צוויי אָרימע קינדער!

— וואָרום אָרעמע, מוטער? — זי האָט זיך געשטעלט אויף די קניע פאַר מארטא — און וואָרום דענקסטו אויך איצט וועגען רודאָלפען? וואָס האָט זיין שיקזאַל פאַר געמיינשאַפט־ליכעס מיט מיינעם?

— דאָס, וואָס איהר זייט ביידע גלייך צו בעדויערען. ביידע פיהלט איהר דאָס אונערטרעגליכע וואָס איז ארום אייך אין דער וועלט, די גרעניצען, און ביידע ווילט איהר זיי צו־ברעכען, און ביידע וועט איהר זיך בלוטיגע וואונדען מאַכען.

— דאָס קען שוין זיין, אָבער מיר וועלען דאָך דאָס ארומיגע ארום אונז א שטאַרקען טרייסעל טהאָן, און דאָס בעסער וועט זיין פאַר די, וואָס וועלען קומען נאָך אונז. איך פרעג דיך נאָך א מאָל: ביסטו בייז?

מארטא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. סילוויא האָט זי געקושט.

— איצט געה איך, מאמע. מארגען קום איך ווידער. דו וועסט דאן האבען אלעס איבערגעטראכט און מיר קענען ענטפערען. איצט ביסטו צו שטארק אויפגעטרייסעלט. זיי געזונד.

אכט און צוואנציגסטער קאפיטעל.

פון מארטא'ס טאגעבוך.

איך וועל העלפען מיין קינד, איך וועל איהר העלפען צו קריגען א גט פון איהר מאן. אפשר וועט פאר איהר אויפבליהען א נייער לעבענס-גליק ביי דער זייט פון איהר געליעבטען דיכטער.

גליק... גליק... מיר אלע יאגען זיך נאך דעם דאזיגען שאטען. מיר אלע גלויבען, דאס מיר האבען א רעכט אויף דאס גליק, ניט נור פאר אונז אליין, נור אויך פאר אלע, וועלכע זיינען אונז ליעב און טהייער... פאר מיר אליין האב איך שוין לאנג צוריק אבגעשלאסען אלע חשבונות מיט'ן גליק, אבער איך האב זיך נאך געוואלט אביסעלע ווארימען אין דעם גליק פון מיינע קינדער, און עס האט אלעס אנדערש פאסירט.ביידע האבען אויף זיך גענומען אזוי פיעל זארג, ביידע געפינען זיך אין קאמפף, ביידע זיינען ארויסגעריסען פון דער געזיכערטער געזעלשאפטליכער שטעלונג, וועלכע איז דאך אימער געוועזען דער פונדאמענט, אויף וועלכען עס איז אויפגעבויט געוואָרען דער מענשליכער גליק.

בין איך ניט שולדיג אין דעם? יא, איך האב זיי אויפגערייצט צום קאמפף, איך האב מיין זוהן אויפגעהאָדעוועט פאר די אויפגאבע אויסצופיהרען פרידריך'ס מיסיאן. ער האט אבער דעם קאמפף ארויסגעטראגען אויף אזא ברייטע און וויימע פעלד, אויף וועלכע איך קען איהם מעהר ניט נאכפאלגען.

און פונקט אזוי איז מיט סילוויא. איהר שטאלצעס רעוואלטירען געגען די אורטהיילע פון דער וועלט, און מיט וואס זי וויל אויך העלפען דער צוקינפטיגער בעפרייאונג פון דער

פרוי -- אויף דעם וועג קען איך ניט נאָכפאָלגען, חאָטש זי מעג זיך זיין גאַנץ גערעכט... פון רודאָלפען וואָלט איך פערלאַנגט, אַז ער זאָל פאַר זיך גרינדען אַ נייע היים, און ער זאָל זיך בענוגענען מיט איין צווייג פון דער קולטור־ארבייט --- מיט דער בעקעמפפונג פון מלחמה, ווי זי איז ערקלעהרט געוואָרען אין מיין „פּראַטאָקאָל“, פון סאַן פּיער, לייבניץ, קאַנט און — טיללינג, ביז זי קומט צו פרעדריק פאססי און עגידי. איך וואָלט געוואונשען, ער זאָל זיך אָנשליסען אָן זייערע רייהען, מיטברענגען צו די קאָנגרעסען די קראפט פון זיין פערזענליכקייט, אונטערשטיצען די פּראָפּאַגאַנדאַ מיט זיינע געלדמיטלען, און צו מאַכען אָנהענגער אין די העכסטע קרייזען, צו וועלכער ער האָט געהאַט צוטריט דורך זיין געזעלשאַפט־שטעלונג, וועלכע ער האָט איצט אויפגעגעבען. דאָס איז געווען מיין האָפנונג, אָבער פּאַסירט האָט עס אַנדערש. ער איז פיעל, פיעל ווייטער אַוועקגעפלויגען, כמעט צו דאָס, וואָס האָט גאָר קיין ברעג ניט. אמת, אַלע איבלען זיינען פאַרפלאָכטען איינע אין די אַנדערע, און אַ מענש מיט גייסט קען זעהען, ווי אַלעס קייטעלט זיך צוזאַמען. אָבער פּאָזיטיווע העלפען, ווירקען, פאָרווערטס טרייבען, דאָס קען יעדער איינצעלנער נור אויף אַן איינצעלנעם געביעט. אַזוי דוכט זיך מיר, ווענינגסטענס.

פערלאָרען אָבער איז ניט זיין ארבייט און זיין שטרעבען. צו דער אַלגעמיינער פערשטענדניס, ווי דער קומענדער טעמפעל זאָל זיין געבויט, דערצו קען ער העלפען און בעגייסטערען, אַז מען זאָל זיך נעהמען טהאָן, אָבער ער וועט ניט קענען פרעהען זיך מיט דעם ערפאָלג, וועלכער איז דער טהייל פון די, וואָס בענוגענען זיך מיט צוטראָגען בלויז איין שטיין צו דער געביידע...

דאַן צוריק צו מיין אָרימער סילוויאַ. וואָס פאַר אַ גרויסען אַנטהייל און אינטערעס איינער זאָל ניט נעהמען אין דעם עפענטליכען לעבען, אין די פאַזען פון דער ארויף־און־אראָבשטייגענדער קולטור, דאָך, דאָס סאַמע נאָהענטסטע בלייבט דאָך די פרייד און זאָרג, גליק און אומגליק אין דאָס אייגענע הויז. דאָס פאַרנעהמט דעם סאַמע אויבען־אָן פון אונזער טראַכטען

און האנדלען. וואס קען איך איצט טהאן, אום צו העלפען מיין ארעמער סילוויא ? זאל איך רעדען מיט דעלניצקי ? מיין לעצטע אונטעררעדונג מיט איהם האט אויפגעבויט א וואנד צווישען אונזביידע, אבער דאך, ווארום זאל איך ניט ווידער אמאל פרובירען איהם איבעררעדען, ער זאל זיך שיידען פון סילוויא ? איך ווינש איצט אזוי שטארק ווי זי, אז זי זאל פריי ווערען פון איהרע פאמיליען־קייטען.

און נאך א וואונש האב איך, אז רודאלף זאל ניט בלייבען אזוי עלענד־איינזאם... אך, מיינע ליעבע קינדער ! עגידי האט אויך א פאמיליע, א היים, וועלכע מאכט איהם טיעף גליקליך. דאס האט איהם ניט געשטערט אבצוגעבען זיך מיט זיין גאנ־צער קראפט צו דער גרויסער זאך, וועלכע האלט נאך אלץ אין וואקסען. איך גיב דא איבער עטוואס פון דעם, וואס ער האט נעכטען צו מיר געשריעבען. בריעף פון אזעלכע מענשען דאר־פען אריינגעטראגען ווערען אין דאס טאג־בוך, וויil זיי זיינען אמת'ע לעבענס־פאסירונגען. ער שרייבט :

„וועגען אלעם צוברעכען, וועגען דעם טאר איצט גאר ניט געדאכט ווערען. מען דארף נור דענקען וועגען דעם צוזאמענ־ברוך, דעם איינפאלען פון אן אלטגעווארענע אנשויאונג.

„צו א צוברעכונג פון אלעם, צו א שרעקענס־צושטאנד קען עס נור קומען, ווען די פערטרעטער פון דער ביז־איצטיגער ארדנונג וועלען בלייבען טרויעריג פערבלענדט, און וועלען זיך ווערען געגען דאס איינפאלען פון אלע אנשויאונגען און שוין פון לאנג־פערפוילטע אינסטיטוציעס. דאס זיי קענען שטערען דעם צוזאמענברוך, דאס איז, נאטירליך, ניט מעגליך, פונקט ווי איינער קען זיך ניט איינרעדען, דאס ער האט געבראכט צו דעם איינפאלען.

„די געזעלשאפט איז א לעבעדיגער ארגאניזם. וועמעס פעהלערען מוזען גוט־געמאכט ווערען פון אינעווייניג ארויס ; נור דורך א נייע, ריינע, ווארעמע הארץ־בלוט קענען זיי געהיילט ווערען. מען טאר דערביי ניט זיין צו סענטימענטאל, מען טאר זיך ניט פערליערען דערביי אין אלערליי פילאזאפיען און זיך פערטויבען מיט אירגענד וועלכען ווערטער־געזוויש. עס דארף

נור זיין דער ענטשלוס, דער ווילען ביי יעדען עטוואס צו טהאָן, וואָס ער קען. מיר ווילען זיין פּראַקטישע טאַטען־אידעאַליסטען.

„ניט מיט איינמאָל וועט אַלעס אַנדערש ווערען, נור ביס־לעכוויז, נאַטירליך. אָבער די ראַשיגקייט פון אַט דיעזען ביס־לעכוויז וועט זיין די ענטשיידענדע קראַפט. ביסלעכוויז, פּאַ־וואָליע, דאָס זאָגען אַלע, עס האַנדעלט זיך נור וועגען דעם, צו דאָס זאָל זיין אַ לאַנגזאַמער שריט — איינס — נאָך אַמאָל צו־ריק — איינס — נאָך אַמאָל צוריק — צוויי, אָדער עטוואָס גע־שווינדער, חאָטש עס דאַרף ניט זיין קיין שטורם־שריט, קיין געלאַף. דאָס דורכברעכען זיך פון דער נייער וועלט־אַנשויאונג וועט ניט פּאַרקומען אָהן שמערצען און פּיין, אָבער דאָך, אַלס אַ נאַטירליכער פּראָצעס, אַלס אַ געבורט.

„איהר רעדט פון מיין ארבייטס־קראַפט, פערעהרטע באַראָ־נעסע. נו, יאָ, איך האָב די קראַפט און דעם וואונש צו שאַפען, צו ארבייטען. גערעדט און געשריעבען, דאָס האָבען שוין פיעלע געטהאָן. ווען זיי זיינען אָבער געשטעלט געוואָרען פאַר דאָס „טאָן", האָבען זיי זיך ארויסגעוויזען צו שוואַך. זיי האָ־בען געמאַכט עלענדע קאָמפּראָמיסען מיט דעם, וואָס, ווי זיי האָבען זיך געזאָגט, קען ניט געענדערט ווערען און מיט אַנדערע עלענד־בעגריפע. ביי מיר האַנדעלט עס זיך, ווי צו ברענגען אין איינקלאַנג, אין האַרמאָניע די לעהרע און דאָס לעבען, און אין דעם טרעט איך ניט אָב אויף די ברייטקייט פון אַ האָר פון דעם, וואָס איך האָב אַנערקענט אַלס ריכטיג".

ווירקליך, איך קען ניט קיין מענשען, אויף וועלכען עס זאָלען זיך בעסער פּאַסען די ווערטער פון דעם פּאָעט ערנסט ציעל, ווי אויף עגידי:

פון האַלבקייט האַלט דיין וועג ריין
דער גאַנצער מאַן זעצט גאַנצע טהאַט איין
און אמת עהרע מוז אָהן אַ נאַט זיין.

דאָס עס לעבען אַזעלכע מענשען, ווי מאָריץ פאָן עגידי און טרעטען ארויס אין דער וועלט צו פאַרברייטען זייער לעהרע, דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער טרייסט. אַפילו ווען מען גלויבט ניט אין די מאַכט פון העלדען; אַפילו, ווען מען דענקט, אַז

די קולטור־ענטוויקלונג קומט פאר גאנץ אונאבהענגיג פון דעם איינפלוס פון איינצעלנע, דאך קען מען אט די איינצעלנע בע־טראכטען, אויב נים אלס בויער, איז לכל־הפחות, אלס סימפ־טאמען פון דער קולטור־פארטשריט. מיין „פראטאקאל" האלט מיר אין איין דערצעהלען פון דער שטענדיגער, חאטש לאנגזא־מער ענטוויקלונג פון דער בעוועגונג געגען קריעג. ביי דער לעצטער קאנפערענץ אין בערן פון דער אינטערפארלאמענטא־רישער יוניאן האט דער פרעזידענט שענק פאלגענדע ווערטער געזאגט:

„עס פרעהט מיך אזוי פיעל פאלקס־פערטרעטער צו זעהן, וועלכע ערהייבען די שטימע פאר ענטוואפנונג און פאר די שליכטונג פון אלע שטרייטיגקייטען צווישען די פעלקער אויף א פריעדליכען אופן. נאך מעהר וואלט עס מיך געפרעהט, ווען אפיציעלע פערטרעטער פון די רעגיערונגען וואלטען זיך צוזא־מענגעקומען צו א קאנפערענץ איבער דיזעלבע זאך. אבער אזא קאנפערענץ וועט דאך קומען".

וועט די דאזיגע נבואה מקוים ווערען? די אידעע פון אן אלגעמיינער ענטוואפנונג איז שוין ארייגעדרונגען אין די קא־בינעטען — דאס ווייס איך. לארד סאליסבורי האט ניט לאנג צוריק פערפאסט א געהיימען דאקומענט, אין וועלכען עס זיינען געווען אויסגערעכענט אלע קאסטען פון דער אויפהאלטונג פון מיליטאריזם אין אייראפא. עס האט זיך ארויסגעוויזען, צום ביישפיעל, אז אין די יאהרען 1882 ביז 1886 האבען די שטאא־טען: פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, ענגלאנד, שפאניען און איטאליען אויסגעגעבען אויף זייערע ארמעען די סומע פון 974,715,802 פונט סטערלינג. דער דאקומענט איז געווען פון אנפאנג בעשטימט בלויז פאר דעם ענגלישען מיניסטעריום, אבער לארד סאליסבורי האט עס מיטגעטהיילט דעם דייטשען קייזער, וועלכער איז געווען אזוי איבערראשט, דאס פריוואט האט ער געלאזט וויסען זיין אבזיכט, דאס ער רעכענט איינצו־רופען א קאנפערענץ, אויף וועלכע מען זאל קענען אננעהמען פראקטישע מיטלען פאר די פערזיכערונג פון אן אלגעמיינעם פרידען. דאן האט די האלב־אפיציעלע פרעסע געקראגען א

וואונק אויפצו־ווארפען די פראגע און אנצוהויבען אגיטירען פאר דעם. אין יאהר 1892, ווי איך דערמאן זיך, איז אנגעפיהרט געווארען א ריכטיגער פרעס־קאמפיין פאר דעם. דער פלאן אבער איז זעהר שלעכט אויפגענומען געווארען אין פראנקרייך, וואו מען האט ערקלעהרט, אז עלזאס־לאריין וועט בלייבען א שטענדיגע שטערונג פאר יעדען געדאנק פון ענטוואפנונג. דאן האט דער דייטשער קייזער געלאזט פאלען די אידעע. אזעלכע אידעען זיינען קראפט, און זיי קענען אזוי וואקסען און מען קען אידעען ווערען אבער אין א צייט ארום ווידער אויפגענומען, זיי פונקט אזוי וועניג פערניכטען, ווי דעם שטאאט.

ניין און צוואנציגסטער קאפיטעל.

ווען רודאלף האט פערלאזען יענעם נאכמיטאג דאס הויז פון די ראנעגס, האט איהם אזוי ווי פערפאלגט קאיעטאנעס בילד און שטימע. איהרע ווערטער האבען איהם נאכגעקלונגען, און דאס, וואס ער האט ארויסגעהערט פון זיי, האט ארויס־גערופען אין איהם דעם פערדאכט, אויב זי איז עס ניט די אנאנימע בריעפשרייבעריקע.

אויב אזוי, איז עס מיט איין טעם מעהר, וואָרום ער דארף אויסמיידען דאס הויז... ווידער אמאל זיך לאזען שמיעדען דורך נייע קייטען, ווידער אמאל ווערען אזא נאהענטער מחותן מיט מענשען, וועלכע זיינען פון אזעלכע פערשיעדענע לעבענס־אינטערעסען און לעבענס־אויפפאסונג. ווי זיינע? ניין, דאס טאר ניט געשעהען. קאיעטאנע איז טאקי א וואוילע מיידעל, און, ווי עס זעהט אויס, איז זי אביסעל פארליעבט אין איהם, דערפאר בעוואונדערט זי איצט, פאר דעם מאמענט, אזוי אלעס וואס ער טהוט. ווי שנעל אבער וועט זיך ארויסווייזען איהר אמת'ע נאטור, ווען איהר ליעבע וועט אביסעל אבגעקיהלט ווע־רען, און ווי גיך וועט זי עס זיך בעמיהען, ווי בעאטריסע האט עס געטהאן, איהם אוועקצונעהמען פון זיינע „משוגעת'ען" און איהם צוריקברענגען אין דעם אליין־זעליג־מאכענדען שויס פון אריסטאקראטיזם? און ער אליין? דער קאמפף וועלכען ער האט אויפגענומען, האט פאלשטענדיג אויסגעפילט זיין נשמה, דער קאמפף האט איהר אנגעפילט מיט זארג, ערגערניש, שטרע־בען, האפען — קורץ, מיט א גרויסער ליידענשאפט. און ביי אזא ליידענשאפט איז ניטא מעהר קיין פלאץ פאר ליבעס־אנ־געלעגענהייטען, פאר חתונה־האבען. העכסטענס — ער איז דאך נאך געווען אזוי יונג — שפעטער־צו וועט זיין צייט פאר א קליינער גאלאנטער ליעבע־פאסירונג. אבער אויך וועגען דעם האט ער איצט ניט געטראכט.

ער איז געגאַנגען אַזוי איבער די גאַסען פון וויען. דער אָוונד איז שוין אָנגעקומען. אין די אויסשטעל־פענסטער פון די געשעפטען האָבען געפינקעלט די גאַז און עלעקטרישע פלאַמען. קונסט־געשעפטען, בלומען־געשעפטען, בייסיקעל־געשעפטען, ציערונגס־פירמען האָבען איינע לעבען די אַנדערע ארויס־געוויזען זייערע רייכטימער פון אַלעם וואָס ווילט זיך אַזוי גע־ניסען. פאַר אַ פּאַלאַץ פון אַן ערץ־הערצאָג, וועמעס ערשטער עטאַזש האָט געשטראַהלט פון דער גרויסער בעלייכטונג אינ־וועניג, זיינען געשטאַנען אַ רייהע עקיפּאַזשען. עס איז גע־ווען קלאָר, אַז דאָרט מוז פאָרקומען אַ גרויסער פעסט. פון דעם גרענד־האָטעל, ביי וועלכען ער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך ארויסגעשפּאַרט אַ שטאַרקע מוזיק־חוואַליע. נו, גע־ווים, דאָרט העלפט אַ גרויסער אָרקעסטער דעם אַפּעטיט. אַ יונגע פּאָר, אָנגעטהאָן אין רייזע־קליידער איז נור וואָס ארויס־געקומען פון טויער, און איז צוגעגאַנגען, בעגלייט פון דעם פּאָרטער און פון דעם האָטעל־דירעקטאָר צו אַ שעהנעם קאָטש, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט זעהר שעהנע קופערטען, און דער קוטשער האָט געקראָגען דעם בעפעהל: „צום אָריענט־עקספּרעס, שנעל“.

דאָ, אַלזאָ, האָט די וועלט ווירקליך אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט געווען די בעסטע פון אַלע וועלטען... דאָ וויל קיינער און דאַרף קיינער קיינע רעפאָרמען... מיט אַ פּלוצלונגען ענט־שלוס האָט רודאָלף אַ וואונק געטהאָן צו אַ דראָזשקע. ער האָט געוואָלט זעהן אויך די אַנדערע זייט פון דעם לעבען פון דער גרויס־שטאָדט, — לערנען, בעאָבאַכטען און זוכען דאָס, וואָס זאָל איהם מאַכען אַלץ מעהר און מעהר בעגייסטערט פאַר זיין אויפגאַבע.

— וואוהין, אייער גנאַדען? — האָט דער קוטשער גע־פרעגט.

— וויים ארויס אין פאָרשטאָדט, וועלכע עס איז נאָהענט צום אייזענבאַהן, אין אירגענד אַ האָטעל.

— וואָס פאַר אַ האָטעל?

— וואו עס זיינען דאָ פאָלקס־זינגער, אָדער נאָך בעסער,

וואו עס קומט פאַר אַ פּערזאַמלונג, אָדער עטוואָס ענליכעס...

— איך פּערשטעה, אייערע גנאַדען. צופעליג איז אין דעם האָטעל „דער גאָלדענער עפּעל" היינט אַ יום־טוב. עס ווערט געפייערט עפּעס אַ זיעג, עפּעס פּאָליטישעס. איז דאָס גוט?

— גאַנץ גוט, פאַהרען מיר צום „גאָלדענעם עפּעל".

אין אַ פּערטעל שטונדע איז די דראָשקע געבליבען שטעהען פאַר דעם האָטעל: ניט קיין זעהר שעהנע, אָבער אַ פיעלשטאָקיגע געביידע.

דער קוטשער האָט געעפענט די טיר פון דער דראָשקע.

— דאָ זיינען מיר, אייערע גנאַדען. דאָ איז דער אריינגאַנג — האָט ער אָנגעוויזען אויף אַ טיר אין בייסמענט.

— גוט. ווארט דאָ.

עס איז געווען אַ זאַל פול מיט דעם רויך פון ציגאַרען און מיט דעם ביער־געררוך, אין וועלכען רודאָלף איז איצט אריין. דער זאַל איז געווען אַ נידריגער און אַ זעהר אָרימער. ארום אַ צוואַנציג מענשען זענען געזעסען ארום קליינע טישלעך, און אין הינטער־גרונד איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, ארום וועלכען עס זיינען געזעסען קרוב דרייסיג מענשען זעהר ענג איינע לעבען די אַנדערע. נור איינער פון זיי איז געשטאַנען מיט אַ גלאָז אין האַנד, און אַרויסגערעדט די ווערטער: „אין דעם זין" — רודאָלף האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז ער איז געקומען צום שלוס פון אַ טאָסט־רעדע, און דער גאַנצער עולם האָט אויסגעבראַכען אין אַ דונערענדען „האָך".

אין דער נאָהענט פון דעם גרויסען עהרען־טיש איז ביי אַ קליינעם טישעל איין פּלאַץ נאָך געבליבען ניט פאַרנומען. דאָ האָט זיך רודאָלף אוועקגעזעצט און בעשטעלט אַ „קריגעל" ביער. ערשטוינטע בליקען, סיי פון די געסט און סיי פון די קעלנער, זיינען געווען אָנגעציעלעוועט אויף איהם, ווייל זיין אויסזעהן האָט זיך גאַנץ ווייניג געפּאַסט צו די געוועהנליכע בעזוכער פון דעם לאָקאַל. די בעזוכער זיינען ניט געווען קיין ארבייטער, נור אַלערליי קרעמער און הויז־האַלטער, קצבים,

אלערליי וואוילהאבענדע קליינבירגער, וועלכע האבען זיך אליין געהאלטען פאר זעהר וויכטיגע בירגער און וועהלער.

דער קוטשער האט געזאגט גאנץ ריכטיג. עס איז דא גע־פייערט געווארען א פאליטישער זיעג. דער קאנדידאט פון די אנוועזענדע וועהלער איז „געלאפען" געגען א ליבעראלען, און איז מיט א גרויסער מאיאריטעט ערוועהלט געווארען. איצט, אלזא, איז דער קליינער סוחר, קרעמער, גערעטעט, די קארופ־ציאן בעזיעגט, דער גלויבען פון די אבות פעסטגעשטעלט און נאך די אלע אנדערע רעזולטאטען פון אזא וואהל־זיעג.

דאס אלעס האט רודאלף ארויסגענומען פון די איינצעלנע זעצע און פון דער אלגעמיינער אונטערהאלטונג ארום איהם. דאס איז געווען, נאטירליך, צוזאמענגעמישט מיט די געוועהנ־ליכע בעריהמערייען: „מיר וועלען זיי וויזען, די באנדע בלוט־זויגער!"

ביי רודאלף'ס טישעל, למשל, זיינען געזעסען צוויי יונגע לייט פון א זעהר העסליכען אויסזעהן. איינער איז געווען בלאס און מאגער, דער צווייטער פעט און בלוי־רויט אין פנים, גע־קליידט זיינען זיי געווען אין זאכען, וועלכע די רייכע „הער־שאפטען" האבען שוין אויסגעטראגען. זייערע העמדער זיינען געווען ניט גאנץ זויבער, און אזוי אויך זייערע לויז־געבונדענע קראוואטען. די צוויי האבען גערעדט צווישען זיך, אבער ניט וועגען פאליטיק, נור איבער פארשיעדענע מאלים און גרעטעס. וועמעס שעהנקייט און חן זיי האבען געריהמט איינער דעם צווייטען. אויך די האבען געהערט צו דער געזעלשאפט פון עהרען־טיש, ווארים, ווען די טאסט־רעדע איז געווען געענדיגט, האבען אויך זיי אויסגעשריען: בראווא, ספעציע!

אן עקעל האט פארשטיקט רודאלף'ס האלז. דאס איז עס אלזא דער מאטעריאל, פון וועלכען עס ווערט געבויט די געזעצ־געבונג פון לאנד — מענשען פון אזא בילדונגס־גראד, פון אזעל־כע רויהע געפיהלען. זיי געהערען עס צום רעדערווערק פון דער מאשין, וועלכע וועבט עס דעם שיקזאל פון א גרויסען לאנד!

צו דעם מאראלישען עקעל איז נאך צוגעקומען דער פיזי־שער. די מענשען האבען גערויכערט ווירזשינא־סיגארעטען,

און געשפיגען יעדען אויגענבליק אויפ'ן פאָדלאָגע. ווען זיי האָבען אויפגעהויבען זייערע ביער־גלעזער צום טרינקען, האָט מען געזעהען, ווי שמוציג עס זיינען זייערע הענד, און ווי קיינמאָל ניט אויסגערייניגט עס זיינען זייערע אָבגעביסענע נעגעל!

גליקליכע צושטענדע, אַ מענשענווירדיגער לעבען פאַר אַלע, — האָט רודאָלף געטראַכט. — יאָ, דאָס איז דער ציעל, אָבער צו דעם דאַרף מען, אַז מענשען זאָלען ריכטיג ערצויגען ווערען, אַז זיי זאָלען זיין מאָראַליש און קערפּערליך ריינע מענ־שען. מיט אַנדערע ווערטער: דער מענשענגעשלעכט מוז זיין שעהן, אום צו פערדיענען צו זיין גליקליך. מעהר נאָך, אום צו קענען זיין גליקליך...

פון אַזעלכע געדאַנקען איז רודאָלף אַרויסגעריסען געוואָ־רען דורך אַ הויכען „מיינע העררען", וועלכען דער מאַן אויף דעם סאַמע עהרען־פּלאַץ ביים טיש האָט אַרויסגעברומט. עס איז געוועזען קלאָהר, אַז ער איז דער געפייערטער העלד, דער גליקליכער קאַנדידאַט, וועמעס זיעג עס ווערט דאָ געפייערט. ער האָט געקלאַפּט מיט'ן מעסער אָן זיין גלאָז, און האָט זיך אויפגעהויבען, אַ סימן, דאָס ער האָט געוואָלט רעדען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האָבען אַלע אויסגעשריען און זיינען באַלד שטיל געבליבען, וועלענדיג הערען וואָס זייער העלד האָט צו זאָגען.

„מיינע הערען, אָדער בעסער, מיינע פריינד (בראַוואָ!) מיינע פערעהרטע קאַמפּף־גענאָסען! איך וויים, איך וויים זעהר גוט, וואָס פאַר אַ פליכט עס לעגט אַרויף אויף מיך דער זיעג, וואָס איך פאַרדאַנק אייער געזינונגס־טרייהייט, און די פליכט — דאָס טהו איך אַ נדר, — וועל איך אויספיהרען פול און גאַנץ (בראַוואָ!) אָהן שרעק, אָהן מורא וועל איך אויפ־דעקען אַלע פעהלערען... און אַרונטערררייסען די מאַסקע פון די לומפּען, די געמיינע לומפּען, וועלכע וועלכע —"

— נו, יאָ, נידער מיט די אידען! — איז איינער פון די אַנוועזענדע געקומען דעם רעדנער צו הילף.

„יאָ, איך וועל דעם מאַנדאַט פון אונזער קריסטליכער בע־

פעלקערונג הויך האַלטען, און וועל זעהען, אַז די פערפאַלגטע, פערשטויסענע קריסטען זאָלען ווידער קומען צו זייערע רעכטע, און דאָס דער געמיטליכער, גוטהערציגער, עהרליכער ווינערטום, די גאָלדענע ווינער־הארץ, די אַלטע קייזער־געטרייע, גאָטס־פאָרכטיגע, איבערגעגעבענע, זאָלען געשיצט ווערען, — ווי זאָל איך עס זאָגען — פון די ווירקונגען פון אַ ספעקולאַטיווער ראַסע פון פּאַראַזיטען מיט פולער קראַפט — דאָס הייסט, מיט ענטשלאָסענהייט, קורץ —

— קורץ, ארויסיאַגען די אידען! — האָבען אַלע אויס־געשריען אין בעגייסטערונג.

איצט האָט רודאָלף ניט געקענט זיך מעהר צוריקהאַלטען. ער איז אויפגעשפּרונגען און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

„מיינע הערען!“ — זיין שטימע האָט געקלונגען פעסט— אויך איך בין אַ ווינער וועהלער, און בין שוין אליין געווען אַ קאַנדידאַט. מיין נאָמען איז, — אָבער דער נאָמען איז דאָ ניט וויכטיג. ווילט איהר מיר לאָזען זאָגען אַ וואָרט?

— ווער זענט איהר דען? אַ שעהנער הערר, האָפענט־ליך אַ ספּעציע. נו, רעדט, — האָט זיך געהערט פון פערשיע־דענע זייטען.

— איך בין ניט קיין ספּעציע, אויב איהר פערשטעהט אונטער דעם אַ געזינונגס־גענאָסע. אָבער אזוי ווי איהר — ער האָט זיך געוועגדעט צום גליקליכען געפייערטען קאַנדידאַט — וועט אויך געפינען געגנער אין פּאַרלאַמענט, וועט איהר עס מסתמא קענען פערטראָגען צו הערען אויך דאָ אייערען אַ געג־נער.

— אַלזאָ, אַ ליבעראַלער, אָ יע! — האָט אויסגערופען דער געוועהלטער. נו, טו ארויס מיט לשון! — און ער האָט אָנגענומען אַ פּאַרלאַמענטאַרישע פּאָזע, אריינרוקענדיג די האַנד אין דעם אויסשניט פון זיין וועסט.

— אַ ליבעראַלער? — האָט רודאָלף ווידערהאָלט — איך ווייס ניט, וואָס איהר מיינט דערמיט. נור איינפאַך, אַלס מענש וואָלט איך געוואָלט זאָגען, דאָס עס איז זעהר טרויעריג,

ווען האס און פערפאָלגונג איז דער לאָזונג פון א פּאָליטישען קאמפף.

— אָהאָ! — האָט אימיצער אויסגעשריען — איהר זיינט מסתמא אליין א איד.

— צופעליג ניט.

— אלזאָ, א אידען־קנעכט, א געדונגענער, אויב אזוי, האָט איהר גאָרניט וואָס צו טהאָן אין א געזעלשאפט פון עהרליכע אנטיסעמיטען. זעהט נור, רוקט זיך!

רודאָלף האָט פארקאטשעט די ארבעל. ער איז געווען טוידט־בלאס, אָבער ניט פון מורא, נאָר פון צאָרן.

— גוט — האָט ער געזאָגט — איך וועל אויף אן אויגענ־בליק אריינגעהן אין אייער לאגע. איהר זענט אנטיסעמיטען. דער טיטעל איז איצט א גאַנץ בכבוד'יגער, ניט נור ביי אזעל־כע געוועהנליכע בירגער ווי איהר, נור אויך אין די סאמע העכ־סטע קרייזען איז דאָ איצט דער סאָרט מענשען. אויך געלעהר־טע און פּראָפעסאָרען פערטהיידיגען די דאָזיגע אנשויאונג פון אלערליי עטנאָגראפישע און נאציאָנאַל־עקאָנאָמישע שטאנד־פונקטען; אָבער איהר, איהר, ווי איך זעה, ברענגט נור אייער געפיהל, אייער טעמפּעראמענט, טו זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי דענקט איהר אייער פּראָגראַם דורכצופיהרען? וואָס זאָל מען טהאָן מיט די אידען?

— וואָס זאָל מען טהאָן מיט זיי? ארויסיאָגען זיי נאָך פּאלעסטינא. אומברענגען זיי, דאָס קען מען לניידער ניט, אָבער מען קען שטערען, אז זיי זאָלען ניט ווערען קיין לעהרער, קיין ריכטער, דאָס מען זאָל גאָרניט קויפען אין א אידישען געשעפט, און אויב מעגליך, זאָל מען צונעהמען די פערמעגענס פון די רייכע, פון די ראָטשילדס און נאָך אזעלכע, און אויך ניט האָבען קיין פערקעהר מיט זיי, און אויך ניט מיט די גע־שמד'טע.

אן אנדערער איז איצט אריינגעפאלען:

— איך וואָלט שוין מיטגעהאָלפען ביי דעם שמד פון א אידען, פונקט ווי דער זייליגער יאָהאנעס האָט עס געטהאָן, איהם אין גאנצען איינטונקען, האלטען זיין קאָפּ אונטער'ן וואַ־

סער אזוי לאנג, ביז ער זאל דערטרונקען ווערען. — דער שפאס האט געמאכט אלעמען לאכען.

רודאלף איז צוגעגאנגען צום פעסט־טיש מיט דער אבזיכט צו זאגען א פאר הארציגע ווערטער פון אויפקלעהרונג איבער די ציעלען און פליכטען פון א פאלקספערטרעטער, צו ערקלעהרען, אז פון האס און פערפאלגונג קען גארניט גוטעס ארויסקומען; ער האט געוואלט אפעליערען צום הארצען און צום פערשטאנד און האט געוואלט ווייזען, ווי די ביידע ווערען געשטעלט אין דינסט פון דער געזעלשאפט, ווי זיי העלפען צו דעם מאראלישען און מאטעריעלען גליק פון דער געזעלשאפט. אבער נאכדעם, וואס ער האט איצט געהערט, האט ער אייגעזעהען, אז אזא רעדע וואלט דא אזוי פערשטאנען געווארען, פונקט ווי א גריכישע אדע פון ווילדע אינדיאנער. און ער האט אויפגעגעבען יעדען ווייטערען געדאנק צו רעדען, צו טענה'ן מיט די אנוועזענדע. ער האט געזוכט איין ווארט, וואס זאל געבען אויסדרוק צו זיין טיעפען צארן איבער די געזונקענהייט פון די אנוועזענדע, אבער ער האט אזא ווארט ניט געפונען.

— נו, איצט איז דער הערר שטום? זעהט ער אז מען קען גארניט מאכען מיט אזעלכע שטראמע פארטיי־מענשען, ווי מיר — דאס מיר וועלען זיך איינשטעלען פאר אונזער קריסטליך פאלק געגען אלע אידען און אידען־ליבעראלען, ווי אויך געגען אלע פריימויערער און סאציאליסטען? אונזער אלטע וויען מיט איהר גאלדענע הארץ זאל ניט געמאכט ווערען צו שאנד פון די, וואס האבען זיך אריינגעריסען צו אונז, און אויך ניט פון די קנעכט זייערע. נו, זאגט דער הערר נאך אלץ גארניט?

— איך זאג, דאס איך בעדויער אייך, פונקט אזוי שטארק ווי איך פעראכט אייך.

און ער האט געוואלט אוועקגעהן. אבער דאן האט אויסגעבראכען א שטורם. אלע האבען אויפגעשפרונגען פון זייערע פלעצער. זידעלווערטער האבען אנגעהויבען האגלען אויף איהם, און מעהר פון אלץ האט מען געשריען, אזוי ווי דאס וואלט

געווען דער ערנסטער שימפף־וואָרט: איד! איד! איינער האָט א שליידער געטהאָן איהם אין קאָפּ א ביער־קרוג, האָט איהם אָבער ניט געטראָפען. די צוויי מענשען, ביי וועמעס טיש ער איז געזעסען, האָבען איהם געכאַפּט פאר די אקסלען, בעת דער גאַנצער זאאַל האָט אויסגעבראכען אין א געשריי: ארויס! ארויס, וואָרפט איהם ארויס! און רודאָלף איז געשטופּט געוואָרען צום ארויסגאַנג, און איז ארויסגעשטופּט געוואָרען אזוי שטארק, דאָס ער איז אַנידערגעפאַלען אויפ'ן גאַס. הינטער איהם האָבען די העלדען פארקלאַפּט די טיר.

די גאַס איז געווען פּוסט, נור די דראָזשקע איז געשטאַנען. דערשראָקען איז דער קוטשער צו איהם צוגעלאָפען און האָט געהאָלפען איהם זיך אויפהויבען פון דער ערד.

— יעזוס, מאריע און יאָזעף, אייער גנאַדען, האָט איהר זיך עפּעס צושלאָגען?

—גאַרניט, גאַרניט — האָט רודאָלף געענטפערט. — מיר פאָהרען איצט צוריק צום רינג. און ער איז אריינגעשטיגען אין דראָזשקע. דאָרט ערשט האָט ער בעמערקט, דאָס פון א קלאַפּ אין שטערען האָט זיך ביי איהם בלוט געגאָסען.

עס איז אָבער געווען בלויז א קראַץ. אויף מאָרגען איז שוין קיין סימן ניט געווען דערפון. אָבער אַן אַנדער וואונד האָט איהם די פּאסירונג געבראכט. זיין גלויבען אין די מענשהייט איז שטארק פערוואונדעט געוואָרען.

דרייסיגסטער קאפּיטעל.

הונאַ ברעססער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף סיל־וויא׳ס בריעף. אין צוויי טעג אַרום האָט ער איהם ערהאַל־טען, וועלכער האָט זיך געלייענט, ווי פאָלגט:

„איך וויל זיין דיינע, אָבער אָהן פאַלשקייט און אָהן פאַר־באַהעלטעניש. צוערשט מוז איך מיך פריי מאַכען. אַלזאָ, געדולד. איך וועל דיר ווידער שרייבען. ביז דאַן איז מיין הויז פאַרשלאָסען פאַר דיר. אָבער ניט אמת? מיין וואָרט איז געננוג — איך זאָג עס נאָך אַמאָל: אַזוי אמת, ווי איך וויל לעבען, און קען — וויל איך דיינע זיין“.

טיעף אויפגערעגט פון דיעזע צייל, האָט זיך הונאַ ברעססער גלייך אוועקגעזעצט שרייבען איהר אַן ענטפער. זיין פּולס האָט מעכטיג געשלאָגען, אַ זעליגע בערוישטקייט האָט איהם אַרומגעכאַפּט, און שנעל האָט ער אויפגעשריעבען אויף דער ערשטער זייטעל פּאַפּיער פיער גליהענדע פערזען — אַ טריאומפף־ליעד אויף די טעמאַ: „דו ווילסט מיינע זיין“, אפשר דאָס שענסטע פון אַלע ליעדער, וואָס ער האָט צו איהר געווידמעט, און דאַן האָט ער פאָרטגעזעצט אין פּראָזע:

„סילוויאַ! זאָג ניט צום גליק: „שפּעטער!“ שפּעטער קען דאָך איינער פון אונז ביידע זיין טויט, און דאַן, וואָס פאַר אַ שאָדען דאָס וואָלט געווען! דו ווילסט זיך פריי מאַכען? ביסטו עס אָבער דען ניט? ווייסטו דען ניט, אַז אין בעגליק־טער ליעבע ליעגט אַזאַ כח, וועלכער צוברעכט שפּיעלענדיג אַלע קייטען, צווייפעל, ריקזיכטען?

„און דאָס וואָס דו ווילסט צוערשט קריגען אַ גט, און דאָס וואָס דו דאַרפסט צוערשט לאָזען וויסען אַלע דיינע מומעס, אַז דו ליעבסט מיך, און אַז דו ווילסט ווערען מיינע, דאָס איז ווידער אַ שקלאַפישער בויגען זיך אונטער דעם יאָך פון אַ

פרעמדען ווילען, ווידער אמאָל א געפיהל פון אבהענגיגקייט פון פרעמדען אורטהייל.

„וועמען געהט עס אָן? דאָס איז דאָך אונזער וועלט, און אזא גרויסע, אזא ליכטיגע, אזא פולע מיט העלער פרייד, דאָס די גאַנצע איבעריגע וועלט ווערט פאַרשטופּט אין דונקעלקהייט, ווערט גאָרנים! דו ביזט צו שטאָלץ צו פאַרשטעלען זיך, צו זאָגען ליגען? איז פריהער פאַר אַלץ דאַרפען מיר זיין צו שטאָלץ אונזער גליק אַרויסצו־ווייזען דעם גאַנצען קאַלטען, גלייכגילטיגען המון... אַ גליק, וואָס איז אַלץ מעהר זיס, וואָס שטילער ער איז... און ניט פערשווייגען דעם גליק צוליעב שרעק, נור זאָרגלאָז, אזוי ווי די מיט־וועלט וואָלט פאַר אונז גאָרנים עקזיסטירט. די ליעבע האָט אָט די קראַפט פון אָבזונדערען־זיך פון אַלעמען. זי נעהמט אַרום די גליקליכע פאָר מיט אַ נעץ, דורך וועלכען מען קען ניט דורכקוקען, געוועבט פון פלאַמען. דאָס איז דער עכטער פייער־כשוף.

„איך בין ווירקליך שטאָלץ... ביי מיר קומט אויס, אזוי ווי די ערד וואָלט ניט געטראָגען קיינעם, ווער עס איז גלייך צו מיר. איך בין דער קעניג פון אַלע קעניגע, ווייל דו ווילסט מיינע זיין. קיינער איז ניט גוט גענוג מיר די שיך צו פערבינדען, אָבער פאַר דיר ליעג איך אין שטויב, האַרינטע מיינע.

„אָבער ניין, ניט דיין קנעכט וויל איך זיין, נור דיין בעשיצער — קינד! דו ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ זיסע, שמעלצענדע צערטליכקייט איך האַלט פאַר דיר אָנגעגרייט; רוהען זאָלסטו אויף מיין האַרצען, זאָלסט זיך אין מיינע אָרעמס איינשליסען, זייענדיג זיכער, אַז אין זיי ביזטו אמת געשיצט. דו האָסט דאָך אזוי פיעל געליטען; דו האָסט דורכגעמאַכט אזוי־פיעל שטונדען פון ביטערקייט, פון עקעל און פון רעבעליאָן. דו נויטיגסט זיך אין טרויסט, רוה און שטילקייט. האָב ניט קיין מורא, אַז דיין געליעבטער וועט דיך אַריינרייסען אין אַ שטורם פון ליידענשאַפטען. איך וועל דיר געבען פרידען, מינוטען פון פלאַמענדער ענטציקונג, אָבער אויך שטונדען פון לויטערער פערנינפטיגקייט. מיר זיינען יעדער פאַר זיך קלוג גענוג, אום זיך צו ערלויבען צוזאַמען צו זיין קינדיש. יאָ, לוס־

טיג ווילען מיר זיין, שפאסען און לאכען. שפאס איז דער דיענער פון דער קעניגין „פרייד", און די פרייד איז די פרוי פון דעם קעניג „גליק".

„דאן וועלען מיר אויך אין אנדערע שטונדען זיין ערנסט, דעם לעבען מיט זיינע רעטענישען אריינקוקען טיעף אין די אויגען, מיר ווילען —

„איך הער אויף, איך האב ניט קיין געדולד. דעם בריעף וועל איך אליין אוועקטראגען אין דיין הויז, כדי דו זאלסט איהם קריגען שנעל און זיכער. און דו, האב מיטלייד מיט מיר און מוטה!"

אין דערזעלבער צייט איז אויך סילוויא געווען פארנומען מיט שרייבען א בריעף. דאס איז געווען א בריעף צו איהר מאן:

„ליעבער אנטאן!

„עס זיינען דא זאכען, וועלכע לאזען זיך זאגען גרינגער שריפטליך, ווי מיט'ן מויל, — און מסתמא איז מיין פערלאנג פונקט דערזעלבער וואס דיינער — אז דו זאלסט מיר א גט געבען.

„זייט מעהרערע יאהרען ליעבסטו א שעהנע קינסטלערין, וועלכע האט דיר א זוהן געשענקט. מעהר ווי א העלפט פון דיין צייט פארברענגסטו אין איהר הויז, וואס דו האסט איהר געגעבען אלס מתנה. דו פרובירסט גארניט צו פערבעהאלטען דיינע פערהעלטניסע מיט איהר. קורץ, ווי דער אמת איז, זיינען מיר דאך שוין לאנג צושיידט.

„איך בין געווען אליין, און דערפאר אויך פריי. איך בין אבער געבליבען אליין, און מיין טהייל אין דעם צובראכענעם קאנטראקט האב איך אבגעהיט. איצט אבער מוז עס אנדערש ווערען. איך האב מיין הארץ געשענקט אן אנדערען, און וויל האבען מיין פרייהייט. אבנארען דיך וויל איך ניט. ניט דיך און ניט די וועלט. איך בעט דיך אלזא צו טהאן אלעס נויטיגעס, אז איך זאל וואס גיכער ווערען געשיידט פון דיר. פון מיין ליעבע וועל איך ניט אפלאזען אונטער קיינע אומשטענדען. זאלסטו זיך אבזאגען פון צו געבען מיר א גט, וועל איך איינפאך אוועקפאהרען פון דאנען, און ניט אליין.

„איך האָב מיין אייגענעם פערמעגען, דאָס ווייסטו, און קען לעבען אונאבהענגיג וואו איך וויל.

„די הויפּטזאַך האָב איך, אלזאָ, ארויסגעזאָגט. דאָס אנ־דערע, אויב דו ווילסט, קען מינדליך פערהאנדעלט ווערען, אָדער דאָס קען איבערגעגעבען ווערען צו צוויי פריינד.

„ניט גאָר אָהן ווהע נעהם איך אבשיעד פון דיר. איך דערמאָן זיך אָן דער צייט, ווען איך האָב געגלויבט, אז מיר וועלען ביידע צוזאַמען קענען גליקליך זיין. עס איז אנדערש געקומען. דו ביזט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געזוכט זיין גליק פון דער היים, און אויך געפונען. איצט איז גע־קומען די צייט פאַר מיר, מיר וואָלט זיך אויך געוואָלט —"

ביז דאַנען האָט זי געשריעבען, ווען די דיענסט איז אריינ־געקומען און איהר דערלאַנגט הוגאָ'ס בריעף.

סילוויא האָט גלייך דערקענט די איהר טהייערע האנד־שריפט, אָבער זי האָט איהם ניט גלייך געעפענט. צוערשט האָט זי געוואָלט ענדיגען איהר אייגענעם בריעף און איהם גלייך אָבשיקען צו איהר מאַן.

— וואַרט איין אויגענבליק — האָט זי געזאָגט צו איהר דיענסט — און מיט א האַנד, וואָס האָט געציטערט פון אויפ־רעגונג, — דער בריעף פון איהר געליעבטען האָט אויף איהר געווירקט, אזוי ווי ער וואָלט דאָ אליין געווען — האָט זי צו־געשריעבען די לעצטע פּאָר צייל‌ען, האָט דעם בריעף אריינגע־לעגט אין א קאָנווערט און געזאָגט צו דער וואַרטענדער דיענסט:

— נאַ, טראָג עס אריבער צום הערר גראַף, און איבערגיב עס איהם אליין.

— ווייס דען ניט פרוי גרעפין, דאָס דער גראַף איז היינט פריה אוועקגעפאָהרען? דער קאַמער־דיענער האָט איהם געבראַכט זיין קופערט, דאַן א קאַטש... און דער גראַף איז אוועקגעפאָהרען צו דער באַהן, און דעם פּאָרטער האָט ער ער־קלעהרט, דאָס ער וועט ערשט קומען מאָרגען אָדער איבער־מאָרגען.

— אזוי? — נו, עס איז אלץ איינס. לעג אוועק דעם בריעף אויף זיין שרייב־טיש.

איצט איז זי געבליבען אליין און האָט זיך פארטיעפט אין הוגא׳ס שרייבען. זי האָט עס דורכגעלעזען איינמאָל, דאַן א צווייטען מאָל, זאַץ נאָך זאַץ, און יעדען זאַץ איבערלעזענדיג צוויי מאָל. איינצעלנע ווערטער האָט זי ארויסגערעדט אויפ׳ן קול, האָט זיך צוגעהערט צו זייער קלאַנג, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען מוזיק: „א נעץ, געוועבט פון פלאַמען״... „דיין בע־שיצער קינד״, „שמעלצענדע צערטליכקייט״... אלע טענער, וועלכע דער בריעפשרייבער האָט אָנגעריהרט: ליידענשאַפט, מוטה, דאָס שטרעבען נאָך רוה, גליהענדע בעגייסטערונג און א שוימענדע לוסטיגקייט, דאָס אלעס האָט אָבגעקלונגען אין איהר נשמה, און האָט ארויסגערופען אזא פערלאַנג נאָך זיין נאָהענטקייט, דאָס אויס „רחמנות״ מיט זיך אליין מעהר, ווי מיט איהם, וואָלט זי אם ליעבסטען גלייך געשיקט נאָך איהם... אָבער זי האָט בעזיעגט דעם נסיון. רופען וועט זי איהם ניט, אָבער ווען ער וואָלט אליין געקומען... ביי דעם געדאַנק האָט זי געפיהלט אזא קלעמעניש, וועגען וועלכער זי אליין וואָלט ניט געקאָנט זאָגען, צו דאָס איז שמערץ, אָדער גליק...

מיט געוואַלט האָט זי זיך ארויסגעריסען פון איהר טרוי־מעריי, און האָט געקלונגען צו איהר דיענסטמיידעל:

— שנעל, א דראָזשקע!

זי האָט בעשלאָסען אוועקצופאָהרען צו איהר מוטער, און ביי איהר פערברענגען דעם גאַנצען טאָג. זי האָט ניט געוואָלט בלייבען אליין. אליין מיט דעם וואונש פון איהר הארצען.

אָבער באַראָנעסע טיללינג איז ניט געווען אין דער היים. אויך זי — האָט איהר דער דיענר געמעלדעט — איז הייגט פריה אָבגעפאָהרען פון וויען נאָך גרומיץ מכח געשעפט.

די דראָזשקע האָט סילוויא געלאָזט אוועקפאָהרען און איז אוועק צו־פוס אין דער ריכטונג פון רינג. אויף א געוויסען פלאַץ האָט זי געמוזט שטעהן בלייבען, אום צו לאָזען אייניגע פוהרען פאַראיבערפאָהרען, און פלוצלונג האָט זי דער־הערט א שטימע הינטער זיך:

— סילוויא!

זי האָט זיך אומגעדרעהט.

— אך! — האט זי אויסגערופען — חוגא ברעסער איז געשטאנען לעבען איהר. ער איז געווען אזוי אויפגערעגט, ווי זי, און פונקט אזוי בלאס. ווי זי, מיט ווייט-געעפענטע אויגען און מיט ציטערענדע ליפען האבען זיי, ווי פערשטארטע, אנגע־קוקט איינער דעם אנדערען.

א פאק־טרעגער, וואס איז פארבייגעגאנגען, האט זיי, ניט ווילענדיג א שטויס געטהאן. ערשט דאן זיינען זיי געקומען צו זיך, און זיי האבען זיך דערמאנט, אז זיי שטעהען אין מיטען דער קאכעדיגער גאס. סילוויא האט גענומען געהן, און אזוי ווי דאס וואלט געווען גאנץ זעלבסטפערשטענדליך, איז הוגא מיט איהר מיטגעגאנגען.

— איהר האט מיין בריעף — האט ער אנגעפאנגען. זא־גען איהר „דו", ווי אין בריעף. דאס איז געווען פאר איהם צו שווער אויף אן עפענטליכען פלאץ. ער האט אויך דא ניט גע־קאנט רעדען וועגען בריעף, און דארום האט ער דעם זאץ ניט פארענדיגט, און האט געפרעגט עטוואס אנדערעס:

— פון וואנען קומט איהר?

סילוויא האט פרייער אויפגעאטהעמט פון זיין לעצטע פראגע, און זי האט געענטפערט:

— איך קום פון דער וואוינונג פון מיין מוטער. זי איז אבער היינט אוועקגעפאהרען נאך גרומיץ און איך האב איהר ניט געטראפען. ווי געהט די ווייטערע אויפפיהרונג פון אייער פיעסע?

— איך בין דארט ניט געווען. עס איז מערקווירדיג, ווי גלייכגילטיג מיר איז געווארען די פיעסע, אפשר דערפאר, ווייל איך לעב איבער מיין אייגענע דראמע.

זי איז געגאנגען שווייגענדיג ווייטער, און ער ביי איהר זייט. אין א ווייל ארום האט ער ווידער אנגעהייבען.

— איך האב היינט פריה געזעהן גראף דעלניצקי אוועק־פאהרען מיט א קופערט אויפ'ן וואגען. איז ער אוועק אויף לאנג?

— נור אויף איינעם אדער צוויי טעג.

— זיינט איהר איצט אליין?

זי האָט פערשטאַנען דעם מיין פון דער פראַגע, און האָט געענטפערט:

איך נעהם איצט קיינעם ניט אויף אין מיין הויז.

זיי זיינען צוגעקומען צום דראָזשקע־פּלאַץ.

— פאַהרען מיר, אייער גנאָדען? — האָט געפרעגט איי־נער פון די קוטשערס.

הוגאָ איז שטעהן געבליבען, און אריינגעקוקט סילוויא׳ן אין געזיכט.

— ווי וואָלט געווען, ווען מיר נעהמען אַ דראָזשקע און —

— וואוהין?

— אַלץ־איינס: נאָך שעהנברון, אויף דעם נאַקעטען בארג — איבעראַל וואָלט עס דאָך געווען גן־עדן.

זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און איז ווייטער געגאַנגען. גן־עדן איז אויך איהר ציעל געווען, אָבער דאָס מוז ערשט זיין אין איטאַליען, און נאָכדעם ערשט, ווען זי איז גענצליך פריי. זיינע ווערטער האָבען ארויסגערופען ביי איהר אַ בילד, וועל־כעס איז געווען איינגעטונקט אין פריידען־גלאַנץ, און איבער־הויפּט גליקליך, אמת־גליקליך האָט איהר שוין געמאַכט דאָס אַליין, וואָס ער איז נעבען איהר.

נאָך אַ פּאָר טריט האָט הוגאָ ווידער אָנגעהויבען:

— עס האָט מיר אימיצער געשריעבען: „איך וויל דיינע זיין".

זי האָט געמאַכט אַ העפטיגע בעוועגונג מיט דער האַנד, וועלכע ער האָט פערשטאַנען, אַלס אַ פערלאַנג, אַז ער זאָל ניט רעדען פון אַזאַ הייליגער זאַך אויף דער אָפענער גאַס, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו רעדען וועגען אַנדערע זאַכען: פון אַ ביטערער קריטיק, וואָס אַ וואָכענשריפט האָט געשריעבען איבער זיין פּיעסע, וועגען רודאָלף׳ן, וועמעס פאָרטראַג ער האָט ליי־דער ניט געקאָנט קומען הערען, דאָך איז אין זיין שטימע גע־ווען אַזויפיעל צערטליכע ווארעמקייט, אַזוי ווי ער וואָלט גע־האַלטען אין איין זאָגען: איך ליעב דיך, איך ליעב דיך...
אין איהר איז געוואָרען אַלץ גרעסער דער פערלאַנג צו הערען דאָס וואָרט פון זיינע ליפּען און עס איהם אַליין זאָגען, און

אזוי זיינען אויך איהרע קורצע ענטפערס דורכגעציטערט געווען פון א צוריקגעהאלטענער צערטליכקייט.

פון צייט צו צייט זיינען זיי ביידע שטיל געבליבען, און געגאנגען איינער לעבען אנדערען, ניט ארעם אין ארעם, נור אזוי נאהענט, דאס זייערע ארעמס האבען זיך בעריהרט... סיל־וויא איז זיך פארגעקומען צו זיין איצט אין א לאגע, וואס זי האט קיינמאל זיך ניט פארגעשטעלט. אלץ, וואס איז פארגע־קומען ארום איהר, איז איהר אויסגעקומען אזוי מאדנע, אזוי פרעמד, אזוי ווי זי וואלט קיינמאל אזעלכעס ניט געזעהען און ניט איבערגעלעבט — דאס קלינגען פון די טראמווייען, די שפיגעל־שויבען פון די קראמען, די שטארק בעשעפטיגטע און די זיך־איילענדע מענשען — אלעס איז איהר אויסגעקומען צו זיין אזוי פאנטאסטיש, אזוי ווי זי וואלט ניט געהערט צו דעם, און אלעס ארומיגע וואלט ניט געהערט צו איהר. איבערהויפט, דאס, וואס האט איהר איצט דורכגענומען, איז דאך געווען נור א פראלאג... דאס שטיק האט דאך ערשט געזאלט קומען... אויך איהר גאנצער פריהעריגער לעבען איז איהר אויסגעקומען, ווי אויסגעלאשען, די געגענווארט איז גארניט, נור דאס קומענ־דע... און זי האט ניט געוואגט אריינצוקוקען אין דאס קומענ־דע, — פונקט, ווי מען קען זיך אין די זון ניט איינקוקען.

אזוי זיינען זיי אנגעקומען צו איהר הויז. זי האט גע־וואלט איהם נור די האנד דערלאנגען און איהם זאגען „אדיע“, אבער זי איז געווען ווי פאראליזירט, און האט עס ניט געטהאן. זי האט ניט צומאל געקאנט בלייבען שטעהן, נור זי האט זיך בעוועגט מעכאניש ווייטער, און איז אריין הינטערן טויער. ער דאסזעלבע. דאן האט איהר הארץ אנגעהייבען שטארק צו קלאפען. זי האט שוין גארנישט געוואלט, דאס ער זאל זי פערלאזען.

אויף די טרעפ האט ער איהר אנגעבאטען זיין ארעם, און ביי דער טהיר האט ער א ציה געטהאן דעם גלאק. נאך איצט האט זי געקאנט איהם אוועקשיקען. זי האט עס אבער ניט געטהאן.

דער דיענער האט געעפענט. סילוויא איז אריבערגעטרא־

טען די שוועל פון פּאַרצימער, ער נאָך איהר. דער דיענער האָט צוגענומען פון איהר און פון דעם גאַסט זייערע מאַנטלען, און געעפענט פאַר זיי אַ טיר. סילוויאַ איז געגאַנגען פאַראויס, ניט אומקוקענדיג זיך איז זי דורכגעגאַנגען די רייהע צימער, ביז זי איז אָנגעקומען אין איהר קליינעם זאַאַל. זי האָט אַ וואָרף געטהאָן איהר הוט אויף אַ שטוהל און האָט זיך אומגעדרעהט. הוגאָ, וואָס איז איהר נאָכגעגאַנגען, איז געשטאַנען איצט מיט'ן רוקען אָן די צוגעמאַכטע טיר, און געעפענט די אָרעמס. מיט אַ האַלב־דערשטיקטען געשריי איז זי אריינגעזונקען אין זיי.

„אָ, מיין געליעבטער, געליעבטער, געליעבטער", איהר קאָפּ איז געלעגען אויף זיין ברוסט, און זי האָט זיך געפיהלט ווירקליך ווי בעשיצט. יאָ, דאָס איז געווען דאָס ריכטיגע וואָרט פאַר דאָס, וואָס זי האָט איצט געפיהלט.

ער האָט אויפגעהויבען איהר קאָפּ, האָט איהם צוריקגעצויגען, אום אריינצוקוקען טיעף אין איהרע אויגען:

„מיין, מיין!" — דאַן האָט ער צוגעדריקט זיין מויל אויף איהרע קושען־דורשטענדע געעפענטע ליפּען, אַזוי זיינען זיי געבליבען צוויי גליקליכע מינוטען ארומגענומען. דאַן האָט זיך סילוויאַ ארויסגעריסען, און האָט זיך דערווייטערט פון איהם אַ פּאָר טריט.

זי האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף דעם ווינקעל פון סאָפאַ מיט אַ טיעפען ציטערענדען זיפץ. ער איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— דאָרט — האָט זי צו איהם געזאָגט, און איהם אָנגעוויזען אויף אַ פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען עטוואָס אָן אַ זייט.

ער האָט איהר געפאָלגט. אין דעם צימער, דאָס האָט ער פון פריהער געוואוסט, קען אימיצער אריינקומען יעדען אויגענבליק. נור פריהער, ווען ער איז געשטאַנען אָנגעלעהנט ביי דער פאַרמאַכטער טיר, זיינען זיי געווען זיכער פון יעדער איבערראשונג.

— איך האָב ניט געגלויבט, — האָט סילוויאַ געזאָגט — דאָס איך קען אַזוי ליעבען.

— ווי אזוי איך ליעב דיך, דאס ווייס איך שוין פון לאנג... שוין דאן, דערמאנסטו זיך אין ברונהאף, ביי דעם פלוצלונגען שטורם, ווען דו ביזט מיר אנטקעגען געלאפען, און איך האב, כדי דו זאלסט ניט פאלען, דיך אויפגעכאפט אין מיינע ארעמס, שוין דאן האב איך געוואוסט, אז פאר מיר קען זיין נור איין גליק אויף דער ערד: דיך צו בעזיצען.

— יא, מיר וועלען גליקליך זיין, גליקליך איבער אלע בעגריעפע... און דערביי ווערסטו נאך ווערען א גרעסערער דיכטער, ווי דו ביזט שוין איצט.

— אין דער שטונדע איז ביי מיר אבגעשטארבען יעדע עהרגייץ. העכערעס ווי דיך, קען איך ניט דערגרייכען.

— ניט אבגעשטארבען, נור פארטויבט... איך פיהל אויך איצט אזוי... ווי אין א בערוישטקייט, און דאך אזוי רוהיג, רוהיג... טייערער.

זי האט אויסגעשטרעקט די האנד. ער האט זיך צוגערוקט נעהענטער מיט זיין שטול, אום צו קענען אננעהמען איהר האנד. איצט האבען זיי זיך געזאגט שטילערהייד, האנד אין האנד און אויג אויף אויג, די הונדערטע הערצליכע, נארישע זאכען, וועלבע זיינען אזוי ווי ארויסגערעדטע ליעבעס-קושען און ענדליך, פארגעסענדיג אן דער ניט-פארשלאסענער טיר, האבען זיך זייערע ליפען ווידער געפונען אין א לאנגען קוש, אין וועלכען די גאנצע וועלט איז פאר זיי פערשוואונדען געווארען, אזוי וויים פערשוואונדען, דאס זיי האבען ניט געהערט, ווי די טיר האט זיך ווירקליך געעפענט, און אימיצער איז אריין און איז באלד געשטאנען אין סאמע מיטען פון צימער.

ערשט א צארנדיג-אויסגעשריענער פלוך האט זיי פארנאנדערגעשיידט. הוגא איז אויפגעשפרונגען. איהם אנטקעגען איז געשטאנען אנטאן דעלניצקי.

מיט דעם אויסגעשריי: „עלענדער, פרעכער לומפ“, האט זיך הוגא אויף איהם א ווארף געטהאן און האט איהם דערלאנגט א פאטש.

סילוויא האט ארויסגעשטויסען א געשריי, און איז אנידערגעפאלען אויף'ן בארען אין אונמאכט.

איין און דרייסיגסטער קאפיטעל.

אין דער צייט, ווען עס האט זיך אבגעשפיעלט די דראמע אין הויז פון גראף דעלניצקי, האט רודאלף געהאלטען ביין פערלאזען וויען, אום צו האלטען איינינע פארטרעגע אין אויסלאנד. עס איז אמת, אז ער האט ניט געהאט זיך וואס צו איילען, ווייל ביז צום ערשטען פארטראג וואס ער האט צונעזאגט זיינען נאך געווען גאנצע צוויי וואכען, אבער דאס, וואס עס האט פאסירט מיט איהם אויף דער פאליטישער פערזאמלונג, האט איהם געמאכט אזוי שלעכט פיהלען, דאס ער האט געוואלט אזוי שנעל ווי מעגליך פערלאזען וויען, איינאטהעמען א גאנץ אנדערע לופט, אפשר וועלען די גאנץ נייע איינדריקע אויסמעקען דעם שמערצליכען איינדרוק פון יענעם אווענד.

ער איז געווען אין אזא איילעניש, דאס ער האט זאגאר ניט געוואלט זיך געהן זעגענען מיט זיין מוטער און שוועסטער. אבער וועגען איין זאך האט ער זיך נאך געוואלט אויסרעדען, איידער ער פאהרט אב. ער האט עס געפיהלט אלס זיין פליכט פארצוברענגער א געוויסע ווארנונג.

צוליעב דעם איז ער אוועק מיט א בעזוך צום געוועזענעם מיניסטער, הערר וועגעמאן, וועלכער האט געהאט זיין צונאמען מיניסטער „אודאי“, אדער מיניסטער „פון דער אנדערער זייט“. ער האט איהם געטראפען צו הויז. עס איז געווען די צייט, ווען דער מיניסטער האט געגעסען אנבייסען.

דער מיניסטער „אודאי“, האט איינגעלאדען רודאלפ׳ען מיטצועסען, אויף וואס רודאלף האט זיך ניט געלאזט פיעל בעטען, ווייל ער האט געוואוסט, אז ביין מאלצייט, און איבערהויפט נאך דעם מאלצייט, ביין קאפע און ציגאר לאזט זיך אמבעסטען רעדען. ער האט געהאט בדעה זיך גוט אויסצורעדען

וועגען דעם, וואָס האָט איהם אזוי שטארק געדריקט אויפ'ן הארצען. עס איז ריכטיג, דאָס דער מיניסטער איז שוין ניט געוועזן מעהר אקטיוו אין פּאָליטיק, אָבער ער איז געקומען אין שטענדיגער בעריהרונג מיט איינפלוסרייכע מענער, און מיט אַלע זיינע אנזיכטען און נייגונגען האָט ער געהערט צו דער הערשענדער פּארטיי... דערצו איז ער געוועזן דער אינטימס־טער פריינד פון יענעם שטאאטסמאן, וועלכער האָט דאַן גע־האַט דעם שטארקסטען איינפלוס, און וועלכער איז געוועזן שטארק געאַכטעט — אפילו פון זיינע געגנער — פאַר זיין אוניווערזאַלע בילדונג און אמת־ריינעם כאראקטער.

די היים פון דעם מיניסטער איז געוועזן אַ זעהר געמיטלי־כע. אַלעם ארום איהם איז געוועזן אויסגעוועהלט שעהן און בעקוועם. אייניגע גרויסע פרויען־פּאָרטרעטען אויף די ווענד האָבען געמאַכט איינעם משער זיין, דאָס דער מיניסטער, אַלס איינער, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזן פערהייראַט, האָט עס פערשטאַנען צו מאַכען נאָך אנגענעהמער זיין געגענוואַרט מיט די שעהנע עראינערונגען פון דער פערגאַנגענהייט.

רודאָלף האָט געשפּירט אַ געוויסען געפיהל פון קנאה, וועלכעס פלעגט איהם אין דער לעצטער צייט באַהערשען, ווען ער פלעגט זיך צוזאַמענטרעפען מיט אַ מענשען, וועמעס לעבען, דענקען און פיהלען איז געוועזן אין אַ פאָלשטענדיגער הארמאָ־ניע מיט די אומשטענדען און דעם לעבען ארום איהם; אַ מענשען, וועמעס גאַנצער גייסטיגער לעבען — דאָס דענקען, וויסען און פיהלען — איז געבראַכט געוואָרען אין אַ סיסטעם; דאָס אַלעס איז אזוי שעהן איינגעאָרדערט און פריעדליך, דאָס דערביי קען איינער דענקען פון זיינע אייגענע קליינע פערגני־גענס, דאָס מען קען פיהרען אַ גרויסען שטאַאט, בעזיצען אַ היבשען פערמעגען, און מען קען זיין דורכגעדרונגען פון דער אייגענער קלוגשאַפט און וויכטיגקייט, קורץ, זיך פיהלען אין דער אַטמאָספערע פון דעם ענג־בעגרענצטען עגאָאיזם, ווי אַ פיש אין וואַסער — וועהרענד אַזעלכע מענשען ווי ער, רודאָלף, וועלכע טראַכטען און שטרעבען צו אַנדערע צושטענדע, — מענ־

שען, וועלכע טראָגען אין זיך די בענקעניש נאָך דער צוקונפט, פיהלען זיך אַזוי עלענד, אַזוי היימלאָז, אַזוי אויסגעטהאָן און אָבגעריסען פון די קליינע אינטערעסען פון דער געגענוואַרט ארום זיי.

ווען דיביידע מענער, נאָך דעם געענדיגטען אָנבייסען, זיינען אריין אין רויך־צימער, וואו קאַפע און אַלערליי וויינען האָבען געוואַרט אויף זיי, האָט רודאָלף אָנגעהויבען:

— און איצט לאָמיר צוקומען צו דעם אייגענטליכען צוועק פון מיין בעזוך. דאָס איך פאָהר אָב פון וויען אויף אַ לענגערע צייט, האָב איך אייך שוין געזאָגט. און וואָס דאָס איז דער גרונד, וועלכער פאַרטרייבט מיך פון דאַנען, דאָס וויל איך אייך איצט זאָגען. איך האָב דאָ ניט לאַנג דורכגעמאַכט עטוואָס, וואָס איז אַזוי עקעלהאַפט, דאָס פאַר אַ לענגערע צייט מוז איך איינאָטהעמען אַ גאַנץ אַנדער לופט. אָבער אייך, וועלכער בלייבט דאָ, וואָלט איך געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכען אויף די געפאַהר, וועלכע איך זעה קומען און ווערען אַלץ גרעסער אין עפענטליכען לעבען.

— אודאי, געפאַהרען זעה איך אויך. צום ביישפּיעל, די אַלץ־וואַקסענדע אפיקורסות, דער וואַקסענדער מאַטעריאַליזם, מיט וועלכען עס געהט האַנד אין האַנד אַלץ מעהר גראָבקייט און רויהקייט, און די גרעסער־ווערענדע פאָדערונגען פון די מאַסען, און נאָך אַזעלכע געפאַהרען, און דערפאַר טאַקי איז נויטיג, אַז די איידעלע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט זאָלען זיך צוזאַמענגעהמען און מיט אַלע כחות ניט דערלאָזען דער פערברייטונג און פערשטאַרקונג פון די אַלע געפעהרליכע זאַכען.

— איך בעט אייך, לאָמיר ניט רעדען וועגען דעם, וואָס איז אַזוי דונקעל און אונבעשטימט. דאָס, וואָס איך וויל זאָגען — די זאַך, וועלכע זעהט מיר אויס צו זיין זעהר געפעהרליך, איז עטוואָס גאַנץ פּאָזיטיוועס, בעשטימטעס. עס וויל זיך דאָ ברייט מאַכען אַ פּאַרטיי, וועלכע שטיצט זיך אויף איין־און־איינציגע אידעע, אויף דער אידעע פון ראַסען־פערפאָלגונג.

— נו, יאָ, לאָמיר אויך רעדען פּאָזיטיוועס. איהר מיינט דאָך אודאי די אנטיסעמיטען.

— יאָ, איך ווייס, דאָס דיעזע פּאַרטיי, אָדער ריכטיגער, די דאָזיגע געזינונג פערשפּרייט זיך און דרינגט אריין ביז די סאַמע העכסטע קרייזען, אָבער דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, אינ־קאָגניטאָ, פערשטעלט, וועהרענד די פיהרער, וועלכע ווילען אריינברענגען דיעזע געזינונג אַלס אַ פּאָליטישע פּראָגראַם אין פּאַרלאַמענט, האָבען אין זייערע רייהען אַזעלכע גראָבע, אונ־געבילדעטע מענשען... ווען מ'זאָל דאָס אַזוי לאַנג לאָזען אָנגעהן, וועלען די מענשען אריינברענגען אין עפענטליכען לעבען אַזאַ רויהען טאָן, אַזאַ ניעדריגען גייסט־צושטאַנד, דאָס, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם, ווי געמיין דאָס איז אַזאַ פּרינציפּ פון העצעריי, וועלען דורך דעם אַלע אַנדערע פּאָליטישע פראַגען ווערען שטאַרק ארונטערגעדריקט. ווען איך וואָלט אייך דער־צעהלט, וואָס איך האָב ניט לאַנג צוריק געהערט פון דעם מויל פון די, וועלכע זיינען ערשט אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס פּאָלקס־פּערטרעטער, וואָלט איהר געווים אויפגעשוידערט.

— איך ווייס, איך ווייס, זיי זיינען דאָך אַלע איינפאַכע פּאַרשטאָדטס־בירגער, וועלכע רעדען אַזוי, ווי זיי קענען. אין פּאַרלאַמענט וועלען זיי שוין מוזען אָננעהמען דעם פּאַרלאַמענ־טאַרישען טאָן... און פון דער אַנדער זייט, דאַרף מען דאָך געדענקען, דאָס דיעזע וואהלען בעדייטען אַ זיעג איבער פיעל געפעהרליכערע קאַנדידאַטען. וועגען די אנטיסעמיטען ווייס מען דאָך, אַז זיי זיינען גלויביגע קריסטען, און דאָס זיי ווילען בעקעמפּפען אַלעס, וואָס די אולטראַ־ליבעראַלען און די סאָציאַ־ליסטען און נאָך אַזעלכע פּאָליטישע טהוער ווילען אויספיהרען, אום צו שטירצען טראָהן און אַלטאַר.

רודאָלף האָט געוואָלט עטוואָס ענטפערען, אָבער דער מי־ניסטער האָט איהם ניט צוגעלאָזען דערצו, מיט אַ בערוהיגענ־דער האַנד־בעוועגונג, און האָט ווייטער גערעדט:

— מיין גאָט, איך אַליין האָב גאָר ניט נעגען די אידען. איך בין דאָך, ווי איהר ווייסט, אַ גאַנץ אָפטער גאַסט ביי דער

הויך־פינאנץ, און איך קען אויך אייניגע גאנץ גוטע מענשען צווישען די אידישע דאקטארען... אבער, ווי געזאגט, די אנ־טיסעמיטען — וועמעס פערפאלגונגס־אידעע מען דארף זעהן ניט דערלאזען אויפוואקסען, — די האבען אויך זייער גוטע זייט. און ווען מען אונטערשטיצט זיי, איז עס דורכאוס ניט, ווייל מען וויל דערגרייכען זייערע ציעלען, אדער מען וויל אנ־נעהמען זייערע מיטלען, נור ווייל אינדירעקט העלפען זיי צו בעזיעגען אנדערע געגנער.

— איהר גיט אלזא צו, דאס יענע פארטיי ווערט געשטיצט פון די סאמע העכסטע קרייזען? נעהערט אפשר גראף — (ער האט דא אנגערופען הער וועגעמאנ'ס פריינד, דעם גרויסען שטאאטסמאן) צו דיעזע בעשיצער?

— אודאי.

— איך קען איהם דאך אלס אן איידעל־דענקענדען מענ־שען, אלס א מילדען קריסט, וועלכער איז אונפעהיג מסכים צו זיין צו אזעלכע זאכען, אדער צו פיהלען אזא האס, וועלכען די אנטיסעמיטען, אין זייערע קאמפיינס, ווילען אויפבלאזען — און דאך, איז עס מעגליך, אז ער זאל עס האלטען פאר רעכט צו אונטערשטיצען אזא פארטיי?

— מיין פריינד איז א שטארק־גלויביגער קאטאליק. ערשט נעכטען האבען מיר גערעדט וועגען די אלץ־גרעסער־ווע־רענדע רעליגיעזע גלייכגילטיגקייט.

— און איך בעמערק גאר, אז דער איינפלוס פון די גלחים ווערט אלץ שטארקער.

— געוויס. אין מאנכע קרייזען, אבער פון דער אנדערער זייט —

— אלזא, וואס דענקט אייער פריינד וועגען דעם?

— ער האט געזאגט — איך קען מיך גאנץ גוט דערמאנען אן זיינע ווערטער — וואס מעהר איך איבערלעג מיר איבער דיעזע פראגען, דאס פעסטער און קלאהרער ווערט מיין איבער־צייגונג, דאס דיעזע פראגען זיינען די, אן וועלכע עס ווענדעט זיך די גאנצע צוקונפט און דער שיקזאל פון אייראפא. דער

קריזיס, וועלכען מיר מאַכען דורך, בעשטעהט אין דעם קאַמפּף פון דער רעוואָלוציע געגען די קריסטליכע אידעען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די גאַנצע שטאַאַטליכע אָרדנונג פון אייראָפּאַ און איהר ציוויליזאַציע. וועלען דיעזע אידעען ניט זיעגען, דאַן געהט צוגרונד גאַנץ אייראָפּאַ מיט איהר גאַנצער איצטיגער אָרדנונג, דאַן וועט קומען אַ צושטאַנד פון כאַאָס, וועלכער וועט אַזוי לאַנג אָנהאַלטען, ביז די קריסטליכע אידעען וועלען וויעדער זיעגען, ווי אין די צייטען פון קאַרל דעם גרויסען, וועלען ביסלאַכוויין וויעדער געווינען די גייסטער, און וועלען אויפבויען ווידער אַמאָל אַ קריסטליכע אָרדנונג פון שטאַאַטען און פעלקער — עטוואָס, וואָס ניט מיר און ניט אונזערע קינדער וועלען דערלעבען. ווילען מיר זיי בעשיצען פון די אַלע שרעקען פון דער אַנאַרכיע, מוזען מיר מאַכען אַ פעסטען ווידערשטאַנד געגען דעם שטורם, וואָס סטראַשעט דער קירכע.

— דאָס שטימט מיט מיינע געדאַנקען — האָט רודאָלף געזאָגט. מען זעהט, מען פיהלט, ווי עס שאָקלען זיך די אַלע דאָגמען, וועגען וועלכע מען דענקט, אַז זיי זיינען דער פונדאַמענט פון דער ציוויליזאַציע, אָבער איך, פון מיין זייט, וויל פרעגען, אויב די היינטיגע שטאַאַטען האַנדלען ווירקליך לויט די קריסטליכע פּרינציפּען... הלואי וואָלט עס נור אמת געווען, דאַן וואָלטען אוועקפאַלען דריי־פינפטעל פון מיינע אַנקלאַגען, אָבער איך וויל זיך צוריקקעהרען צום ענין: אַלזאָ, אום צו שיצען אָט די ציוויליזאַציע, מוז מען קעמפּפען, און אין אַ קאַמפּף איז גילטיג דער כלל, דאָס יעדע וואָפע איז גוט, פונקט, ווי די יעזואיטען זאָגען: דער צוועק הייליגט די מיטלען. אָבער טאַקי דאָס איז די קראַנקהייט פון אונזער גאַנצער סיס־טעם: צוועקען, וועגען וועמעס ניצליכקייט מען קען האָבען אַ טעות, צוקונפטס־געפאַהרען, וועלכע קען זיין, עקזיסטירען גאָרניט, ווערען אויפגעפאַסט אַזוי גרויס, דאָס גלייך ווערען געהייליגט די סאַמע געמיינסטע מיטלען, און מען בעשיצט גראָבקייט, ווילדקייט, פערפאַלנונג און אַלעס, וואָס איז נידריג אין דער געגענוואַרט, און אַלץ צוליעב דעם, כדי אָבצוּוועגדען

פאנטאסטישע צוקונפטס־אונגליקען... און מען פארזעהט, דאס די געשיצטע רויהקייט קען שוין דערוויל ברענגען מיט זיך די ערגסטע רעזולטאטען. זעהט איהר, ווערטהער פריינד, דאס איז דער סוד, ווארום אייגענטליך גאנץ גוטע מענשען לאזען געשעהען אזוי פיעל שלעכטס; זיי גלויבען, אז דורך דעם ווערט אויסגעמידען נאך פיעל ערגערעס. אזוי זיינען אלע היסטארישע שענדליכקייטען בעגרינדעט געווארען דורך גאנץ איידלע מאטיווען... און די געשיכטע וועט אזוי לאנג בלייבען א קייט פון גרויליכקייטען, אזוי לאנג ווי די קולטור־מענשען וועלען ניט אבזאגען זיך פון דעם יעזואיטישען כלל, אז דער צוועק הייליגט די מיטלען; אזוי לאנג זיי וועלען ניט אנער־קענען, דאס פאר קיינע צוועקען טאר ניט געברויכט ווערען א מיטעל, וועלכער איז ווייניגער הייליג, ווייניגער ריין, ווי דער צוועק. ווען איהר האט איינפלוס אויף אייער פריינד, ליעבער פריינד וועגעמאן, און דעם האט איהר, ווי אויך אויף פיעלע אנדערע מאכט־האבענדע קריסטען, דאן בענוצט איהם, אום צו ווארנען זיי. אט וועגען דעם האב איך עס אייך געוואלט בעטען.

— ניין, מיין ליעבער דאצקי, איך האלט מיך צוריק פון אריינמישען זיך אין עפענטליכע אנגעלעגענהייטען. איך נעהם ערנסט מיין איצטיגע צוריקציהונג פון עפענטליכען לעבען. און א חוץ דעם, בין איך מיט אייך גאר ניט איינפערשטאנען. איהר האט ניט קיין ריכטיגען בעגריעף פון שטאאטס־פאליטיק. דא מוז מען זיך וועהרען אזוי גוט, ווי מען קען, און די מיטלען מוזען אויסגעקליבען ווערען ניט לויט אידעאלען, נור לויט זייער פראקטישען ווערטה. ווען מיר שיצען דעם מאנארכישען יסוד פון דעם קריסטליכען געדאנק, שיצען מיר דען ניט דעם באדען, אויף וועלכען מיר שטעהען, און די לופט, וועלכע מיר אטהעמען? די אנדערע, אונזערע געגנער, די האבען ווידער אן אינטערעס צו אונטערגראבען זיך אונטער אונזערע פרינצי־פען, און טהוען עס מיט אלע מיטלען, וועלכע זיי קענען נור אנגעהמען — זאלען מיר דאס דערלאזען? איהר זיינט אן אויסגעצייכענטער מענש, ליעבער רודי, א ליעבענסווירדיגער

טרוימער, אָבער פון די פליכטען פון א שטאַאטסמאַן האָט איהר קיין בעגריעף ניט... אידעאַליזם און עסטהעטיק און נאָך אזעל־כעס זיינען גאַנץ שעהנע זאַכען, זיי געהערען אָבער אין א גאַנץ אַנדער געביט: אין קינסטלער־הויז, אין די אַקאַדעמיעס און אוניווערזיטעטען, אָבער ניט אין פּאַרלאַמענט און ניט אין מיניסטער־קאַבינעט — אין די מוז —

רודאָלף איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָט איהם אונ־טערבראָכען:

— ענטשולדיגט, וואָס איך מוז אייך ווידערשפּרעכען. מיין מיינונג איז, אַז די פּאַרלאַמענטען און די מיניסטער־קאַבינעטען זיינען יענע פלעצער, וואו עס ווערט די ריכטונג צום ל ע ב ע ן פון די פעלקער געגעבען, דערפאַר גראַדע מוז מען דאָרט מעהר, ווי אַנדערשוואו, אויפּפּאַסען אויף דעם אידעאַל, וויל דערצו שטרעבט דאָך די קולטור, אַז די שעהנהייט־אידעאַלען און די מאָראַל זאָלען דורכדרינגען אין דאָס לעבען. מיר וועלען איינע די אַנדערע ניט איבערצייגען, איך זעה עס, און עס וואָלט גע־ווען אומזיסט ווייטער צו שטרייטען, דאָך האָב איך פיעל גע־לערענט פון אונזער געשפּרעך. איך האָב איצט ערשט געקראָ־גען א טיעפען איינבליק אין די אורזאַכען פון די איצטיגע קעמפ־פע, און וואָרום זיי ווערען געפיהרט אויף אַזא אופן.

— וואָרום זאָגט איהר א י צ ט י ג ע קעמפּפע? עס איז אימער דערזעלבער קאַמפּף, מיין ליעבער, זועלכער שטורמט זייט די וועלט איז געשאַפען געוואָרען, און וועט אייביג שטור־מען — דער קאַמפּף צווישען גוט און שלעכט.

רודאָלף האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— אייביג? דאָס איז ווידער א פאַל פון א ניט־ריכטיגער אויסטייטשונג פון דעם ענטוויקלונגס־געזעץ. דער לאַנגער קאַמפּף איז דאַרום ביז איצט נאָך געבליבען אונענטשיעדען, וויל דאָס גוטע האָט נאָך ניט פּראָבירט צו קומען צו זיך דורך דאָס גוטע; וויל דאָס בייזע האָט נאָך ביז איצט געגאָלטען אַלס א מיטעל. א נייע, גאַנץ נייע ליכט מוז די גייסטער אויפ־קלעהרען, און דאָס וועט קומען. פּונקט ווי אויף דעם פּיזי־

שען געבײט איז געקומען די עלעקטרישע ליכט, אזוי װעט אויף דעם גײסטיגען געבײט אויפשטראהלען א נײע ליכט, דורך װעל־כע עס װעט ענדליך פארטריבען און אין גאנצען בעקעמפפט װערען די מאכט פון פינסטערנים.

װענעמאן האט שמײכלענדיג געקװעטשט מיט די פלײ־צעס:

— טרוימער!

— איך דאנק! — האט רודאלף געענטפערט, אויפהײ־בענדיג זיך פון זײן פלאץ — איך נעהם אן דיעזען נאמען, אלס אן עהרענטיטעל. און איך בין זעהר צופריעדען דערמיט. איך װיל נור צולעגען, דאס װען איך רעד אײניגערמאסען טרוי־מעריש פון דער גרויסקײט פון דער צוקונפט, װאס איך זעה פאראויס, פארגעס איך אבער ניט דערבײ די קלײנע שריט, װעלכע מוזען געמאכט װערען אין יענער ריכטונג, און װעלכע יעדער פון אונז זאל זיך בעמיהען צו מאכען. און איצט, אדיע, און נאך אמאל א דאנק פאר דעם בעלעהרענדען געשפרעך.

אין דעם זעלבען אװענד האט רודאלף פארלאזען װיען. זײן ציעל איז געװען װענעדיג. פון דעם שטילען צויבער פון דיעזער שטאדט, צו װעלכען ער האט זיך געװאלט איבערגעבען, האט ער געגלויבט צו קריגען פערלײכטערונג פאר זײן פאר־װאונדעטען געמיט.

צוויי און דרייסיגסטער קאפיטעל.

הונא ברעסער איז געלעגען א טוידט־קראנקער אין זיין פאטערס וואוינונג. די קויל, וועלכע רעלניצקי האט אין איהם אריינגעשאסען אין א דועל, איז געפונען און ארויסגענומען געווארען, אבער דאך האט דער קראנקער געשוועבט צווישען לעבען און טוידט.

אין קראנקענצימער איז געווען האלב־דונקעל. די פענס־טער־פארהאנגען זיינען געווען אראבגעצויגען, וויל הונא האט ניט געקאנט פארטראגען די ליכטיגקייט. זי האט איהם וועה געטהאן. צוקאפענס פון זיין בעט איז געשטאנען זיין אלטער פאטער, און ביי דער זייט זיינען געזעסען צוויי פרויען: סיל־וויא און מארטא.

נאך דער דועל האט אנטאן רעלניצקי פארלאזען וויען. זיין פרוי האט ער געשריעבען, דאס ער גיט איהר צוריק די פרייהייט, וואס זי פערלאנגט פון איהם. „דעם גט וועסטו קריגען“ — האט ער געשריעבען — דעם גרונד דערצו האסטו געגעבען. דיין געליעבטען, נאטירליך, האב איך געמוזט דערשיסען; נאכדעם, וואס עס האט פאסירט, האט ניט ער און ניט איך געהאט קיין אנדער ברירה, ווי צו דועלירען זיך. דו און איך קענען מעהר ניט האבען צו טהאן איינער מיט'ן אנדערען. דאס, וואס מיר האבען געטהאן איינער צום אנדע־רען, דאס קענען מיר איינער דעם אנדערען ניט מוחל זיין. דו האסט אונזער עהרע טוידטליך פערוואונדעט, און פונקט אזוי האב איך פערוואונדעט דיין געליעבטען. עס איז דא ניטא קיין פערצייהונג, ניט פאר מיך און ניט פאר דיך. מיר זיינען פארטיג איינער מיט'ן אנדערען“.

ווען סילוויא איז געקומען צו זיך פון איהר אונמאכט, אין

וועלכע זי איז אריינגעפאלען ביין צוזאמענשטויס צווישען איהר געליעבטען און איהר מאן, האט זי זיך געפונען אויף איהר בעט. זי האט ניט געוואוסט, ווי לאנג זי איז געווען אין אונמאכט, און אויך נים, וואס ווייטער האט פאסירט.

דאס עס מוז קומען צו א דועל, דאס האט זי געוואוסט, און א שרעקליכער צארן האט ערוואכט אין איהר געגען די נאַרישע מנהגים פון דער געזעלשאפט, וועלכע, אלס לייזונג פון א שווערער לאגע, האט אייגעפיהרט דעם מארד. אזוי ווי דער טוידט פון איינעם אדער דעם אנדערען וואלט געקאנט עטוואס בעסער מאכען. די ביידע מענער וועלען זיך שלאגען, דאס איז פאר איהר געווען קלאהר, און א ווילדער פערלאנג האט איהר בעהערשט ניט צו דערלאזען דערצו, אבער צו דערזעלבער צייט האט זי געוואוסט, אז זי וועט דא גארניט קענען אויספיהרען. וואס האט זי דען געקאנט טהאן? ווארפען זיך פאר איהר מאן אויף די קניע? אומזיסט. אבצובעטען עפעס ביי איהם — האט זי דאך ניט געהאט וואס; און בעטען פאר דאס לעבען פון איהר געליעבטען, אבער וואס קען עס העלפען? דער אנדערער אליין וועט דאך ניט רוהען — זי האט זיך דערמאנט אן דעם פאטש אין פנים וואס ער האט געקראגען — ביז ער וועט די שאנדע מיט בלוט ניט אבוואשען. אזוי ווי פערגאסענעס בלוט וואלט געקאנט איבערהויפט עטוואס ריין מאכען, עטוואס, וואס איז שוין געשעהען. צו מאכען אזוי ווי דאס וואלט קיינמאל ניט געשעהען — — אט דער געהייליגטער אונזין, אונטער וועמעס הערשאפט די נאַרישע וועלט געפינט זיך. אדער זאל זי אפשר לויפען צו הוגא און איהם זאגען: „דו געהערסט איצט צו מיר, דו האסט איצט מעהר קיין רעכט צו לאזען זיך רויבען פון מיר, קום, לאמיר פאהרען...“

אבער ווי נור זי איז געקומען צו איהר בעוואוסטזיין, און די און עהנליכע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט אין איהר קאפ, איז זי באלד אריינגעפאלען אין א שטארקען פיבער. און וואס עס האט געבראכט די נעקסטע טעג, דאס האט זי ניט געוואוסט. זי האט נור דונקעל געפיהלט, דאס עס דרעהען זיך

ארום איהר פרויען, דאס א מאן פיהלט איהר פולס, און דאס די געשטאלט פון איהר מוטער איז געווען אריבערגעבויגען איבער איהר.

ערשט, ווען דער דועל איז שוין געווען פאריבער, איז זי ווידער געקומען צו זיך. איצט האט זי אלעס געמוזט זיך דערוויסען. זי האט געשריען, אז מען זאל איהר אלעס זאגען, אז זי האט א רעכט צו וויסען אלעס. מארטא האט איהר נאכגעגעבען.

— דער דועל האט שטאטגעפונען — מיט פיסטאלעטען. אנטאן איז געבליבען אונפערוואונדעט, און איז אבגעפאהרען און הוגא —

— איז ער טויט?

— ניין, קינד, ניט טויט, אבער שווער פארוואונדעט.

איצט האט זי ניט געקענט מעהר רוהיג בלייבען. זי האט געמוזט געהן צו איהם.

— אבער, סילוויא, דו וועסט געהן צום מאן, מיט וועמען דיין מאן האט זיך דועלירט? וואס וועט די וועלט זאגען?

— פאר דער וועלט ארט מיך ניט — הוגא, קען זיין, שטארבט. די וועלט? דאס איז דאך דיזעלבע וועלט, וועמעס פרינציפען האבען דיר דיין מאן ערמארדעט און וועלכע האבען אויך דעם מאן, וועלכער האט מיך בעטראגען, געלאזט ווערען צום מערדער פון מיין געליעבטען.

— דיין געליעבטער?... הייסט עס, אז ער איז געווען —

— ווי זאל איך איהם אנדערש רופען? איך ליעב איהם דאך. די וועלט פעראכט איך, און איך וואלט אליין געווען צום פעראכטען, ווען איך וואלט עס ניט געטהאן... געהען מיר, קום מיט, מאמע, אבער גלייך.

איצט איז עס געווען אויפ'ן דריטען טאג זייט דעם ערשטען קראנקען־בעזוך פון די ביידע פרויען.

הוגא איז געלעגען מיט צוגעמאכטע אויגען און האט שווער געאטהעמט.

— שלאפט ער? — האט מארטא געפרעגט גאנץ שטיל.

דאקטאר ברעסער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— איך גלויב ניט.

סילוויא איז געווען בלאס און פארוויינט. זי האט נאך געהאפט אז ער וועט געראטעוועט ווערען. אבער שוין די מעגליכקייט, דאס ער קען שטארבען, און דערצו דאס צוזעהן פון זיינע ליידען האט איהר געמאכט אזוי פיעל שמערצען, דאס אין דעם משך פון די לעצטע דריי טעג האט זי ניט אויפגעהערט צו וויינען.

נעכטען און ערב־נעכטען האבען מוטער און טאכטער פאר־בראכט צו עטליכע שטונדען ביים קראנקען־בעט. צו אוונד־צו האבען זיי געשיקט אנפרעגען, ווי געהט עס איהם. קיין אויגענבליקליכע געפאהר איז נאך ניט געווען.

מארטא האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער, און איז אויפ־געשטאנען.

— קום, סילוויא, מיר דארפען געהען.

און סילוויא האט זיך אויפגעשטעלט.

— אויב עס זאל איהם ערגער ווערען. לאזט אונז גלייך רופען — האט סילוויא געזאגט צום פאטער זיינעם.

אבער, ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דער טיר, איז דער אלטער צוגעגאנגען צו זיי און האט זיי געזאגט:

— געהט ניט.

סילוויא האט אויפגעציטערט. זי האט ארויפגעקוקט צו דאקטאר ברעסער מיט א פראגע פון שוידער אין איהר בליק.

ער האט פארשטאנען איהר פראגע, — און האט געזאגט:

— איך האב מורא —

סילוויא איז ווידער צוגעלאפען צום בעט, און זיך גע־שטעלט אויף די קניע. איצט האט זי ניט געוויינט. דער שרעק איהרער איז געווען צו שטארק.

הוגא איז געלעגען אהן אירגענד א בעוועגונג. דער אטה־עם, וואס איז ארויסגעדרונגען דורך זיינע האלב־אפענע ליפען, האט געהאט אזא קרעכצענדען טאן.

באראנעסע טיללינג האט גענומען די האנד פון איהר אל־טען פריינד.

— וואס האט איהר מורא? האלט עס אזוי שלעכט?

— יא, זעהר שלעכט.

מארטא האָט געפיהלט די ווערטער ווי שטאָך אין הארצען, דערביי האָט זי וועניגער געטראכט פון הוגאָ, ווי פון איהר אַלטען פריינד. זיין איינציגער זוהן — די פרייד און שטאָלץ פון זיין עלטער... אוא גלאָנצפולע צוקונפט פערניכטעט...

— איך האָב ניט גענוג צוטרוי אין מיין אייגענע קונסט, אויך ניט אין דעם דאָקטאָר, וועלכער בעהאַנדעלט איהם צוזאמען מיט מיר, און איך האָב גלאָזט רופען פראָפעסאָר ל י נ ד ע ן.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו סילוויא און געזאָגט:

— גרעפין סילוויא, דאָקטאָר לינדען קען אריינקומען יעדען אויגענבליק. ווילט איהר ניט דערווייל ארייגעהן אין דאָס צימער דערביי?

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

— דאָס האָט אָבער נאָך צייט, ביז ער וועט קומען, און ביז ער וועט מיך הייסען ארויסגעהן.

— אָבער דאַן וועט ער שוין האָבען געזעהען —

סילוויא האָט איהם אָנגעקוקט, ניט פארשטעהענדיג, וואָס ער מיינט.

— איך מיין, אז דאַן וועט מען זיך דערוויסען איבעראַל, פּראָפעסאָר לינדען קומט אין פערשיעדענע הייזער... און נאָך אַלעם, וואָס מען רעדט שוין אין שטאָדט.

— איז מיין פּלאַץ ניט דאָ, מיינט איהר?

— מיין גאָט, די וועלט.

אַן אויסדרוק פון דער טיעפסטער פעראכטונג האָט זיך געוויזען אויף סילוויא'ס פּנים.

— איך בלייב — האָט זי ערקלעהרט, און האָט ווידער איינגעגראָבען איהר קאָפּ אין די דעקע, וואָס איז אראָבגעהאָנגען פון ברעג פון בעט. ברעסער האָט זי פערשטאַנען. אין דעם אָנבליק פון ליעבע און טויט — די צוויי ערהאָבענע כחות, האָט פאַר דער יונגער פרוי צוזאַמענגעשרומפּט אין גאָרניט דאָס, וואָס ער האָט גערופען „די וועלט“.

דער ערוואַרטעטער בעריהמטער פּראָפעסאָר איז געקומען. ער האָט נור געקענט בעשטעטיגען דאָס, וואָס ברעסער האָט אַליין געוואוסט: די געפאַהר איז געווען זעהר גרויס. נאַטירליך האָט ער דערקאָנט דיביידע דאָמען, און ער האָט שטאַרק זיך געוואונדערט זיי דאָ צו טרעפען, אָבער האָט זיי עס ניט געלאָזט מערקען.

ער האָט געהייסען געבען דעם קראַנקען אַ גרויסע דאָזע כינין, אום אַרונטערצושלאָגען דעם פיבער, און וועט זיך עס ניט איינגעבען צו פאַרמינדערען די 40־גראַדיגע טעמפּעראַטור, און זאָל עס נור שטייגען איין גראַד העכער, דאַן מיינט עס דער סוף... אָבער עס איז דאָך נאָך מעגליך... נו, ער וועט נאָך דעמזעלבען אָוועגד ווידער קומען.

אין פאַרצימער איז עס צוגעגאַנגען גאַנץ לעבעדיג. צייטונגס־רעפּאָרטער, איינער נאָכ'ן אַנדערען, און פיעלע אַנדערע זיינען געקומען פרעגען וועגען דעם, ווי עס האַלט מיט דעם דיכטער. ברעסערס דיענער האָט די צייטונגס־מענשען דערלאַנגט די בולעטינס, וועלכע זיינען ערשיענען אין די מאָרגען און אָוונד־צייטונגען, און די אַנדערע נייגיריגע האָט ער ערקלעהרט אין קורצען, ווי דער קראַנקער פיהלט. די גאַנצע שטאָדט איז געווען פול מיט סימפּאַטיע און אינטערעס, און דערצו איז עס נאָך געווען פאַרמישט מיט דער לוסט צו סקאַנדאַל. מען האָט זיך דערצעהלט אויף פערשיעדענע אַרטען, וואָס עס האָט געקאָנט זיין די אורזאַכע פון דעם דועל, און אין אַלע פּירושים האָט זיך געהערט דאָס בעקאַנטע פראַנצויזישע וואָרט: „זוך די פרוי“.

עס איז געוואָרען אָוונד. אַ לאָמפּ אין אַ ווינקעל פון צימער, וועיט פון קראַנקען־בעט האָט פאַרשפּרייט אַ פערשטיקטע ליכטיגקייט אין דעם קראַנקענס צימער. דאָס צימער, וואו הוגאָ איז געלעגען, איז געווען זיין שרייב־צימער, ווייל דאָס איז געווען דער געראַמסטער אין הויז.

הוגאָ האָט איינגעדרעמעלט. סילוויאַ איז געזעסען לעבען איהם, און געהאַלטען זיין האַנד. אויף אַ דיוואַן אין אַ צווייטען ווינקעל פון צימער זיינען געזעסען דאָקטאָר ברעסער און

מאַרטאַ, אויסבייטענדיג זיך פון צייט צו צייט מיט איינציגע ווערטער.

— דערמאָנט איהר זיך — האָט מארטאַ געזאָגט נאָך אַ קורצען שטילשווייגען — אָן אונזער צוזאַמענפאָהרען אויף דער באהן פון קעניגסהאָף נאָך האָראָוויץ אין אַ טאָג שפּעטער נאָך דער שלאַכט?

— איך דערמאָן זיך... אָן די הורבע מתים, אויף וועלכע די קראָהען זיינען געשטאַנען. דאָס איז געווען נאָך טרויערי־גער.

— נור שרעקליכער, און פונקט אזוי איבעריג, ניט נויטיג.

— יאָ, דאָס איז דיזעלבע גרויסע זינד: אַ מלחמה צווי־שען צוויי אָדער אַ מלחמה צווישען הונדערטע טויזענדע, די־זעלבע משוגעת, דאָס מיט דעם טויט קען מען עטוואָס דער־גרייכען, עטוואָס בעווייזען, עטוואָס גוט מאַכען. עס איז אַלעס אזוי שרעקליך, אזוי טרויעריג...

— מיין אָרימער פריינד! האָט מארטאַ שמערצליך אויפ־געזיפצט.

עס איז איהר געווען שרעקליך ביטער. דיעזער שטאַר־בענדער יונגערמאַן, דער רואינירטער לעבען פון איהר טאָכ־טער... פון רודאָלף — דער האָט אויך אויפגענומען אזא שווע־רען קאמפף — האָט זי שוין פון אַ לענגערע צייט גאָרניט גע־הערט. די גאַנצע צוקונפט פון איהרע קינדער (וועגען זיך האָט זי שוין ניט געטראַכט) איז איהר מיט איינמאָל אויסגע־קומען אזוי פינסטער, — און די גאַנצע וועלט אזא שלעכטע, — בילדער פון דער פערגאַנגענהייט זיינען פאַרבייגעצויגען פאַר איהרע אויגען, און אַלע אזוי שרעקליך, ווי דאָס בילד, אָן וועל־כען זי האָט זיך נור וואָס דערמאָנט: די הורבע טויטע קער־פער, גענגעסען פון קראָהען, וועלכע זי האָט געזעהען אין אַ גע־וויסע נאַכט, בעלויכטען פון דעם בלאַסען לבנה־שיין. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נאָוועמבער־טאָג אין סאַדאָוואַ, ווען זי האָט געזעהען דעם יונגען קייזער וויינען, אָן די פּראָסטע היל־צערנע טרונען, אין וועלכע מען האָט אין דעם משך פון דער איינציגער האַלערא־וואָך אין גרומיץ, אריינגעלעגט איהרע דריי

שוועסטער, און דאָס שרעקליכסטע בילד פון אַלע, איהר גע־ליעבטער מאַן, צוזאַמענפאַלענדיג אונטער דעם פייער פון די ביקסען.

דער קראַנקער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

„וואַסער!" — האָט ער געבעטען מיט אַ שטילען קול.

דער אַלטער דאָקטאָר איז צוגעלאָפען, אָבער סילוויא האָט שוין געהאַט אָנגעפילט אַ גלאַז און מיט ציטערענדע הענד צו־געטראָגען עס צו הוגאָ'ס ליפּען. ער האָט געטרונקען מיט מאַ־טערניש, אָבער מיט דורשט. דאַן איז זיין קאָפּ צוריק געזונ־קען אויפ'ן קישען. ער האָט זי ווידער ניט דערקענט.

זייט סילוויא איז אהערגעקומען — איצט איז עס שוין געווען דער דריטער טאָג — האָט ער נאָך מיט קיין וואָרט, מיט קיין בליק ניט געוויזען, דאָס ער האָט געוואוסט, ווער עס זיצט נעבען איהם. און זי האָט אַי געוואָלט אַז ער זאָל עס וויסען. זי האָט געוואוסט, אַז דורך איהר נאָהענטקייט, וועט ער זיך פיהלען בעגליקט. עס איז געווען שרעקליך פאַר איהר, דאָס ער איז ניט אימשטאַנד צו פיהלען כאָטש ד ע ם גליק, און אפשר אויך דאָס לעצטע. אומזיסט האָט זי צו איהם גערעדט גאַנץ שטיל: „הוגאָ, הוגאָ, איך בין עס, דיין, דיין סילוויא".

אומזיסט האָט זי איהם אין די אויגען אריינגעקוקט מיט אַ ברע־נענדער ליידענשאַפט און מיט דער זיסעסטער צערטליכקייט אין איהרע אייגענע אויגען — זיינע אָרעמע, פיבער־ברענענדע אוי־גען האָבען ארומגעבלאָנדזשעט, און ער האָט ניט ארויסגעוויזען דעם מינדעסטען סימן, אַז ער פאַרשטעהט וואָס קומט פאָר, אָדער, אַז ער דערקענט אימיצען. דאָס איז גאַרניט געווען הוגאָ, וועלכער איז דאָ איצט געלעגען, ניט איהר דיכטער, פון וועמען זי איז געווען אַזוי געליעבט, נור אַ צוקענדער, ליידענדער קערפּער, וועלכען די נשמה האָט שוין כמעט ווי פאַרלאָזען.

ארום צעהן איז דער פּראָפעסאָר ווידער געקומען. ער האָט געפונען דאָס זעלבע, וואָס ברעסער, אַז דער פיבער האָט בעדייטענד אָבגעלאָזען.

דאָס איז זעהר גינסטיג — האָט ער צוגעלעגט.

סילוויא האָט אויפגעציטערט. ווי אַ גליקליכער האָפנונגס־בליץ האָט דורכגעשניטען דאָס וואָרט איהר ציטערענדע, פאַרשמאַכטע האַרץ.

ביין אוועקגעהן, האָט דער בעריהמטער דאָקטאָר ערקלערט, אַז עס איז מעגליך, אַז הוגאָ זאָל בלייבען לעבען. די נאַכט וועט ער וואַרשיינליך רוהיג שלאָפען. דאָס וואָלט געווען זעהר פיעל געוואונען. און ווען ער וועט זיך ווידער אויפכאַפּען — הוגאָ האָט דערווייל ווידער איינגעדרעמעלט — וועט ער זיין ביי זיין פולען בעוואוסטזיין.

— בעוואוסטזיין! — האָט סילוויא נאָכגעזאָגט דעם בעריהמטען דאָקטאָר — אויך דאָס וואָרט האָט איהר געמאַכט פריידיג אויפציטערען — וואָס פאַר אַ ווידערזעהען וועט עס זיין צווישען זיי!

מאַרטאַ האָט פאָרגעשלאָגען צו פאָהרען אַהיים. סילוויא האָט אָבער ניט געוואָלט.

— איך וועל פון דאַנען ניט אוועק, ביז ער איז גערעטעט, אָדער —

ווען מאַרטאַ האָט געזעהן, אַז איהר טאָכטער איז אַזוי ערנסט ענטשלאָסען צו בלייבען, האָט זי אויך אויפגעגעבען דעם פּלאַן צו געהן אַהיים. דאָקטאָר ברעסער האָט איהר אָבגעטראָטען זיין שלאָפצימער. ער מוז בלייבען ביין קראַנקען. אויך סילוויא'ן האָט ער פאָרגעשלאָגען אַ בעט אין נעבען־צימער, אָבער זי האָט ערקלעהרט, דאָס זי וועט זיך ניט אַ ריהר טהאָן פון שטוהל, וואָס איז געשטאַנען ביי הוגאָ'ס בעט. זי קען אויך דאָ רוהען. מאַרטאַ האָט אָנגענומען דעם דאָקטאָר'ס פאָרשלאָג און איז אוועק אַביסעל זיך צולעגען.

צוויי שטונדען שפּעטער. הוגאָ האָט געאָטהעמט רעגעלמעסיג און רוהיג. ברעסער איז געלעגען אָנגעקליידט אויפ'ן דיוואַן, און האָט איינגעדרעמעלט, און פונקט אַזוי די וועכטערין, וועלכע איז געזעסען אין אַ שטול, נעבען אויוועז. די איינציגע, וואָס האָט געוואַכט, איז געווען סילוויא, וועלכע איז געזעסען צוקאָפּענס פון דעם קראַנקענבעט, און מיט איהרע אויגען

געציעלעוועט אויפ'ן פּנים פון הוגאָ, כאָטש אין דער האַלב־דונ־קעלהייט האָט מען קוים געקאָנט זעהען זיין פּנים. דער וואַנד־זייגער האָט געקלאַפּט זיין טיק־טאַק, און ערשט ניט לאַנג האָט זי געשלאָגען איינס. אין אויוועז האָבען געפלאַמט די ברע־נענדע שייטלען האָלץ. פון דער גאַס, כאָטש אַלע געשעפטען זיינען שוין געווען געשלאָסען, האָט זיך צוגעטראָגען דער פער־שטיקטער גערויש פון אַ פאַרבייפאָהרענדען וואָגען מיט מענשען, וואָס זיינען געפאָהרען פון בעללער, באַנקעטען, און וועלכע האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט פון דעם צער און שרעק פון דאָ אויבען, וועלכע קענען זיך אפשר באַלד פערוואַנדלען אין די טיעפסטע פערצווייפלונג. דער געדאַנק, דאָס דער געליעבטער וועט שטאַרבען, איז איהר מעהרערע מאָל געקומען אין קאָפּ. מאַנכעס מאָל האָט זי זיך אַליין געפייניגט פאָרשטעלענדיג זיך דאָס ער איז שוין טויט...

אזוי איז אוועק נאָך אַ שעה. דער זייגער האָט אָנגעהויבען אויסצושלאָגען צוויי. אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער קראַנ־קער אַ ריהר געטהאָן.

סילוויא איז אויפגעשפּרונגען און זיך איבערגעבויגען אי־בער איהם. זיינע אויגען זיינען געווען אָפען, עס האָט דורכ־געשניטען איהר דערזעלבער האָפנונגס־שטראַהל, ווי ביי פּראָ־פעסאָר לינדען'ס וואָרט: „בעוואוסטזיין", אפשר איצט, אפשר איז ער אין גאַנצען שוין דאָ.

— הוגאָ, הוגאָ, דערקענסטו מיך? — האָט זי אויסגערופען שטיל, אָבער מיט געפיהל.

און ער איז ווירקליך געקומען צום בעוואוסטזיין. אין ראשע ערינערונגס־בליצען האָט זיך אין זיין גייסט אָפּגעשפּיגעלט אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט: דער דועל, זיין ווערען פערוואונדעט, דאָס ווערען געבראַכט אהער, די אָפּעראַציע און דאַן אַ פּוסט־קייט. און איצט: איהר פּנים איז געלעגען אין שאָטען, אָבער איהר שטימע האָט ער דערקענט, איצט, איינגעבויגען איבער איהם די פרוי, וועמען ער ליעבט אזוי...

— סילוויא, סילוויא, דו! — און אזוי האָב איך דיך ווידער?

— און אויף אייביג... ביזט געדעטעט, ביזט גענעזען... א לאנגעס לעבען ליעגט פאר אונז... קיין זאך זאל אונז ניט צו־שיידען. ווי איז דיר? ווי פיהלסטו זיך?

— איך בין גליקליך, סילוויא, א גליק —

ער האט זיך אביסעל אויפגעהויבען, אבער מיט א דורכ־דרינגענדען שמערץ־געשריי איז ער צוריקגעפאלען אין קישען.

דאן איז שוין אויך דאקטאר ברעסער געווען ביי דער זייט פון זיין זוהן און האט זיך אריבערגעבויגט איבער איהם.

— ער איז געקומען צו זיך — האט סילוויא געזאגט — ער האט מיך דערקענט. ניט אמת, הוגא? וואס איז דיר? אבער רעד דאך!

דער אלטער ברעסער האט איהר ניט געלאזט מעהר רע־דען:

— שטיל, ער שטארבט!...

דריי און דרייסיגסטער קאפיטעל.

א בריעף פון מארטא טיללינג צו גראף קאלנאס.

גרומיץ, 1895.

טהייערער פריינד: —

א הערצליכען דאנק פאר אייער אנזאגען מיר וועגען אייער באלדיגען צוריקקומען און פאר דאס, וואס איהר האט מיר צוגעשיקט אייער אדרעס פון אייער לעצטען אבשטעל־פלאץ. דאס מאכט פאר מיר מעגליך ווידער צו שרייבען צו אייך וועגען אלץ, וואס איז פארגעקומען אין מיין פאמיליע אין דער לאנגער צייט, וואס איהר זיינט געווען אוועק.

עס איז געווען א דראמע, א שרעקליכע דראמע. איהר וועט אלעס הערען, ווען איהר וועט צוריקקעהרען, אבער, מעגליך שטארק איבערטריבען און צוקריפעלט. דערפאר זאלט איהר פון מיר אליין זיך דערוויסען דעם גאנצען אמת.

ווענינע טעג נאך דעם, ווי איהר זיינט אוועקגעפאהרען, האט זיך אבגעשפיעלט די דאזיגע שרעקליך־טרויעריגע דראמע. אפשר האט איהר וועגען דעם געלייענט אין די צייטונגען? אבער איהר לייענט דאך קיינע צייטונגען, ווען איהר מאכט אייערע רייזען, און מסתמא ווייסט איהר גאר ניט וועגען דעם ברעסער־דעלניצקי דועל. יא, מיין איידעם דעלניצקי האט ברעסער'ן טוידטליך פארוואונדעט. ברעסער איז געווען — נייז, ניט סילוויא'ס געליעבטער — פון סילוויא'ן געליעבט. אזוי געליעבט, דאס ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם, וואס די וועלט וועט זאגען, איז זי אוועק צו זיין קראנקען־בעט — איך און זי — ביז צו זיין לעצטען אטהעם־צוג.

וואס עס איז נאכהער געווען, איז געווען שרעקליך. עס האט די הארץ צוריסען. מיין גאט, איך האב דאך דורכגעמאכט אין מיין לעבען פיעלע סצענען, וועלכע דער טראגעדיען־דיכטער, דער טויט, וויים צו שאפען: די אגאניע אין די בעהמי־

שע לאזארעטען, די חאָלערא־וואָך אין גרומיץ, די דערשיסונג פון מיין געליעבטען... צולעצט די אונגליקען, וואָס האָבען געטראָפען מיין זוהן — אָבער איך האָב ניט געגלויבט, אז מיר וועט אויסקומען דורכצומאכען א טויט־שטונדע, וועלכע זאָל פאר מיר ענטפלעקען א גאנץ נייעם שמערץ. עס איז שוין איצט פאָראיבער, א דאנק גאָט, קען איך עס דערצעהלען. אין דער שטונדע, וועלכע האָט אוועקגעריסען פון מיין טאָכטער דעם געליעבטען פון איהר הארצען, איז מיין אָרימע סילוויא אריינגעפאלען אין א וואהנזיניגע פערצווייפלונג, וועלכע אנדערע רופען עס אין קורצען משוגעת. זי האָט געמוזט אוועקגענומען ווערען אין א נערווען־אנשטאלט, וואו מען האָט זי געמוזט זעכס מאָנאטען האלטען אונטער דער שטרענגסטער אויפפאסונג, ווייל מעהר ווי איינמאָל האָט זי געוואָלט ארויסשפּרינגען דורכ'ן פענסטער, אָדער זיך דעם קאָפּ צוברעכען אָן א וואנד. זי האָט ניט־בעוואוסטזיניג געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד, נור אונטער אָנפאלען פון א פיבער משוגעת. ביסלאכווייז, ביסלאכווייז האָט די פארפינסטערונג פון איהר גייסט אָנגעהויבען צו פארשווינדען, און די אויסברוכען פון שמערץ האָבען געמאכט פלאץ פאר א זאנפטערען, שטילערען, אָבער זעהר שווערען געמיטה. שטונדענלאנג האָט זי געוויינט אויף מיין ברוסט — איך האָב זי בעזוכט, נאטירליך, יעדען טאָג. נאָך אנדערע צוויי מאָנאטען האָט זי שוין פערלאָזען דעם אנשטאלט, אלס פאָלשטענדיג אויסגעהיילט, און איצט לעבט זי ביי מיר. אָבער זי איז נאָך יונג, און איך רעכען אויף די צייט, וועלכע איז אזא גוטע היילערין, אפשר וועט איהר דער שיקזאל נאָך טרייסט ברענגען...

דעם גט האָט זי שוין, אָבער לײדער האָט זי געקראָגען דעם גט נאָכדעם, ווי זי איז געמאכט געוואָרען, אלס די איינציגע שולדיגע. אנטאָן האָט ניט לאנג צוריק געהייראט מיט זיין זינגערין. די האָט איצט פערלאָזען דאָס טהעאטער, אוןביידע לעבען זיי אין דעם לאנד־הויז, וואָס אנטאָן האָט איהר שוין מיט יאָהרען צוריק געשענקט.

און רודאָלף? — די פראגע וואָלט איהר מיר זיכער גע־

שטעלט נאָכדעם, ווי איך וואָלט אייך אַלעם פריהעריגע מינדליך דערצעהלט. ווייל איהר ווייסט דאָך, דאָס אין מיינע געדאַנקען און זאָרגען פאַרנעהמען מיינעביידע קינדער אימער א גלייכען פּלאַץ. איהר לייענט דאָך אַזוי גוט אין מיין נשמה, קאַלנאַס, און האָט מיך אימער אַזוי גוט פאַרשטאַנען, אפילו דאַן ווען איהר האָט פאַר א ווײַלע געמאַכט א קליינעם טעות — איז אויך דאַן האָט איהר באַלד פערשטאַנען, וואָרום דאָס האָט ניט גע־קאָנט זיין... אָבער וועגען דעם רעדען מיר דאָך קיינמאָל נים. ענטשולדיגט מיך, וואָס איך האָב אָנגעריהרט אָן עררינערונג, וועלכע איז אפשר שמערצליך פאַר אייך... פאַר מיר, אָבער, איז זי איינע פון מיינע ליעבע עררינערונגען...

אלזאָ, רודאָלף? ער איז מיט אַן אָוועגד פריהער פאַר דעם דועל אָבגעפאָהרען פון וויען, און האָט זיך ערשט דערוואוסט אין איינינע טעג אַרום דורך די צייטונגען. פון סילוויאַ'ס צו־שטאַנד האָט ער גאָרניט געוואוסט. איך האָב איהם ניט געוואָלט לאָזען וויסען וועגען דעם, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ער מוז ערפילען דאָס, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען, און האָב ניט געוואָלט נאָך שווערער מאַכען זיין אויפגאַבע. אָבער ער האָט זיך עס דערוואוסט פון אַנדערע. דאַן האָט ער אָבגעזאָגט זיך פון זיינע איינינע פאָרטרעגע, וואָס ער האָט געזאָלט געבען, און איז צוריקגעקומען נאָך וויען: בייצושטעהן דער מוטער און שוועסטער אין זייער גרויסען צער. דאָס האָט ער אנערקענט, אַלס זיין ערשטע פּליכט. און ווירקליך, זיין נאָהענטקייט האָט מיר וואויל געטהאָן.

נאָך אַן אַנדער ליעבער מענש האָט זיך באַמיהט אַרום מיר צו פערשאַפען מיר הילף און טרייסט. דאָס איז קאַיעטאַ־נע ראַנעגג. אַזוי אָפט, ווי איך בין געוועזען אַליין, איז זי צו מיר געקומען. נור, ווען רודאָלף איז צו מיר געקומען, פלעגט זי אוועקגעהן, און אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט מערקען. זי מיידט איהם אויס אַזוי שטאַרק, ווי זי קען נור. דאָס זי האָט איהם ליעב, דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג... איך האָב עס דאָך אייך שוין אַמאָל געזאָגט, און דערביי אויסגעדריקט מיין וואונש,

הלואי וואָלט רודאָלף מיט איהר געהייראטט, אָבער די צרה איז, דאָס רודאָלף וויל גאָר ניט הערען פון זיך ווידער פערהייראטען.

ווען סילוויא איז געוואָרען פאָלשטענדיג געזונד, האָבען מיר זיך איבערגעקליבען נאָך גרומיץ, ווען איך בין אונטריי געוואָרען פאַר אַ לענגערע צייט צוליעב ברינהאָף. אָך, ווי שטארק איז דער אָרט באַפעלקערט פון די שאָטענס פון מיין יוגענד... רודאָלף האָט מיך אַהער געבראכט, און דאַן איז ער ווידער אוועקגעפאָהרען, ער האָט געמוזט גוט מאַכען דאָס, וואָס ער האָט פריהער פארזאַמט. וואָס ער טהוט, טראַכט און פלאַנעוועט, דאָס וועל איך אייך מינדליך דערצעהלען. איך בין נאָך אימער מיט מיין גאַנצער נשמה ביי דער גרויסער אויפ-גאַבע, וועלכע מיין מאַן האָט פאַר מיר איבערגעלאָזען, און וועל-כע מיין זוהן האָט איבערגענומען. שטארק, ווי עס דריקט מיך די זאָרג וועגען מיין אונגליקליכער סילוויא, און אַזוי שטארק ווי איך לייד אַליין, — דאָס אַלעס האָט געמאַכט אַ שטארקע ווירקונג אויף מיין שוואַכע הארץ — דאָך האָב איך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען מיינע אידעאַלען, וועלכע זיינען מיין רעליגיאָן.

וואָס זאָל איך אייך נאָך דערצעהלען? מאַקס און עלי-זאַבעט דאַצקי, וועלכע לעבען אַזוי גליקלאַך אין ברינהאָף (האָט רודאָלף ניט געהאַנדעלט איבעראיילט?... ער האָט געוואָלט זיך בעפרייען פון די קייטען, און דאָך, וויפיעל נאָך קייטען ער שלעפּט הינטער זיך!) אַלזאָ, דיביידע גליקליכע האָבען נאָך איצט געקראָגען אַ יורש — אָרעמער, ליעבער פריצעל, ער איז געוועזען אַזאַ טהייערינקער. דאָס איז אויך עטוואָס, וואָס איך קען ניט פארגעסען.

פון לאָרי גריזבאַך האָב איך שוין לאַנג גאָרניט געהערט. עס הייסט, אַז זי איז געוואָרען זעהר פרום, געהט טעגליך אין קירכע, בעשעפטיגט זיך מיט זאַמלונגען פון פאָנדס פאַר אַלער-ליי הייליגע צוועקען, פאַר די אונטערשטיצונג פון קאַטוילישע פאַראיינען, פון מיסיאָנען און אַזוי ווייטער. דעם טויט פון איהר טאָכטער און אייניקעל בעטראַכט זי — אַזוי האָט זי ניט לאַנג געזאָגט אונזערען אַ געמיינשאַפטליכען פריינד — אַלס

א שטראָף פון גאָט פאַר די פאַמיליע דאַצקי, ווייל די דאַצקי פאַמיליע האָט ניט דעם עכטען גלויבען. נו, יאַ, דאָס איז געווען אַ זעהר הארטער קלאַפּ פאַר די אָרעמע, טו פּארגין איך איהר צו געפינען טרייסט און שטיצע אין איהר רעליגיאָן... נאַטירליך, אויב די גאַנצע פרומקייט איז ניט עטוואָס, וואָס איז איצט אין דער מאָדע, ווייל איצט ווערט עס בעטראַכט, אַלס „גוטער טאָן" פון דער העכערער געזעלשאַפט צו מאַכען אַן אָנשטעל פון גלויביגקייט — נאָך דעם ביישפּיעל וואָס ווערט געגעבען פון סאַמע אויבען, פון אונזער קאַיזער גופא.

דאָ, אין גרומיץ, לעבען מיר, די דריי פרויען, זעהר שטיל. מיר פרעהען זיך נור מיט דער זומערליכער נאַטור. „עס איז די צייט פון ראָזען". מיר דריי, האָב איך געזאָגט, ווייל קאַיעטאַנע ראַנעגג איז ביי מיר צוגאַסט. איך בין איהר זעהר דאַנקבאַר, ווייל איהר געזעלשאַפט פאַר מיין טרויעריגער סילוויאַ איז אַן אמת'ע ברכה. און כאָטש אויך זי האָט אַ געהיימען שמערץ, דאָך איז זי פון אַ פרעהליכען געמיט. דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז פאַר מיין סילוויאַ'ן פיעל בעסער, ווי די געזעלשאַפט פון אַן אַלטע, געדריקטע פרוי, וועלכע האָט איהרע אייגענע ליידען.

ניט, דאָס איך פיהל מיך אַזוי אַלט... אָבער אין די אויגען פון יונגע לייט.. עס איז אַ נאַטור־געזעץ, דאָס פאַר די יוגענד גילט בלויז די יוגענד.

צו מיין פריינדין ראַנעגג איז איינפערשטאַנען דערמיט, וואָס איהר טאָכטער איז אַהער געקומען און האָט זיך אַזוי שטאַרק בעפריינדעט מיט סילוויאַ, דאָס ווייס איך ניט. דער גט, דער דועל, די „נערווענקראַנקהייט", וואָס איז געקומען נאָך דעם יונגען ברעסער'ס טויט — דאָס אַלעם מוזען זיין זאַכען, וועלכע זיינען שטאַרק ניט צום הארצען אַזאַ פרוי, ווי גרעפין ראַנעגג. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז די פרוי צו ברייטהערציג, אַז זי זאָל פאַרבאָטען איהר טאָכטער צו טרייסטען אונז ביידען מיט איהר ליעבער נאָהענטקייט. און פאַר מיר איז קאַיעטאַנע אַן אמת'ער טרייסט. איך ליעב זי באמת, און איך פיהל, דאָס זי האָט מיך אויך ליעב. און כאָטש אפילו

איך ווייס, דאָס זי ליעבט מיך נור, ווייל איך בין רודאָלף׳ס מאמע, ארט עס מיך גאַנץ ווענינ. אין נעגענטייל: איך בין איהר דאַנקבאַר פאַר דאָס וואָס זי פיהלט צו מיין זוהן. איך קען מיט איהר רעדען איבער זיינע פּלענער, און זי הערט זיך צו צו זיי מיט אזא לעבהאַפטער פערשטענדניס. אלעס פון איהם איז אין איהרע אויגען שעהן און ערהאַבען. מעגליך, אז ווען ער וואָלט פערטרעטען פונקט דעם געגענזאַץ פון דעם, אין וואָס ער גלויבט איצט, וואָלט זי עס פונקט אַזוי בעוואונדערט. איך ווייס עס ניט. אָבער עס איז פאַר מיר א פערגניגען צו וויסען, דאָס עס שלאָגט אַזוי ווארים א האַרץ פאַר מיין איינזאמען רודאָלף. ווער ווייס! אפשר, ווען די היימלאָזיגקייט, די איינזאַמקייט וועט איהם גוט צודריקען, אפשר דאַן — לאַכט פון מיר ניט, קאָלנאָס, וואָס איך ווייז זיך ארויס אלס א שדכנטע. מען קען ניט אַזוי גליקליך זיין אין דער הייראַט ,ווי איך בין עס געווען, און ניט פאַרשפּירען א מאָל א וואונש — נאַ, גענונ. דער בריעף איז געוואָרען צו לאַנג. אויף וויעדערזעהן. איך קוק שוין אוים אויף אייער בעזוך.

פיער און דרייסיגסטער קאַפּיטעל.

רודאָלף איז ווידער צו זיך געקומען פון די אויפטרייסלענ־דע פּאַסירונגען, סיי די, וועלכע האָבען מיט איהם אַליין פּאַ־סירט אויף יענער אַנטיסעמיטען־פערזאַמלונג, און סיי די, וועל־כע האָבען פּאַסירט מיט זיין שוועסטער. איצט איז שוין סיל־וויא געווען אויף'ן וועג פון אַ פאַלשטענדיגען גענעזען־ווערען, און וואָס אַנבעטרעפט די ערינערונגען פון יענעם אָוועגד אין דער פאַרשטאָדט־פערזאַמלונג, זיינען זיי פערדונקעלט געוואָרען דורך נייע ערהויבענדע איינדריקע אויף דעם סאָציאַלען פעלד. רודאָלף האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז ער לעבט אין אַ קאַמפף־צייט, אין אַן איבערגאַנגס־צייט, ווען צוויי וועלט־אַנשויאונגען, ניין, צוויי וועלט־אָרדנונגען, קעמפּפען איינע מיט דער אַנדע־רער, און ער האָט פערשטאַנען, אַז דער, וואָס קעמפּפט פאַר די נייע אָרדנונג, טאָר ניט ווערען מוטהלאָז, ווען אין מאַנכע פלעצער און צו פאַרשיעדענע צייטען זיעגט נאָך אימער די אַלטע, די צוריקגעשטאַנענע אָרדנונג. מעהר פון אַלץ טאָר עס ניט פאַרדונקלען זיינע אויגען פון צו זעהן די סמנים, די אָנזאָ־גער פון זיעג אין זיין אייגענעם לאַגער. עס ווענדעט זיך נור אָן דעם, וואוהין איינעמס בליקען זיינען געציעלעוועט. און אין דער לעצטער צייט האָט רודאָלף געזוכט און געפונען די געלע־גענהייט צו בעאָבאַכטען די ליכטיגע פאַזען פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונג, און האָט זיך פאַרנומען מיט די זאַכען און פער־זאָנען, וועלכע האָבען געטהאָן די פאָרבערייטענדע ארבייט פאַר דאָס אריינטרעטען אין די נייע עפּאָכע.

נאַטירליך איז רודאָלף ניט געוועזן בלינד צו דעם, וואָס האָט געהערשט אויף דער אַנדערער זייט: צו דעם עלענד אין די אונטערשטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, און צו דער אונ־ווִיסענהייט און אויסגעלאַסענהייט, וואָס האָט געהערשט אין

אלע שיכטען; ער האָט אויך גאַנץ גוט געזעהען די אויפגע־העצטע פערפאָלגונגס-ליידענשאַפטען פון די נאַציאָנען און ראַ־סען, דאָס גרויסהאַלטען פון דער געוואַלט-פּרינציפּ אין די רע־גיערונגס-קרייזען — דאָס אַלעס האָט ער זעהר גוט געזעהען, אָבער דאָך האָט ער געפיהלט איבער דעם אַלעס דעם אָטהעם פון דעם נייעם גייסט, פון דעם גייסט, וואָס האָט געהאַט אַלס זיין מיסיאָן בייצוקומען דאָס אַלעס. ער האָט בעגריפען, אַז די אַלע שלעכטע זאַכען ווערען שוין מעהר ניט בעטראַכט, אַלס אַן אונפערמיידליכעס בייז, מיט וואָס איינער מוז שלום מאַכען, נור אַלס פּראָבלעמען, וועלכע מוזען אַזוי אָדער אַנדערש גע־לייזט און פאַרענטפערט ווערען, און דאָס איבעראַל זיינען דאָ כחות, וועלכע באַשעפטיגען זיך מיט דעם זוכען פון צו לייזען זיי. די כחות זיינען פוןביידע מינים: בעוואוסטע און אונ־בעוואוסטע.

דער אַלטער יאָמער איז נאָך אַלץ ניט אָבגעשאַפט, אָבער די קולטור-מענשהייט האָט איהם, ווי מען זאָגט עס, געגעבען נאָטים, איהם אָנגעזאָגט, אַז זיין טערמין פון געוועלטיגונג געהט צו-ענד.

וואָס עס האָט רודאָלף'ען געבראַכט מעהר אין אַ געהוי־בענע און האָפנונגספולע שטימונג, איז געוועזן דער פּערזענלי־כער פאַרקעהר מיט זיינע געזינונגס-גענאָסען. אין דעם האָט ער געפונען דעם פּאָזיטיווען טרייסט, דאָס אַ גאַנצע רייהע פון גייסטער שטרעבט צו דעמזעלבען ציעל, וואָס ער. שוין פון לאַנג פריהער איז ער געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ מיט די פיהרער פון פערשיעדענע פאָרטגעשריטענע אידעען. איצט האָט ער געמאַכט מיט זיי זיין פּערזענליכע בעקאַנטשאַפט, און אין אַ לעבעדיגען אויסטויש פון געפיהלען און געדאַנקען איז זיין איינענע איבערציינונג און זיכערהייט פיעל שטאַרקער געוואָ־רען. ער איז געפאָהרען נאָך בערלין, אום פּערזענליך בעקאַנט צו ווערען מיט מאָריץ פאָן עגידי. ער איז ניט נור געוועזן אַלס צוהערער ביי זיינע פאָרטרעגע, וועלכע טויזענדע האָבען גע־הערט און אַפּלאָדירט, נור ער איז מיט איהם אַליין געוואָרען זעהר אינטים בעפריינדעט. דאַן איז ער אוועק קיין ענגלאַנד.

דאָס איז ניט נור געווען א רייזע, אום צו בעזוכען הערבערט ספּענסער, וועמעס ווערק האָבען געבילדעט דעם פונדאמענט פון זיין אייגענעם געדאנקען־גאנג. נור הויפּטזעכליך האָט ער גע־וואָלט בעזוכען ענגלאנד, דאָס פרייעסטע לאנד פון אייראָפּא, אויף וועמען די קראנקהייט פון מיליטאריזם האָט גאָר קיין שליטה ניט געהאַט, און וועלכעס האָט איהם אויסגעזעהען צו זיין די אמת׳ע פעסטונג פון דעם פריעדענס־געדאנק, און וועל־כעס, נאָך די פעראייניגטע שטאאטען פון נאָרד אמעריקא, איז ווירקליך די וויעגעלע פון דעם פריעדענס־געדאנק. און באָטש אויך דאָרט, ווי אומעדום, איז דאָ א זשינגאָ־פּארטיי, און די גרויסע מאסען זייגען נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק פון א געזיכערטען וועלט־פריעדען, דאָך האָט ענגלאנד דאָן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם פאקט, וואָס האָט דאָן נאָך אין ערגעץ ניט עקזיסטירט, דאָס די רעגיערונג, אין דער פּערזאָן פון איהר פּיערמאָל בעשטימטען און ווירקענדען פריים־מיניסטער, האָט פארטראָטען דעם פּרינציפּ פון ארביטריישאָן צווישען די פעלקער. נאַטירליך האָט רודאָלף דאָן ניט געקאָנט פאראויס־זעהען, דאָס גראדע אין דעם לאנד וועלען אייניגע יאָהר שפּעטער אויפפלאקערען די שטארקסטע קריעגס־ליידענשאפטען, און וועלכע וועלען זיך אין גאנצען האָבען אָבגעטרייסעלט פון גלאַד־סטאָן׳ס פּרינציפּען.

רודאָלף האָט אָבגעשטאַט זיין בעזוך אויך צו גלאדסטאָן, צו דעם „גרענד אָלד מען“. דאָרט האָט ער אויך זיך בעקענט מיט גלאדסטאָן׳ס פריינד, מיט דעם מ. פּ. פיליפּ סטענהאָפּ, דעם אינגערען ברודער פון לאָרד טשעסטערפיעלד, אויך א פריע־דענס־קעמפּפער און א מיטגליעד פון דער אינטערפּארלאמענ־טארישער יוניאָן. מען האָט גערעדט פון דער נעכסטער קאָנ־פערענץ פון דער יוניאָן, וועלכע אין יענעם יאָהר, אין 1894, האָט געזאָלט פארקומען אין דער קאממער פון די האָלענדישע גענעראל שטאאטען.

— איך האָב מיין פריינד סטענהאָפּ געגעבען א מיסיאָן פאר דיעזע קאָנפערענץ — האָט גלאדסטאָן געזאָגט. — שוין פאַ־ריגען יאָהר — האָט ער צוגעגעבען — האָב איך עס אויסגע־

דריקט אין פּאַרלאַמענט, צו דער געלעגענהייט פון דעם פּאַר־שלאַג פון קרעמער און סער דזשאָהן לאַבבאָק, אַבצושליסען אַ שטענדיגע ארביטריישאָן-אַבמאַך מיט די פעראייניגטע שטאַאַטען. איך האָב דעם פאָרשלאַג אונטערשטיצט, האָב אָבער נאָך צוגעגעבען, דאָס ווי וויכטיג עס זיינען די ערקלעהרונגען ווע־גען ארביטריישאָן און געגען אַ צו־שטאַרקע בעוואָפנונג, איז אָבער דאָ נאָך אַן אַנדער מיטעל, וועלכען איך האַלט פאַר בע־זונדערס אַ זעהר שטאַרקען, און דאָס איז, אויפצובויען אַ טרי־בונאַל, אַ צענטראַל-טריבונאַל פון אייראָפּאַ, אַ הויך־געריכט פון אַלע אייראָפּעאישע מאַכטען. מיין פריינד סטענהאָפּ וועט די אידעע מיינע מעהר ענטוויקלען פאַר דער בעפאָרשטעהענדער קאָנפערענץ.

און אין דעם פאָלגענדען סעפּטעמבער איז רודאָלף געווען אין האַאַג ביי דער קאָנפערענץ. ניט אַלס טהיילנעהמער, נור אַלס צוהערער.

צום פּונקט 3 פון דער טאַגעסאָרדנונג: „פאָרבערייטונג פון אַן אָרגאַניזאַציאָנס-פּלאַן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען אַר־ביטריישאָן געריכט" האָט דער רעדנער געבראַכט אין זיין רעדע גלאַדסטאָן'ס ווערטער: „הויך־געריכט פון די אייראָפּעאישע מעכטע", און האָט אונטער אַנדערעס פאָלגענדעס ערקלעהרט:

אונזער אויפגאַבע איצט איז פאָרצוברענגען אָט די פאָדערונג פאַר די רעגיערונגען. אַלעס, וואָס איז דאָ ביז איצט פון דעם זאָגענאַנטען אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, איז אָהן אַן אייגענטליכען פונדאַמענט, אויפגעבויט אויף צופעלע און אויף ענטשיידונגען פון הערשער. דערפאַר איז דאָס אינטער־נאַציאָנאַלע רעכט יענע וויסענשאַפט, וועלכע האָט געמאַכט די קלענסטע פאָרטשריטע, ווייניגער ווי אַלע אַנדערע וויסענ־שאַפטען. פאַר די ציוויליזירטע פעלקער ליעגען פאָר צוויי גרויסע נויטווענדיגקייטען: אַן אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל, און אינטערנאַציאָנאַלע געזעצע, וועלכע זאָלען אויסדריקען דעם מאָדערנעם גייסט און וועלכע זאָלען זיין עלאַסטיש גענוג זיך צוצופּאַסען צו די נייע פאָרטשריטע. דערמיט וואָלט דער־גרייכט געוואָרען דער טריאומף פון דער קולטור, און עס

וואָלט געמאַכט געוואָרען אַ סוף צו דעם מיטעל פון מאַסענ־מאָרד. ווי די לאַגע איז איצט ווערען יעדען פאַרלאַמענט געפאָדערט מיליטער־קרעדיטען, און פון דער פרעסע ווערען מיר געהעצט און געצוואונגען זיי צו באַוויליגען. גאַנץ אַנדערש וואָלט עס אָבער געווען, ווען מיר וואָלטען געקענט ענטפערען: די געפאַהרען, געגען וועלכע די פערלאַנגטע פאַרמעהרטע בע־וואַפנונג דאַרף עס אונז שיצען, וואָלט דאָך פאַר אונז דער פערלאַנגטער טריבונאַל במילא בעזייטיגט. דערפאַר זאָל דאָ אויסגעאַרבייט ווערען אַ פּלאַן, וועלכען מיר זאָלען קענען פאָר־לעגען פאַר די רעגיערונגען.

מיט גרויס פאַרגעניגען האָט רודאָלף זיך צוגעהערט צו דער רעדע. אַלזאָ, די בעוועגונג איז שוין אַרויס פון דער טהעאָרעטישער וועלט אין די פּראַקטישע. מיט שפּאַנונג האָט ער זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיאָן, וואָס האָט געפאָלגט נאָך סטענהאָפ'ס פאָרשלאַג.

איין אָפּאָנענט האָט ערקלעהרט, אַז פריהער פון אַלץ איז נויטיג צו באַשליסען נור אַזעלכעס, וואָס זאָל מעגליך זיין, אַז מען זאָל עס אָננעהמען אין די פאַרשיעדענע פאַרלאַמענטען. און ער איז זיכער, דאָס הערר פאָן קאַפּריווי וועט קיינמאָל ניט נור ניט אָננעהמען נור אויך גאָרנישט נעהמען אין אַנבעטראַכט דעם פאָרשלאַג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלען טריבונאַל; אויך מוז מען זעהען אויסמיידען ניט אַרויפציהען אויף זיך דעם פלוך פון לעכערליכקייט. די געגנער זיינען נאָך גאָר צו שטאַרק גע־נייגט צו פאַרשפּאָטען אַלע קאָנפערענץ־בעזוכער אַלס טרוימער.

— אָך, — האָט רודאָלף געזאָגט אין דער שטיל צו זיין שכן — דאָס נעהמען אין אַנבעטראַכט די אָפּשפּעטונג פון די נאַרען וועט אימער־צו שטערען דעם וויטערען פאָרטשרייטען פון די קלוגע.

דער אָפּאָנענט קריגט אָבער פון אַנדערע זעהר אַ גוטען ענטפער. הוגאָ דע־לאַהיע רעדט פאַר דעם פאָרשלאַג, און זאָגט, דאָס אין אַנבעטראַכט פון אַזעלכע גרויסע געדאַנקען, ווי די, וועלכע זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט געוואָרען, און אין אַנבעטראַכט, וואָס די זאַך ווערט פערטראָטען פון אַזעלכע מענער, ווי גלאַד־

סטאָן און סטענהאָפּ, קען מען איבערהויפּט ניט ארויסרעדען דאָס וואָרט „לעבערליך". און מיט גרויסען בייפאַל איז אויפגענומען געוואָרען די דאָזיגע בעמערקונג. און א צווייטער איז ארוים מיט דער ערקלעהרונג, דאָס איז דער עהרווירדיגער פּרעדריק פּאססי — „איך וויל פּראָטעסטירען, האָט ער געזאָגט — געגען אַן אַנדער וואָרט, וואָס איז דאָ פריהער אָנגעווענדעט געוואָרען. איך מיין עס דאָס וואָרט „קיינמאָל. עס איז נאָך קיין גרויסער פּאָרטשריט ניט געווען, וועגען וועלכען מען האָט אין אָנפאַנג ניט געזאָגט, אַז דאָס קען ק י י נ מ אָ ל ניט געשעהען, ווי למשל, אַז פּארלאַמענטאַריער פון אַלע לענדער זאָלען זיך צוזאַמענקומען אום צו פערהאַנדלען איבער וועלט־פריעדען, און דאָס זיי זאָלען עס אויספיהרען אין דעם זיצונגס־זאַל פון דער ערשטער קאַמער פון א מאָנארכישען שטאַאט... וויפיעל וואָלטען אויף די פראַגע, ווען מען וואָלט זיי געשטעלט אַזעלכע, געענטפערט: קיינמאָל ניט!"

דעם פערלויף פון אַלע פערהאַנדלונגען האָט רודאָלף סטענאָגראַפירט און אָבגעשיקט צו זיין מוטער. צו דעם האָט ער איהר ווי פאָלגט געשריעבען:

„דאָ האָסטו עטוואָס פאר דיין פּראָטאָקאָל". ווען טיללינג וואָלט דאָס דערלעבט! דער פּלאַן וועט אויסגעארבייט און צושיקט ווערען צו אַלע רעגיערונגען. ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז ווערט דאָס וואָרט דאָך אומגעוואַנדעלט אין פלייש, אין א פאַקט. דאָסמאָל שטאַמט עס דאָך פון מענשען, וועלכע זיינען אַליין רעגיערונגס־פיהרער. דאָס איז א בעוויז, אַז דער ווילען ערוואַכט שוין אויך אין אַזעלכע רעגיאָנען, וואו מען ק ע ן, בעת ביז איצט האָט ער געפיהרט זיין אָבגעלאַכטען לעבען נור דאָרט, וואו מען האָט געוואונשען. אמת, אַז גראַדע איצט שטורעמט אין דעם ווייטען איסט א גרויזאַמע מלחמה (האָסטו געלעזען די שרעקליכע נייעס, פון וועלכע די האָר שטעלט זיך קאַפּויר, פון פּאָרט ארטור?) וועט אייראָפּא צורופען א האַלט צו דיעזער מענשען־שחיטה?... אָבער צוריק־רעדענדיג, איז עס ניט געווען אייראָפּא, וועלכע האָט געלערענט די כינעזער און די יאַפּאַנעזער די קריעגס־קונסט, און וועלכע האָט זיי בעזאָרגט

מיט די מאָדערנסטע וואפען? די אַלטע סיסטעם ברענגט אי־בעראַל נאָך איהר פרוכט, אָבער דאָס נייע שפּאַרט זיך דורך אָהן אָבהאַלט — די מאַסען זעהען עס נאָך ניט, אָבער די, וועלכע פאַרשטעהען און זעהען, די זעהען עס מיט פולער קלאָר־הייט".

די געפּלאַנטע פאָרטראַגס-רייזע, וועלכע איז צושטערט גע־וואָרען דורך דעם אונגליק פון זיין שוועסטער, סילוויא, האָט רודאָלף שפּעטער דאָך אויסגעפיהרט. צו ער האָט דורך זיי געקראָגען פיעלע נייע אנהענגער פון דער פריעדענס-אידעע, אין דעם האָט ער געצווייפעלט. אָבער דאָס האָט ער געוואוסט בעשטימט, אַז דורך די פאָרטרעגע איז ער אַליין בעפעסטיגט געוואָרען אין זיינע אַנזיכטען, און זיין געדאַנקען-האָריזאָנט איז פיעל ברייטער געוואָרען.

צוזאַמען מיט דעם לעבעדיגען אינטערעס, וואָס ער האָט געפונען אין דעם פּערזענליכען פאַרקעהר מיט די לייטענדע גייסטער צווישען די צייט-גענאָסען, האָט ער זיך אויך פאַר־טיעפט אין זייערע שריפטען און האָט נאָכגעפאָלגט אַלעס פון די נייסטע וויסענשאַפטליכע און דיכטערישע ערשיינונגען, וואָס האָבען בעוועגט די וועלט. און דאָך, ביי זיין גאַנצען אינטע־רעס אין דעם גאַנג פון דער וועלט, ביי דעם גאַנצען חשק, מיט וועלכען ער אַליין האָט געזוכט צו-צוטראָגען אויך זיין חלק צו דער אַלגעמיינער קולטור-אַרבייט, פלעגט איהם דאָך פון צייט צו צייט ארומכאַפּען אַ געפיהל פון איינזאַמקייט און לעבענס־פּוסטקייט. דאָס זיינען געווען געפיהלען, וועלכע פלעגען צו־ערשט פאָרקומען גאַנץ זעלטען, דאַן אָבער פלעגען זיי קומען אַלץ אָפטער און אַלץ לענגער איהם פּלאָגען. דאָס איז געווען, ווען עס פלעגט בעפאַלען איהם אַ שטיקענדע, אַ שווערמוטיגע שטימונג, עטוואָס, וואָס האָט קיין אויסזיכט, קיין האָפנונג — גאַנץ און גאָר היימלאָזעס, עלענדעס. די פאָדערונג אויף פער־זענליכען גליק, וואָס ערוואַכט אין יעדען לעבעדיגען וועזען, האָט זיך געלאָזט פיהלען ביי איהם דורך אַן אונבעשטימטען פערלאַנג דורך אַ פייניגענדען פּאַרוואַרפען זיך זעלבסט. עס איז געווען פונקט, ווי עס וואָלט אין איהם געווען אַ צוויי־

מער „איך", וואָס האָט געשריען מיט אַ ביטערען פאָרוואורף צו דעם ערשטען „איך": ווי גיסטו דאָס אַלעס אַוועק פאַר די אונדאַנקבאַרע מיט-וועלט, ווי זאָרגסטו דאָס פאַר די דורות, וועלכע זיינען נאָך ניט געבוירען געוואָרען, און ווי שטאַרק דו פאַרגעסט דערביי אָן מיר און מיינע רעכטע... בין איך דען גאָר־קיינער־ניט?

אַם בעסטען פלעגט רודאָלף פטור ווערען פון זיין אינער־ליכען אויפרייצער, ווען ער פלעגט זיין אין דער געזעלשאַפט פון מיט־קעמפפער. און דערפאַר האָט ער גערן אָנגענומען די איינלאַדונג אַנטהייל צו נעהמען אין דער אינטערפּאַלאַמענטאַ־רישער קאָנפערענץ, וועלכע האָט שטאַטגעפונען אין 1895 אין בריססעל, און וואו עס האָט בעדאַרפט פאָרגעלעגט ווערען דער פּלאַן, וועגען וועלכען מען האָט גערעדט אויף דער פריהע־ריגער קאָנפערענץ.

צום ערשטען מאָל איז געווען פאַרטראָטען אין דיזער קערפּערשאַפט אונגאַרן, און דוקא אויף דעם גלענצענסטען אופן, דורך איהר בעריהמטעסטען שריפטשטעלער מאורוס יאָקאַי און דורך איהר גרעסטען פּאָליטישען אָראַטאָר גראַף אַלבערט אַפּאָני.

דער פּלאַן פאַר די עטאַבלירונג פון אַ שטענדיגען אינטער־נאַציאָנאַלען אַרביטריישאָן־געריכט, אויסגעאַרבייט פון דעם בעלגישען סענאַטאָר שעוואַליער דעקאַמפּ איז אָנגענומען גע־וואָרען פון קאָנפערענץ און עס איז בעשלאָסען געוואָרען איהם פאַרנאַנדערצושיקען צו אַלע רעגיערונגען.

און ווען רודאָלף האָט זיך געקליבען וועגען דעם אַלעם, וואָס האָט איהם אויסגעזעהען אַזוי וויכטיג און אַזוי פול מיט די העכסטע מעגליכקייטען, צו שרייבען צו זיין מוטער, האָט ער געקראָגען אַ טעלעגראַמע פון גרומיץ:

„קום גלייך, מוטער זעהר קראַנק. סילוויא".

מיט דעם נעכסטען צוג איז רודאָלף געפאָהרען אַהיים.

די טעלעגראַמע האָט איהם דערלאַנגט אַ שמערצליכען קלאַפּ. ער האָט געגלויבט, אַז די ווערטער „זעהר קראַנק" פאַרבאַהאַל־טען הינטער זיך עטוואָס פיעל ערגערעס, וואָס איז נור גע־

שריעבען געוואָרען, אום איהם צו פאַרשאַנעווען און איהם צו פאַרבעריימען אויף דאָס ערגסטע.

ווי שטאַרק ער איז געווען צוגעבונדען צו זיין מוטער, דאָס האָט ער ערשט איצט דערפיהלט, ווען ער האָט געגלויבט, אז זי איז פאַר איהם פאַרלאָרען. איינזאַם האָט ער זיך געפיהלט אין דער לעצטער צייט... איצט האָט ער בעגריפען, אז די ריכטיגע איינזאַמקייט וועט ערשט איצט קומען, ווען זיין פערטרויטע, ווען די, וועלכע האָט איהם געמאַכט צו דעם, וואָס ער איז, וועט פון איהם אוועקגעריסען ווערען.

ווען ער וואָלט זי כאָטש געפינען ביין לעבען! ווען ער זאָל איהר נור נאָך איינמאָל קענען זאָגען, ווי טהייער זי איז איהם, און שווערען איהר ווייטער צו ארבייטען פאַר דער אויפגאַבע, וואָס טיללינג האָט איהר און איהם איבערגעלאָזען.

עס איז געווען אַ טרויעריגע רייזע. מאַנכעס מאָל האָט ער זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, דאָס זי קען נאָך ווידער געזונד ווערען, און נאָך לאַנג לעבען. דאַן האָט ער געזעהען זי ליעגען אין טרונע, אראָבגעלאָזען אין קבר...

ווען ער איז אָנגעקומען אויף די לעצטע סטאַנציע, פון וועלכער עס איז נאָך געווען אַ האַלבע שטונדע רייזע מיט'ן וואָגען, האָט זיין שרעק דערגרייכט דעם העכסטען גראַד, ווייל דאָ האָט ער זיך שוין געמוזט דערוויסען, צו זיין מוטער לעבט, צי ניט.

ער איז ארויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן, און אַ דינער פון גרומיץ האָט שוין געוואַרט אויף איהם.

— ווי געהט עס? — האָט ער געפרעגט פול אַנגסט.

— בעסער, גרעפליכע גנאַדען, בעסער... אייערנעכטען איז עס דער גרעפין געגאַנגען זעהר שלעכט, אָבער איצט, זאָגט דער דאָקטאָר, איז עס פיעל בעסער — ביטטע, די קאָטש איז דאָ.

מיט אַן ערלייכטערטע האַרץ און פול מיט נייע האָפנונגען איז רודאָלף אריינגעשפרונגען אין דעם קליינעם וועגעלע און האָט אַליין גענומען די לייצעס אין האַנד.

עס איז געווען אַ פרעהליכער זומער־טאָג, וואַרם, זוניג

און שמעקעדיג. דער וועג האָט געפיהרט פאַרביי אַ גרויסע פעלד, דורך אַ וואַלד, פּול מיט הויכע אַלטע בוימער, און הינטער דעם וואַלד האָט זיך געזעהען דער שלאָס, צו וועלכען עס האָט געפיהרט אַ לאַנגע קאַשטאַן-אַלעע.

אין דער אַלעע זיינען געקומען אַנטקעגען צוויי פרויען־געשטאַלטען. רודאָלף האָט איינגעהאַלטען אַ ווײַלע, האָט צוגעוואָרפען די לייצעס צום דינער, און איז אַרויסגעשפּרונגען: שוין פון דערווייטענס האָט ער דערקענט די ביידע:

סילוויא און קאַיעטאַנע.

ער האָט ניט געוואוסט, דאָס קאַיעטאַנע ראַנעג איז צוגאַסט ביי זיין מוטער, און דאָס איז פאַר איהם געווען אַן אַנגענעהמע איבערראַשונג.

סילוויא איז געפאַלען איהר ברודער אויפ׳ן האַלז.

— גאָט זיי דאַנק, רודי — עס געהט איהר פיעל, פיעל בעסער. אָבער מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָבען מיר אַלע געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער סוף... ניט אמת, קאַיעטאַנע?

דאָס יונגע מיידעל האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און האָט דערלאַנגט פון איהר זייט רודאָלף׳ן איהר האַנד. דאָס איז געווען אַ קיהלע און ציטערענדע האַנד.

—יאַ, — האָט זי געזאָגט — דאָס איז געווען אַ שרעקליכע שטונדע.

זיי זיינען איצט געגאַנגען אייַלענדיג צום שלאָס. דערביי האָט רודאָלף זיך דערוואוסט וועגען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען. עס איז געווען אַ האַרץ קראַמפּ, שוין דער דריטער אָדער דער פיערטער מאָל זייט אַ פּאָר מאָנאַטען. אָבער, ווערענד די פריהעריגע זיינען געווען גאַנץ לייכטע, האָט דער לעצטער אָנגענומען די פאָרמע פון אַ דערשטיקונגס-אַנפאַל.

— אָבער וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— דאָס איז אַזאַ האַרץ-פעהלער, ווען מען זאָל נור גוט אויפפּאַסען, קען מען אַלט ווערען אַכציג יאָהר. דאָס האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, וועמען מיר האָבען פון וויען אַרויסגערופען. דער היגער דאָקטאָר, וועלכער האָט געזעהען דעם

אַנפאַל, איז געווען זעהר צושראָקען, און אויף זיין עצה האָב איך עס צו דיר טעלעגראַפירט.

סילוויא האָט זיך אָנגעהאַנגען, ווען זי האָט איהם אַלעס דערצעהלט, אויף רודאָלף'ס אָרעם. ערשט איצט האָט ער בעמערקט, ווי קראַנק זי זעהט אויס, ווי אָבגעמאָגערט, און וואָס פאַר אַ ריהרענדער שמערץ עס ליעגט אין איהר, כאָטש נאָך אַלץ זעהר שעהנעם, פּנים.

— ביזטו אויך קראַנק, סילוויא? — האָט ער געפרעגט פול אינטערעס.

— ניין, נור אונגליקליך.

— קענסטו זיך ניט טרייסטען?

— קיינמאָל ניט.

רודאָלף האָט געשוויגען. ער האָט ניט געוואָלט פאַר־ברענגען דעם אויסגעדראָשענעם טרייסט, דאָס די צייט פאַר־היילט אַזעלכע וואונדען. ווער עס פיהלט אַזאַ גרויסען, אַזאַ טהייערען וועהטאָג, דער פיהלט אַזעלכע טרייסט־פערזוכען, אַלס אַ בעליידיגונג. דאָס האָט ער געוואוסט, און דאָס עס איז גיטאָ קיין אַנדער וועג ווירקליך, ווי איבערצולאָזען צו דער צייט צו טהאָן דאָס איהרע, צו דער גרויסער צושטערערין, וועל־כע פערלעשט אַלעס, צום גליק, אויך דאָס אונגליקליך־זיין.

— ווייסטו — האָט סילוויא געזאָגט אַ ווײַלע שפּעטער — ווער עס פאַרשטעהט אָם בעסטען — איך וויל ניט זאָגען צו טרייסטען מיך, נור צו טהיילען מיט מיר מיין לייד, און זאָגאָר מיך מאַכען אויף איין אויגענבליק צו פאַרגעסען? די דאָ, אונ־זער ליעבע קאַיע —

זיי זיינען אָנגעקומען צום שלאָס.

— קום! — איצט נעהם איך דיר צו אונזער מוטער. זי וואַרט אויף דיך.

פינף און דרייסיגסטער קאפיטעל.

מארטא טיללינג האט געלאזט איבערשטעלען איהר בעט צו דער אפענער באלקאן־טיר, און דא איז זי געלעגען מיט א קישען אונטער'ן קאפ און מיט א דעקע איבערגעדעקט איבער'ן שוים. פון איהר לעצטען קראנקהייטס־אנפאל איז איהר איבערגעבליבען א גרויסע מיעדיגקייט, און כאטש די זון האט אזוי געווארעמט, האט זי געפיהלט גאנץ קאלטלאך.

רודאלף איז אריינגעלאפען און איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר.

ער האט זיך געשטעלט לעבען איהר אויף די קניע און צוגעדריקט זיין קאפ צו איהר ברוסט.

— מיין רודאלף... ווי דאס פרעהט מיך, וואס דו ביזט דא, און דאס איך בין... נאך ניט אוועק.

— דו וועסט באלד ווידער געזונד זיין, מוטער.

— מעגליך... לאמיר עס האפען, כאטש... ניין, עס וואלט געווען שרעקליך, ווען איך וואלט אזוי פלוצלונג, ניט קענענדיג דיך זעהען צום לעצטען מאל, געמוזט געהען... דאס איז פאר מיר געווען דאס שמערצליכסטע ביי דעם אנפאל, ווען איך האב געגלויבט, אז אלעס איז שוין פארביי, און דו ביזט אזוי וויים...

— איצט בלייב איך ביי דיר, ביז דו ווערסט פאלקאם געזונד —

— אדער ביז איך וועל — ניין, לאמיר איצט גארניט דענקען וועגען דעם... איך בין אזוי צופריעדען, וואס דו ביזט געקומען. מיר וועלען דאך האבען אזוי פיעל זיך צו דערצעהלען.

ווען רודאלף האט אין עטליכע שטונדען שפעטער איבערגעטהאן זיך אין זיין צימער, און איז אריין אין עס־צימער צום

אָוועגד־מאָהלצייט, האָט ער אויסער סילוויא און קאיעטאַנע געטראָפען דאָרט גראף קאַלנאָס, וועלכער איז שוין זייט איי־ניגע וואָכען געווען מארטאַ'ס גאַסט אין גרומיץ. דער יונגער־מאַן האָט זיך באמת דערפרעהט צו טרעפען דאָ זיין עלטערען פריינד. אויך האָט ער געוואוסט, ווי שטארק זיין מוטער שעצט קאַלנאָס'ען, און דאָס עס וועט איהר זיין בעזאָנדערס ליעב צו געניסען די געזעלשאפט פון איהר אלטען פריינד אין דער צייט פון איהר געזונד ווערען. ער איז געווען פעסט איבער־צייגט, אז דאָס וועט באלד געשעהען. די מורא איהר ניט מעהר צו געפינען ביים לעבע: איז געווען אזוי גרויס און אזוי שמערצ־ליך, דאָס די פרייד וואָס האָט נאָכגעפאָלגט, געפינענדיג איהר לעבעדיג, איז געווען דערפאר דאָס שטארקער און האָט ניט דערלאָזען צו קיין נייעם שרעק. די נאָהענטקייט פון דעם שעהנעם מיידעל — פון דער אנאָנימען בריעף־שרייבערין, וואָס דאָס האָט ער שוין פון לאנג געוואוסט, האָט נאָך געהאָלפען מעהר צו זיין גוטער שטימונג, און ווירקליך, אין א געפיהל פון אמת'ען פארגניגען האָט ער פארנומען זיין פלאַץ ביי דעם קליינעם טיש. פארגעסען און פאריאָגט זענען געוואָרען אלע קאמפף־זאָרגען, נור אַן אייגענטהימליכער געפיהל פון צופריע־דענהייט.

דיעזער גרומיצער עס־צימער — וואָס פאר א קינדהייטס־ערינערונגען דאָס האָט ארויסגערופען אין איהם. עס איז דאָרט אלעם אזוי געבליבען, ווי מיט 30 יאָהר צוריק. די־זעלבע בילדער פון פרוכט און חיות, דיזעלבע זיל־בער־בעפוצטע כלים — דאַן די אונהיימליכע פויגלען מיט די אראָבהענגענדע פליגלען און מיט די אָפענע שנאָבלען אזוי ווי גרייט עפעס איינצושלינגען, די האָבען אימער געמאכט אויף איהם א גאנץ בעזונדערען איינדרוק; און פונקט ווי איינעם צוקט עס דורך א שוואכער דערמאָנען־זיך אַן א גע־וויסען ריח, אַן א געוויסען געשמאַק, אזוי האָט עס איהם דורכ־געצוקט, זעהענדיג די אלטע, אמת־ליעבע בילדער. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט אריינגעפיהרט ווערען, אלס קליין־אינגעלע, צום דעסערט, און ווי דער אלטער גרויס־פאפא אלט־

הויז פלעגט איהם נעהמען אויפ'ן שויס און געבען איהם א פרוכט אדער א צוקערעל, ער האט נאך געזעהען די ווייסע באָרד און דעם לויזען צונויפגעקנעפּעלטען בלויען גענעראל-ראָק.

די אלע פערגאנגענהייטס-ערינערונגען האָבען נאך פאר־שטאַרקט זיין געמיטהליכע שטימונג, און אין א פרעהליכען טאָן האט ער אָנגעהויבען צו פּלוידערען מיט די אַנוועזענדע. אָבער ער האט ניט געפונען קיין ווידערקלאַנג. אויף זייערע געזיכטער איז געלעגען א טונקעלער שאָטען. זיי האָבען איהם געגעבען קורצע ענטפערס און מיט א פארשטיקטען קול. אויף סילוויא האָט ער זיך ניט געוואונדערט, ווייל איהר אונגליק איז דאך אזוי גרויס, אָבער וואָרום זיינען קאָלנאָס און קאיעטאַנע אזוי טרויעריג געשטימט? איז עס מעגליך, אז די געפאהר איז נאך ניט פאָראיבער? האָבען זיי געוואוסט פון א האָפ־נונגסלאָזען אורטהייל פון דעם דאָקטאָר?

— וואָרום זענט איהר אזוי טרויעריג? — האט ער גע־פרעגט — דער צושטאנד פון אונזער קראנקער איז דאָך ניט אזעלכער, אז מען זאָל נאָך מוזען מורא האָבען...

קאָלנאָס האט אויפגעזיפצט און געזאָגט:

— קיין באַלדיגע געפאהר, ווי עס זעהט אויס, איז ניטאָ, אָבער —

— וואָס אָבער?

— עס איז געווען א שרעקליכער מאָמענט אייערנעכטען, און דער קען ווידער קומען.

איצט איז רודאָלף'ס פרעהליכע שטימונג פערשוואונדען. ער איז אויפסניי געוואָהר געוואָרען, דאָס דער מלאך־המות איז שוין געווען זעהר נאָהענט אין די הויז. האָט ער דאך מיט איניגע שטונדען צוריק אליין מורא געהאט צו געפינען איהם דאָ.

און מיט דער ענדערונג פון זיין שטימונג האָט ער זיך דערמאָנט איצט שוין אָן אנדערע בילדער פון זיין קינדהייט אין גרומיץ... גאָרניט מעהר פון שפּיעלען און פעסטען, נור פון יענער כאָלערא-וואָך, אין 1866, וואָס האָט איבערגעלאָזען אין זיין זכרון אזעלכע שרעקענס.

אין דער איבעריגער צייט פון עסען האָבען שוין כמעט אַלע געשוויגען. גלייך נאָך דעם עסען איז סילוויא אוועק, אום צו זעהען וואָס די מוטער מאַכט.

— ברענג אונז נאַכריכט — האָט איהר רודאָלף געזאָגט, און פרעג איהר, אויב זי וויל, אז נאָך היינט זאָל אימיצער פון אונז קומען און פאַרברענגען ביי איהר.

אין אַ ווײַלע שפּעטער איז אריין דאָס קאַמער־מעדכען און האָט געזאָגט:

— פרוי גרעפין סילוויא לאָזט וויסען, דאָס דער פרוי באַראָנעסע געהט עס פיעל בעסער, דאָס זי האָט זיך שוין צו־בעט געלעגט, און וויל שלאָפען, און וויל היינט קיינעם ניט זעהען. פרוי גרעפין סילוויא בלייבט ביי איהר.

די דיענסטמיידעל האָט זיך געוועגדעט צו געהן. קאַיעטאַנע האָט איהר אָבער צוגערופען:

— זאָגט דער גרעפין סילוויא, דאָס איך וועל אין דער נאַכט־וואַך קומען איהר פאַרבייטען.

— זעהר גוט, גרעפין, איך האָב שוין זא־ווי־זא, אזוי ווי נעכטען און אייער־נעכטען געמאַכט פאַר אייך אַ בעט אין דעם נעבען־צימער.

— ווי גוט איהר זיינט צו מיין מוטער, קאַיעטאַנע —

— ווייל איך ליעב זי.

נאָך די ווערטער איז דאָס יונגע מיידעל געוואָרען רויט, ווי פייער. עס איז איהר איינגעפאַלען, דאָס געברויכענדיג דאָס וואָרט „זי", האָט מען עס געקאָנט זוויסטייטשען, אז דאָס מיינט זי איהם, און שנעל האָט זי צוגעגעבען: ווייל איך ליעב די באַראָנעסע טיללינג.

אַ כוואַליע פון צערטליכקייט האָט בעגאָסען און דערוואַרימט רודאָלף'ס האַרץ. ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט אַ דאַנקבאַרען בליק און געדריקט איהר שטום די האַנד.

באַלד איז זי אוועק, און די ביידע מענער זיינען געבליבען אַליין.

— אַ ליעבע בעשעפעניש — האָט געזאָגט גראַף קאַל־

נאָס נאַכדעם, ווי די טיר האָט זיך געשלאָסען הינטער איהר — איך וויים, וואָס פאַר א טרייסט זי ברענגט דאָ אין הויז. און זי ווייזט ארוים א שטאַרקען כאַראַקטער דערמיט, וואָס זי בלייבט דאָ. טעגליך קריגט זי בריעף פון איהרע עלטערן, וועלכע רופען איהר אהיים. די איהריגע זיינען גאַרניט איינ־פערשטאַנען דערמיט, וואָס זי איז דאָ, אָבער זי טהוט דאָס, וואָס זי וויל. קום, איך שלאָג פאָר, דאָס מיר זאָלען רויכערען אונזערע ציגאַרען אין דרויסען. עס איז דאָך אזא וואונדער־פאָלער אבענד.

די פענסטער־טירען פון דעם שפייז־זאַאל האָבען ארוים־געפיהרט אויף א טעררַאסע, פאַר וועלכער עס איז געלעגען די בלומען־אבטהיילונג פון פּאַרק. קאַלנאָס און רודאָלף זיינען ארוים און האָבען זיך ארונטערגעלאָזען אין צוויי וויעגשטולען. די לופט איז געווען ווארים; אויף דעם הימעל אָהן א לבנה האָט עס געשוויבעלט מיט פינקלענדע שטערען. א ריח פון פיאַלקעס און העליאָטראָפּס האָט זיך געטראָגען פון די בייטען. מען האָט געהערט דאָס זשומען פון דער נאַכט: די רוישענדע בוימער, דאָס טראָפּען פון די פאָנטאַנען, א וויי̆טער כאָר פון פויגלען און דאָס נאָהענטע קוויטשען פון די גרילען. מאַנכעסמאָל האָט מען געהערט דעם בילען פון א הונד און פון דעם שלאָס, וועמעס אַלע פענסטער זיינען געווען אָפען, האָט מען געהערט די פאַרשטיקטע טענער פון אויפגעטהאָ־נענער הויז־ארבייט: דאָס שליסען פון טירען, שטומע טריט.

דורך די פענסטער פון אויבערשטען עטאַזש, דאָרט, וואו מאַרטאַ'ס צימער זיינען געווען, האָט זיך געזעהען א שיין דורך די פאָרהאַנגען. קאַלנאָס האָט ארויפגעקוקט.

— עס איז נאָך ליכטיג ביי איהר — האָט ער געזאָגט. דאַן א ווײַלע שפּעטער — דאָ אויף דער טעראַסע זיינען מיר גע־זעסען, זי און איך, ערשט מיט עטליכע טעג צוריק, און איך האָב איהר דערצעהלט פון מיין לעצטער רייזע. עס איז אפשר געווען מיין לעצטע... איך בין שוין צו אַלט, אום ארומצו־טרייבען זיך אין דער פרעמד.

— וואו ביזטו דאָס מאָל געווען?

— אך, לאמיר וועגן דעם ניט רעדען. מיר ווילט זיך דערצעהלען דיר עטוואס אנדערעס, עטוואס, וואס ליעגט ווייט צוריק, און וואס מיר, ביין בעט פון דיין מוטער, וועלכע האט מיר אויסגעזעהען ווי א טוידטען־בעט, איז געקומען פאר'ן גייסט אזוי לעבעדיג, אזוי —

— וואס איז עס געווען? — האט רודאלף געפרעגט, זעהענדיג זיין אלטען פריינד אזוי אויפגערעגט, אז ער האט ניט געקאנט ענדיגען.

— די עררינערונג אן מיין לעצטע טיעפע ליידענשאפט. דו זאלסט עס וויסען, רודאלף. איך האב געליעבט מארטא טיללינג פון מיין גאנצען הארצען.

— דו?... מיין מוטער? — האט דער יונגער מאן אויס־גערופען שטארק אויפגעטרייסעלט — און זי?...

— זי?... אך, דו קענסט דאך איהר... זי איז געבליבען טריי צום טוידטען. איך וועל דיר נאך אמאל לאזען לייענען דעם בריעף, אין וועלכען זי האט צוריקגעוויזען דאס אנבאטען פון מיין האנד.

— ווען איז דאס געווען?... און איך האב וועגען דעם גאר קיין בעגריעף ניט געהאט.

— דאס איז געווען אין מיטען פון די זיבעציגער יאה־רען, ווען איהר שעהנקייט איז געווען אין רעכטער בליהונג. זי איז דאן אלט געווען פינף און דרייסיג. מיר האבען פאר א לענגערע צייט זיך קארעספאנדירט וועגען א זאמלונג פון געדיכטע, וואס איך האב פארעפענטליכט, און אין וועלכע זי האט געפונען איינינע פערזען געגען מלחמה. דאן האב איך זי בעזוכט. די ליעבע, די געטריישאפט צו דעם, וועמען זי האט פערלארען, האט מיך צוריקגעהאלטען פון צו געבען אויס־דרוק צו מיין ערוואכענדע ליידענשאפט. אבער מיר האבען זיך פערשטאנען זעהר גוט אין פיעל זאכען... שטונדענלאנג האבען מיר געקאנט רעדען בייזאמען וועגען גאט און דער וועלט. איך האב געפיהלט, ווי א ווארימע פריינדשאפט פאר מיר האט אריינגעצויגען אין איהר הארץ. און דאן אין א יאהר ארום האב איך עס געוואגט צו בעטען זי, אז זי זאל מיינע ווערען.

איך האָב עס ניט געזאָלט טהאָן, איך האָב בעדאַרפט פאַרשטעהן, אַז איך פערלאַנג עטוואָס אונמעגליכעס.

—יאַ, איך קען עס מיר אויך ניט פאָרשטעלען, דאָס מיין מוטער זאָל אַמאָל זיך קענען נעהמען אַ נאָכפאָלגער נאָך דעם, וועמען זי בעטרויערט נאָך איצט.

— פאַר מיר איז איהר זאָנפטער אָבער פעסטער „ניין" געוועזן אַ שטאַרקער קלאַפּ. דאַן האָב איך עס אונטערנומען מיין ערשטע גרויסע רייזע, וועלכע האָט מיך געהאַלטען ווייט פון אייראָפּאַ פאַר דריי לאַנגע יאָהר.

— און דו ביזט צוריקגעקומען אַ געהיילטער? יאַ, די צייט און דאָס ווייט-זיין זיינען די בעסטע מיטלען געגען ליעבעס-שמערץ.

— ניט אימער — האָט קאָלנאָס געענטפערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ — דו קענסט זעהען אַן דיין אייגענער מוטער. איך האָב געפונען ערלייכטערונג. מיין ליידענשאַפט האָט זיך פערוואַנדעלט אין פריינדשאַפט, און איצט — נו, איצט זיינען מיר ביידע אַלט, און די פריינדשאַפט איז פון ביידע זייטען אַן עכטע. איך קען דיר גאָר ניט זאָגען, ווי איך האָב זיך דערשראָקען, ווען איהר איז געוואָרען אַזוי שלעכט... איהר צו פאַרלירען, דאָס וואָלט געוועזן אַן אונגליק...

— לאָמיר דערפון ניט רעדען — האָט איהם רודאָלף אונטערבראָכען — איך האָף שטאַרק, אַז זי וועט ווידער געזונט ווערען.

די ביידע מענער זיינען נאָך אַ שטונדע לענגער געבליבען און גערעדט. רודאָלף האָט דערצעהלט וועגען זיינע נייע אונטערנעהמונגען און ערפאַהרונגען, און דאַן האָבען זיי גערעדט וועגען זיינע ווייטערע פּלענער.

עס איז געוועזן צעהן דער זייגער, און קאָלנאָס איז אוועק צו זיך אין צימער. רודאָלף איז פאַרבליבען נאָך אַ ווייל'ע, פאַרזונקען אין געדאַנקען. דאַן איז ער אַראָפּגעשטיגען די טרעפּ צום סאָד צו. ער האָט געוואָלט נאָך מאַכען אַ שפּאַציער אין די פּרעכטיגע אַלעען פון סאָד.

אין דערזעלבער צייט איז קאַיעטאַנע ראַנעג אַריין אין סאָד

פון דער אנדערער זייט. די שעהנע פרעכטיגע נאכט האט איהר ארויסגעצויגען אין דרויסען. אין איהר צימער איז זי געמוטשעט געווארען פון א גרויסער אונרוהיגקייט. דאס צו־זאמענטרעפען זיך מיט דעם אזוי שטארק געליעבטען מענשען האט איהר שטארק אויפגעטרייסעלט. ער איז איהר איצט נאך טהייערער געווארען, דערוויסענדיג זיך, וואס פאר א געטרייער זוהן ער איז, ווי שטארק ער האט ליעב זיין מוטער. מארגען, האט זי בעשלאסען, מוז זי אבפאהרען... זי מוז אנטלויפען פון איהם, אפילו ווען זי זאל דורך דעם ארויסווייזען וואס זי פיהלט צו איהם. פילייכט וויס ער שוין. געווים וויים ער, ווער עס האט צו איהם געשריעבען די אנאנימע בריעף, און דאך איז ער געבליבען אזוי קאלט. זי האט אלזא אויף גארניט צו האפען, און איהר שטאלצקייט האט איהר עס פאר־באטען נאך מעהר ציהען אויף איהר דעם פארדאכט, דאס ניט קוקענדיג אויף דאס אלעס, טראכט זי דאך איהם צו קרי־גען... אלזא, זי מוז אוועק פון גרומיץ...

דער בעשלוס האט איהר געבראכט א טיעפען שמערץ, אבער זי קען ניט אנדערש, זי איז עס שולדיג איהר עהרענגע־פיהל. דער ריח פון דער שעהנער זומער־נאכט האט איהר אויסגעזעהען, ווי דער אויסדרוק פון איהר שמערץ. גערואדע, ווי די מוזיק שיינט צו זאגען, נור אין א שטארקערער מאס, וואס עס ליעגט אין דער שטימע פון דעם בעוועגטען צוהערער, אזוי ריידען מאנכעסמאל די ריחות דאס, וואס עס פילט אן די זעעלע פון דעם אטהעמדען: געלוסטונג, צערטליכקייט, טרויער.

ביי א געוויסען פלאץ אין סאד האבען זיי ביידע, רודאלף און קאיעטאנע, זיך צוזאמענגעטראפען.

— א, קאיעטאנע, נאך אויף?

איהר הארץ האט געשלאגען שטארק.

— יא, — איך — איך — עס איז אזא שעהנע נאכט...

— יא, וואונדערפול!

ער האט גענומען איהר ארים אונטער זיינעם, אזוי ווי דאס וואלט געווען עטוואס זעלבספערשטענדליכעס, דאס זיי

זאלען ווייטער צוזאמען שפאציערען. א גליק-ציטערניש האט דורכגענומען דאס יונגע מיידעל, דאך האט אנגעהאלטען איהר וועהמוטה, ווייל זי האט דאך געוואוסט, אז זי ליעבט האפ-נונגסלאז.

רודאלף האט אנגעהויבען ריידען פון זיין מוטער. דאס איז דאך געווען די פראגע, וואס איהם האט איצט אם מייס-טען אינטערעסירט. וועט דער סטראשענדער אונגליק אויס-געמידען ווערען אדער ניט? און דער בעוואוסטזיין, אז דאס מיידעל ביי זיין זייט איז אזוי צוגעבונדען צו זיין מוטער, האט געמאכט פאר איהם דאס מיידעל ליעב און ווערטהפול, מעהר נאך ווי דאס, וואס ער האט געוואוסט, אז זי טראכט אזוי פיעל וועגען איהם. אבער אויך דאס איז איהם געווען אנגענעהם: געליעבט פון איהר צום ערשטען מאל, זייט ער האט דערקאנט קאיעטאנע. דער געדאנק האט איהם שטארק געריהרט. ער האט צוגעדריקט איהר ארים צו זיך און איז שטעהן געבליבען.

— ליעבע קאיעטאנע! — האט ער געזאגט מיט הערצליכ-קייט. איהם איז געווען אזוי אנגענעהם, אזוי ווארים ארום הארצען.

אבער ניין, אזעלכע האפנונגען טאר ער איהר ניט געבען. מיט געוואלט האט ער זיך ארויסגעריסען פון דער צערטליכער שטימונג, און געהענדיג ווייטער, האט ער געזאגט אין א געענ-דערטען טאן:

— מיר מוזען אריינגעהן צוריק אין הויז... איך וויל נאך איינמאל נאכפרעגען אויבען... און איהר, איהר פאר-בלייבט דא דערווייל?

זי האט ארויסגעלאזען זיין ארעם.

—יא, איך בלייב נאך... גוטע נאכט.

ער האט איהר געדריקט די האנד און איז שנעל אוועק. קאיעטאנע האט זיך אומגעדרעהט און האט ווייטער שפא-צירט אין די דונקעלע אלעען. דער ריח פון די בלומען האט צו איהר הארצען איצט נאך שטארקער געוועדט, ווי פריהער. דאס, וואס זי האט איצט דורכגעמאכט האט פארדאפעלט די

שטאַרקייט פון איהרע געפיהלען: דאָפּעלט פאַרליעבט, און אין גענענזאַץ צו דעם קורצען גליק, וואָס זיין פלוצלונגע וואַרימקייט האָט ארויסגערופען אין איהר, און דאַן זיין פלוצלונגע קאַלטקייט, וועלכע האָט איהר געמאַכט דאָפּעלט אונגליקליך.

מאַרטאַ האָט פאַרבראַכט אַ גוטע, רוהיגע נאַכט. אויף מאָרגען האָט זי זיך געפיהלט אַזוי געקרעפטיגט, דאָס זי האָט געוואָלט פאַרלאָזען די בעט און ארויסגעהן אביסעל. דאָס האָט אָבער דער דאָקטאָר נים דערלאָזען. זי האָט זיך ניט געטאָרט אַנשטרענגען.

ארום צוויי איז זי געזעסען מיט אַלעמען ביים מיטאָגמאָהלצייט. דער מאָהל־צייט איז געווען אַ סאָרט פייערען פון איהר געזונד־ווערען. קאַיעטאַנע האָט אָבער געפעהלט. זי איז אוועקגעפאָהרען נאָך ראַנעגסבורג צו איהרע עלטערען.

ווען רודאָלף האָט זיך דערוואוסט וועגען איהר אוועקפאָהרען, האָט ער זיך געפיהלט זעהר אונאַנגענעהם. דאָך די פרייד פון זיין מוטער'ס געזונד ווערען האָט פאַרדעקט אַלעס. עס איז איהם נעקומען אין געדאַנק די נעקסטע פאָר טעג צו בעזוכען ראַנעגסבערג. ער האָט נור געפרעגט:

— וואָרום איז זי אַזוי פלוצלונג אַבגעפאָהרען? איז עטוואָס געשעהען?

— אָה, איהר מוטער האָט שוין לאַנג געוואַרט, זי זאָל צוריק־קומען. זי האָט שוין געזאָלט פריהער אוועקפאָהרען, איז זי אָבער פאַרבליבען צוליעב מיין פלוצלונגען קראַנק ווערען... און אַזוי ווי איך בין איצט ווידער געזונד — האָט מאַרטאַ געזאָגט אין דער הויך, אָבער שטיל האָט זי צוגעלעגט: זי לויפט אוועק פון דיר.

נאָכמיטאָג האָט רודאָלף בעזוכט זיין מוטער אין איהר צימער. זי איז געווען אַליין.

— נו, ווי געהט'ס? — האָט רודאָלף אויסגערופען, ארייןקומענדיג, אין אַ מונטערען טאָן.

— אָך, נישטקשה... זעהר שעהן, וואָס דו ביזט געקומען. איך האָב מיט דיר פיעל צו רעדען.

— שטרענג דיך נור ניט אָן מיט'ן רעדען.

ער האָט צוגערוקט אַ שטוהל, און האָט זיך אַוועקגעזעצט צופוסען פון דער סאָפאַ, אויף וועלכער מאַרטאַ איז געלעגען.

— איך וואָלט געוואָלט רעדען פון דעם — האָט מאַרטאַ אָנגעפאַנגען — וואָס נאָך מיין טוידט.

— ניין, ניין, דאָס וויל איך ניט — האָט רודאָלף איהר אונטערבראָכען — דו ביזט ווידער געזונד, און דו דאַרפסט איצט ניט דענקען וועגען שטאַרבען, און איך וויל גאָר ניט הערען וועגען דעם.

מאַרטאַ האָט צוזאַמענגעלעגט די הענד.

— זיי דאָך געשייט — האָט זי געבעטען — דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ פייניגונג עס איז געוועזען פאַר מיר יענער מאָמענט, וועלכען איך האָב געהאַלטען, אַלס דעם סוף, דערפאַר, ווייל דו ביזט ניט געוועזען ביי מיין זייט. איך האָב ניט געקאָנט אַלעס זאָגען און פון דיר ניט הערען, וואָס מיר צוויי מוזען זיך זאָגען ביים אָבשייד. און כדי אַזאַ פיין און וועהטאָג זאָל ווידער ניט פאָרקומען, טו לאָז אונז בענוצען זיך מיט דער איצטיגער שטונדע, ווען דו ביזט מיט מיר, און ווען איך האָב כח צו רעדען. דו וועסט דאָך פון דאַנען ווידער אַוועקפאָהרען. און אויך פאַר דיר וועט עס זיין זעהר צופריעדענשטעלענד — אין פאַל, אַז מיט מיר זאָל עטוואָס געשעהען, דאָס מיר זיינען איינער פון דעם אַנדערען ניט אָב־געריסען געוואָרען, ניט האָבענדיג געזאָגט איינער דעם אַנדע־רען דאָס, וואָס עס איז געוועזען צו זאָגען. אַלזאָ, לאָמיר איצט רעדען, אַזוי ווי דאָס וואָלט געוועזען מיין לעצטע שטונדע. דאָס איז דאָך נור אַזאַ פאַנטאַזיע... דער שמערץ איז ניטאָ, אָבער די ערנסטקייט זאָל זיין... מיר זיינען דאָך צוויי פערנינפטיגע מענשען, רודאָלף, מיר ווייסען, אַז דער טוידט, ווען ער האָט איינמאָל אָנגעקלאָפּט, מוז באַלד ווידער אַמאָל קומען... שאָ־קעל ניט מיט'ן קאָפּ — אַזוי איז עס... און מיר ווייסען אויך, דאָס זיין קומען אָדער אויסענבלייבען ווערט ניט בעשטימט פון דעם, צו מען רעדט וועגען איהם, צו ניט. מיר ביידע האָבען שוין ערגערע טויטענפעלע געקוקט אין פנים, מיין אָרימער

זוהן, ווי עס וועט זיין מיין טוידט... עס איז אווענד. איך האב ניט מורא פאר דער נאכט.

— נו, טו רייד, מוטער, איך הער.

זי האט גענומען פון דעם דערביי־שטעהענדען טישעל א גלאז, אנגעפילט מיט לעמאנאדע, און האט א טיעפען שלונג געטהאן.

— איך בעט דיך — עס איז מיין לעצטע און שטארקסטע בקשה, לאז קיינמאל ניט אב פון דער ארבייט, וואס דו האסט אנגעהויבען. ווען דו וועסט האבען שטארקע און פיעלע ענטוישונגען, ווען דו וועסט אויך אויסגעפינען, אז דער אנגענומענער וועג איז ניט דער ריכטיגער, טא פרוביר אן אנדערען, נור דעם ציעל זאלסטו קיינמאל ניט פארליערען פון אויג. עס האנדעלט זיך דאך אום אזוינס, וואס איז אזוי גרויס, אזוי גרויס וואס מען קען עס זיך גארניט אויסדענקען! דאס איז דאך ניט קיין קלענערע זאך, ווי דאס גליק פון דער וועלט אויף דעם פלאץ פון איהר איצטיגען עלענד.

— איך פארשטעה דיך — האט ער געזאגט.

ביי די לעצטע ווערטער, וועלכע זי האט ארויסגערעדט מיט א שטימע, וואס האט געציטערט פון אינערליכער אויפרעגונג, האט זי זיך אביסעל אויפגעהויבען. איצט האט זי זיך ווידער אין גאנצען צוריקגעלעגט און האט גערעדט ווייטער אין א רוהיגען טאן:

— מען זאל דאך גלויבען, אז ווען איינער פארלאזט דיעזע וועלט מוז איהם גאנץ גלייכגילטיג זיין, ווי אזוי עס ענטוויקעלט זיך די צוקונפט פון די קומענדע דורות. דאס איז אבער ניט אזוי. ווענינגסטענס ביי מיר ניט. די געלוסטונג נאך בעסערע צייטען פאר אונזערע אייניקלעך — כאטש איך אליין האב קיינע — ברענט מיר דא אויפ'ן טויטענבעט — רודאלף האט געמאכט א בעוועגונג — עס איז דאך נור אזא פאנטאזיע, בעאונרוהיג זיך ניט, ברענט מיר פונקט אזוי היים, ווי אין דער צייט פון יוגענדליכער לעבענס־קראפט, ווען איך האב נאך געקאנט האפען אליין צו דערלעבען די צוקונפט. דאס מוז זיין אזא נאטור־טריק. דיעזע זארגט פאר דאס „יענזייט“ פון דעם

אייגענעם לעבען. און אויף דעם פאקט, דאס אזא טריעב איז דא, שטיצט זיך מיין גלויבען אין אונשטערבליכקייט.

— דאס טהוען אויך די גלויביגע, וועלכע האפען אויף א הימעל.

— יא, די האפען אבער אויף א הימעל פאר זייער אייגענעם „איך", אויסערהאלב פון דער ערד און אויסערהאלב פון די מענשען. פאר אזעלכע איז געוועהנליך אויך גאנץ גלייכגילטיג די צוקונפט פון דער מענשהייט, און זיי טהוען גארניט פאר דעם. איך אבער גלויב אין אן אלגעמיינעם — ניט אינדיווידועלען — אייביגען לעבען, א לעבען, אין וועלכען מיר זיינען אלע גלייך בעטהייליגט. אימער־צו האט די וועלט א בעוואוסטזיניגען, ליידענדען, העבער־שטרעבענדען „איך" — מאכט ניט אוים, אויב די איינצעלנע ערשיינונגען פון דעם זיינען דא אדער דארט געשטארבען, אדער זיינען נאך גארניט געבארען געווארען... אבער לאזען מיר דאס... כדי דו זאלסט מיך קענען פארשטעהן, וואלט איך געמוזט לאנג רעדען, און איך מוז דיר נאך פיעל אנדערעס זאגען.

— איך גלויב דאך, אז איך וויים, וואס דו מיינסט, צום ביישפיעל, א גרויסער פלאקערדיגער פלאם. די איינצעלנע פונקען ווערען פונאנדערגעשטויסען, אנדערע צינדען זיך אן, עס איז אבער דערזעלבער פייער און ברענט ווייטער.

מארטא האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט:

— און זאל ניט נור ווייטער ברענען, נור אימער ליכטיגער און אימער הייסער, כדי יעדער איינצעלנער פונק, וועלכער צינדט זיך אן אויף דאס ניי, זאל אלץ פרעהליכער פינקלען... און אזוי וועט דער קומענדער יאהרהונדערט זיין דער יאהרהונדערט אהן מלחמות, אהן עלענד, און די, וועלכע העלפען דערצו, ערפילען דעם געזעץ... די אליין זיינען אויף דעם ריכטיגען וועג — און מעגען זיך טויזענדע שטערונגען שטעלען געגען זיי, און מעגען זיי ווערען מיספערשטאנען און פארשפאטעט, און מעגען זיי פארניכטעט ווערען, זייער ארבייט וועט אבער דאס קומענדע ענדיגען. און וועלען זיי איבערלעבען דעם שטורם פון די געגענקרעפטע, קענען זיי נאך דערלעבען

צו זעהען זייער זיעג. דיר, רודאלף, קען עס זיין בעשערט.
דו ביזט דאך נאך אזוי יונג.

— איך זעה שוין היינט, מוטער, ווי די געביידע הייבט
אן צו וואקסען, צו וועלכער איך טראג צו און וועל צוטראגען,
אזוי לאנג, ווי איך וועל לעבען, די נויטיגע, כאטש זעהר קליי־
נינקע שטיינער. לאז מיר די ערנסטקייט פון דיעזער פאנטאזיע
אז דו האלסט ביין שטארבען, בענוצען, אום צו שווערען דיר,
דאס איך וועל קיינמאל ניט מיעד ווערען אין דעם אנגעפאנגע־
נעם קאמפף, דאס קיינע נסיונות און קיינע אונגליקען זאלען
מיך פון דעם קאמפף ניט אבבייסען. איך בין דיר מודה, דאס
מאנכעסמאל ווער איך פערצווייפעלט... און אין אזעלכע אוי־
גענבליקען וועל איך זיך דערמאנען אן די איצטיגע שטונדע,
אן די בענייטע שבועה צו האלטען געטריי אונזער פאהן.

ביי די ווערטער: „דאס דו ביזט א שטארבענדע", האט
זיך רודאלף אראבגעלאזען אויף די קניע און אנגענומען מאר־
טא'ס אראבהענגענדע האנד. צום שלום האט ער ארויפגע־
דריקט א קוש אויף איהר, און האט זיך ווידער געזעצט אויף
זיין פאריגען פלאץ.

— א דאנק דיר, מיין קינד. און נאך עטוואס: גלויב
ניט, דאס איך בין א ווייבליכער אברהם, וועלכער אפפערט איהר
זוהן פאר פרעמדען גליק. איך זעה אין געגענטהייל, אז עס
ווינקט צו דיר דער העכסטער גליק, די גרעסטע צופריעדענשטע־
לונג, ווען דו ווידמעסט זיך צום גייסט פון דער וואקסענדער
קולטור, ווען דו, מעג פאסירען וואס עס וויל זיך, בלייבסט א
קעמפפער פאר דאס גוטע. „די צוקונפט געהערט צו דאס גוטע",
דאס ווארט שטאמט פון טיללינג, אבער כדי דאס גוטע זאל
ווערען צום הערשער, זאל איינגעהמען די וועלט, מוז עס הא־
בען זיינע קראפטפולע העלדען, מעגסטו זיין אזעלכער! דערביי
אבער — איך האב שוין געזאגט — ווערסטו ניט אויפגעאפפערט.
די ארבייט פאר דאס גליק פון אנדערע שליסט ניט אוים דאס
אייגענע גליק.

— טיללינג איז געוועז גליקליך — האט רודאלף געזאגט
פארטראכט.

— יא, און איך אויך. ווייסטו, רודאָלף, דו זאָלסט — דאָך ניין, איך וויל ניט מיסברויכען די שטונדען, אום ארויפצוצווינגען עטוואָס אויף דיך, עטוואָס צו וואָס דיין אייגענע הארץ טרייבט דיך ניט... אָבער, ווען דו זאָלסט זיך אמאָל פיהלען איינזאַם.... אָבער, זאָג עס מיר אָפען, האָסטו וואו־עס־איז א ליעבע, וועלכע —

— ניין, איך בין פריי, און איך פארשטעה, וואָס דו ווילסט מיר זאָגען... קאַיעטאַנע... דאָס האָסטו דאָך געמיינט, ווען דו האָסט מיר געזאָגט ביין טיש, אז זי איז צוליעב מיר אוועקגעפאָהרען.

— אַזוי איז עס. זי פיהלט. אז דו ווייסט פון איהר ליעבע, און דערביי ווייסט זי, אז דו דענקסט ניט וועגען איהר — אַלזאָ מיידט זי דיך אויס, צוליעב שטאָלץ און מורא. זי ליעבט און בעוואונדערט דיך אזוי שטארק, דאָס זי וואָלט אין גאַנצען זיך אויפגעלייזט אין דיין ארבייט און שטרעבען... קיין זאַך איז איהר ניט פרעמד וועגען דיר, ניט נור קען זי אַלעס אויסווענינג, וואָס דו האָסט געשריעבען און גערעדט — זי האָט אַלע בעריכטע איבער דיינע פאָרטראַגען — נור זי איז אויך דורך מיין שולע דורכגעגאַנגען. איך האָב איהר אריינגעבראכט אין דעם קדשי־קדשים פון אונזערע אידעאַלען, און איך ווייס, אז אויף דער גאַנצער וועלט האָסטו ניט קיין מעהר פערשטענדיגע און מעהר בעגייסטערטע אנהענגערין, ווי זי. אָבער גענוג, אין דער שטונדע דאַרף איך ניט וועלען בעאיינפלוסען דיך אין דער הינזיכט פון דיינע הארצענס־געפיהלען. איך האָב נור נאָך איין בקשה צו דיר: נעהם זיך אָן פאַר אונזער סילוויא, זיי איהר שטיצע. זי וועט קומען צו זיך, אָבער איצט טאָר מען איהר ניט איבערלאָזען צו זיך אַליין, צו איהרע פינסטערע געדאַנקען. זעה העלף איהר.

— איך זאָג עס צו.

— אַזוי, און איצט — מארטא האָט זיך ווידער אויפגעהויבען — קעהר איך זיך ווידער צוריק צו די לעבעדיגע, צו די פיליכט, וועלכע וועלען נאָך לאַנג לעבען. די פאַנטאַזיע איז צו ענד. איך וויל געזונד ווערען.

רודאלף האט זי ארומגעכאפט מיט זיינע ארימס.

— דאס האף איך גאנץ בעשטימט, מוטער!

דעם נעכסטען טאג, ווען מוטער און זוהן זיינען געווען ווידער אליין, האבען זיי ווידער אנגעהויבען צו רעדען פון די־זעלבע זאכען, פון וואס זיי האבען גערעדט נעכטען, פארשטע־לענדיג זיך, אזוי ווי מארטא טיללינג וואלט געהאלטען ביים שטארבען. נור דאס מאל האבען זיי גערעדט אהן די נעכטיגע פייערליכקייט, אהן דעם פאטאס, נור אין א גאנץ פאמיליאר־נעם טאן.

— איך פיהל מיך היינט ווירקליך פיעל בעסער — האט מארטא געזאגט — מעגליך, אז איך וועל נאך ווערען גאר אין גאנצען געזונד.

— אבער זיכער!

— וייסטו, כאטש איך האב ניט מורא פאר'ן שטארבען, פונדעסטוועגען איז מיר דאס לעבען דאך אזוי ליעב. דאס לעבען, שוין ניט רעדענדיג פון מיינע פריידען, וייל דאס גלייכט זיך דאך אפט אוים מיט די ליידען, איז אז און פאר זיך אזוי אינטערעסאנט. וועניגסטענס פינף יאהר וואלט איך געוואלט נאך לעבען.

— ווארום גראד פינף?

— וייל דאן הויבט זיך אן א נייער יאהרהונדערט, און די מענשען וועלען דאן, אפשר —

— אך, אויף דאס האף איך ניט — האט רודאלף איהר אונטערבראכען, שאקלענדיג מיט'ן קאפ. — זאג מיר נור, מו־טער, אום צו רעדען פון נאהענטערע זאכען, דו האסט ניט געוואלט ביי מיר ארויסצווינגען א צוזאג איז —

ער האט זיך צוריקגעהאלטען.

— נו.

— אין בעצוג צו קאיעטאנע — זאג, וואלסטו עס גע־וואונשען?

— אה, ווי שטארק!

— ווארום?

— שוין צוליעב דעם אליין, אז דיין ארעלקייט זאל פארט־געזעצט ווערען.

— מיין אדעלקייט, מיין יחוס? פון דעם האלטסטו? נו, אבער ווי באלד איך האב זיך ענטזאגט פון מיין ירושה —

— פארשטעה מיך ניט שלעכט. ניט פון דעם גראפישען, דאצקישען יחוס רעד איך, נור פון דעם ראנג, אלס ערעלמענש. איך דאס ווארט שטאמט פון טיללינג, דערמאנסטו זיך? און אזוי ווי דו האסט איבערגענומען דעם ראנג פון טיללינג, וואל־סטו עס געקאנט איבערגעבען צו דיין זוהן, פארטצוזעצען דעם שטאם פון די, וועלכע האבען דעם מוטה צו קעמפפען פאר רעכט, ווייל דו וואלסט דאך דיינע קינדער ערצויגען אויף אזא אופן.

— שוין ווידער דענקסטו פון די ווייטע דורות? דער־ווייל דענק איך צו מאכען א ווירקונג אויף מיינע צייט־גענא־סען, וועלכע הערען מיך, לעזען מיך, און מעהר פון אלץ טראכט איך פון ערציהען זיך זעלבסט. איך פיהל, דאס איך האלט מיך אין איין ענטוויקלען, און דאס איך האב נאך זעהר פיעל צו לערנען און זיך אויסצובילדען. מען מוז זיך אימער צוהע־רען צו דער אייגענער אינערליכער שטימע, מען מוז טראכטען, ווי צו בעפרייען דעם אייגענעם אינערליכען וועזען פון אלער־ליי שטערונגען.

— מען טאר ניט זיין קיין קאמפראמיס־מענש, ווילסטו זאגען?

די אונטערהאלטונג איז אונטערבראכען געווארען דורך דאס אריינקומען פון קאלנאס און סילוויא.

קאלנאס האט איהר אריינגעבראכט די נור־וואס אנגעקו־מענע פאסט, און האט זיך צוגעזעצט צו מארטא, אום איהר פארלעזען פון די צייטונגען, ווי דאס איז ביי איהם געווארען א געוואוינהייט אין די לעצטע וואכען.

רודאלף האט זיך דערווייל בענוצט, אום אוועקצונעהמען זיין שוועסטער אין א צווייטען ווינקעל פון צימער.

— קום, סילוויא, לאמיר אביסעל פלוידערען. מיר האבען אייגענטליך נאך גארניט געהאט די געלעגענהייט דערצו. איך

וואלט געוואלט, אז דו זאלסט פאר מיר אויסרעדען אלעס, וואס דו האסט אויפ'ן הארצען.

אין דערזעלבער צייט האט מארטא דורכגעקוקט איהרע בריעף. צוויי פון זיי האט זי געגעבען צו קאלנאס.

— לייענט זיי מיר פאר. עס וועט אייך אויך אינטערעסירען.

ער האט געלייענט:

קראסנאיא פאליאנא.

אויף די געפאהר אייך צו לאנגווייליגען, ליעבע באראנעסע, און דאס, וואס איך וועל איבער'חזר'ען דאס, וואס איך האב אזוי אפט געזאגט אין מיינע שריפטען, און איך גלויב, אייך אויך, קען איך מיך ניט צוריקהאלטען פון צו זאגען עס נאך אמאל: וואס עלטער איך ווער, און וואס מעהר איך דענק נאך וועגען מלחמה, דאס מעהר בין איך איבערצייגט, אז די איינציגע לוייזונג פון דער פראגע ליעגט אין די בירגער גופא, אז זיי זאלען זיך ענטזאגען צו ווערען סאלדאטען. אזוי לאנג, ווי יעדער מענש, — פון 20-21 יאהר זאגט זיך אפ פון זיין רעליגיאן, קריסטליכער אדער אידישער, און אנשטאט זיך האלטען ביי דעם געבאט „לא תרצח", שווערט ער גאר צו טוידטען און נידערשיסען אלע, וועלכע זיין אפיצער בעפעהלט איהם — אויך די ברידער און די עלטערן — אזוי לאנג וועט דער קריעג אנהאלטען און וועט ווערען אלץ גרוייזאמער. כדי די מלחמה זאל אבגעשאפט ווערען, איז נויטיג בלויז די איינציגע זאך: די ווידעראויפריכטונג פון דער אמת'ער רעליגיאן, און דערמיט אויך פון דעם מענשליכען עהרען-געפיהל. מען מוז די מענשען ווייזען, אז זיי אליין זיינען עס, וועלכע ברענגען אויף זיך די ליידען פון מלחמה דערמיט, וואס זיי פאלגען מעהר די מענשען ווי גאט.

לעא טאלסטאי.

— וואס זאגט איהר דערצו? — האט געפרעגט מארטא — האלט איהר דעם מיטעל פון טאלסטאי פאר ווירקליך דעם איינציגען?

— איך גלויב איבערהויפט ניט אין איינציגע מיטלען —

האט קאלנאס געענטפערט. אזא טויזענד־פאך פארפלאנטערטע זאך, ווי אן אלטע אינסטיטוציאן, מוז פון טויזענד זייטען אנגעגריפען ווערען, אום זי זאל מוזען מאכען פלאץ פאר דאס נייע. און דאן, ווער קען צווינגען דעם איינצעלנעם — דעם אנדערען — צו געהן און ווערען א מארטירער? אויך די שקלאפעריי איז ניט אבגעשאפט געווארען דורך דעם, וואס די שקלאפען האבען זיך געשטעלט דאגעגען... דאן האט קאלנאס פארגעלייענט דעם צווייטען בריעף:

אלעשטאד, נארוועגיען.

איהר פרעגט מיך, ווי איך שטעל מיר פאר די צוקונפט פון דער זאך פון פריעדען? אימער אין דעם בילד פון זונען־אויפגאנג. פאר אונז, נארדלענדער קען דער זונען־אויפגאנג פיעל מעהר בעדייטען, ווי פאר די זידליכע, אזוי, דאס מאנכעס מאל ווערט ער ערווארט און בעגריסט, ווי א וואונדער. די פינסטערניס איז געוועזן אזוי דריקענדיג לאנג, די שטילקייט אזוי אונהיימליך, דער ערשטער בריק איבער די פעלזען־שפיצען אזוי בעטריגעריש... עס דויערט, און דויערט און וואקסט, אבער אלץ קיין זון ניט. און אפילו דאן, ווען דער הימעל שטראהלט אויף אזוי פול מיט האפנונג, אויך דאן איז ניטא קיין זון, און עס איז קאלט, אייגענטליך פיעל קעלטער, ווי פריהער, ווייל די פאנטאזיע איז געווארען אונגעדולדיג.

און אויף איינמאל, ווי א בליץ, קומט אן די לאנג־פערקינדעטע מאיעסטעט, די זון. אזוי שטארק, אזוי בעצווינגענד, דאס די אויגען קענען איהר ניט פארטראגען. מיר ווענדען דעם בליק צו דער לאנדשאפט, וועלכע איז שוין געוועזן בעגליקט, כאטש מיר האבען עס ניט בעמערקט — און די לופט, וועלכע איז שוין לאנג בעלויכטען, כאטש מיר האבען עס ניט געזעהען. אלעס, אלעס, ביז אראפ אין די טיעפענישען, און ביז ארויף אין די העכסטע פוסטקייטען, איז בעשיינט פון דער זון, קלאר, פולענדעט — אנגעפילט פון ווארימקייט, פון טענער פון דונער דורכגעדרונגען...

אזוי, מיין איך, פאסירט עס מיט אונז. אין אונזער היי־

סען שטערבען באמערקען מיר ניט ווי עס קומט פאר, ווי נאָ־הענט עס איז שוין די זון פון דעם וועלט־פריעדען. עס קומט עטוואס, וואס ברענגט איהם, ווי א וואונדער, אבער עס איז קיין וואונדער. מיר זעהען עס נור ניט אין אונזער אונגעדולד, ווי אלעם איז געווען פארבערייטעט פאר דעם.

איך, ליעבע פרוי באראנעסע, פיעלע גרוסען
ביערנסטערנע ביערנסאן.

אין דערזעלבער צייט האט זיך רודאלף אוועקגעזעצט מיט זיין שוועסטער אויף א קליינע סאפא. ער האט זי אנגעקוקט מיט פיעל מיטלייד און ליעבע. זי איז געווען אזוי בלאס, און די איידעלע געזיכטסציגע אזוי שמאל.

— נו, זאג, וועסטו ביי מיר ווידער ניט אויפבליהען? דו ביזט דאך קיין אכט־און־צוואנציג ניט. וואס קען דיר דאס לעבען נאך אנבאטען!

— גארנישט. — און נאך א קליינעם קורצען שטיל־שווייגען — האסטו געלייענט זיין דראמע „דער טוידטער שטערען“?

— יא, אבער דענק דאך ניט אימער אן דעם פארלארענעם. איך וויים, אז דיר האט געטראפען א שווערער אונגליק.

— אך, ווען מיין אונגליק וואלט נור געווען אזעלכער, אז איך זאל ניט האבען אויף וואס חרטה צו האבען.

— דו האסט חרטה?

— יא.

— מיין ארעמע שוועסטער. אלזא דאך?

— וואס דאך?

— דו ביזט געווען זיין געל —

זי האט איהם אונטערבראכען מיט א העפטיגער בעוועגונג.

— ניין, ניין. און דאס איז עס טאקי, אויף וואס איך האב חרטה, אויף דאס קיינמאל ניט געוואסענע, און קיינמאל ניט געשענקטע גליק. „מען זאל צום גליק ניט זאגען: שפעטער! — שפעטער קען איינער פון אונז זיין געשטארבען“ — דאס האט ער מיר געשריעבען אין זיין לעצטען בריעף, און אזוי איז עס אויך געקומען. שפעטער איז ער געווען טוידט.

רודאלף האט איהר געדריקט מיטפיהלענדיג די האנד.

— אך, אזוי מיינסטו עס?

אין א ווײלע שפעטער האט ער פארטגעזעצט:

— דו דארפסט ניט, דו טארסט ניט זיך אזוי איבערגעבען צו דיין גרויסען צער. נעהם זיך ניט אלס ביישפיעל די גרויסע טרייהייט פון אונזער מוטער צו איהר טוידטען. דו האסט קיין רעכט ניט דערצו. ווען מען איז געווען יאהרענלאנג פארבונדען מיט א געליעבטען ווזען, ווען מען איז געווען איינס מיט איהם, און מען האט צוזאמען געטהיילט גליק און אונגליק, די נשמות פעראייניגט מיט אלע געדאנקען און ווינשע, נור דאן איז ערלויבט דאס טרויערען אויף לעבען־לאנג. אבער דו און הוגא? גלויבסטו אז ווען ער וואלט פארלארען דיך, ועמען ער האט קיינמאל ניט געהאט, וואלט ניט באלד א נייע ליעבע אנגעפילט זיין דיכטער־הארץ?

— דו טהוסט מיר וועה, רודאלף.

— פערצייה. א רעטענדע האנד מוז אמאל גאנץ הארט אנכאפען דעם טרינקענדען.

— מיר פעהלט קאיעטאנע — די האט געהאט א גאנץ איידעלען שטייגער ארומצוגעהן ארום מיר מיט מיין פערוואונ־דעטער נשמה... דאס זי איז אזוי פלוצלונג אבגעפאהרען, דאס מאכט מיך בייז אויף דיך.

— ווארום אויף מיך? האב איך דען ארויסגעטריבען דיין פריינדין?

— א, דו ווייסט גאנץ גוט.

יא, ער האט געוואוסט, און אז די אנטלאפענע זאל איצט דא זיין האט איהם א זעהר שטארקער ווונש אנגעכאפט. אם ליעבסטען וואלט ער געוואלט זאגען צו סילוויא: „שרייב איהר, דאס זי זאל צוריק קומען“. אבער ער האט זיך צוריק־געהאלטען.

זעקס אין דרייסיגסטער קאפיטעל.

אין מיטען נאכט. מארטא איז געווען מעהרערע טעג אזוי געזונד און קרעפטיג, דאס זי אליין און אויך אלע ארום איהר האבען עס ניט געהאלטען פאר נויטיג, דאס אימיצער זאל זיין מיט איהר אין צימער בייגאכט, און דארום איז זי געווען אליין אין איהר שלאפצימער.

זי האט אבער ניט געקאנט שלאפען, און האט פאר זיך קיין רוה ניט געקאנט געפינען. א באזאנדערע קלעמענעש האט איהר פארשטיקט די האלז, און א מאדנע בענקשאפט האט בעהערשט איהר געמיט. זי האט געמאכט ליכטיג און האט זיך אויפגעזעצט אין בעט. זי האט עס ניט געקאנט אויסהאלטען צו בלייבען ווייטער ליגען.

זאל זי אנקלינגען צו דער מיידעל, וואס האט געשלאפען אין דעם צימער דערביי? ניין — צו וואס? — זי דארף דאך גארניט, נור לופט, אבער דאס האט זי דאך געקאנט זיך אליין פארשאפען, ווען זי וועט נור דאס פענסטער עפענען. וואלט זי צוליעב דעם גערופען דאס מיידעל, וואלטען אלע אין הויז באלד זיך איבערגעשראקען. עס וואלט געהייסען א נייער ערשטיקונגס-אנפאל און דאס גאנצע הויז וואלט צוזאמענגעלאפען.

זי האט זיך ארייגגעגליטשט אין איהרע פאנטאפעל און אין א ברייטען, ווייכען שלאפראק, וואס איז געלעגען אויף א שטוהל לעבען איהר בעט, און מיט שטילע טריט איז זי צוגעגאנגען צום פענסטער, וועלכען זי האט געעפענט.

א פרישע לופט, וואס האט געשמעקט נאך דעם זומער-רעגען, האט אריינגעשטראמט. מען האט געהערט דעם קלאפ פון די געדיכט-פאלענדע טראפען אויף די לאנקע און דאס ריינען פון וואסער פון א דאך-רינע. מארטא האט אין טיעפע ציגע געיינגעאטהעמט די קיהלע, פייכטע לופט, און די קלעמענעש אין דער ברוסט איז אוועק. איהר טרויעריגע שטימונג איז

אבער געבליבען. ניין, זי איז נאך זאגאר שטארקער געווארען. די דונקעלהייט, דאס קלאפען פון רעגען און זאגאר דער רעגען־גערוך האט געהאט עטוואס מעלאנכאלישעס... אך, ניין, די מעלאנכאלישע איז זי אליין געווען, ניט די פייכטע זומער־נאכט. און איצט האט זי אויך געוואוסט, ווארום איהרע אויגען פילען זיך אן מיט טרערען, וואס איז די אורזאכע פון איהר שווערען טרויעריגען געמיטה: דאס איז געווען דער געדאנק צו זיין געשטארבען, צו ווערען באגראבען.

זי האט ווידער צוגעמאכט דאס פענסטער, האט גענומען דאס ליכט, און איז דורך די אפענע טהיר אריין אין איהר שרייב־צימער, דארט, וואו עס זיינען געווען אלע איהרע געליעבטע זאכען, וואס זיינען איהר געבליבען פון דער פערשוואונדענער יוגענד. דארט זיינען געווען אין אלע ווינקעלעך טילינג'ס בילדער און דא האט זי געוואלט רעכט־גרינדליך טראכטען וועגען טוידט, דא האט זי געוואלט זיך זעגענען מיט אלע איהרע ערינערונגען און מיט זיך זעלבסט.

זי האט זיך א ווארף געטהאן אין דעם לעהנשטול, וואס איז געשטאנען פאר דעם שרייב־טיש, און האט אזוי אוועקגעשטעלט דאס ליכט, אז זיין שיין איז געפאלען אויף טילינגס גרויסעס געמאלענעס בילד, וועלכעס איז געשטאנען אין א ראהם אויפ'ן טיש. דער ליבער האט אויסגעזעהען אזוי ווי ער וואלט איהר אנגעקוקט.

„מיין פרידריך!“ לאנגזאם און היים זיינען גערונען די צוויי טרערען פון איהרע אויגען איבער איהרע באקען.

דאן אבער האט זי מעהר ניט געוויינט. ניט צו טרויערען האט זי זיך דא געזעצט. טראכטען האט זי געוואלט. נאך אמאל איבערטראכטען וועגען דעם, וואס זי האט גערעדט מיט איהר זוהן אין דער שטונדע, ווען זי האט זיך פארגעשטעלט, אז זי האלט ביים שטארבען. זי האט זיך געפרעגט, אויב זי האט איהם אלעס געזאגט, וואס זי האט געוואלט איהם זאגען. ניין, בשום אופן ניט אלעס. וויפיעל זי האט גערעדט און געשריעבען אין איהר לעבען איבער די גרויסע זאך, וואס איז איהר געלעגען אויפ'ן הארצען, אבער אימער איז געבליבען עפעס

ניט-דערזאגטעס. אימער גערעדע דאס, וואס זי האט אם שטארקסטען געפיהלט, און אם קלארסטען בעגריפען, איז געבליבען ניט ארויסגערעדט.

פריהער, ווען זי איז געלעגען אין דער פינסטער אויף איהר בעט, און א קראנקהאפטער צוזאמענציהען פון איהר הארץ האט איהר אויפגעוועקט פון שלאף, דאן איז מיט איין איינציגען געדאנקען האט אויפגעבליצט ביי איהר א פולע פארשטענדניס פאר דעם גאנצען עלענד פון דער גאנצער מענשהייט און אויך פאר די ערהאבענהייט פון דעם ציעל צו פארטרייבען אזא עלענד, און אויך, ווי איינפאך דאס איז צו דערגרייכען דעם ציעל, און זי איז געווען זיכער, דאס ענדליך האט זי געפונען די ריכטיגע פארמולע... אבער וועהרענד זי האט דאס געוואלט אנטאפען מיט איהרע געדאנקען-פינגער, איז דער גאנצער בעוואוסטזיין-צושטאנד אזוי ווי פארשוואונדען. איצט, זיצענדיג אזוי, האט זי פרובירט איהם, דעם בעוואוסטזיין, צוריקצורופען, אבער אומזיסט, אנדערע געדאנקען האבען זיך געשפארט אין איהר קאפ: סילוויא, קאיעטאנע, און מיט דער גאנצער געוואלט, אזוי שטארק, ווי אימער, ווען זי איז געווען אויפגערעגט, האט זיך א שפאר געטהאן א גאנצער מבול פון עררינערונגען אן איהר פערלארענעם — אלע בילדער פון גליק און שמערץ פון דער אזוי רייכער צייט פון זייער צוזאמענלעבען... וואלט זיך איצט זיסער און לייכטער געשטארבען, ווען ער וואלט נאך איצט דא געווען? ווען זי וואלט איצט אין דער לעצטער שטונדע געקאנט אנשפארען איהר קאפ אן זיין ברוסט, דער ברוסט, וועלכע איז שוין מעהר ווי צוואנציג יאהר צושאסען און פערניכטעט געווארען? איצט איז געקומען איהר רייהע צו ווערען צופוילט און פערניכטעט — צוריק אריין אין דאס „אלל", אין די אבגעשיידטע אטאמען. ביי דעם געדאנק „אלל" — עס איז דאך נור אן אנדערווארט פאר גאט, איז איהר איבערגעלאפען א קעלט. אזוי איז זי געבליבען פארזונקען. זי האט איצט קיינעם וועגען גארניט געבעטען, אבער דאס איז דאך געווען א תפלה.

דאן האט זי גענומען טיללינגס בילד אין האנד. דאס זיי

ביידע זיינען אמאל אזוי גליקליך געוועזן. דאס זיי האבען איינע די אנדערע אזוי געליעבט, דאס איז וועניגסטענס א ווירקליכ־קייט, וואס קען ניט פערניכטעט ווערען און מען קען אויך ניט פערשטעהען די אידעע, וועלכע ער האט איהר איבערגעלאזען צו היטען, און וועלכע זי גיט איצט איבער צו איהר זוהן.

ווידער האט זי זיך אנגעשטרענגט צו געפינען א ווארט־פארמולע, אין וועלכער יענע אידעע זאל זיך לאזען אריינ־קוועטשען, ווי די טהייערע טראפענס פון לעבענס־עלעקסיר אין א גאלדענע פלעשעלע.

דרויסען האט עס גערעגענט אלץ שטארקער. עס האט זיך איצט אויך אויפגעהויבען א שטארקער ווינד, וועלכער האט דעם רעגען־גוס געטריבען אויף די שויבען, און פייפענדיג זיך געווארפען אין קאמין. די קלאנגענדע טענער האבען ארויס־געריסען מארטא׳ן פון איהר טראכטען און האבען פארשטארקט איהר געפיהל פון שרעק און בענקשאפט... זאל זי דאך אי־מיצען רופען? איהרע קינדער וואלטען געווים באלד געקו־מען צו לויפען צו בערוהיגען איהר, צו טרייסטען איהר, איהרע ליעבע, אבער, אך, אזוי ווייניג גליקליכע קינדער... ניין, צו וואס צושטערען זייער שלאף, מאכען זיי אומזיסט אנגסט?

די גייסטיגע קלעמעניש איז באלד ווידער איבערגעגאנגען אין א פיזישע, א שטארקער וועהטאג אין הארצען איז געווארען אלץ גרעסער, ביז עס האט איהר אויסגעפעהלט לופט. זי האט ניט געקאנט אפאטהעמען, און א הויכעס קרעכצען האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט.

דאס מיידעל, וועלכעס האט ערוואכט צוליעב דאס פייפען פון ווינד און האט געזעהן אונטער דער טיר דעם שיין פון ליכט, האט איצט געהערט דאס קרעכצען און איז אריינגעלא־פען צוהעלפען איהר הערריז. זי האט זי געפונען קעמפפענדיג פאר לופט, און עס האט פאסירט דאס, וואס מארטא האט גע־וואלט אזוי שטארק פארהיטען, דאס גאנצע הויז האט ערוואכט און איז געווארען שטארק איבערגעשראקען.

דער אנפאל האט ניט לאנג אנגעהאלטען. באלד איז זי

געלעגן גאנץ רוהיג אטהעמענדיג און בעפרייט פון שמערץ אויף איהר בעט, ארום וועלכען איהרע קינדער זיינען גע־שטאנען.

דער געבראכטער גרויסער דאקטאר האט געבעטען, אז מען זאל גלייך שיקען נאך דעם ווינער פראפעסאר, און א רייטענ־דער שליח איז אוועקגעשיקט געווארען אויף די סטאנציע צו טעלעגראפירען צום פראפעסאר. פונקט אזוי האט סילוויא, לויט איהר געגעבענעם פארשפרעכען — געשיקט גלייך א טע־לעגראמע צו קאיעטאנע.

אין א שטונדע ארום איז מארטא איינגעשלאפען.

איז איינגעשלאפען, און האט זיך שוין קיינמאל מעהר ניט אויפגעכאפט. א הארץ־שלאג האט געמאכט א לייכטען סוף צו איהר לעבען.

* * *

מיט דעמזעלבען צוג, מיט וועלכען עס איז אנגעקומען דעם פאלגענדען נאכמיטאג דער ווינער פראפעסאר, איז אויך אנגעקומען קאיעטאנע ראנענג. שוין אויף דער סטאנציע האָ־בען ביידע זיך דערוואוסט, דאס זיי זיינען געקומען צו שפעט.

וויינענדיג איז דאס יונגע מיידעל אריין אין טוידטען־צימער און האט זיך א ווארף געטהאן אויף דעם געלעגער פון דער טוידטער, ביי וועמעס זייט רודאלף איז געשטאנען. סילוויא איז געזעסען אויף א געוויסער ווייטקייט, פארגראבען דעם פנים אין די הענד.

רודאלף איז צוגעגאנגען צו קאיעטאנע. א שטראם פון צערטליכקייט האט זיך אויסגעגאסען אויף זיין פערוואונדעטע הארץ. ער האט איהר ארומגענומען און האט געוויינט אויף איהר אקסעל.

— זי האט דיך זעהר ליעב געהאט, קאיעטאנע — האט ער געזאגט.

דאס ער האט זיך פערלאבט מיט איהר מיט דעם „דו“ און מיט דער אומארמונג, דאס האט ער געפיהלט. דאך האט

ער עס געפיהלט אלס אז ערלייכטערענדען טרייסט, ווי אן ער־שיינונג פון א האפען — —

דעם נעכסטען אווענד — ביי דער טוידטער האבען גע־וואכט סילוויא און קאלנאס — איז דאס חתן־כלה־פאר גע־גאנגען אין דיזעלבע אלעען הין און צוריק, ווי זיי האבען עס געטהאן אין יענער נאכט, פאר קאיעטאנע'ס אבפאהרען.

ווידער האבען די בלומען געשמעקט, אזוי שטארק, אבער דאס מאל האבען זיי דעם יונגען מיידעל געבראכט גאנץ אנדערע ריחות, ווי אין יענער נאכט. עס האט זיך אריינגעמישט אין דעם ריח — עטוואס, וואס איז אין דער ווירקליכקייט געווען בלויז א פאנטאזיע. — דער ריח פון וואקסענע ליכט, וואס הא־בען געברענט צוקאפענס און צופוסענס פון דער טוידטער, און אזוי האבען די בלומען איהר איצט דערצעהלט פון דעם אונגע־האפטען ליעבעס־גליק און פון דעם אומעדיגען טוידט...

אזוי ווי דאן האט ער גענומען איהר ארים אונטער זיינעם.

— מיר האבען ערפילט א ליבלינג־וואונש פון דער פער־לארענער — האט ער געזאגט.

זי האט זיך דערשראקען.

— ווי ? אפשר נאר צוליעב דעם ? נור, אום צו ערפי־לען איהר לעצטען וואונש ?

ער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ :

— ניין. זי האט מיר גארניט בעפוילען. זי האט נאר געוואוסט, וואס איז גוט פאר מיר. דאך איינס האט זי אויף מיר ארויפגעלעגט, און איך האב עס איהר געשווארען : צו בלייבען טריי מיין לעבענס־ארבייט. ביזטו ענטשלאסען, קינד, צו זיין מיר א פערטרויטע, א חבר'ין ?

— יא, דאס וויל איך.

— ווייסטו, אז דו מוזט אויפגעבען דיין גאנצע ביז־איצ־טיגע געזעלשאפט, דיין גאנצע געוואהנטע אומגעבונג, ניט קו־קען, ניט אכטען אויף דעם בייפאל פון די דייניגע, און ניט האבען מיט זיי קיין געמיינשאפטליכעס ?

— יא, דאס ווייס איך.

— דו וועסט מיר מוזען פאלגען אין אנדערע לענדער, און ווער ווייס, אפשר וועט עס גאר זיין ניט קיין פרייווויליגע רייזע — עס איז דאך אלץ מעגליך. פיליכט וועט מען מיך שלעכט פארשטעהן און מען וועט מיך פערפאלגען, און מען וועט מיך ארויסווייזען.

— אלעם וויל איך טהיילען מיט דיר: אויך די פערשי־קונג, אויך די געפענגנים, און זאגאר דעם טוידט.

ער איז געבליבען שטעהן.

— און אפשר דעם זיעג, געליעבטע! — האט ער געזאגט און איהר צוגעדריקט צו זיין הארץ.

ע נ ד ע.